STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01421

DOS HARTS

Edmondo De Amicis

Permanent preservation of this book was made possible
by Adele S. Dresner
in memory of
Fanny & Julius Cohen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עדמאָנדא דע אַמיטשיס

דאס הארץ

יידיש: שלמה שיינבערג

(באַאַרבעט פאַר דער שול, דורך ש. מענדלסאָן)

I

נייע מענטשן

פאַרלאַג ח. בזשאָזא

וואַרשע, 1927

Printed un Poland

הילע געצייכנט: י. טיקאטשינסקי

Edmundo de Amiczys

SERCE

Wydawnictwo CH. BRZOZA

Warszawa, Leszno 27.

Druk. „Record“ Warszawa, Dzika 18.

אָקטאָבער

דער ערשטער טאָג פֿון נייעם שול-יאָר.

מאָנטיק, דעם 17-טן.

היינט איז דער ערשטער טאָג פֿון נייעם שול-יאָר.
ווי אַ חלום זענען אַריבערגעפֿלויגן די דריי חדשים פעריען
אין דאָרף!

די מאַמע האָט מיך באַלד אין דער פֿרי געפֿירט צו באָרע
טיס סעקציע, מיך איינצושרייבן אין דער דריטער עלעמענטאַר-קלאַס.
איך בין גע אַנגען גאַנץ אומגערן און געטראַכט וועגן דאָרף, און
די גאַסן האָבן אַזש געריעט פֿון ייִנגלעך.ביידע בוכהאַנדלונגען
אויפֿן וועג זייגען פֿול געווען מיט פֿאָטערס און מוטערס, וואָס
האָבן געקויפֿט ראַנצעס, פּאַפּיר, העפֿטן, ביכער, און פֿאַר דער שו-
לע איז געווען אַזאַ געדראַנג, אַז אי דער שווייצער, אי דער פּאָ
ליציי־מאַן האָבן געמוזט היטן דעם אַריינגאַנג, מענטשן זאָלן זיך
נישט דערדריקן. פֿלוצלינג האָט מיך אין דער טיר עמעצער אַ ריר
געטאָן ביים אָרעם. דאָס איז געווען מיין אַלטער לערער פֿון דער
צווייטער העכערער אָפּטיילונג — דער שטענדיק פֿריילעכער,
לאַכנדיקער, מיט זיין רויטער אויפֿגעשטעלטער טשופּרינע.

— נו, העגריק, — האָט ער געזאָגט — צעשיידן מיר זיך,
הייסט עס, אויף שטענדיק!

כ'האָב גוט געוווסט, אַז מיר שיידן זיך טאַקע, און דערי-

בער זײַנען מיר די ווערטער געווען זייער אומאַנגענעם.

מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען מיט גרויס שווערקייט. דאַמען, הערן, פרויען פון פאָלק, אַרבעטער, דינער, מאָנאַכינס — אַלע פירן ייִנגלעך בײַ איין האַנט און אין דער צווייטער האַלטן זיי ביכלעך מיט צייכענישן, אָנפילנדיק די פּעדער־הײַזער, די שטיגן מיט אַזאַ גערויש, אַז עס זעט אויס, ווי מען וואָלט דאָ געגאַנגען אין טעאַטער אַרײַן. כ'האָב מיך דערפרייט, דערזעענדיק ווידער דעם פּאַרטער־זאַל מיט די זעקס טירן, וואָס פירן אין די זעקס קלאַסן אַרײַן, דעם פּאַרטער־זאַל, וועלכן כ'בין דורכגעלאָפן טעג־לעך כמעט דריי יאָר כסדר. דאָ איז אויך געווען אַן ענגשאַפט. טייל לערערינס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, אַנדערע אַרויסגעגאַנגען.

מײַן אַלטע לערערין פון דער העכערער אָפּטיילונג האָט זיך די ערשטע צו מיר אַ בייג געטון מיטן קאָפּ, שטייענדיק אין דער טיר פון איר קלאַס, און געזאָגט: — גייכטו, אַלזאָ, העכעריק דאָס יאָר אין דער הייך אַרויף איך וועל דיך שוין נישט זען דאָ אַדורכלויפן. — און האָט אומעטיק אַ קוק געטון אויף מיר.

דאָ האָב איך דערזען דעם דירעקטאָר. ער איז געווען אַרומ־גערינגלט פון אַלע זײַטן מיט אַ רעדל פאַרזאָרגטע פרויען, פאַר וועמענס זין עס האָט שוין פאַרפעלט אָרט; און זײַן באָרד האָט מיר אויסגעזען מער שפּאַקעוואַטע ווי אין פאַרגאַנגענעם יאָר. כ'האָב אויך געזען נישט ווייניק אַלטע קאָלעגן, וועלכע זײַנען אין פאַר־לויף פון די פעריען אונטערגעוואַקסן און עפּעס דיקער געוואָרן.

אונטן, וווּ עס זײַנען שוין פאָרגעקומען די עקזאַמענס, איז געווען אַ גאַנצע סטאַדע קליינע ייִנגעלעך, וואָס האָבן נישט גע־וואָלט אַרײַנגיין אין קלאַס, האָבן זיך געדריקט און געשטופּט, אַז מע האָט זיי געדאַרפט מיט געוואַלט איבער די שוועל אַריבער־שלעפּן, און אַפילו שוין אַזוי, זײַנען אויך טייל פון אונטער די בענק אפּע־אַנטלאָפן. אַנדערע ווידער, זעענדיק, אַז די עלטערן

זייערע גייען אַוועק, האָבן אָנגעהויבן הויך צו וויינען און צו שרייען, אַז די מוטערס האָבן זיך געמוזט אומקערן זיי צו באַרויִקן, אָדער מיטנעמען מיט זיך, און די לערערינס זענען צעמישט געווען.

מיין קליין ברודערל איז אַריינגעטרעטן אין קלאַס פון פריילין דעלקאַטי, און איך בין איבערגעגאַנגען אין דער הייך אַרויף, אין דער אָפּטיילונג פון לערער פערבאָני.

צען אַ זייגער זיינען מיר שוין אַלע געווען אין קלאַס, פיר־אונפערציק יונגעלעך, ווי אָפּגעטאָקט; אָבער צווישן זיי האָבן זיך קוים געפונען פיפצען אָדער זעכצען פון מיינע אַלטע קאָלעגן פון דער צווייטער, צווישן זיי — דעראָסי, דער, וועלכער איז אומעטום געווען דער ערשטער.

אַזוי קליין, אַזוי אומעטיק האָט מיר אויסגעזען די שולע, ווען איך האָב אַ טראַכט געטון וועגן די לאָנקעס, וועגן די פעלדער, וועגן די בערג, צווישן וועלכע כ'האָב פאַרברענגט דעם זומער, און וועגן לערער פון דער צווייטער קלאַס האָב איך מיר אויך געטראַכט אַז ער איז געווען שטענדיק אַזאַ גוטער, ער האָט אַזוי געלאַכט צוזאַמען מיט אונדז, ער איז געווען אַזאַ קליינער, אַז ער האָט אויסגעזען, ווי אונזערס אַ חבר, און כ'איז מיר זייער אַ שאָד געווען, וואָס כ'וועל שוין נישט זען מער זיין רויטע אויפגעשטעלטע טשופרינע.

אונזער איצטיקער לערער איז אַ הויכער. ער טראָגט נישט קיין באָרד, נאָר פאַר דעם האָט ער לאַנגע גרויע האָר און אַ גלייך קנייטשעלע איבערן שטערן. ער האָט אַ גראָב קול, און קוקט אַזוי שאַרף, ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט אַלע דורכקוקן. ער לאַכט אויך קיינמאָל נישט.

האָב איך מיר דאַמאָלס געזאָגט: דאָס איז דער ערשטער טאָג

פון נייעם שול-יאָר נאָך ניין חדשים. וויפל אַרבעט ! וויפל חודש-עקזאַמענעס ! וויפל מי !

עס האָט פונקט אַזוי געטראָפן, אַז באַם אַרויסגיין פון שולע האָב איך באַגעגנט די מאַמען, און האָב מיך אַ לאָז געטון קושן אירע הענט. זי האָט מיר געזאָגט: — מוט, הענריק ! מיר וועלן זיך באַזאַמען לערנען — און איך האָב מיך צוריקגעקערט פריילעך אַהיים. איך האָב אָבער שוין נישט מיין אַלטן לערער, וואָס האָט אַזוי ליב געשמייכלט, און די שולע זעט מיר שוין נישט אויס אַזוי שיין ווי פריער.

אונדזער לערער.

דינסטיק, דעם 17-טן.

כאָטש איך קען נישט זאָגן, ווייל אויך דער נייער לערער איז מיר געפעלן געוואָרן נאָך דעם היינטיקן פרימאָרגן. אין דער צייט פון אַריינגאַנג אין שולע אַריין, ווען ער איז שוין געזעסן אויף זיין אָרט, האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר דער טיר פון זיין קלאַס די אַלטע שילער זיינע פון פאַרגאַנגענעם יאָר, אים צו באַגריסן. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן, פאַרבייגייענדיק, און אים באַגרוסט:

— גוט מאָרגן, הער לערער ! גוט מאָרגן, הער פערבאָני !

טייל זיינען אַריינגעגאַנגען, אים דערלאַנגט די האַנט און איינגעבויגן די קעפּ. עס איז געווען צו דערקענענען, אַז זיי האָבן אים ליב און וואָלטן זיך געוואָלט צו אים אומקערן.

ער האָט געענטפערט:

— גוט מאָרגן — געדרוקט די הענט, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן צו אים, נאָר אויף קיינעם נישט געקוקט, און אַלע באַ-

גריסונגען אויפגענומען ווי גלייכגילטיק, מיטן גלייכן קנייטשעלע זייגעם איבערן שטערן, אַן אויסגעדרייטער צום פענסטער און קוקנדיק אויפן דאַך פון אַקעגנאיבערדיקן הויז. אָנשטאָט זיך צו פרייען מיט די דאָזיקע באַגריסונגען, האָט מען געקענט דערקע-נען, אַז ער לייד און עס איז אים אומעטיק.

ווען זיי זיינען שוין געהאַט פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער קלאַס און געקוקט אויף אונדז, אַזו רכנעמענ-דיק מיטן בליק איינעם נאָכן צווייטן, און ווי עפּעס אָפּוואַרטנדיק. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן דיקטירן, גייענדיק צווישן די בענק און דערזעענדיק אַ יונגל, וואָס האָט געהאַט דאָס פּנים אין גאַנצן רויט פון עפּעס אַן אויסשלאַק, האָט ער אויפגעהערט די טירן, גענומען זיין פּנים אין ביידע הענט אַריין און דערנאָך אַרויפגע-לייגט אים די האַנט אויפן שטערן, צו זען צי ער האָט אַ הייסן קאָפּ.

דערווייל האָט איינער פון די שילער אָנגעהויבן לאַכן אויף אַ באַנק הינטער אים, מאַכן מינעס און פאַרקרימען זיך. דער לע-רער האָט זיך פלוצלינג אויסגעדרייט, דאָס יונגל האָט זיך גלייך אַבזער ע עצט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גע־אַרט אויף אַ שטראָף. דער לערער, אָבער, האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ און געזאָגט: — טו דאָס ניט מער! מער קיין איינ-ציק וואָרט. באַלד דעם האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין טישעלע און פאַרענדיקט די טירן.

ווען ער האָט געענדיקט דיקטירן, האָט ער געקוקט אַ וויי-לע שטילשווייגנדיק און דערנאָך פאַמעלעך מיט זיין גראָבן, אָבער גוטן קול אַזוי געזאָגט:

— הערט, מיר האָבן צו פאַרברענגען אַ גאַנץ שול-יאָר בייזאַמען. לאָמיר זיך באַמיען צו פאַרברענגען עס פריידלעך. לערנט איין און זייט גוט. איך האָב נישט קיין פאַמיליע, מיין פאַמיליע

זענט איר. דאָס פאַרגאַנגענע יאָר האָב איך נאָך געהאַט אַ מאַמע. זי איז מיר געשטאָרבן. כ'בין געבליבן אַליין. נאָר איך האָב איצט אין אייך האָב איך אויף דער וועלט. איר זענט מיין לייד און מיין פרייד. איר וועט זיין מיינע קינדער. איך וויל אייער גוטס און איר ווילט, אַז מיר זאָל זיין מיט אייך גוט. עס וואָלט מיר ווי געטון, ווען כ'זאָל דאַרפן עמעצן פון אייך באַשטראָפן. באַווייזט, אַז איר פאַרמאָגט האַרץ. אונדזער שולע וועט מיר זיין אַ פאַמיליען-הויז און איר וועט זיין מיין שטאָלץ און מיין פרייד.

איך פאַרלאַנג נישט פון אייך קיין צוזאָג, קיין וואָרט. איך ווייס, אַז אין אייערע הערצער האָט איר עס מיר שוין געגעבן, און איך דאַנק אייך.

דאָ איז אַריינגעקומען דער שווייצער קליינגען אויף פּויזע. מיר זיינען אַפּערגעגאַנגען פון אונטער די בענק שטיל, ווי אין טעמפּל, און דאָס יונגל, וואָס האָט פריער געלאַכט, איז צוגעגאַנגען צום לערער און געזאָגט מיט אַ ציטערדיקן קול:

— הער לערער! לאָז מיר דער הער מוחל זיין.

דער לערער האָט אים אַ קוש געטון אין שטערן און געזאָגט:

— גיי בשלום, מיין זון.

. . . .

אַ צופאַל.

פרייטיק, דעם 21-טן.

דאָס יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אומגליקלעך. דאָס האָב איך איבערגעחזרט דעם טאַטן דעם לערערס ווערטער, גייענדיק היינט אין דער פרי אין שולע אַריין און דערזעענדיק אויף דער גאַס

אַן עולם מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט צו די טירן פון אונדזער קלאַס, — האָט דער טאַטע באַלד געזאָגט:

— אַ צופאַל עפּעס. דאָס יאָ הייבט זיך שלעכט אָן...

מיר האָבן זיך אַדורכגעפּאַקט מיט אָנשטרענגונג. דער גרויסער זאַל איז געווען פול מיט עלטערן און יונגלעך, וועלכע די לערער האָבן בשום אופן נישט געקענט איינהאַלטן אין די קלאַסן, און לעבנס אויגן זיינען געווען געווענדט צו דער קאַנצעלאַריע פון דירעקטאָר. עס האָבן זיך געהערט שטימען! — אָרים יונגל! אָרימער ראַבינער! — און איבער די קעפּ אין דער טיף פון זאַל, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, האָט זיך געזען די קאַסקע פון אַ גוואַרדיעמאַן און דער ליסע קאָפּ פון דירעקטאָר. נאָכדעם איז געקומען אַ הער אין אַ צילינדער, און מענטשן האָבן געזאָגט: — דער דאָקטאָר! דער דאָקטאָר!..

מיין טאַטע האָט געפרעגט איינעם פון די לערער:

— וואָס איז דאָ געשען?

— אַ ראָד איז אַריבער אַ יונגל איבער אַ פוס — האָט דער לערער געענטפערט.

— דער פוס איז אים צעבראָכן — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

דאָס יונגל איז אַ שילער פון דער צווייטער קלאַס. גייענדיק אין שולע אַריין און דערזעענדיק, ווי אַ קליינטשיק יונגעלע פון דער איינטריט־קלאַס האָט זיך אויסגעריסן דער מוטער פון דער האַנט און געפאַלן אויף דער גאַס נאָענט־נאָענט פון אַן אָנפאָרנדיקן אָמניבוס, האָט ער זיך אַ וואָרף־געטון צום דאָזיקן קליינטשיקן, אַ כאַפּ געטון אים פון דער ערד און אַוועקגעשטעלט אויף אַן אומגעפערלעכן אָרט. ער אַליין, אָבער, האָט שוין נישט באַוויזן צוריקצוכאַפּן דעם אויסגעצויגענעם פוס, און די רעדער פון אָמניבוס האָבן אים צעבראָכן. דאָס איז אַן אַרטילעריע קאַפּיטאַנס אַ זון.

בשעת מענטשן האָבן אַזוי גערעדט, איז אַריינגעפאַלן אין זאַל עפּעס אַ פרוי, ווי אַ משוגענע, צעשפּרייטנדיק דעם עולם פאַר זיך. דאָס איז געווען ראַבעטיס מוטער, נאָך וועלכער מען האָט געשיקט. דאָ איז צוגעלאָפן צו איר אַ צווייטע פרוי, און הויך כליפּענדיק, פאַרוואָרפן איר די הענט אַרום האַלדז, דאָס איז געווען די מוטער פון געראַטעוועטן יינגל. ביידע זענען אַריינגעפאַלן אין צימער פון דירעקטאָר, פון וואַנען עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריי:

— אָ מיין יולעק! אָ קינד מיינס!

דערווייל האָט זיך פאַר די טירן פון שולע פאַרהאַלטן אַ צוגעמאַכטע קאַטש, און אין אַ ווייל אַרום האָט זיך באַוויזן דער דירעקטאָר, טראָגנדיק אויף די הענט דאָס אָרימע יינגל. דער קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען איבערן אָרעם, דאָס פּני גאַנץ בלייך און די אויגן געשלאָסן. אין דער מינוט זיינען אַלע שטיל געבליבן. עס האָט זיך געהערט דאָס הויכע כליפּען פון דער מוטער. דער דירעקטאָר האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווילע, איז בלייך געוואָרן, און אויפגעהויבן אויף ביידע הענט דאָס יינגל, צו ווייזן אים דעם עולם. אָ, דעמאָלט האָבן די לערער, לערערינס, עלטערן, קינדער—אַלע איינײנעם אָנגעהויבן שעפּטשען מיט אַ גערירטער שטימע:

— טיכטיקער ראַבעטי! טיכטיק, אָרים יינגעלע! און האָבן אים געשיקט קושן פון די ליפּן, און די וואָס זיינען געווען נענטער, האָבן געקושט זיינע אומבאַוועגלעך־אַראָפּגעהאָנגענע הענט, ער אָבער, האָט געעפנט די אויגן און געזאָגט:

— מיין ראַניעץ?

— און די מוטער פון געראַטעוועטן יינגל האָט אים געוויזן דעם ראַניעץ און געזאָגט:

— איך טראָג אים דיר, טייערער מלאך, איך טראָג אים...

און זיי זיינען געגאַנגען. ראַבעטיס מוטער האָט געהאַט דאָס פּנים פאַרדעקט מיט ביידע הענט. זיי זיינען געגאַנגען. אַריינגעלייגט דאָס יינגל אין קאַטש אַריין. די קאַטש האָט זיך גערירט, און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין שולע שטילשווייגנדיק.

• • • • • • • • • • • • • • • • • •

מיינע קאָלעגעס

כ׳קען שוין אַ סך פון מיינע קאָלעגעס נענטער. איינער,
וועלכער געפעלט מיר אויך זייער, הייסט קאַרעטי. ער טראָגט אַ
ברוינע בלוזע און אַ היטעלע פון קאַצן-פעל. ער איז שטענדיק
פריילעך, איז אַ זון פון אַ האַלץ=הענדלער, וועלכער האָט זיך
געשלאָגן אין דער מלחמה פון 66=טן יאָר אונטער דער אָנפי=
רונג פון פירשט הומבערט, און זאָל עפּעס האָבן באַקומען אַזש
דריי מעדאַלן. איך האָב אויך ליב דעם קליינעם נעלי, דאָס אָרימע
גערבעלע, דעם שוואַכן און בלייכן אויפן פּנים. עס איז אויך
דאָ ביי אונז אַן עלעגאַנט, וועלכער קלויבט פון זיך תּמיד די
פעדערלעך. ער הייסט וואָטיני. אויף דער באַנק, ווידער, פאַר מיר
זיצט אַ יונגל, וועלכן מען רופט מוירערל, ווייל זיין טאַטע איז אַ
מוירער. אַ גאָמבע — קיילעכדיק ווי אַן עפּל, ס׳נעזל ווי אַ קניי=
לעכל. דאָס מוירערל האָט אַן אויסגעצייכנטן טאַלענט נאָכצומאַכן
דאָס פּיסקעלע פון אַ האָז — הייסן אים אַלע אַלץ איינאיינעם
נאָכמאַכן אַ האָזן=פּיסקעלע און האַלטן זיך ביי די זייטן פון גע=
לעכטער. ער טראָגט אַ קליין קאַפּעלושל, שוין זייער אַן אָפּגעריסנס,
וואָס ער קנאָדערט צוזאַמען און באַהאַלט עס אין קעשענע ווי אַ נאָז-טיכל.
באַלד לעבן מוירע־ל זיצט גאַראָפי, אַ דאַרער און לאַנגער
יונג, מיט אַ נאָז, ווי אַ שפּאַרבער=שנאָבל און זייער קליינע איי=
געלעך. ער האַנדלט שטענדיק, בייט זיך שטענדיק מיט פּענעס,
קעסטלעך שוועבעלעך, בילדלעך, און וואָס אַנבאַלאַנגט די לעק=
ציעס, שרייבט ער זיי זיך אויף די נעגל, ער זאָל זיי נאָכרע
לייענען, ווען מען וועט אים אַ־ויסרופן. ווייטער זיצט דאָס פּריצל
קאַראָל נאָביס. וואָס איז זייער שטאָלץ ביי זיך, צווישן צוויי
יונגלעך, וועלכע כ׳האָב אויסערגעוויינטלעך ליב. איינער איז
אַ קאָוואַלס אַ זון, אַן אָרימער, אַ קרענקלעכער. ער גייט אין
אַ וועסטל, וואָס פאַלט אים אַראָפּ ביז די קני. שטענדיק איז ער
פון עפּעס אָנגעשראָקן און לאַכט קיינמאָל נישט; און דער צוויי=

טער אַ געלער, מיט אַן אָפּגעדאַרטער האַנט, וועלכע ער טראָגט אויפגעהאָנגען אויף אַ באַנד. זיין פאָטער האָט אַרויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און די מוטער גייט אַרום מיט אַ קויש גריב־פּאַ־קויפן. אַ מערקווירדיקער טיפּ איז אויך מיין שכן פון דער לינקער זייט, סטאַרדי, אַ קורצער און דיקער, כמעט אָן אַ האַלדז. אַ מרוק וואָס וועט צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן און פאַרשטייט אויך זייער ווייניק, וואָס מען רעדט צו אים, אָבער ער קוקט אויפן לערער מיט אַזעלכע אַרויסגעזעצטע אויגן, רינצלענדיק דעם שטערן און צוזאַמענדריקנדיק די ציין. און זאָל מען אים עפּעס פרעגן, ווען דער לערער רעדט, וועט ער נאָכן ערשטן און צווייטן מאָל נישט ענטפערן, און נאָכן דריטן, וועט ער דיר דערלאַנגען אַזאַ דזשאָך אונטער דער זייט, אַז פונקען וועלן דיר פאַר די אויגן פליען. ווייטער זיצט אַ שוואַרצלעכער און אומעטיקער אויפן פּנים, אייגער, וואָס הייסט פּראַנטי. דער איז שוין איינמאָל אַרויסגעוואָרפן געווען פון אַ קלאַס.

עס זיינען אויך דאָ צוויי ברידער, אַלץ איינס אָנגעטון, און זיי זיינען ענלעך צו זיך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער. די דאָזיקע טראָגן קאַלאַבריער קאַפּעלושלעך מיט אַ פּאַווע־פּעדער אין דער זייט, פאַריקט איבערן אויער מיט גרויס פאַנטאַזיע. אָבער דער העכסטער פון אַלע, דער פעיקסטער, דער, וועלכער וועט געוויס דאָס יאָר זיין דער ערשטער שילער — איז דעראָסי. דער לערער האָט זיך שוין דערקענט אויף אים און רופט אים אַלע מאָל אַרויס צום ברעט.

און פונדעסטוועגן געפעלט מיר דאָך בעסער פּרעצאָשי דער קאָיאָלס זון, דער, וואָס גייט אָנגעטון אין לאַנגען וועסטל און איז אַ פאַרקרעבקטער. דער פאָטער מוז אים שלאָגן, ווייל דאָס יונגל איז זייער אָנגעשראָקן, און גיט ער עמעצן אַ ריר, אָדער פרעגט זיך עפּעס, גיט ער שטענדיק צו: „איך בעט זייער

איבער" און קוקט אזוי רחמנותדיק מיט זיינע אומעטיקע אויגן. אבער פונדעסטוועגן איז גארען אי דער גרעסטער, אי דער בעס־טער פון אלע.

. . . .

אן איידעלער טאט.

מיטוואך, דעם 26־טן.

היינט אין דער פרי האב איך געהאט די מעגלעכקייט צו דערקענען גאראנען נעענטער. ווען כ'בין געקומען אין שולע אריין — און כ'האב מיך א ביסל פארשפעטיקט, ווייל די לערערין פון דער ערשטער העכערער אפטיילונג האט מיך פארהאלטן, צו רעגן מיך, וועלכע שעה זי וועט געקענט קומען באזוכן אונדז, זי זאל מיך כרען אין דער היים — דער לערער איז נאך נישט געווען און דריי, צי פיר יונגלעך האבן זיך פריילעך געמאכט איבער דעם ארעמען גראשי, דעם געלן, דעם, וואס האט דאס די אפגעדארטע האנט און די מאמע זיינע פארקויפט גרינס. זיי האבן אים גע־דזשאבעט מיט די ווירעס, געווארפן אין פנים אריין שאלן פון קאשטאנעס, גערופן „געלענקטער" און „סטראשידלע פאר פייגל", נאכקרימענדיק אים, ווי ער טראגט די האנט אויף דער באנד. און דער ארימער קאליקע איז געשטאנען אין דער מיף, צוו שן די בענק, א בלייכער, און געשוויגן, קוקנדיק מיט געבעט דא איינעם, דא דעם צווייטן אין די אויגן אריין, מען זאל אים צו רו לאזן.

אזוי ווי אבער די יונגלעך האבן זיך פריילעך געמאכט איבער אים אלץ אכזריותדיקער, האט ער אינגאנצן אנגעהויבן צו ציטערן פאר כעס און רויט צו ווערן. דא איז פראנטי, דער אויס־

וורף, מיטן מיאוסן, בייזן פּנים, אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ באַנק, און מאַכנדיק זיך, ווי ער טראָגט צוויי קוישן אויף דער האַנט, האָט ער אָנגעהויבן באַכצושפּעטן גראָשיס כוטער, ווי זי פלעגט קומען צון אָפּוואַרטן דעם זון בײַ דער שולע, און אַצינד קומט זי שוין נישט, ווייל זי איז קראַנק. אַ גאַנצע חברה שילער האָבן אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער. דאַמאָלס האָט גראָשי אָנגעווירן דעם קאָפּ, אַ כאַפּ געטון אַ טינטאָרן און אַ וואָרף געטון מיטן גאַנצן כּוח גלייך פראַנטין אין קאָפּ אַריין. פראַנט האָט זיך אָבער אַוועקגעבויגן, און דאָס טינטאָרן האָט געטראָפן גלייך אין דער ברוסט דעם לערער, וואָס איז גראָד אין דער מינוט אַריינגעגאַנ-גען. אַלע זיינען זיך צעלאָפן אויף די ערטער און שטיל געבליבן פון שרעק, ווי די טרוסן. דער לערער איז בלייך געוואָרן, צוגע-גאַנגען צום טיש, און מיט אַ צאָרנדיקן קול געפרעגט:

— ווער האָט דאָס געטון?

קיינער האָט נישט געענטפערט — האָט דער לערער אַ גע-שריי געטון נאָך צאָרנדיקער:

— ווער?

דאַמאָלס האָט גאַראָי, גערירט פון רחמנות צו דעם אָרימען גראָשי, זיך אויפגעהויבן פון זיין באַנק און געזאָגט:

— דאָס האָב איך!

דער לערער האָט אַ בליק געטון אויף אים, איבערגעקוקט די אַנטשטויבטע שילער און פּלוצלינג מיט אַ באַרויקטן קול געזאָגט:

— ניין! דאָס האָסט נישט דו — און אין אַ ווײַלע אַרום

— כ'וועל נישט באַשטראָפן דעם שולדיקן. זאָל ער אויפשטיין.

גראָשי האָט זיך אויפגעשטעלט און וויינענדיק אַזוי געזאָגט:

— מען האָט מיך געשלאָגן, אויסגעלאַכט... כ'האָב אָנגע-ווירן דעם קאָפּ... געוואָרפן...

— זעץ דיך — האָט דער לערער געזאָגט. — זאָלן זיך אויפשטעלן די, וועלכע האָבן אים אין כעס אַרייַנגעבראַכט.

ס'האָבן זיך אויפגעטרייסלט פיר מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— איר האָט באַליידיקט — האָט דער לערער געזאָגט — אַ קאָלעגע, וועלכער האָט אייך נישט געטשעפּעט: איר געלאַכט פון אַן אומגליקלעכן, פאַרפאָלגט אַ קאַלעקע, וועלכער האָט זיך נישט געקענט פאַרטיידיקן. איר האָט אָפּגעטאָן איינס פון די מיאוסטע, שענדלעכסטע זאַכן, מיט וועלכן אַ מענטש קען זיך נאָר באַפלעקן. געמיינע!

זאָגנדיק דאָס, איז ער אַרייַנגעגאַנגען צווישן די בענק, אַרונטערגעלייגט די האַנט אונטער גאַראָנס גאָמבע, וועלכער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און אויפהייבנדיק אים דאָס פּנים, האָט ער אַרייַנגעקוקט אין זייַנע אויגן און געזאָגט:

— דו האָסט אַן איידעלע נשמה!

שווייַגנדיק אַ ווייַלע, האָט גאַראָן עפּעס אַ מדייטלעך אַ מורמל געטון דעם לערער אין אויער אַרייַן, און דער לערער האָט זיך אויסגעדרייט צו די פיר שולדיקע און פּלוצלינג געזאָגט:

— איך בין אייך מוחל!

. . . .

מייַן לערערין פון דער ערשטער העכערער.

דאָנערשטיק, דעם 27־טן.

מייַן לערערין האָט געהאַלטן דעם צוזאָג און געקומען צו אונדז הייַנט, גראָד אין דער מינוט, ווען כ'האָב געזאָלט אַרויסגיין מיט דער מאַמען:

שוין כמעט אַ יאָר איז פאַרשוווּנדן פון איר לעצטן באַ־זוך. מיר האָבן זיך אַלע זייער דערפרייט מיט איר. שטענדיק די זעלבע: אַן איידעלע, אַ קליינע, מיט אַ גרינעם וואָאַל אַרום דעם קאַפּעלוש, אָרעם געקליידט, שלעכט פּאַרקעמט, נישט האָבנדיק קיין צייט זיך אָפּצורוען, אַ ביסעלע נאָר בלייכער ווי אין פאַר־גאַנגענעם יאָר, מיט עטלעכע גראָע האָר מער, און הוסט כסדר.

באַלד האָט אויך די מאַמע מיינע געזאָגט:

— ווי האַלט עס דאָרט מיטן געזונט, טייערע! זי שוינען עס גאָרנישט, ווי איך זע.

— ע, וואָס מיר דאָרט געזונט! — האָט די לערערין געענטפערט, מיט דעם דאַזיקן שמייכעלע אירן, וואָס איז אַזוי האַלב אומעטיק, האַלב פריילעך.

— זי שטרענגען צו פיל אָן די שטימע ביי די לעקציעס — האָט די מאַמע צוגעגעבן. — זי פאַרפייניקן זיך מיט די דאָזיקע יונגלעך...

און באמת! די גאַנצע צייט פון לערנען הערט מען איר קול אין קלאַס; כ׳געדענק דאָס גוט פון די צייטן, ווען כ׳האָב מיך געלערנט ביי איר. זי רעדט אַלץ איינעם, רעדט הויך, צו דערהאַלטן די אויפמערקזאַמקייט פון די יונגלעך, און זי וועט זיך אויף איין מינוט נישט אַנידערזעצן. כ׳האָב נאָך פאַרויס גע־חזסט, אַז זי וועט קומען צו אונז, ווייל זי פאַרגעסט קיינמאָל נישט אירע שילער. יאָרן־לאַנג געדענקט זי זייערע נעמען, און קומען די חודש־עקזאַמענעס, לויפט זי זיך פרעגן צום דירעקטאָר־וואַסערע „באַלן״ די האָבן באַקומען. נישט איינמאָל וואָרט זי אויך ביים אַרויסגאַנג און הייסט זיך ווייזן די אויפגאַבן, צו זער־האַסערע פאַרשריטן זיי האָבן געמאַכט. אַ סך קומען נאָך צו איר

פון גימנאַזיום, כאָטש זיי טראָגן שוין לאַנגע הויזן און האָבן זייגערלעך.

היינט טאַקע איז זי צוריקגעקומען זייער מיד פון דער בילדער=אויזשטעלונג, וווּהין זי האָט געפירט אירע שילער; וואָרים שוין לאַנגע יאָרן פירט זי אַלע דאָנערשטיק די יונגלעך אין אַ וואָסער=ס'איז מוזעאום און דערקלערט זיי דאָרטן פאַרשיידענע זאַכן. אָרימענקע! זי איז נאָך מער דאַר געוואָרן. זי איז אָבער שטענדיק אַלץ איינס לעבעדיק און פאַלט באַלד אַריין אין באַגייסטערונג, ווען זי רעדט וועגן אירע שילער. זי האָט אומבאַדינגט געוואָלט זען דאָס בעט, אין וועלכן זי האָט מיך געזען מיט צוויי יאָר צוריק אַ שווער קראַנקן, און אַצינד שלאָפט אין דעם מיין יונגערער ברודער. זי האָט געקוקט דערויף אַ ווײַלע און נישט געקענט רעדן. מיר האָבן זי געוואָלט פאַרהאַלטן, זי האָט זיך אָבער געאײַלט צו באַזוכן אַ קליינעם שילער פון איר קלאַס. אַ זאָטל=מאַכערס אַ זון, אַ קראַנקן אויף פּאָקן; און זי האָט נאָך געהאַט אַ גאַנץ פּעקל אויפגאַבעס צו פאַררעכטן, אַן אַרבעט אויפן גאַנצן אָוונט, און מיט דער נאַכט=צו=גלייך נאָך איין לעקציע אַריטמעטיק בײַ עפּעס אַ סוחרטע.

— נו, וואָס זשע, העגריק! — האָט זי געזאָגט בײַם אַוועקגיין — האָסט נאָך ליב דײַן אַלטע לערערין, אַצינד, ווען דו מאַכסט שוין אַזעלכע שווערע אויפגאַבן און שרײַבסט אַזעל=כע לאַנגע שול=אַרבעטן?

זי האָט מיך אַרומגענומען, און שוין פון די שטיגן אַראָפּ=גייענדיק, האָט זי נאָך אַרויסגערופן:

— פאַרגעס מיך נישט, געדענק, העגריק!

אָ, טײַערע טײַערע, לערערין, קיינמאָל וועל איך דיך נישט פאַרגעסן! און ווען כ'וועל זײַן אַ גרויסער, וועל איך דיך אויך

נישט פאַרגעסן, און כ'וועל גיין זען, ווי דו לערנסט דאָרט אין דיין קלאַס דיינע קליינטשיקע. און וויפל מאָל כ'וועל נאָר פאַרבייגיין נאָנט פאַר עפּעס אַ שולע און דערהערן דאָס קול פון דער לערערין, וועט זיך מיר דאַכטן, אַז דאָס איז דיין קול, און כ'וועל טראַכטן וועגן די צוויי יאָר, וועלכע כ'האָב פאַרברענגט אין דיין שולע, ווו כ'האָב מיך אויסגעלערנט אַזוי פיל זאַכן, ווו כ'האָב דיך געזען אַזוי פיל מאָל אָן אָפּגעמאַטערטע און קראַנקע, און שטענדיק אַ טעטיקע, שטענדיק אַ פאַרגעבנדע; אַ פאַרצווייפלטע, ווען ס'האָט זיך רעמען פון אונדז אָנגענומען אַ פינגער; אַ ציטערדיקע, ווען דער אינספּעקטאָר האָט אונדז עפּעס געפרעגט; אַ גליקלעכע, ווען מיר האָבן געענטפערט, ווי עס דאַרף צו זיין, און שטענדיק אַ גוטע, שטענדיק אַ ליבנדע, ווי אַן אייגענע מאַמע.

די שולע.

פרייטיק, דעם 22-טן

„אזוי, טייערער הענריק. די לערע איז דיר שווער, אזוי ווי דיין מאמע האט דאס דיר געזאגט. איך האב דיך נאך נישט געזען גיין אין שולע אריין מיט א פריילעך פנים און פרייוויליקן גייסט, ווי איך וואלט מיר געווינטשן צו זען בא דיר. די שולע שרעקט דיך נאך. אבער גיב נאר א טראכט, ווי עלנט, ווי נישטיק עס וואלטן געווען דיינע טעג, ווען דו זאלסט נישט גיין אין שולע אריין. עס וואלט נישט אריבער קיין איין וואך און די וואלסט שוין מיט צוזאמענגעלייגטע הענט געבעטן מען זאל דיך צוריקשיקן אין שולע אריין, מיד פון לאנגווייליקייט און חרפה, אויסגעמאטערט פון שפילערייען און פון זיך אליין.

אלע, אלע לערנען זיך אצינד, מיין טייערער הענריק! גיב נאר א טראכט וועגן די ארבעטער, וועלכע גייען אין דער אוונט-שולע נאך א גאנצן טאג בלוטיקער ארבעט, וועגן די פרויען, וועגן די קינדער, וואס גייען אין דער זונטיק-שולע נאך א וואך שווערער, אפט איבער די כחות שווערער ארבעט, וועגן די סאלדאטן, וועלכע כאפן זיך צו די ביכער, צו די העפטן, ווי נאר זיי קערן זיך צוריק פון זייערע שווערע איבונגען. גיב א טראכט וועגן די קינדער, די בלינדע, די שטומע, וועלכע רייסן זיך צו דער לערע, נישט קוקנדיק אויף זייער קאליעקעוואטעקייט. גיב ענדלעך א טראכט וועגן די, אין די טורמעס איינגעשלאסענע, ווייל אויך זיי אפילו לערנען זיך לעזן און שרייבן.

ווען דו גייסט ארויס אין דער פרי פון דער היים, דער-

מאַן דיך, אַז אין דער זעלבער רגע און אין דער זעלבער שטאָט גייען מער ווי דרייסיק טויזנט יונגלעך, פּונקט ווי דו, זיך פֿאַרמאַכן אויף דריי שעה אין קלאַס. וואָס רעד איך!... דערמאָן דיך בעסער אָן די מיליאָנען קינדער, וואָס איילן אין דער זעלבער צייט וואָס דו אין שולע אַריין, אין אַלע עקן וועלט.

שטעל דיר פֿאָר, ווי די דאָזיקע גרויסע אַרמיי פֿון דער צוקונפֿט גייט, גייט איבער שטילע דערפֿלעך, איבער רוישיקע שטעט, אויף די ברעגן פֿון ימים און טייכן, ערגעץ-ווו אונטער דער ברענענדיקער זון, ערגעץ-ווו אונטער דעם כמאַרעדיקן הימעל, מיט שיפֿלעך, ווו עס פֿאַרפֿעלט טריקעניש, מיט פֿערד, ווו די פֿיס שטייען אָפּ, מיט שליטנס איבער שנייען און אייז, איבער טאָלן, איבער בערג, דורך וועלדער און קוואַלן, איבער בערגיקע שטייניקע וועגעלעך, דאָ איינציקווייז, דאָ קופּקעלעכווייז, דאָ ווידער אין אַ לאַנגע רייע, אַלע די ביכער אונטער די אָרעמס, אָנגעטאָן אויף טויזנטערליי אופֿנים, רעדנדיק אויף טויזנטער שפּראַכן און רעד-אַרטן, פֿון די ווייטסטע שולן אויף צפֿון, ערגעץ אין אייז פֿאַרלוירן, ביז די לעצטע שולן אין אַראַביע, באַשאָטנט מיט פּאַלמען — גייען מיליאָנען, מיליאָנען זיך לערנען די זעלבע זאַכן מיט טויזנט פֿאַרשיידענע מיטלען. שטעל דיר פֿאָר, מיין טייער קינד, דעם אומגעהייערן מאָרעווקנ-באַרג פֿון יונגלעך, פֿון טויזנט שטאַמען, טויזנט פֿעלקער, טויזנט לענדער; די אומענדלעכע באַוועגונג, פֿון וועלכע אויך דו ביסט איין טיילעכל, און גיב אַ טראַכט — ווען די באַוועגונג זאָל אויפֿהערן!

די מענטשהייט וואָלט אַריינגעפֿאַלן אין איר אַלטער ווילדקייט. וואָרים זי טאַ, די דאָזיקע באַוועגונג, איז דער פֿאָרטשריט, איז די האָפֿנונג, איז דער רום און די ליכטיקייט פֿון דער וועלט!

דעריבער-זשע — מוט! קליינער זעלנער פֿון דער מיליאָ-

בענדיקער אַרמיי! די ביכלעך זייגען דיין געווער, דיין קלאַס איז דיין רעגימענט, דיין מלחמה-פעלד איז די גאַנצע ערד, און דער זיג איז די ציוויליזאַציע פון דער מענטשהייט.

זיי-זשע גישט קיין פחדן אין דעם קאַמף, מיין טייערער העבריק!

דיין פאָטער.

. . . .

דאָס קוימענקערערל.

דעם 1-טן נאָוועמבער.

נעכטן פאַרנאַכט בין איך געגאַנגען אין דער פרויען-שולע אַריין, באַלד לעבן אונדזערער, אַוועקטראָגן דער לערערין סילווע די דערציילונג וועגן יונגל פון פאַדווע, וועלכע זי האָט געוואָלט איבערלעזן.

זעקס הונדערט מיידלעך לערנען זיך אין דער דאָזיקער שולע. זיי האָבן טאַקע גראָד אָנגעהויבן אַרויסגיין, ווען איך בין אָנגעקומען, פריילעכע, וואָרים עס זיינען געגאַנגען צוויי פרייע יום-טוב-טעג, און אָט וואָס איך האָב דאָרטן געזען. אַקעגנאיבער דעם אַריינגאַנג פון שולע, אויף דער צווייטער זייט גאַס, אָנגעשפאַרט אָן מויער, צודעקנדיק מיט די הענט די אויגן, איז געשטאַנען אַ קוימענקערערל, נאָך גאָר אַ קליינטשיקס און אַ שוואַרצס, מיט זיין זאַק, מיט זיין בעזעם, און האָט ביטער געוויינט. באַלד זיינען צו אים צוגעגאַנגען צוויי, צו דריי מיידלעך און אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט אַזוי? אָבער דאָס קוימענקערערל האָט נישט געענטפערט, נאָר נאָך העכער אָנגעהויבן צו קלאָגן.

— אָבער זאָג, זאָג, וואָס איז דיר און פאַרוואָס וויינסטו אַזוי? — האָבן אים די מיידלעך אויסגעפרעגט.

האָט ער אַוועקגענומען די האַנט פון דעם נאָך גאָר קינדערישן פנים און קלאָגנדיק געענטפערט, אַז ער האָט געריינבקט די קוימענס אין עטלעכע הייזער, פאַרדינט דרייסיק סאָלדעס און זיי אָנגעוווירן.

— זיי האָבן געמוזט אַרויספאַלן דורכן לאָך אין דער קע-

שענע — האָט ער צוגעגעבן, ווייזנדיק די צעריסענע קעשענע — און אַצינד וועל איך מיך נישט אױ טערשטעלן צוריקצוגיין אַהיים, חייל דער מייסטער וועט מיך הרגענען.

דאָ האָט ער ווידער אָנגעהויבן ביטער וויינען, זיך צו־דעקנדיק דאָס פּנים מיט דער האַנט.

די מיידלעך זיינען ערנסט געוואָרן און געקוקט אויף דעם אָרימען יונגל מיט פּאַרזאָרגטקייט. דערווייל זיינען אָנגעלאָפן נאָך אנדערע קליינע און גרויסע, שיינגעקליידטע און אָרימע, מיט די טעקעלעך אונטערן אָרעם, און איינע אַן עלטערע, מיט אַ בלויען פֿעדערל אין קאַפּעלושל האָט אַרויסבאַקומען פֿון קעשענע צוויי סאָלדעס און געזאָגט:

— איך האָב נאָר צוויי סאָלדעס . . . לאָמיר זיך צונויפלייגן פֿון זיינעטוועגן !

— איך האָב אויך צוויי סאָלדעס, — האָט אַן אַנדערע געזאָגט, אַ רויט־געקליידטע. — אפשר וועט זיך באַ אַלע צוזאמען געפינען באַ אַ דרייסיק.

און זיי האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צונויפרופן:

אמעלקע ! לודוויקע ! אַנוּלקע ! . . גיב נאָר אַ סאָלד ! ווער האָט אַ סאָלד ? . . גיט נאָר דאָ אַהער צו סאָלדעס ! . .

אַ פּאָר פֿון זיי האָבן געהאַט צו עטלעכע סאָלדעס אויף בלו־מען, אויף העפטן. די קלענערע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע גראָשנס. דאַמאָלס האָט „די מיטן בלויען פֿעדערל” צוזאַמענגענומען אַלץ און געציילט: „ . . . אַכט, ניין, פֿיפֿצען ! ” אָבער ס'איז מער נישט געווען. דאָ איז צוגעקומען די גרעסטע פֿון אַלע, מען האָט זי כמעט געקענט אָננעמען פֿאַר אַ לערערין, און געגעבן אַ האַלבע

לירע, און די מיידלעך האָבן זי אַנגעהויבן צו לויבן און איר דאַ קען.

ס'האָט אָבער נאָך געפעלט פינף סאָלדעס.

— ס'גיין אצינד, די פון דער פערדער... זיי האָבן! — האָט איינע געזאָגט.

זייַנען ענדלעך אָנגעקומען די פון דער פערדער, און ס'האָבן זיך אַ שיט געטון סאָלדעס. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צו שטופן צו דעם אָרעמען. ס'איז שיין געווען צו קוקן אויף דעם קליינעם קוימענקערערל אין דער מיט פון די דאָזיקע העלע קליידלעך, בליענדיקע סטענגעלעך, פעדערלעך... עס האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט צונויפגעזאַמלט דרייסיק סאָלדעס, אָבער די מיידעלעך האָבן נאָך אַלץ צוגעלייגט, און די קלענסטע, וועלכע מען האָט אין דער היים נאָך נישט געגעבן קיין געלט, האָבן זיך דורכגעשטופט צווישן די גרויסע און געגעבן אים בלומעלעך, ער זאָל כאָטש פון זיי אויך עפעס האבן.

און דאָ איז פלוצלינג אַרויסגעקומען די שול-דינערין און הויך אויסגערופן:

— די דירעקטאָרין גייט!

האָבן זיך די מיידלעך א ריס-געטון, ווי אַ טשאַטע פייגל, און דאַמאָלס האָט זיך דאָס קוימענקערערל באַוויזן אין מיטן גאַס איינער אַליין, אויסווישנדיק זיך די אויגן פון די טרערן, אַ שמייכלענדיקער, דריקנדיק אין ביידע הענט זיינע סאָלדעס, און באַם קאַפּעלושל, באַ זיין מענאַרקעלע און אין די קעשענעס האָט ער געהאַט אַזוי פיל בלומען, אַז זיי האָבן זיך אַזש געשיט און פול געמאַכט דאָס שטיקל ערד אַרום זיינע פיס.

. . . .

הזכרת נשמות.

דעם 2-טן נאָוועמבער.

דער היינטיקער טאָג איז געהייליקט דעם אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע. צי ווייסטו, העניריק, וועגן וועלכע פאַרשטאָרבענע איר יונגלעך דאַרפט דאָס היינט געדענקען?

וועגן די, מיין זון, וועלכע זיינען געשטאָרבן פאַר אייך, פאַר יונגלעך, פאַר קינדער. און געשטאָרבן זיינען זיי נישט ווייניק, און שטאַרבן כסדר. האָסטו ווען אַ טראַכט געטון וועגן די פאָטערס, וועלכע דערקירצן זיך דאָס לעבן דורך שווערער אַרבעט? וועגן די מוטערס, וועלכע גייען פאַר דער צייט אין גרוב אַריין, פאַרפייינקט פון שטענדיקן אָפּזאָגן זיך פון אַלעם, אבי אויפצוהאַלטן זייער זון? צי ווייסטו וויפל פאָטערס ס'האָבן זיך אַ מעסער אין האַרץ אַריינגעזעצט, נישט קענענדיק איבערטראָגן די גרויסע אָרעמקייט פון זייערע קינדער? וויפל פרויען ס'האָבן זיך דערטרונקען, געשטאָרבן אין פאַרצווייפלונג, משוגע געוואָרן, אָנווערנדיק אַ געליבט קינד?

וועגן די פאַרשטאָרבענע גיב אַ טראַכט היינט, העניריק. טראַכט וועגן די לערערינס, וועלכע זיינען אין זייער בליענדיקער יוגנט אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, באַקומענדיק שווינדזוכט אין די מויערן פון דער שולע פון דער שווערער אַרבעט, נישט האָבנדיק קיין האַרץ זיך צו צעשיידן מיט די קינדער, פאַר וועלכע זיי האָבן זייער לעבן מקריב געווען.

טראַכט וועגן די דאָקטוירים, וועלכע זיינען יונגערהייט געשטאָרבן, אָנשטעקנדיק זיך מיט די קראַנקהייטן פון די קינ-

דער, וועלכע זיי האָבן געהיילט. טראַכט וועגן די אַלע, וועלכע האָבן אין פאַרפלייצונגען, שרפות, אין הונגער-צייטן, אין מינוטן פון טויט-געפאַר, אַוועקגעגעבן קינדער, אַפילו פרעמדע, דאָס לעצ-טע שטיקל ברויט, דאָס לעצטע ברעט, דעם לעצטן רעטונגס-שטריק, און אַליין זיינען זיי געשטאָרבן גליקלעכע, וואָס ס'איז זיי געלונגען צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַן אומשולדיקן קינ-דעלע. אַזעלכע פאַרשטאָרבענע, העינריק, זיינען דאָ טויזנטער, טויזנטער. יעדעס בית-עולם האָט אַזעלכע הייליקע קברים, וואָס ווען זייער אַש זאָל קענען לעבעדיק ווערן און אָנהייבן רעדן, וואָלטן זיי זיכער אָנגערופן דעם נאָמען פון עפּעס אַ קינד, פאַר וועלכן זיי האָבן מקריב געווען דאָס גליק פון זייער יוגנט, די רו פון זייערע שפּעטערדיקע יאָרן, די געפילן, די געדאַנקען, דאָס לעבן. און אין די קברים ליגן יונגע מוטערס, מענטשן אין זייערע בלי־ענדיקסטע יאָרן, גראָ-געוואָרענע אַלטע, יונגעטשקע — העלדן און אומבאַקאַנטע מערטירער פון דער קינדער-וועלט, איי-דעלע און הויכע, אַזוי אַז די ערד גיט גאָרנישט אַרויס אַזוי פיל בלומען, וויפל מיר וואָלטן געדאַרפט אַלע יאָר אויף זייערע קברים לייגן.

אַזוי, אַזוי ווערט איר געליבט, קינדער!

טראַכט-זשע היינט וועגן די פאַרשטאָרבענע מיט אַ טיפער און דאַנקבאַרער געריכטקייט, און האָב ליב פון היינט אָן מער די אַלע וועלכע ליבן דיך און מיען זיך פאַר דיר. מיין טייערער זון, וואָס ביסט אַזוי גליקלעך, אַז אין טאָג פון הזכרת נשמות דאַרפסטו נישט באַוויינען קיינעם פון דיינע נאָענטע!

דיין טאַטע.

• • • • • • • • • • • • •

באָרעמבער

מיין פריינט גאַראַן.

פרייטיק, דעם 4-טן.

איך בין נאָר די צוויי טעג יום-טוב נישט געווען אין שולע, און שוין האָב איך מיך פאַרבענקט נאָך מיין טייערן גאַראַן! דאָס נענטער איך דערקען אים, אַלץ מער האָב איך אים ליב, און נישט נאָר איך, נאָר אַלע קאָלעגן, אַ חוץ די לאָבוזעס, וואָס ווילן רעגירן איבער אַנדערע, און ער לאָזט זיי נישט. אַזוי, אַז ווען וועלכער גרויסער פרווּוט נאָר די האַנט אויפהייבן אויף אַ קליינעם, צעשרייט זיך באַלד דער קליינער: — גאַראַן! גאַראַן! — און דער גרויסער ציט אָפּ.

גאַראַנס פאָטער איז אַ מאַשיניסט אויף דער באַן. ער אַליין נעבעך האָט אָנגעהויבן שפעט גיין אין שולע אַריין, וואָרים ער איז עטלעכע יאָר קראַנק געווען. ער איז דער העכסטער און שטאַרקסטער אין אונדזער גאַנצער קלאַס. אַ באַנק הייבט ער אויף ווי גאָרנישט, מיט איין האַנט. שטענדיק האָט ער באַ זיך אין קעשענע אַ לאַכמע ברויט, ער עסט אַלע מאָל, אָבער ער איז זייער אַ גוטער. וואָס מען זאָל אים נישט בעטן, אַ בליישטיפטל, אַ מעקער, פאַפיר, אַ מעסערל — אַלץ באָרגט ער באַלד, אָדער גיט אינגאַנצן אַוועק. אין שולע לאַכט ער נישט, רעדט נישט, נאָר זיצט אומבאַוועגלעך אויף זיין באַנק, וואָס איז פאַר אים אַ ביסל צו ענג, מיט איינגעבויגענע פלייצעס און אַן איינגעטוליעטן קאָפּ צווישן די אַקסלען; און ווען איך גיב אַ קוק אויף אים, שמייכלט ער צו מיר, פאַרמרוזשנדיק די אויגן, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: — נו, העבריק, וואָס-זשע, ווען מיר זיין פריינט? — לאַכן גלוסט זיך מיר, וואָרים צוליב זיין גרויסע

וווּקס, איז אַלץ אויף אים, אָדער צו קורץ, אָדער צו ענג: די מענאַרקע, די הויזן, די מײַנקעטן; דער קאַפּעלוש אויף דער שפּיץ טשופּרינע פֿון קאָפּ, גראָבע שטיוול, און דער קראַוואַט איז אַזוי פֿאַרצויגן, ווי אַ שטריקל. טײַערער גאָראָן! ס׳איז גענוג אויף אים איינמאָל אַ קוק צו טון, מען זאָל אים ליב קריגן!

אַלע קלײנע שטיפֿן זיך צו זײַן באַנק, זיי זאָלן זײַן וואָס נענטער פֿון אים. אין אַריטמעטיק איז ער שטאַרק. ער טראָגט זײַנע ביכער צוזאַמענגעצויגן מיט אַ רויטן פּאַסיקל. ער האָט אַ מעסער מיט אַ פּערלמוטערן הענטל, וואָס ער האָט געווונען פֿאַר־יאָרן אויפֿן מושט׳ר־פּלאַץ; ער האָט זיך איינמאָל מיט דעם דאָזיקן מעסער אײַנגעשניטן אַ פֿינגער אַזש ביז צום ביין, און ס׳האָט קיינער נישט געוווּסט דערפֿון אין שולע — אין אויך אין דער היים האָט ער אַפֿילו קיין פּיפּס נישט געטון, נישט אָנצוכּון קיין עגמת־נפֿש די עלטערן. ער לאָזט טײלמאָל פֿון זיך שפּאַס מאַכן, און ער וועט עס קיינעם נישט אָנגעמען פֿאַר אומגוט; אָבער, אַז ס׳וועט אים עמעצער זאָגן: „נישט אמת“ אויף דעם, וואָס ער זאָגט, אַז ס׳איז יאָ אמת, וועלן אים אַזש פֿונקען פֿון די אויגן שפּריצן, און די פֿויסטן וועלן זיך אים אַזוי צוזאַמענדריקן, אַז ער וועט שיער נישט די באַנק צעברעכן. שבת אין דער פֿרי האָט ער גע־געבן אַ סאָלד איינעם אַ קלײנעם פֿון דער ערשטער העכערער אָפּ־טײלונג, ווײַל ס׳האָט אים ווער דעם סאָלד גענאָמען צוגענומען, און דאָס קינד האָט געוויינט, אַז ער האָט זיך נישט פֿאַרוואָס צו קויפֿן קיין העפֿט.

שוין דרײַ טאָג אַרבעט ער כּסדר איבער אַ בריוו, וועלכער האַלט שוין אַכט זײַטן, און וועלכן ער האָט שוין באַצירט מיט אַ פּעדערל צום געבורטס־טאָג פֿון זײַן מוטער. די מוטער קומט אָפֿט נאָך אים, זי איז אויך אַזאַ גרויסע און דיקע, ווי ער, און

אויך זייער אַ ליבע. דער לערער וואַרפט אַלע מאָל אַ בליק אויף זיין אָנגעשטרענגטער אַרבעט, און פאַרבייגייענדיק פאַר זיין באַנק, קלאַפט ער אים איבער זיין פּלייצע, ווי אַ גוט, רויִק יונגל.

איך האָב אים זייער און זייער ליב און בין צופרידן, ווען כ׳גיב אַ דריק זיין גרויסע האַנט, וועלכע זעט אויס ווי די האַנט פון אַ דערוואַקסענעם מענטש כ׳וואָלט געשוווירן, אַז ער וואָלט איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון זיינס אַ קאָלעגע, אַז ער וואָלט זיך געלאָזט דערהרגענען פאַר אים; מען קען דאָס דייטלעך זען אין זיינע אויגן, און כאָטש ער מרוטשעט אַלע מאָל עפּעס מיט זיין גראָבן קול, איז צו דערקענען, אַז דאָס קול גייט פון אַן איידעלן האַרץ אַרויס.

• • • • • • • • • • • • • •

דער קוילנהענדלער און דער הער.

מאָנטיק, דעם 7-טן.

גאַראָן וואָלט זיכער קיינמאָל נישט געזאָגט דאָס, וואָס קאַראָל באָביס האָט געזאָגט אין דער פרי געזאָגט געטין. קאַרל באָביס בלאָזט זיך, וואָרים זיין פאָטער איז אַ גרויסער הער. דאָס איז אַ הויכער הער, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, זייער אַ וויכטיקער, וועלכער קומט כמעט יעדן טאָג אָפּפירן זיין זון.

באָביס האָט זיך נעכטן צעקריגט מיט בעטין, מיט איינעם פון די קלענסטע אין קלאַס, אַ קוילנהענדלערס אַ זונדל, און נישט ווייסנדיק שוין וואָס צו זאָגן, וואָרים ער איז נישט געווען גערעכט, האָט ער אַ געשריי געטון הויך!

— דיין טאַטע איז אַ שמאַטשאַזש!

בעטי איז רויט געוואָרן אזש איבער דער טשופּריגע אַריבער און האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר טרערן זיינען אים אָנגעלאָפן אין די אויגן, און אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער דאָס איבער־געחזרט זיין פאָטער.

און אָט האָט זיך דער קוילנהענדלער, אַ קליין מענטשל, איינ־גאַנצן אַ שוואַרצס, באַוויזן אויף דער נאָכמיטאָגדיקער לעקציע, פירנדיק דאָס יונגל בײַ דער האַנט, מיט אַן אָנקלאַגע צום לערער. ווען ער האָט אַזוי דערציילט די גאַנצע געשעעניש דעם לערער, און מיר אַלע האָבן אויסגעהערט שטילשווייגנדיק, האָט פּונקט קאַראָלס פאָטער, אַראָפּנעמענדיק דאָס פאַלטנדל פון זיין זון, ווי געוויינטלעך, אויף דער שוועל פון קלאַס, דערהערט זיין נאָמען, איז ער אַריינגעקומען און פאַרלאַנגט אַ דערקלערונג.

— אָט דער אַרבעטער — האָט דער לערער געזאָגט — איז געקומען זיך קלאָגן אויף דעם הערס זון, אויף קאַראָלן, אַז ער האָט געזאָגט זיין יונגל: „דיין טאַטע איז אַ שמאַטשאַזש".

האָט דער הער נאָביס פאַרקנייטשט דעם שטערן, רויט גע־וואָרן אויפן פּנים, און אויסדרייענדיק זיך צום זון, געפרעגט:

— האָסט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער? — אָבער דער זון, שטייענדיק אין מיט קלאַס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, קעגניבער דעם קליינעם בעטי, האָט גאָרנישט געענטפערט.

דאַמאָלס האָט דער פאָטער אים אָנגענומען בײַם אָרעם, אַ שטופּ געטון צום קליינעם אַזוי, אַז זיי האָבן זיך ביידע כמעט אָנגערירט, און געזאָגט!

— בעט אים שוין איבער!

דער קוילנהענדלער האָט דאָס געוואָלט נישט דערלאָזן, זאָגנדיק:

— מען דאַרף נישט, ניין!

אָבער דער הער נאָביס האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, און אויסגערופן נאָך אַמאָל!

— שוין בעט אים איבער! פאַרשטייסט?... זאָג מיר נאָך ווייטער... איך בעט דיך איבער פאַר מיינע באַליידיקנדיקע, גאַ־רישע, מיאוסע ווערטער, וואָס כ׳האָב אַרויסגעזאָגט קעגן דיין טאַטן, וועמעס האַנט מיין טאַטע האַלט זיך פאַר אַ כבוד צו דריקן.

האָט זיך דער אָרימער קוילנהענדלער אַ וואָרף געטון און ווידעראַמאָל געוואָלט שטערן, אָבער דער הער נאָביס האָט נישט אָפּגעטרעטן, ביז זיין זונדל האָט מיט אַ דינעם קולעכל, פאַמע־לעך, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון דער ערד, איבערגעחזרט די איבערבעטונג וואָרט באַ וואָרט. דאַמאָלס האָט דער הער נאָביס דערלאַנגט זיין האַנט דעם קוילנהענדלער, וועלכער האָט זי שטאַרק געדריקט, נאָכדעם האָט ער באַלד אַ שטופּ געטון זיין יונגל אין קאַראָלס אָרעמס אַריין.

— טיט מיר די טובה — האָט דער הער נאָביס דאַמאָלס געזאָגט צום לערער — און זעצט זיי ביידע אויף איין באַנק.

דער לערער האָט אַוועקגעזעצט בעטין לעבן קאַראָל נאָביס, און ווען זיי זיינען שוין געווען אויף זייערע ערטער, האָט זיך זיין פאָטער פאַרנייגט און אַרויסגעגאַנגען.

דער קוילנהענדלער איז נאָך אַ ווילע געשטאַנען, ווי אַ פאַרטויבטער, קוקנדיק אויף ביידע זיך שכנותדיקע יונגלעך, נאָכ־דעם איז ער צוגעגאַנגען צו דער באַנק און געקוקט אויף נאָביסן פריינטלעך און רחמנות׳יק, אַזוי, ווי ער וואָלט אים געהאַט עפּעס צו זאָגן. אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אויסגעצויגן די האַנט אים אַ גלעט צו טון, און אויך דאָס איז ער נישט דרייסט

געוועזן; האָט ער אים נאָר אַ ריר געטון איבערן שטערן מיט זיינע גראָבע פינגער, זיך אויסגעדרייט צו דער טיר, און אומקוקנדיק זיך נאָכאַמאָל, אַרויסגעגאַנגען שטיל.

— געדענקס דאָס, וואָס איר האָט דאָ געזען, יונגלעך — האָט דאַמאָלס דער לערער געזאָגט — וואָרים דאָס איז די שענסטע לעקציע פון היינטיקן יאָר!

• • • • • • • • • • • • •

מיין ברודערלס לערערין.

דאָנערשטיק, דעם 10־טן.

דעם קוילנהענדלערס זונדל האָט זיך מיט אַ צייט צוריק געלערנט בא פריילין דעלקאַטי, וועלכע איז היינט געקומען באַזוכן מיין קליין קראַנק ברודערל, און האָט אונדז דערציילט מיט אַ געלעכטער, ווי דעם דאָזיקן יונגלס מוטער האָט איר מיט צוויי יאָר צוריק געברענגט אַ פול פאַרטוך קוילן און אַ דאַנק פאַר דעם מעדאַל, וועלכן איר זון האָט באַקומען. די אָרימע פרוי האָט זיך איינגעשפּאַרט די דאָזיקע קוילן אומבאַדינג אָוועקצוגעבן, און האָט כמעט געוויינט, ווען ס'איז איר אויסגעקומען דאָס פולע פאַרטיך קוילן צוריקצוטראָגן.

און נאָך וועגן אַ צווייטער פרוי האָט אונדז פריילין דעלקאַטי דערציילט. די דאָזיקע האָט איר ווידער געברענגט אַ בוקעט בלומען, און אין בוקעט אַן איינגעבונדן טיכעלע מיט קופּער־געלט. מיר האָבן זיך זייער געוויילט, הערנדיק די דאָזיקע דערציילונג. און מיין ברודער האָט אַפילו איינגענומען די רפואה, וועלכע ער האָט פריער נעמען נישט געוואָלט

אוי דאַרף מען האָבן געדולד צו די דאָזיקע קליינע לייט! אַלעמען פעלט ציין, ווי אַלטע; איינער רעדט נישט אַרויס קיין „ר“, דער צווייטער רעדט נישט אַרויס קיין „ס“; איינער הוסט, דעם צווייטן גייט בלוט פון דער נאָז; דער האָט אַראָפּגעלאָזט אונטער דער באַנק דאָס שיפער-ברעטל; דער וויינט, ווייל ער האָט זיך אַ שטאָך געטון מיט דער פעדער; יענער בעטשעט, ווייל אָנשטאָט אַ העפט № 2, האָט ער זיך געקויפט אַ העפט № 1. הונדערט און זעכציק אַזעלכע גרויסע לייט אין קלאַס, וואָס קענען גאָרנישט, האָבן פוטערדיקע הענט, — און גיי לערן זיי שרייבן! — און מיט וואָס פאַר אַ מיני זאַכן זיי פּאַקן זיך דאָס אָן די קעשענעס, און ברענגען דאָס מיט אין קלאַס אַריין! קנעפּ, קאָרקעס פון פלעשער, שטיקלעך לאַקריץ, ציגל-רייבעכץ, אַ סך, אַ סך קלייניקייטן, וועלכע די לערערין מוז צונעמען, ווייל זיי שפּילן זיך דערמיט, און קענען דאָס אַלץ אַזוי באַהאַלטן, אַפילו אין די זאָקן אַריין.

און ווי נישט אויפמערקזאַם זיי זיינען — אַ שרעק! זאָל נאָר אַ באָנק אַריינפליִען דורכן פענסטער, זיינען זיי באַלד אַלע לעבן אים; און קומט דער פרילינג, טראָגן זיי אָן פאַרשיידן גרינוואַרג, כראַבאָנטשעס — פליט דאָס דערנאָך אַרום איבער דער קלאַס, קריכט איבער די טינטאָרנס און שמירט אויס די העפטן מיט טינט.

די לערערין מוז, ווי אַ מאַמע, זיי אָנטון, אויסטון, אַרומבונדן די צעשטאָכענע פינגער, אויסגלייכן די צעקנייטשטע היטעלעך, אַכטונג געבן זיי זאָלן זיך נישט פאַרטוישן די פּאַלטנדלעך, וואָרים דערנאָך פּישטשען זיי און מיאַוטשען ווי די קעץ.

אָרעמע לערערינס! און טייל מאַמעס קומען נאָך קלאָגן זיך!

— וואָס איז דאָס, וואָס מיין יונגל האָט פאַרלוירן די פעדער?

— וואָס איז דאָס, וואָס מיין יונגל האָט זיך נאָך גאָרנישט, גאָרנישט אויסגעלערנט.

— פאַרוואָס האָט דאָס מיין יונגל נישט געקריגן קיין אויס־צייכענונג, כאָטש ער קען אַזוי פיל.

— פאַרוואָס נעמט דאָס די לערערין נישט אַרויס דעם טשוואָק פון דער באַנק, אָן וועלכן מיין פּיאָטרוש האָט זיך די הייזלעך צעריסן?

טייל מאָל ווערט מיין ברודערס לערערין אין כעס אויף די דאָזיקע יונגלעך, און ווען זי קען זיך שוין נישט איינהאַלטן, בייסט זי זיך די פינגער, זי זאָל וועלכן נישט קיין קלאַפּ טון. און ווען זי ווערט אָן דאָס געדולד, טוט איר באַלד באַנק, און זי נעמט אויף דער שויס אַ קינד און צערטלט עס; אַז זי הייסט וועלכן יונג אַרויסגיין, ווייַנט זי נאָכדעם אַליין, און לויפט זיך קריגן מיט די עלטערן, וועלכע גיבן די קינדער קיין עסן נישט אַלס שטראָף.

פרייַלין דעלקאַטי איז אַ יונגע, אַ הויכע, זי גייט שיין אָנ־געטון, האָט שוואַרצע האָר, איז זייער אַ גיכע, טוט אַלץ פלינק, זעט אויס אַ ביסל אַ העפטיקע, אַפילו אַ בייזע, זי ווערט אָבער גערירט פון אַ ליאַדע קלייניקייט און האָט דאַמאָלס אַזאַ רירנדיק קול.

— ס'איז כאָטש גוט דאָס, וואָס די קליינע לייט האָבן אייך ליב! — האָט מיין מאַמע געזאָגט.

— אמת, זיי האָבן מיך ליב — האָט זי געענטפערט — אָבער זאָל זיך נאָר דאָס יאָר ענדיקן, וועט די גרעסטע טייל זיך

מיין קאָלעגע קאַרעטי.

דער טאַטע האָט מיר שוין מוחל געווען. פונדעסטוועגן בין איך נאָך אַלץ אַ ביסל טרויריק. שיקט מיך די מאַמע מיט אונדזער דינערס עלטערן זון, איך זאָל מיך אַ ביסל איבערגיין און אויפ־הייטערן.

פאַרבייגייענדיק היינט אין דער אַלעע פאַר אַ וואָגן, וועל־כער האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר עפּעס אַ געוועלב, האָב איך דער־הערט, אַז עס רופט מיך עמעצער ביים נאָמען. איך קוק מיך אום, און דאָס איז קאַרעטי, מיין שול־קאָלעגע, אין זיין בראַנער בלוזע און קאַפּעלושל פון קאַצן־פוטער, פאַרשוויצט און פריילעך, טראָגט ער אַ גרויסן בינט האָלץ אויף די פּלייצעס. דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אויפן וואָגן האָט אים דערלאַנגט אָרעמס האָלץ, און ער האָט זיי גענומען און אַריינגעטראָגן אין זיין טאַטנס גע־וועלב, וווּ ער האָט זיי איילנדיק צוזאַמענגעוואָרפן אויף איין קופּע.

— וואָס טוסטו, קאַרעטי? — פרעג איך אים.

— דו זעסט דען נישט? — האָט ער געענטפערט, אויסצי־ענדיק די הענט נאָך אַ נייעם אָרעם האָלץ — איך זאָג מיר איבער די לעקציע!

איך האָב מיך צעלאַכט. ער האָט דאָס אָבער געמיינט גאַנץ ערנסט, און נעמענדיק אַן אָרעם האָלץ, האָט ער אָנגעהויבן רע־ציטירן שנעל פון אויסנווייניק:

— די בייגונגען פון ווערט הייסן די ענדערונגען, וועלכע דאָס וואָרט איז אונטערגעוואָרפן, לויט דער צאָל און פערזאָן...

— האָט ער אָוועקגעוואָרפן דאָס האָלץ אויף דער קופּע — און לויט דער צייט, אויף וועלכע די טעטיקייט באַציט זיך...

דאָ האָט ער זיך אומגעקערט צום וואָגן נאָך אַ נייעם בינט און פאַרענדיקט: — .. אויך לויט דעם אופן, מיט וועלכן די טעטיקייט ווערט אויסגעפירט.

— כ'האָב עס דערקענט! דאָס איז געווען די לעקציע גראַמאַטיק, וואָס איז פאַרגעבן געווען אויף מאָרגן.

— נו, וואָס איז? — האָט קאַרעטי זיך אָנגערופן. — איך גרין אויס די צייט ווי איך קען. מיין טאַטע איז געגאַנגען איינקויפן מיט אונזער מענטש, די מאַמע איז קראַנק וועל איך אַליין אראָפּטראָגן דאָס האָלץ, און דערווייל חזר איך מיר איבער די גראַמאַטיק. אַ שווערע לעקציע איז היינט אויסגעקומען... איך קען זי מיר עפּעס נישט אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין! — דאָ האָט ער זיך געווענדט צום פאָרמאַן: — דער טאַטע האָט געזאָגט אַז זיבן אַ זייגער וועט ער דאָ זיין און דאַמאָלס איך באַצאָלן

דער וואָגן איז אַוועקגעפאָרן.

— קום אַריין אויף אַ רגע אין אונדזער געוועלב! — האָט קאַרעטי צו מיר געזאָגט.

כ'בין אַריינגעגאַנגען. דאָס איז געווען אַ גרויסע שטוב פול מיט בינטלעך האָלץ און שטיקלעך טרוקענע צווייגלעך; אין דער רעכטער זייט פון אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ וואָג.

— אַ שווערער טאָג היינט געווען — האָט קאַרעטי לעבעדיק אָנגעהויבן — איך זאָג דיר, איך האָב געמוזט מאַכן די לעקציע שטיקלעכווייז, פּיצעלעכווייז... איך האָב קוים אָנגעהויבן רייבן די אויפגאַבע, זענען שוין געקומען מענטשן קויפן. איך האָב מיך קוים ווידער גענומען צו דער אַרבעט — גאַדיר: פאַרטאָג דער מיטן יואַן. איך בין היינט אין דער פרי שוין געווען

צוויי מאָל אויפֿן פּלאַץ ווענעציע. דאָרט וווּ דער האָלץ=מאַרק איז. כ'פֿיל די פֿיס נישט, זאָג איך דיר, און די הענט, ווי זיי וואָלטן מיר געשוואָלן געוואָרן... — אַזוי רעדנדיק, האָט ער דערווייל פֿאַרקערט מיט אַ גרויסן בעזעמטשיק די פֿאַרטרוקנטע בלעטער און שפּענער, וועלכע האָבן פֿאַרדעקט די שטיינערנע פּאָדלאָגע פֿון דער שטוב.

— און וווּ מאַכסטו לעקציעס? — האָב איך נייגעריק געפֿרעגט.

— אוודאי נישט דאָ — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ געלעכטער. — קום זע!

און ער האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ קליין שטיבעלע הינטערן געוועלב. וואָס איז איינצייטיק די קיך און דאָס שלאָף=צימער; דאָרט איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אַ טיש און אויף אים ביכלעך, העפֿטן און די דערמאָנטע אָנגעהויבענע אויפֿגאַבע.

— זע! טאַקע דעם צווייטן ענטפֿער האָב איך העכגען גע=לאָזט, ווי אין דער לופֿט... — און ער האָט אָנגעהויבן ליי=נען: — פֿון לעדער מאַכט מען שיך, רעמעטן; אַצינד וועל איך נאָך צוגעבן.... רייזע=פּאַסקעס, וואַליזקעס... — דאָ האָט ער געכאַפּט די פֿעדער און אָנגעהויבן שרייבן מיט זיין שיינער, קאַליגראַפֿישער האַנטשריפֿט.

אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ רופֿנ=דיק קול פֿון געוועלב:

— ס'איז דאָרט דאָ ווער? וואָס איז, ס'איז קיינער נישטאָ?

— כ'בין דאָ! כ'גיי! — האָט קאָרעטי אַ געשריי געטאָן. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין דער ערשטער שטוב, אָפּגעווויגן האָלץ, גענומען דערפֿאַר געלט, צוגעלאָפֿן צום בוך, פֿאַרשריבן דעם קויף און זיך צוריקגעקערט, זאָגנדיק:

— מיר ״עלן זען, צי עס וועט מיר געלונגען צו פאַרענ־
דיקן די אויפגאַבע, — און ער האָט ווייטער געשריבן — ...
דרייזע־זעק, ראַנצעס פאַר זעלנער... פּלוצלינג האָט ער אַ געשריי
געטון: — די קאַווע קאָכט!.. — און אַ לויף געטון צום איי־
זערנעם אַרויסנעמען דאָס טשייניקל פון פייער.

— די קאַווע איז פאַר דער מאַמען — האָט ער געזאָגט —
מוז איך מיך באַמיען, אַז זי זאָל גוט זיין. וואַרט אַ ווײַלע וועלן
מיר זי איר אַרײַנטראָגן. די מאַמע וועט זיך זייער דערפרייען, אַז
זי וועט דיך דערזען, זי ליגט שוין אַ גאַנצע וואָך אין בעט...
אַי, צו אַלדע גוטע יאָר! שטענדיק ברי איך מיר די פינגער
אָפּ מיטן דאָזיקן טשייניקל! — וואָס זאָל איך דאָ נאָך צוגעבן
צו די ראַנצעס פאַר די זעלנער? כ׳וואָלט געוואָלט נאָך עפּעס,
נאָר איך ווייס שוין נישט. לאָמיר גיין צו דער מאַמען!

ער האָט געעפנט די טיר און מיר זענען אַרײַנגעגאַנגען
אין אַ צווייטן קליינעם שטיבעלע, דאָרט איז אין אַ גרויס בעט
געלעגן קאָרעטיס מוטער, אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ ווייס
פאַטשיילעכל.

— כ׳האָב געבראַכט קאַווע, מאַמע! — האָט קאָרעטי גע־
זאָגט, דערלאַנגענדיק איר דאָס טעפּעלע. — און דאָס איז מיין
שול־קאָלעגע?...

— אָך, אַ גוט יונגעלע — האָט די פרוי געזאָגט — איז
געקומען מבקר־חולה־זיין אַ קראַנקע פרוי, אמת?

דערווייל האָט קאָרעטי פאַררעכט דער מוטער דאָס קישן,
צולייך געלייגט די קאָלדרע, צעבלאָזן דאָס פייער אין קוימען
און אַראָפּגעטריבן די קאַץ פון קעסטל.

— דו דאַרפסט נישט, מאַמע, נאָך עפּעס? — האָט ער נאָכ־
דעם געפרעגט, צונעמענדיק דאָס ליידיקע טעפּעלע: — און די

רפואה האָט די מאַמע גענומען? אפשר פאַרפעלט שוין, װעל איך באַלד אין דער אַפּטייק אַרײַן אַ שפּרונג טון. דאָס האָלץ איז שוין אײַנגעלייגט, פֿיר אַ זייגער װעל איך צושטעלן דאָס פֿלייש אויף די יויך, װי די מאַמע האָט געהייסן, און אַז די מילכיקערן װעט קומען, װעל איך איר געבן אַכט סאָלדעס. זאָל זיך די מאַמע נישט באַאומרויִקן! אַלץ װעט גוט זײַן.

— איך דאַנק דיר זונעשי! — האָט די פֿרוי געענטפֿערט. — אָרים, טײַער ייִנגל טײַנס! װעגן אַלץ געדענקט ער!

זי האָט מיך מכבד געװען מיט אַ שטיקל צוקער, און קאָרעטי האָט מיר געװיזן אַ בילד, אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זײַן פֿאָטער אין אַ מיליטער־מונדיר און מיט אַ מעדאַל פֿאַר העלדישקייט. דאָס זעלבע פּנים, װי בײַם זון, מיט די דאָזיקע לעבעדיקע אויגן און דעם דאָזיקן אײגענעם פֿריילעכן שמייכעלע.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין קיך אַרײַן.

— כ'האָב! — האָט קאָרעטי אַ געשריי געטון, און צולויפנדיק צום טישל, האָט צוגעשריבן אין זײַן העפֿט אַרײַן... און געשפּאַן פֿאַר פֿערד. — יאָ! — האָט ער געזאָגט, אַװעקלייגנדיק די פֿעדער. — די רעשט װעל איך שוין צוענדיקן פֿאַרנאַכט. אפשר װעל איך נאָך שפּעטער עפּעס צושרײַבן. גליקלעך ביסטו, װאָס דו קענסט דיך לערנען, װען דו װילסט, און האָסט נאָך אַפֿילו צײַט צו גיין שפּאַצירן אויך!

און אַלץ כסדר אַזוי פֿריילעך און לעבעדיק, איז ער אַ לויף געטון אין געװעלב אַרײַן, און אַרויפֿלייגנדיק די גרעסערע שטיקער האָלץ אויפֿן זעג־שטעלעכל, האָט ער זיי אין דער העלפֿט צעשניטן מיט אַ זעג און געזאָגט:

— דאָס איז מיין גימנאַסטיק! כמעט דאָס זעלבע וואָס: „הענט פאָרויס!“ „הענט צוריק!“ כ'וואָלט געוואָלט, אַז ווען דער טאַטע וועט קומען, זאָל ער שוין טרעפן דאָס האָלץ צעזעגט. ער וואָלט געווען צופרידן. עס איז נאָר שלעכט דאָס, וואָס אַז איך זעג האָלץ, טרייסלט זיך מיר באַכדעם די האַנט, און מיין „ט“ „ל“ זען אויס ווי קליינע שלענגעלעך. דער לערער פרעגט: וואָס האָסטו עס געטאָן, יונגל, וואָס די האַנט ציטערט דיר אַזוי? — איך, גאָרנישט, הער לערער! איך האָב מיך געלערנט פעכטן!.. נאָר וואָס לוינט דאָרט צו רעדן, דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן, וואָלט נאָר די מאַמע געזונט געווען! הייבט איז איר בעסער, דאַנקען גאָט! און די גראַמאַטיק וועל איך מיך אויסלערנען מאָרגן אינדערפרי, ווי נאָר ס'וועט טאָג אָנהייבן... און אָט איז שוין דער וואָגן מיט שטשאַפּעס. קאָרעטי איז אַרויסגעלאָפן זיך דורכשמועסן מיטן פאָ־מאַן און איז באַלד צוריקגעקומען.

— כ'קען שוין לײדער נישט מער מיט דיר פאַרברענגען — האָט ער מיר געזאָגט. — צום ווידערזען מאָרגן! האָסט זייער גוט געטאָן, וואָס האָסט מיך באַזוכט! כ'ווינטש דיר אַן אָנגענעמען שפּאַציר! דו גליקלעכער!...

און אַ דריק טוענדיק מיין האַנט, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די ערשטע שטשאַפּע און זיך אָנגעהויבן באַוועגן צווישן וואָגן און בעוועלב, מיט דעם בליענדיקן פּנים זיינעם אונטערן היטעלע פון קאַצן־פוטער, אַזוי פריילעך און לעבעדיק, אַז ס'איז אַזש אַ נחת געווען צו קוקן.

גליקלעכער! האָט ער געזאָגט צו מיר... אָך, ניין קאָרעטי, ניין! דו ביסט אַ סך גליקלעכער פאַר מיר, וואָרים דו — לערנסט דיך נישט בלויז, נאָר דו אַרבעטסט אויך, וואָרים דו ביסט בעסער, טויזנט

טויזגט מאָל בעסער, און אַ סך מער ווערט פאַר מיר, טייערער קאָלעגע מיינער!

. . . .

אונזער דירעקטאָר.

פרייטיק, דעם 18-טן,

קאָרעטי איז זייער צופרידן געווען פון היינטיקן פרימאָרגן וואָרים אויפן חודש-עקזאַמען איז געקומען זיין לערער פון דער צווייטער, קאַאָטי, זייער אַ הויכער און דיקער, מיט אַ גרויסער געקרייזלטער טשופרינע, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, מיט גוטע, גרויסע שוואַרצע אויגן, און מיט אַ שטימע, אַזאַ הויכע און שטרענגע, ווי זי וואָלט פונ אַ האַרמאַט אַרויסגעגאַנגען. ער שרעקט שטענדיק די יונגלעך, אַז ער וועט זיי אויף שטיקלעך צעהאַקן, אַז ער וועט זיי באַם קאַרג כאַפן און אין שול-אינספּעקטאָראַט פירן, און שרעקלעך שטרענגע מינעס מאַכט ער, אָבער ער רירט קיינעם נישט אָן, און שמייכלט אַפילו אין די וואָנסעס אַריין, אַליין נישטוויסנדיק דערפון. — צו קאָרעטין-צו זיינען דאָ נאָך אַכט לערער, אַריינרעכנעדיק אין דעם אויך שוין דעם דערווייליקן לערער, וועלכער האָט נאָך קיין וואָנסעס נישט און זעט אַליין אויס ווי אַ שילער.

ס'איז דאָ איין לערער פון דער פערדער, אַ לאָמער, וואָס גייט אַרומגעהילט מיט אַ וואָלן שאַליקל. שטענדיק טוט אים עפּעס וויי, און די דאָזיקע ווייטיקן האָט ער זיך איינגעהאַנדלט דאַמאָלס, ווען ער איז געווען לערער אין דאָרף, און האָט געוווינט אין זייער אַ נאַסער ווינונג, וווּ דאָס וואַסער איז אויף די ווענט געפרוירן געוואָרן.

ס'איז דאָ אויך נאָך אַ צווייטער לערער פון דער פערדער, אַ

אַלטער, אַ ווייסיטשקער, וועלכער איז אַמאָל געווען לערער ביי די בלינדע.

אַצינד איז ווידער דאָ איינער אַן אויסגעפּוצטער, אין ברילן, מיט העלע באַקנבערד, וועלכן מען רופט אַדוואָקאַטל, ווייל ער האָט געענדיקט אויף אַדוואָקאַט און האָט שוין דעם דיפּלאָם, און האָט נאָך אָנגעשריבן דערצו אַ ביכל: „ווי אַזוי דאַרף מען שרייבן בריוו". אינגאַנצן אַן אַנדערער איז פאַר דעם דער, וועלכער לערנט גימנאַסטיק און האַלט זיך ווי אַ זעלנער. ער האָט געקעמפט אונטער דער אָנפירונג פון גאַריבאַלדין, און האָט אַ העפט אויפן האַלדז פון אַ שווערד, וואָס ער האָט באַקומען אין דער שלאַכט אונטער מילאַזאָ.

אַצינד גייט ענדלעך דער דירעקטאָר, אַ הויכער, אַ ליסער, מיט גאָלדענע ברילן, מיט אַ גרויער, איבער דער ברוסט צעשפּרייטער באָרד, שוואַרץ געקליידט און שטענדיק פאַרקנעפּלט אַזש ביז צום לעצטן קנעפּעלע. ער איז זייער גוט צו די יונגלעך; און אויב וועלכער טוט אַמאָל עפּעס, און מען רופט אים אַריין אין קאַנצעלאַריע, און ער גייט און ציטערט אינגאַנצן, שרייט ער קיינמאָל נישט אויף אַזעלכן, נאָר נעמט אים אָן בא דער האַנט און גיט אים צו פאַרשטיין אַזוי רויק, אַז ער דאַרף זיך נישט אַזוי שלעכט אויפפירן, אַז מען דאַרף יעדן שלעכטן טאַט באַדוירן, און צוזאָגן, אַז מען וועט זיך פאַרבעסערן; און ער רעדט אַזוי ליבלעך, מיט אַזאַ גוטער שטימע, אַז מען גייט אַרויס מיט רויטע אויגן, און נאָך מער פאַרשעמט, ווי מען וואָלט דאָרט באַשטראָפט געוואָרן.

אָרימער דירעקטאָר, שטענדיק איז ער דער ערשטער אויפן אָרט, פון אינדערפרי אָן. ער וואַרט אָפּ די שילער, שמועסט זיך דורך מיט די עלטערן, און ווען די לערער זיינען שוין לאַנג אַהיימגעגאַנגען, דרייט ער זיך נאָך אַלץ אַרום אַרום דער שול

און קוקט, צי די יונגלעך הענגען זיך נישט אָן אָן די אַרויסכפּאַרנדיקע
דראָשקעס, אָן די וועגן, צי זיי שלעפּן זיך נישט אַרום אין די
גאַסן, צו זיי טשעפּן נישט עמעצן, צו זיי שיטן זיך נישט אָן
קיין זאַמד אין די ראַנצעס, לייגן זיך נישט אַריין קיין שטיינער·
און דאָרט, וווּ זיין הויכע און טונקעלע פיגור באַווייזט זיך נאָר
פון ערגעץ אַ ווינקל הויז אַפער, צעלויפן זיך באַלד די קופּקעלעך
יונגלעך, וואָס שפּילן אין באַלעם, לאָזן לופט-באַלאָנען, און ער
דראָט זיי נאָר בלויז פונוווייטנס, מיט דעם דאָזיקן אַזוי אומעטיקן
און פריינטלעכן פּנים זיינעם. מיין מאַמע זאָגט, אַז עס האָט אים
נאָך קיינער נישט געזען לאַכן פון יענער צייט אָן, זינט ס'איז
געשטאָרבן זיין זון, וועלכער האט געדינט אַלס פריוויליגער אין
דער אַרמעע, און אַז עס שטייט אים שטענדיק אין קאַנצעלאַריע אויפן
טיש זיין בילד פאַר די אויגן. און אַז נאָך דעם דאָזיקן
אומגליק האָט ער זיך געוואָלט פון זיין אַמט אָפּזאָגן, און האָט
שוין אַפילו געהאַט אַ ביטע אין מאַגיסטראַט אַריין אָנגעשריבן
וועגן דעמיסיע, און זי געהאַלטן גרייט אויף זיין טישעלע, נאָר דאָס
אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן צווייטן, ווייל עס איז אים אַ שאָד
געווען זיך צו שיידן מיט די שילער. אָבער אין אַ געוויסן טאָג
האָט ער זיך שוין געהאַט באַשלאָסן, נאָר מיין טאַטע, וועלכער
איז גראָד דאַמאָלס געווען אין דירעקציע, האָט אים געזאָגט: —
אַך וואָס פאַר אַ שאָד דאָס איז, הער דירעקטאָר, וואָס דער הער פאַרלאָזט
אונדז! — דאָ איז אַריינגעקומען עפּעס אַ הער, איינשרייבן זיין זון,
וועלכער איז איבערגעגאַנגען אין אונדזער סעקציע אַריין פון אַ צווייטער, ווייל זיינע עלטערן האָבן געביטן די וווינונג. דערזעענדיק
דאָס יונגל, איז דער דירעקטאָר געוואָרן אַזוי פאַרווונדערט, אַז
ער האָט אַזש אָפּגעטרעטן צוריק, געקוקט א ווײלע אויפן יונגל,
דערנאָך אויפן בילדל, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, דערנאָך
ווידער אויפן יונגל, וועלכן ער האָט צוציענדיק צו זיך, אַריינגע-

נומען צווישן די קני‌ען און אויפגעהויבן זיין פנימל צו זיך. דאָס יונגל איז געווען אינגאַנצן ענלעך צו זיין פאַרשטאָרבענעם זון. האָט ער געזאָגט: — גוט. — איינגעשריבן דעם שילער, זיך געזעגנט מיט דעם הער און דעם יונגל, און זיך טיף פאַרטראַכט. און דאַ־מאָלס האָט מיין פאָטער ווידער איבערגעחזרט: — אַ גרויסער שאָד, וואָס איר פאַרלאָזט אונז, דירעקטאָר.

און ער האָט גענומען די ביטע וועגן זיין דעמיסיע, צעריסן זי אויף צוויי און געזאָגט:

— כ'בלייב!

• • • • • • • • • • • • • •

דער בעסטער שילער פֿון אונדזער קלאַס.

פֿרייטיק, דעם 25־טן.

גאַראָן האָט זיך געשאַפֿן די צוגעבונדנקייט, דעראָסי ווידער די ליבע פֿון אַלע. ער האָט גענומען דעם ערשטן מעדאַל און וועט ווידער זיין דער בעסטער שילער אין קלאַס, אויך דאָס הייַנטיקע יאָר; קיינער קען זיך נישט שטעלן מיט אים און אַם איבערשטייגן, אַלע אָנערקענען אים פֿאַר דעם העכסטן אין אַלע געגנשטאַנדן.

ער איז דער ערשטער אין אַריטמעטיק, אין גראַמאַטיק, אין איבונגען, אין צייכנען; פֿאַרשטייט מיטן קוק אַלץ, האָט אַ וווּנדערלעכן זכּרון, אַלץ גיט זיך אים זייער לייכט איין, און די לערע זעט אים אויס ווי אַ שפּילעכל. נעכטן האָט אים דער לערער אַזוי געזאָגט:

— מיט גרויסע מתּנות האָט דיך גאָט באַשענקט, באַמי־ושע דיך נאָר, אַז די זאָלסט זיי נישט פֿאַרנאַכלעסיקן.

און דערביי אַזאַ שיינע וווּקס, אַ הויכע, און די דאָזיקע שיינע בלאָנדינע אינגאַנצן געלאָקטע האָר! און ער איז אַזוי לייכט, אַזוי פֿעיִק, אַז ער שפּרינגט אַריבער איבער אַ באַנק, זיך אָנשפּאַרנדיק אָן איר בלויז נאָר מיט איין האַנט. ער קען שוין אַפֿילו פֿעכטן אויך.

ער איז אלט צוועלף יאָר, איז אַ סודורס אַ זון, גייט אָנגעטון אין אַ בלויער בלוזע מיט געגילדעטע קנעפּלעך, שטענדיק אַ פרישער, אַ פריילעכער, העפלעך צו יעדן, באַ די עקזאַמענעס העלפט ער צו יעדן, מיט וואָס ער קען נאָר, און ס'האָט נאָך קיינמאָל קיינער די חוצפה נישט געהאַט צו זיין שלעכט צו אים, אָדער אים עפּעס אַ שלעכט וואָרט צו זאָגן.

בלויז נאָביס און פראַנטי קוקן קרום אויף אים, וואַטיני קען זיין קנאה-געפיל נישט באַהאַלטן. ער אָבער מאַכט זיך גאָרנישט פון דעם אַלעס.

אַלע שמייכלען צו אים און נעמען אים אָן באַ דער האַנט, אָדער באַם אָרעם, ווען ער גייט צווישן די בענק אָפנעמען די איבונגען, מיט דער דאָזיקער דאַנקבאַרער באַוועגונג זיינער, וועלכע נאָר ער אַליין פאַרמאָגט. ער גיט זיינע קאָלעגעס אילוסטרירטע זשורנאַלן, צייכנונגען, אַלץ, וואָס ער אַליין באַקומט אין דער היים, דעם קאַלאַבריטשיק האָט ער געמאַכט אַ שיין מאַפּעלע פון קאַלאַבריע. און ער צעטיילט אַלץ, וואָס ער האָט נאָך, שמייכלענדיק דערביי אַזוי גרויסמוטיק, ווי אַ גרויסער הער, און נישט מאַכנדיק קיין חילוק צווישן קיינעם.

ס'איז נישט מעגלעך אים נישט מקנא צו זיין און זיך נישט צו פילן מיט עפּעס נידריקער פאַר אים.

און איך בין אים אויך, פונקט ווי וואַטיני, מקנא; און פיל אפילו עפּעס אַ ביטערקייט, עפּעס אַ שלעכט געפיל צו אים, ווען איך זיץ און מאַטער מיך באַ די לעקציעס אין דער היים, און גיב אַ טראַכט, אַז ער האָט זיך שוין אַלץ געמאַכט, ווי צום בעסטן, אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג. אָבער אַז איך קום נאָר אין שולע אַריין און דערזע, ווי שיין ער איז, ווי פריילעך, ווי באַזיגנט; און דערהער, ווי אויפריכטיק, ווי זיכער ער ענטפערט אויף דעם לע-

דערס כראגן, און ווי העפלעך ער איז צו אלע, און ווי אלע ליבן אים, דאמאלס פארשווינדט די דאזיקע ביטערקייט, דאס דאזיקע גאנצע שלעכטע געפיל פון מיין הארץ, און איך שעם מיך, וואס איך האב אזוי געפילט. איך וואלט דאמאלס געוואלט זיין כסדר לעבן אים, נאנט פון אים. כ׳וואלט געוואלט מיט אים צוזאמען די גאנצע שולע דורכגיין; זיין געגנווארט און זיין שטימע גיבן מיר צו מוט, ווילן צו דער ארבעט, פרייד.

דער לערער האט אים געגעבן איבערצושרייבן די חודשלעכע דערציילונג, וועלכע דארף מארגן געליינט ווערן: „די קליינע אויס־שפיר־אפטיילונג אין לאמבארדיע.״ ער האט זי היינט אינדערפרי איבערגעשריבן און איז געווען גערירט פון דעם דאזיקן העלדישן צופאל; דאס פנים איז בא אים געווען צעפלאמט, די אויגן פייכט, און די ליפן האבן אים געציטערט. און ווי שיין, און ווי איידל האט ער מיר אויסגעזען, ווען איך האב אזוי געקוקט אויף אים, מיט וואס פאר א צופרידנקייט וואלט איך אים אויפריכטיק און איינ־פאך אין די אויגן אריין געזאגט:

— דעראסי, דו ביסט אין אלעם א סך מער ווערט פאר מיר! דו ביסט אן עכטער מאן, אין פארגלייך מיט מיר! איך שעץ דיך און באוונדער דיך!

. . . .

די אָרימע

ינסאָיק, דעם 29-טן

אוועקגעבן דאָס לעבן פאַרן פאָטערלאַנד, דאָס איז אַ גרויס פאַרדינסט; וואַרף אָבער נישט אוועק, זון מיינער, אויך קליינע פאַרדינסטן. היינט אינדערפרי, גייענדיק פאַר מיר, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון שולע, ביסטו פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַן אָרימער פרוי, וועלכע האָט געהאַלטן אויף די קני אַ בלייך, קרענקלעך קינד, און האָט זיך געבעטן אַ נדבה. דו האָסט אַ קוק געטון אויף איר און איר גאָרנישט געגעבן, כאָטש דו האָסט געהאַט געלט אין קעשענע.

— הער קינד! געוויין דיך נישט פאַרבייצוגיין גלייכגילטיק פאַרביי דער נויט, וועלכע ציט אויס די האַנט צו דיר; און נאָך מער, פאַרביי אַ מוטער, וועלכע בעט אַ גראָשן פאַר איר קינד. גיב נאָר אַ טראַכט: אפשר איז דאָס פיצעלע געווען הונגעריק, גיב אַ טראַכט וועגן די ליידן פון דער דאָזיקער אָרימער פרוי. דערמאָן דיך, ווי דיין אייגענער מאמעס האַרץ וואָלט אין דער ברוסט גע-

צאַפּלט, ווען זי וואָלט דיר אַמאָל געמוזט זאָגן: הונגעריק, איך האָב הײַנט גאָרנישט פֿאַר דײַנעטוועגן. אַפֿילו קיין פּיצל ברויט נישט. דערמאָן דיך נאָר!

ווען איך גיב אַמאָל אַ גראָשן אַן אָרימען, און ער זאָגט מיר: — זאָל אײַך גאָט ב צאָלן מיט געזונט, אײַך און אײַערע קינדער! — קענסטו דיר גאָרנישט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ זיס־קייט אין האַרץ איך דערפֿיל נאָך די דאָזיקע ווערטער, און ווי דאַנקבאַר איך בין דעם דאָזיקן אָרימען. עס דאַכט זיך מיר, אַז דער דאָזיקער ווונטש היט מיר באמת אָפּ דאָס געזונט אויף לאַנג. און אַ צופֿרידענע קער איך מיך צוריק אַהיים און טראַכט: אָך דער דאָזיקער אָרימער האָט מיר געגעבן אַ סך מער, ווי איך אים!

טו־זשע אַזוי, מײַן קינד, אַז איך זאָל פֿילן טײַלמאָל, אַז דו אַלײן יוונטשסט מיר דאָס דאָזיקע. נעם אַרויס פֿון צײַט־צו־צײַט זעלכן גראָשן פֿון דײַן קלײן בײַטעלע און גיב אים אַמאָל אַן אַלטן אָן שוץ איבער זיך, אַמאָל אַ מוטער, וועלכע האָט נישט קיין ברויט פֿאַר איר קינד, אַמאָל אַ קינד אַ יתום...

די אָרימע פֿרייען זיך זייער מיט דער נדבה פֿון אַ קינד, ווײַל זי דערנידריקט זיי נישט, און אויך דערפֿאַר, ווײַל די קינדער זײַנען ווי עפּעס ענלעך צו זיי; זיי פֿאַרמאָגן דאָך אויך גאָרנישט קיין אייגנס. נישט אומזיסט זעסטו שטענדיק אַזוי פֿיל אָרימע אַרום דער שולע.

די נדבה פֿון דערוואַקסענע איז אַ טאַט פֿון רחמנות, אָבער די נדבה פֿון אַ קינד איז אי אַ טאַט פֿון רחמנות, אי עפּעס אַ צערט־לעכקייט. פֿאַרשטייסט מיך? דאָס איז עפּעס אַזוי, ווי פֿון דײַן האַנטעלע וואָלטן אַרויסגעפֿאַלן באַזאַמען אי אַ גראָשעלע, אי אַ בלומעלע.

גפדענק, אַז דו ווילסט זײַן גליקלעך, און זיי — בלויז נאָר

ראָס, אַז זיי זאָלן נישט שטאַרבן פֿאַר הונגער. באַרעכן נאָר, ווי שרעקלעך דאָס איז, וואָס צווישן אַזוי פיל רייכטימער און פּאַ־לאַצן, אויף די גאסן, איבער וועלכע עס פאָרן קאַרעטעס, און קינדער שפּאַצירן געקליידט אין סאַמעט, קען מען באַגעגנען פרויען און קינדער, וואָס האָבן נישט וואָס צו עסן. נישט האָבן וואָס צו עסן! גאָט מיינער! איז דען דאָס נישט שרעקלעך?! אַזעלכע יונגלעך ווי דו, אויך אַזעלכע גוטע און קלוגע, וואָס גייען אויס אין מיטן דער גרויסער שטאָט פאַר הונגער, ווי ווילדע חיות ערגעץ אין אַ מדבר!

שוין קיינמאָל, העַנריק מיַינער, זאָלסטו נישט פאַרבייגיין פֿאַר אַ בעטלענדיקער פרוי, נישט דערלאַנגענדיק איר כאָטש אַ גראָשן אין דער האַנט אַריין!

דיין מוטער

• • • • • • • • • • • • • • • • •

עדמאָנדא דע אַמיטשיס

דאס הארץ

ייִדיש: שלמה שיינבערג

(באארבעט פאר דער שול, דורך ש. מענדלסאָן)

II

דער קליינער איבערשרייבער

(דער ערשטער שניי)

פאַרלאַג ח. בזשאָזא

װאַרשע, 1927

Printed in Poland

Edmundo de Amiczys

SERCE

Wydawnictwo CH. BRZOZA

Warszawa, Leszno 27.

Druk. „Record“ Warszawa, Dzika 18.

דעצעמבער

דער הענדלער

דאָנערשטיק דעם זיבעטן

מיין טאַטע וויל, איך זאָל יעדן פרייטאָג פאַרבעטן צו אונדז עמעצן פון מיינע קאָלעגעס, אָדער אַליין וועלכן פון זיי באַזוכן, און אויף אַזאַ אופן זיך נעענטער מיט אַלע באַקענען. זונטיק וועל איך גיין שפּאַצירן מיט וואָטינין, מיט דער עלעגאַנטל, וואָס האַלט זיך דאָס אין איין לעקן און איז אַזוי איבערזיכטיק אויף דעראָסין. און הייט איז געקומען צו אונדז גאַראָפּי, דער לאַנגער, דאַרער, וואָס האָט אַ נאָז ווי אַ שפּאַרבער און אַזעלכע קליינע, שאַרפע אייגעלעך, אַז זיי זען אויס, ווי זיי וואָלטן זיך אין אַלעם אַריינגעבויערט.

דער גאַראָפּי האָט אַ טבע אַלץ איינעם צו ציילן דאָס געלט, וואָס ער האָט אין קעשענע. ער קען אויך אויסערגעווייטלעך גיך רעכענען אויף די פינגער, צוגעבן, אַראָפּנעמען, און וועט אפילו אָן אַ שיפּערבלעטל דעם שווערסטן כפל מאַכן. ער איז אַ זון פון אַ קאָלאָניאַל-סוחר. ער קלויבט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, ער האָט שוין אַן אייגן שפּאָר-ביכעלע אין אונזער שול-קאַסע. ער איז קאַרג, וועט קיינמאָל קיין גראַשן נישט אויסגעבן, און פאַלט אים אַמאָל אַראָפּ אַ שיליגנער אונטער דער באַנק, קען ער אים זוכן וואָכן-לאַנג ביז ער וועט אים נישט געפינען. ער טוט ווי אַ סראָקע — זאָגט דעראָסי — וואָס ער געפינט: אויסגעשריבענע פעדערס, אַלטע מאַרקעס, שפּילקעס, שטיקלעך ליכט — אַלץ באַהאַלט ער. ער קלויבט שוין צוויי יאָר פּאָסט-מאַרקעס און האָט שוין אפשר הונדערט שטיק פון פאַרשיידענע לענדער, אין אַ גרויסן אַלבאָם, וועלכן ער האָט בדעה שפּעטער,

אַז ער וועט שוין פֿול זײַן, צו פֿאַרקויפֿן אַ בוכהענדלער — און דערווײַל באַקומט ער בײַ דעם דאָזיקן בוכהענדלער העפֿטן אומזיסט, ווײַל ער ברענגט אים יונגלעך אין געוועלב אַרײַן, זיי זאָלן קויפֿן בײַ אים.

אין שולע האַלט ער אין איין האַנדלען. אַלע טאָג אָרדנט ער אײַן בײַטונגען, לאָטעריעס, אויספֿאַרקויפֿן, און דערנאָך באַדויערט ער, וואָס ער האָט זיך געבײַטן און וויל אָפּ דאָס זײַניקע. וואָס ער קויפֿט פֿאַר צוויי גראָשן, מוז ער פֿאַרקויפֿן פֿאַר פֿיר. ער שפּילט אין פֿעדערס, אין קנעפּ, און פֿאַרשפּילט קיינמאָל נישט. אַלטע צײַטונגען פֿאַרקויפֿט ער דעם סוחר פֿון טאַטן-געוועלב. ער האָט אַ ביכעלע, אין וועלכן ער פֿאַרשרײַבט אַלע זײַנע געשעפֿטן, און יעדעס זײַטל איז פֿול מיט חובֿ און חיסר.

אין שולע לערנט ער זיך טאַקע גערן נאָר אַריטמעטיק, און אויב ער רײַסט זיך אַזוי צו באַקומען אַ מעדאַל, איז עס נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער וויל האָבן אַן אומזיסטן אײַנגאַנג-בילעט אין מאַריאָנעטן-טעאַטער.

מיר געפֿעלט ער, ווײַל ער ווײַלט מיך.

מיר האָבן זיך געשפּילט אין אַ האַנדל, מיר האָבן אַרויס-באַקומען פֿון שפּײַזקאַמער די געוויכטן און די וואָג. איך האָב מיך נישט געקאָנט גענוג אָפּוווּנדערן, ווי ער ווייסט אַזוי די פּרײַזן פֿון אַלעם, ווי ער ווייסט אַזוי פֿיל פֿאַר יעדע זאַך צו נעמען, ווי ער קען זיך אַזוי אויף דער וואָג, און ווי געשיקט ער מאַכט פּאַפּירענע בײַטעלעך, פּונקט ווי אַ גרויסער סוחר. ער זאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט ענדיקן די שולע, וועט ער זיך באַלד עפֿענען אַ האַנדל, עפּעס נאָר אַ נײַעם האַנדל, וועלכן ער אַליין האָט אויסגעטראַכט. ער איז זייער צופֿרידן געווען, וואָס איך האָב אים געגעבן אַ ביסל אויסלענדישע מאַרקעס, און האָט מיר באַלד געזאָגט,

צווייפל די קאָלעקציאָנערן צאָלן זיי — ווען מיר האָבן זיך געשפּילט האָט זיך דער טאַטע געמאַכט, ווי ער לייענט די צייטונג. נאָר איך האָב געזען, אַז ער הערט, שמייכלט און אינטערעסירט זיך מיט אים.

און שטענדיק האָט ער פּול-אָנגעפּאַקטע קעשענעס מיט זיין סחורה, און דעקט זיי צו מיט זיין לאַנגען מאַנטל, און איז שטענדיק צעשויבערט און פאַרהאַוועט, פּונקט ווי אַ סוחר. אָבער צום מערסטן ליגן אים אין זין זיינע מאַרקעס. די דאָזיקע זאַמלונג איז זיין אוצר און ער רעדט אַלין איינעם וועגן איר, ווי ער וואָלט געהאַט צו מאַכן פון איר אַ גאַנץ פאַרמעגן. די חברים רופן אים סקנער און פּראָצענטניק. איך ווייס דאָרט נישט! איך האָב אים ליב, ווייל נישט איין זאַך לערן איך מיך אויס פון אים. ער זעט מיר אויס ווי אַן אמתער מאַן.

קאָרעטי, דעם האָלץ-הענדלערס זון, זאָגט, אַז ער וואָלט די דאָזיקע מאַרקעס זיינע נישט אַוועקגעגעבן אפילו כדי אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן פון זיין מוטער. אָבער מיין טאַטע גלייבט דאָס נישט.

— האַלט דיך נאָך אָפּ מיט דיין מיינונג וועגן דעם דאָזיקן יינגל — האָט ער מיר געזאָגט. — אמת, ער האָט אַ מיאוסע ליידנשאַפט, ער האָט אָבער אויך אַ האַרץ.

. . . .

פוסטקייט

מאָנטיק דעם 5-טן

נעכטן בין איך געגאַנגען שפּאַצירן אין די דיוואָליער אַלעען מיט וואַרניקן און זיין פאָטער. אַדורכגייענדיק די גרויסגאַל-

דענע באַס, האָבן מיר דערזען סטאַרדיען, דעם, וועלכער דושאַבעז אין שולע, אויב מען שטערט אים. ער איז געשטאַנען, ווי אַ סלופּ נאָרן פענסטער פון דער בוכהאַנדלונג, מיט איינגעקלעבטע אויגן אין דער געאָגראַפישער קאַרטע, און ווער ווייסט, ווי לאַנג ער איז שוין דאָרט אַזוי געשטאַנען, וואָרים ער לערנט זיך אפילו אויף דער גאַס אויך. ער האָט אונדז קוים מיט אַ נייג אָפּגעענטפערט, דער דאָזיקער יונג.

וואַטיני איז געווען זייער שיין אָנגעטון, שוין אַפילו צופיל אויסגעטרויעט. ער איז געגאַנגען אין רויט־אויסגענייטע סאַפיאַן־שיכעלעך, אין אַ געהאָפטן מענאַרקזלע, מיט זיידענע האָקלען, אין אַ ווייס פילבן היטעלע, און געהאַט אַ זייגערל אין קעשענע. און ווי ער האָט דאָס געבלאָזן פון זיך! נאָר זיין גרויסהאַלטן זיך האָט זיך אים דאָס מאָל נישט איינגעגעבן.

אָפּלויפנדיק אַ שטיקל אַלעע און איבערלאָזנדיק ווייט הינטער זיך דעם פאָטער, וועלכער איז געגאַנגען פאַמעלעך, האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן בא אַ שטיינערנער באַנק, לעבן עפּעס אַ בעשיידן־געקליידטן יונגעלע, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אָפּגעמאַטערט און זיך אָפּגערוט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. עפּעס אַ הער, וועלכער איז זיכער געווען זיין פאָטער, האָט זיך געדרייט הין־און־צוריק אונטערן בוים און געליינט אַ צייטונג. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט. וואַטיני האָט זיך געזעצט צווישן מיר און דעם יונגל, זיך באַלד דערמאַנט, אַז ער איז אויסגעסטרויעט און געוואָלט, אַז דאָס יונגל זאָל אים באַוווּנדערן און מקנא זיין. האָט ער אויפגעהויבן אַ פוס און געזאָגט צו מיר:

— האָסט געזען מיינע אונגאַרישע שיכעלעך?...

עס איז אים נישט אַזוי פיל געגאַנגען אין מיר, ווי אין דעם צווייטן, אַז ער זאָל זען. נאָר דאָס יונגל האָט אַפילו קיין בליק נישט גע-

וואָרפן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם פּוס, און ווייזנדיק די זיידענע שנירן פון זיין מענאַרקעלע, האָט ער געזאָגט, וואַרפנדיק אַ בליק פון אונטערן שטערן אַפּער אין דער זייט פון יונגל, אַז די דאָזיקע שנירן געפעלן אים עפּעס נישט, און אַז ער וויל זיי אויסטוישן אויף גאָלדענע קנעפּעלעך. דאָס יונגל האָט אָבער אויך אויף די שנירן נישט געקוקט.

איז שוין וואַטיני געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק, האָט ער אַרויס־געצויגן זיין זייגער, אים אויפגעעפנט און געוויזן מיר די רעדעלעך און דאָס ספּרונזשינקעלע. אָבער יענער האָט אַפילו דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן.

— דאָס איז איבערגעגילד זילבער? — האָב איך געפרעגט.

— ניין — האָט וואַטיני געענטפערט — דאָס איז גאָלד.

— אָבער דאָס זייגערל איז דאָך נישט אינגאַנצן פון גאָלד
— האָב איך אים אויף דעם געענטפערט — עס מוז דאָך דערין זיין אויך זילבער.

— אָבער ניין!.. — האָט ער אָפּגעענטפערט. און כּדי צו צווינגען דאָס יונגל צו קוקן, האָט ער אים אונטערגעריקט דאָס זייגערל אונטערן סאַמע פּנים און געזאָגט:

— זאָג אַליין... גיב אַ קוק! אמת, עס איז אינגאַנצן פון גאָלד?

און דאָס יונגל האָט געענטפערט קורץ:

— כ'ווייס נישט.

— האָ, האָ! — האָט וואַטיני אויסגערופן. — וואָס פאַר אַ שטאָלצער!

און בשעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָט זיך זיין פּאַטש־

דערנענטערט, געקוקט אַ ווײַלע אויף דעם יונגעלע, און נאָכדעם שנעל אַ זאָג־געטון צום זון:

— שווײַג ! — און אָנבויגנדיק זיך אים צום אויער, האָט ער צוגעגעבן ! — ער איז בלינד !

וואַט׳ני איז מיט שרעק אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק און אַרײַנגעקוקט דעם יונגל אין פּנים. און באמת טאַקע, זײַנע אַפּלען זײַנען געווען גלעזערנע, אָן אויסדרוק, אָן אַ בליק. .

האָט זיך וואַטיני שרעקלעך פאַרשעמט און געבליבן שטיין אָן אַ וואָרט אויף די ליפּן, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעזיפצט:

— כ׳באַדויער זייער... כ׳האָב נישט געוווסט.. — נאָר דאָס בלינדע יונגל, וועלכער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, האָט געזאָגט מיט אַ מעלאַנכאָלישן און ליבן שמייכל:

— אָ, עס שאַט גאָרנישט !

איז אייגנטלעך אַזוי: וואַטיני איז אַ פּוסטער, ער האָט אָבער נישט קיין שלעכט האַרץ. דעם גאַנצן וועג צוריק האָט ער קיין איין שמייכל נישט געטון.

. . . .

דער ערשטער שניי.

שבת, דעם 10־טן.

זייט געזעגנט, שפּאַציר־גענג אין ריוואָלי ! עס איז געקומען צו גאַסט צו אונדז דער גוטער פרײַנט פון די יונגלעך ! עס איז געקומען צו אונדז דער ערשטער שניי !

שוין פון נעכטיקן אָוונט אָן, איז ער געפאַלן אין ווײַכע,

ברייטע פלעצלעך: ווי בלימעלעך פון ווייסן באַלזאַמין. — עס איז אַ תענוג געווען צו קוקן היינט אין דער פרי, אין שולע, ווי ער האָט מיט פאַך פאַרשיט די שויבן און פיטרינעס פון די פענסטער; אַפילו דער לערער האָט געקוקט און זיך געריבן די הענד, און אַלע זיינען מיר צופרידן געווען, טראַכטנדיק וועגן די קילן שניי, וועגן דער גליטש און וועגן פייער אויפן קוימענדל אין דער היים. איין סטאַרדי נאָר האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, אַריינגעטיפט מיט דער נאָז אין ביכל און אונטערשפאַרנדיק זיך מיט ביידע פויסטן דעם קאָפ.

און ווי הערלעך איז געווען באַם אַרויסגיין! וואָס פאַר אַ פאַרווײלונג! אַלע האָבן זיך געיאָגט איבער דער גאַס, שרייענדיק, אָננעמענדיק פולע גאָרשטשעס שניי, קלעבנדיק קילן און אַרייג-וואַרפנדיק זיך אין די קופּעס שניי, ווי קליינע הינטלעך אין וואַסער.

די פאַרסאָלן פון די עלטערן, וועלכע האָבן געוואַרט, פאַר דער שולע זיינען געווען ווייס און די קאַסקעס פון די מיליציאַנטן ווייס; אין איין רגע אַרום זיינען אויך אונדזערע ביכער-טאַשן ווייס געוואָרן, און מיר אַלע, ווי מיר וואָלטן משוגע געוואָרן פון פרייד. אַפילו פרעקאָשי, דעם קאָזאַלס זון, דער בלייכער, וועלכער לאַכט קיינמאָל נישט האָט זיך אויך צעכאָכאָטשעט, אַפילו ראָבעטי, דער, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט דעם קליינעם פון אונטערן אָמניבוס אַפער, אַפילו ער, דער אָרימענקער, איז געשפּרונגען אויף זיינע קוליעס.

דער קאַלאַבריער, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן קיין שניי נישט געזען, האָט זיך צוזאַמענגעקוועטשט פון אים אַ קײלעכל און אָנגעהויבן עסן, ווי מען עסט שאָפּטאַלן. קראָסי, דער גרין-הענדלערינס זון, האָט זיך אָנגעפּאַקט אַ פולן ביכער-טאַש, און

מױערל זײַנען מיר נישט צעפּענקעט געװאָרן פֿאַר געלעכטער, װען מײַן פֿאָטער האָט אים פֿאַרבעטן ער זאָל קומען צו אונדז מאָרגן — און ער האָט געהאַט אַ פֿול מױל מיט שנײ, נישט דרײַסט געװען אױסצושפּײַען, נישט געקענט עס אַראָפּשלינגען, און איז געשטאַנען אַזױ, שטיקנדיק זיך און נישט קענענדיק אַרױסרעדן קײן אײן װאָרט. אױך די לערערינס זײַנען אַרױס פֿון קלאַס לױפֿנדיק, לאַכנדיק און שפּאַסנדיק. מײַן לערערין פֿון דער ערשטער העכערער איז געלאָפֿן אין שנײ, פֿאַרדעקנדיק זיך דאָס פּנים מיט איר גרינער װאָאַל, שטאַרק הוסטנדיק. און דערװײַל זײַנען אפֿשר הונדערט מײדלעך אַרױסגעלאָפֿן פֿון דער מײדלערישער אָפּטײלונג און זיך געלאָזט לױפֿן לאַכנדיק פֿאַר פֿרײד איבער דעם דאָזיקן װײַסן דיװאַן, און די לערער און דינער האָבן אַלע געשריגן: — אַהײם! אַהײם!

אָבער איך האָב גוט געזען, אַז זײ אַלײן האָבן אױך געשלונגען דעם שנײ מיט די גאָרשטשעס, פֿאַרװײַסנדיק זיך די װאָנסעס און בערד, און האָבן אַלײן אױך געלאַכט פֿון די דאָזיקע אַװאַנטורעס, װעלכע מיר האָבן אױפֿגעהױבן, באַגריסנדיק דעם װינטער.

דאָס מױרערל

זונטיק, דעם 11-טן

הײַנט איז געקומען צו אונדז דאָס מױרערל. אין אַן אַנצוג װאָס איז איבערגעמאַכט געװאָרן פֿון זײַן טאַטנס, און איז נאָך װײַס פֿון גיפּס און קאַלך. די דאָזיקע װיזיטן פֿאַרלאַנגט מײַן פֿאָטער נאָך מער אַפֿילו, װי איך. ער האָט זיך מיט דעם יונגל זײער דע־פֿרײַט. — װי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען, האָט ער באַלד אַראָפּגענומען דאָס דאָזיקע אָפּגעבליאַקעװעטע קאַפּעלושל זײַנס, װעלכעס איז נאָך אינגאַנצן װײַס געװען פֿון שנײ, און עס אַרײַנגערוקט אין קעשענע; נאָכדעם האָט ער זיך געדרײט איבער דער שטוב מיט דעם באַשװערטן טריט זײַנעם פֿון אַן אָנגעהאָרעװעטן אַרבעטער, װעלכן ער האָט איבערגענומען אין דער הײם, װענדנדיק אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט דאָס דאָזיקע קײַלעכדיקע פּנימל זײַנס, װי אַן עפּעלע, מיט דעם דאָזיקן נעזל, װי אַ קלײן קנײַלעכל, און מיט

ער איז אריינגעגאנגען אין צייכן=זאל, געווארפן א בליק אויף די כלים און זיך אפגעשטעלט בא א בילדל, האט ער פלוצלינק צוזאמענגעצויגן די ליפעלעך ווי א האזן=פיסקעלע אבער אזוי גוט, אז דאס איז געווען איינס פון די בעסטע, וועלכע האבן זיך אים נאר ווען עס איז איינגעגעבן. ניין! עס איז גארנישט מעגלעך זיך איינצוהאלטן פון געלעכטער, ווען ער מאכט זיין האזן=פיסקעלע.

מיר האבן זיך אנגעהויבן שפילן מיט די קלעצעלעך; ער איז אומגעהייער געשיקט אין אויפשטעלן טויערן און בריקן, וועלכע זען אויס, ווי זיי וואלטן זיך עפעס דורך א צויבער געהאלטן, און ער בויט זיי זייער געדולדיק און מיט דעם ערנסט פון א דערוואקסענעם מענטש.

צווישן דעם אויפבויען פון איין טויער און צווייטן, האט ער מיר דערציילט פון זיין פאמיליע. זיי וווינען אויף א בוידעם, און דער פאטער זיינער גייט אין דער אוונט=שול אריין, און לערנט זיך דארט ליינען.

די עלטערן מוזן אים ליב האבן, ווארים כאטש ער איז ארים אנגעטון, דאך איז ער באווארנט פאר קעלט, ווארים ארומגעהילט מיט א וואלן שאליקל, וואס די מוטערלעכע הענט האט עס ארום זיין האלז פארבונדן, ער האט מיר געזאגט, אז זיין טאטע איז זייער א הויכער. א גאנצער ריז, און מוז זיך שטענדיק איינבייגן אין דער טיר, ווען ער גייט אריין. — אבער ער איז א גוטער, און ער רופט אים נישט אנדערש ווי „האזן=שנאבעלע", און דער זון איז א קליינינקער.

פיר א זייגער האבן מיר צוזאמען אפגעגעסן אוונט=מאל: ברויט מיט פאווידלע, זיצנדיק אויף דער סאפע, און ווען מיר האבן זיך אויפגעהויבן, האט דער טאטע מיך נישט געלאזט אפרייניקן דעם

הייסן פלעק, וועלכן דאָס מוירערל האָט געמאַכט אויף דער סאָפּע מיט זיין פאַרקאַלעכטן אַנטוּן. ער האָט מיך פאַרהאַלטן בּאַ דער האַנט און נאָכדעם אַליין אָפּגערייניקט, קיינער זאָל נישט זען.

דערנאָך האָבּן מיר בּאַקומען דעם אַלבּאָם מיט די קאַריקאַטורן, צו בּאַקוקן, און ער האָט, אַליין נישט פּילנדיק דאָס, נאָכגעמאַכט די אויסגעקרימטע פּנימער אַזוי אויסגעצייכנט, אַז אַפילו מיין טאַטע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער.

אַרויסגייענדיק פון אונדז, איז ער געווען אַזוי צופרידן, אַז ער האָט איינגאַנצן פאַרגעסן אַרויסצוציען פון קעשענע זיין אָפּגע-בּליאַקעוועט קאַפּעלושל און עס אָנצוטון אויפן קאָפּ, און ווען ער איז שוין געווען אויפן הויף, האָט ער נאָך אַמאָל — כדי מיר אַרויס-צוּווייזן זיין דאַנקבּאַרקייט — עמאַכט אַן אויסגעצייכנטן האָזן-שנאָבּעלע. דאָס מוירערל הייסט אַנטאָש ראַבּוצאַ און איז אַלט אַכט יאָר מיט אַכט חדשים.

* *
*

צי ווייסטו, מיין זון, פאַרוואָס איך האָב נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אָפּרייניקן די סאָפּע? ווייל אויב דו וואָלסט זי געווען גערייניקט אין דער געגנוואַרט פון דיין קאָלעגע, וואָלט דאָס געווען אויסגעזען ווי דו מאַכסט אים אַ פאַרוואָרף, פאַרוואָס ער האָט זי איינגעריבּן. און דאָס וואָלט געווען שלעכט צוליב צוויי טעמים: וואָרים ערשטנס, האָט ער דאָס נישט געטון בּכיוון, און צווייטנס, האָט ער זי איינגעווייסט מיטן אָנטון פון זיין פאָטער, וועלכער האָט די דאָזיקע פלעקן קאַלך געבּרענגט אַהיים פון זייער אַ שווע-רער אַרבּעט. און דאָס, וואָס ווערט געבּרענגט פון אַן אַרבּעט, איז קיינמאָל נישט קיין שמוץ. עס איז שטויבּ, קאַלך, פאַרבּ, אַלצדינג, וואָס דו ווילסט, אָבּער קיינמאָל נישט קיין שמוץ.

— ארבעט שמוצט נישט. זאָג קיינמאָל נישט אויף קיין אַרבעטער, וועלכער קערט זיך צוריק פון דער אַרבעט: „ער איז שמוציק“, נאָר זאָג: „ער האָט אויף זיינע קליידער צייכנס פון זיין ארבעט“. געדענק דאָס. און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם מוירערל, איז ער אַ ליב יונגל, און כ׳וואָלט געוואָלט, זאָלסט אים ליב האָבן, ערשטנס דערפאַר, וואָס ער איז דיין קאָלעגע, און נאָכדעם דערפאַר, ווייל ער איז אַ זון פון אן ארבעטער.

דיין פאָטער

אַ קויל שניי.

פרייטיק, דעם 16-טן.

און דער שניי פאַלט אַלץ און פאַלט!

היינט אינדערפרי האָט זיך, בשעתן אַרויסגיין פון שולע, געטראָפן מיט דעם דאָזיקן שניי אַ מיאוסער פּאָרפאַל. אַ חברה יונגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן מיט קוילן שניי, ווי נאָר זיי זיינען אַרויף אויפן גליטש-פּלאַץ; דער שניי האָט שוין געהאַלטן אין צעגיין, און די קוילן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון אים, זיינען געווען שווער און האַרט ווי שטיין.

אויפן טראָטואַר זיינען געווען אַ סך מענטשן. עפּעס אַ הער האָט אַ געשריי געטון: „אין דער זייט, קליינוואַרג!“ — און אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך געשריי אויף דער צווייטער גאַס, און מיר האָבן דערזען עפּעס אַן אַלטיטשקן, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן צו בייגן, וועלכן דער קאַפּעלוש איז פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן, און וועלכער האָט זיך דאָס פּנים מיט די

העגט פאַרדעקט, און עפּעס אַ יונגל לעבן אים האָט געשריגן:
„הילף! הילף!" — זיינען זיך מענטשן צונויפגעלאָפן פון פאַרשיידענע זייטן, זיי קוקן, און דעם אַלטן האָט געטראָפן אַ שנײ־קויל גלייך אין אויג אַריין.

די יונגלעך זיינען זיך צעפלויגן ווי אַ ווינט. איך בין געשטאַנען פאַר די טירן פון דער בוכהאַנדלונג, און וועלכער מיין טאַטע איז אַריינגעגאַנגען, און געזען ווי פון דאָ און דאָרט זיינען זיך צונויפגעלאָפן טעלעכע פון מיינע קאָלעגעס און אויך שטיין געבליבן, מאַכנדיק זיך, ווי זיי קוקן אויף דער אויסשטעלונג פון די ביכער. עס איז געווען צווישן זיי גאַראָן, מיט זיין געוויינטלעכן שטיק ברויט אין קעשענע, קאָרעטי, דאָס מוירערל און גאַראָפי, דער פון די פּאָסט־מאַרקעס.

דערווייל האָט זיך אַרום דעם אַלטן צונויפגעקליבן אַן עולם מענטשן, און אַ מיליציאַנט און נאָך אַנדערע מענטשן זיינען אַרוםגעלאָפן אין אַלע זייטן, דראָענדיק און פרעגנדיק זיך:

— ווער האָט דאָס געטון? וועלכער פון אייך? דו האָסט געוואָרפן? זאָגט שוין, ווער ס'האָט דאָס געטון? — און זיי האָבן באַקוקט די יונגלעך די הענט, וועלכער ס'האָט נאַסע הענט פון שניי. גאַראָפי איז געשטאַנען צום נאָנטסטן פון מיר. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער ציטערט און, אַז דאָס פּנים איז בײַ אים ווייס, ווי בײַ אַ טויטן.

— ווער האָט געוואָרפן?.. וועלכער פון אייך? — שרייען אַרום אונדז די מענטשן — און דאַמאָלס האָב איך דערהערט ווי גאַראָן האָט איינגערוימט גאַראָפין?

— גיי, זיי דיך מודה! עס וואָלט געווען געמיין פון דיין זייט, ווען דו וואָלסט דערלאָזט מען זאָל פאַרהאַלטן אַן אַנדערן.

— אָבער איך האָב דאָך נישט אומישנע... — האָט אים

גאראַפּי צוריקגעשעפּטשעט, ציטערנדיק ווי אַ בלאַט אויפן ווינט.

— דאָס איז גאָרנישט! טו וואָס דיין חוב איז! — האָט גאראַן איבערגעחזרט.

— אָבער איך האָב דאָך מורא...

— האָב נישט קיין מורא! איך וועל גיין מיט דיר. — און דערווייל האָבן די מיליציאַנטן אַלץ העכער געשריגן:

— ווער האָט געוואָרפן?.. וועלכער האָט געוואָרפן?.. מען האָט אים די ברילן אין אויג אריינגעהאַקט! מען האָט אים בלינד געמאַכט! רוצחים!..

כ'האָב געמיינט, אַז גאראַפּי וועט זיך אין דער ערד אריין באַגראָבן.

— גיי! — האָט אים גאראַן געזאָגט, אַנטשלאָסן אויף אַלעם. — איך וועל דיך פאַרענטפערן!

און אַנבאַפנדיק זיין אָרעם, האָט ער אים אַ שטיפּ געטון פאָרויס, אונטערהאַלטנדיק אים, ווי אַ קראַנקען מיט זיין אייגענעם אָרעם.

האָבן דאָס דערזען מענטשן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, און עטלעכע פון זיי זיינען אָנגעלאָפן מיט אויפגעהויבענע פויסטן. גאראַן אָבער האָט אים פאַרשטעלט מיט זיך און געזאָגט:

— וואָס איז? גאַנצע צען גייט איר אויף איין יונגל?

האָבן זיי זיך באַלד אָפּגעהאַלטן, זיך אָפּגעריקט, און דער מיליציאַנט האָט אָנגענומען גאראַפּין בייַ די האַנט און אים געפירט, אַדורכשטופּנדיק זיך דורכן המון צום געוועלב פון פוטער־געבעקס, וווּ מען האָט געגעבן די ערשטע הילף דעם פאַרוווּנדעטן. דערזעענדיק אים אָציַנד פון דער נאָנט, האָב איך באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דער אַלטער באַאַמטער, וועלכער וווינט בייַ אונדז

אין הויז אויפן פערדן שטאָק מיט זיין איידעס.

— איך האָב נישט אומישנע! — האָט זיך גאַראָפּי געבעטן, אַ האַלב טויטער פון שרעק — איך האָב נישט אומישנע!..

צוויי צי דריי מענטשן האָבן אים אַ שרעקלעכן שמיס געטון, שרייענדיק:

— מיטן קאָפּ אָן דער ערד! בעט אַנטשולדיקונג!

און זיי האָבן אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע.

אין דער רגע אָבער האָבן אים צוויי שטאַרקע אָרעמס אויפגעהויבן, און עס האָט זיך דערהערט אַ מעגלעך קויל:

ניין, מיינע הערן!

דאָס איז געווען אונדזער דירעקטאָר, וועלכער האָט אַלץ געזען.

— אַז ער האָט געהאַט מוט זיך מודה צו זיין — האָט ער ווייטער גערעדט — האָט קיינער נישט קיין רעכט אים צו שטויסן!

אַלע זיינען שטיין געבליבן שטיל.

— בעט אַנטשולדיקונג! — האָט אַצינד דער דירעקטאָר געזאָגט צו גאַראָפּין, וועלכער האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געוויין, אַרומנעמענדיק דעם אַלטנס קני.

און דער אַלטער האָט, אַפּזוכנדיק מיט דער האַנט זיין קאָפּ, אים אַ גלעט געטון איבער די האָר.

דעמאָלס האָבן זיך אָנגערופן גערירטע שטימען:

גיי, יונגל, אַהיים! גיי! גיי אַהיים.

און דער טאַטע מיינער, האָט מיך אָוועקגעפירט ווייטער פון המון און אַזוי מיר אויפן וועג געזאָגט:

— הענריק! און דו וואָלסט אין אַזאַ ענלעכן פאַל געקאָנט

האָבן אַזוי פיל מוט, צו דערפילן דיין חוב און זיך מודה צו זיין אין דער שולד.

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

און דער טאַטע:

— גיב־זשע מיר, זון מיינער, דאָס וואָרט פון אַן ערנטלעכן און ערנהאַפטן יונגל, אַז דו וועסט אַזוי טון.

כ'גיב דיר דאָס וואָרט, טאַטע מיינער!

. . . .

אינדערהיים באַם פּאַרוואונדעטן.

און דעם אַלטן באַאַמטנס קליינער שוועסטערן־זון, דעם, וואָס גאַראָפי האָט אים דאָס אויג מיט דער קויל שניי פאַרוואונדעט, האָלט זיך דערווייל אויף באַ דער לערערין מיט דער רויטער פעדער אויפן קאַפעלוש.

איך האָב אים היינט געזען אינדערהיים באַ זיין פעטער. ער האָט אים אַזוי ליב, ווי אַן אייגן קינד. איך האָב פונקט געהאַט געענדיקט די חודשלעכע דערציילונג אויף דער קומענדיקער וואָך: „דאָס קליינע שרייבערל פון פלאָרענץ", וואָס דער לערער האָט מיר געגעבן איבערצושרייבן, ווען דער טאַטע האָט מיר געזאָגט:

— קום אַרויף אין דער הייך, אויפן פערדן שטאָק, אַ קוק

טױן וואָס עס הערט זיך עפּעס מיטן אויג פון דעם דאָזיקן הער.

זיינען מיר געגאַנגען. אין אַ צימער, ווו ס'איז געווען כמעט אינגאַנצן פינסטער, איז געלעגן דער אַלטער הער, אָדער גיכער — געזעסן אין בעט, אַרומגעלייגט מיט קישנס הויך אונטער די פּלייצעס. צוקאָפּנס אים איז געזעסן זיין פרוי, און אין אַ ווינקעל האָט זיך געשפּילט דער דאָזיקער קליינער שוועסטערן-זון.

דעם אַלטן הערס אויג איז געווען פאַרבונדן.

ער איז זייער צופרידן געווען, וואָס מיין פאָטער איז אַרויפגעקומען. ער האָט אים געבעטן זעצן און געזאָגט, אַז עס איז אים אַ סך בעסער, אַז דאָס אויג, נישט נאָר וואָס ער וועט עס נישט אָנווערן, נאָר עס וועט אים שוין אין עטלעכע טעג אַרום אינגאַנצן געזונט ווערן.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דאָקטאָר, וועלכער האָט באַלד געזאָלט קומען און דאָס אויג באַטראַכטן. ער האָט נאָך נישט געהאַט בעענדיקט, ווי דאָס גלעקל בײַ די טיר האָט אַ קלינג געטון.

— דער דאָקטאָר איז געקומען — האָט די פרוי געזאָגט.

אינדעם עפנט זיך טיר און... ווע־ען איך דערזע! — גאַראָפין, אין זיין לאַנגען פּאַלטנדל, ווי ער שטייט אַזוי אויף דער שוועל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און איז נישט דרייסט אַריינצוגיין.

— ווער איז דאָס? — פרעגט זיך דער קראַנקער.

— דאָס איז דער שילער, וועלכער האָט די קויל שנייגעוואָרפן — זאָגט מיין טאַטע.

— און דער אַלטער הער ענטפערט אויף דעם:

— אָ, אָרים יונגל, קום־זשע דאָ נענטער צו, ביסט געקומען געוויר ווערן, וואָס דער פאַרוואונדעטער מאַכט, אמת? ס'איז מיר בעסער, זיי רויק, בעסער! כמעט שוין אינגאַנצן גוט. קום צו נענטער, קינד!

נאָר גאַראָפּי איז געווען אַזוי צעמישט, אַז ער האָט קוים צוגעטראָפן צום בעט. ער האָט זיך ענדלעך דערנענטערט, איינ־האַלטנדיק די שלאָכצן, און ווען דער אַלטער הער האָט אים בעגלעט און געצערטלט, האָט ער נישט געקענט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט.

— כ'דאַנק דיר! — האָט דער אַלטער געזאָגט. — גיי זאָג דעם טאַטן און דער מאַמען, אַז ס'איז שוין אַלץ גוט, און זאָלן זיי זיך נישט ערגערן.

אָבער גאַראָפּי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, און איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער איז נישט דרייסט. און דער אַלטער הער האָט עס אויך פאַרשטאַנען.

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן? וואָס ווילסטו?

— איך... גאָרנישט.

— נו, זיי־זשע בעזונד, יונגל! צום ווידערזען! גיי געזונ־טערהייט.

גאַראָפּי האָט זיך דערווייטערט צו דער טיר, נאָר ער איז פּלוצלינג שטיין געבליבן און זיך אויסגעדרייט צום קליינעם שוועסטערן־זון, וועלכער איז אים נאָכגעגאַנגען און געקוקט אויף אים נייגעריק.

האָט ער פּלינק עפּעס אַפּערגעצויגן פון אונטערן פּאַלטנדל אַפּער און עס איבערגעגעבן דעם יונגל אין די הענט אַריין, אַ זאָג־טוענדיק:

— דאָס איז פאַר דיר... — און ער איז אַרויסגעלאָפן ווי־ אַן אָפּגעבריטער אונטער דער טיר.

דאָס יונגעלע איז צוגעקומען צום בעט, האַלטנדיק אַ פּע־ קעלע, אויף וועלכן ס'איז אויפגעשריבן געווען: „איך שענק דאָס דיר”. איך האָב אַ בליק געטון אינעווייניק און האָב געזען אַ געשריי געטון פון אַנטשטוינונג: דאָס איז געווען דעם אָרימען גאַראָפּיס באַרימטער אַלבאָם מיט דער זאַמלונג פון די פּאָסט מאַרקעס, דער דאָזיקער אַלבאָם, וועגן וועלכן ער האָט שטענדיק אַזוי פיל גערעדט, אויף וועלכן ער האָט אַלע זיינע האָפנונגען געלייגט, און וועלכער האָט אים אַזוי פיל מי געקאָסט. דער דאָזיקער אוצר איז געווען אַ האַלב לעבן זיינס, און ער האָט אים דאָך אַוועקגעגעבן, דער אָרימער בעבעך, כדי זיין שולד אויסצוקויפן!

. . . .

דאָס קליינע שרייבערל פון פלאָרענץ.

חודשלעכע דערציילונג.

ער איז דורכגעגאַנגען דעם קורס פון דער פערדער קלאַס עלעמענטאַר־שולע. אַ הערלעך פלאָרענטשיקל איז דאָס גע־ ווען, מיט שוואַרצע האָר און אַ ווייס פנימל, דער עלטסטער זון פון אַ געוויסן אייזנבאַן־באַאַמטן, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע און אַ קליינע פּענסיע, און דעריבער געלעבט אין אָרימקייט.

דער פאָטער האָט אים זייער ליב געהאַט. ער האָט אים אַלץ נאָכגעגעבן און איז געווען גוט צו אים. גוט צו אים אין אַלעם, אָבער נאָר נישט אין דעם, וואָס איז נוגע געווען דער שולע. בײַ דעם פונקט איז ער געווען שטרענג און האָט אַ סך געפאָדערט,

וואָרים דאָס יונגל האָט געמוזט ענדיקן די לערע וואָס שנעלער און וואָס שנעלער אָננעמען עפּעס אַן אַמט, כּדי באַהילפיק צו זיין דער פאַמיליע. און עס איז דאָך באַוווּסט, אַז ווער עס וויל שנעל עפּעס אויפטון, מוז ער שווער אַרבעטן און נישט פאַרלירן קיין צייט. איז כאָטש דאָס יונגל האָט זיך געלערנט גוט, האָט אים דער פאָטער סיי־ווי־סיי נאָך אַלץ מער אונטערגעיאָגט, ער זאָל זיך נאָך לערנען, וואָרים ער אַליין איז שוין געווען נישט יונג און זיך געפילט פון דער שווערער אַרבעט פריצייטיק געעלטערט.

פונדעסטוועגן פלעגט ער, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסע צאָל אַרבעט, מיט וועלכער ער איז אַזוי פאַרוואָרפן געווען אין זיין אַמט, אָננעמען נישט ווייניק נאָך זייטיקע אַרבעטן, אַבי צו קענען באַפרידיקן אַלע באַדערפעונישן פון זיין הויז. מערסטנטיילס זיינען דאָס געווען איבערשרייבונגען, אויף וועלכע ער האָט טאָג־טעגלעך אָוועקגעגעבן אַ טייל פון דער נאַכט, און נישט איינמאָל אַזוי אָפּגעזעסן איבער זיי ביזן ווייסן טאָג אַריין.

אין דער לעצטער צייט האָט ער זיך געהאַט אונטערגענומען בײַ אַ געוויסן פאַרלעגער פון צייטונגען און ביכער אָנצושרייבן אויף די שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס ווערן אַרומגעקלעפּט אַרום די אַוועקגעשיקטע פּעקלעך, די נעמען און אַדרעסן פון די אַבאָנענטן; און פאַר יעדע פופציק אַזעלכע פּאַסיקלעך פּאַפּיר, אַדרעסירט מיט גרויסע אותיות, דייטלעך צום לעזן, האָט ער באַקומען דריי לירעס. נאָר די דאָזיקע אַרבעט האָט אים זייער אויסגעמאַטערט און ער האָט זיך אָפּט געקלאָגט אויף איר פאַר זיין פאַמיליע.

— כ׳וועל אָנווערן די אויגן — האָט ער געזאָגט — די אַרבעט אין די נעכט דערשלאָגט מיך.

ביז איינמאָל ריפט זיך אָן צו אים דאָס דאָזיקע עלטערע זונדל זיינס.

— טאַטע, לאָז מיך דאָס טון פאַר דיר! דו, ווייסט דאָך ווי שיין איך שרייב און אין גאַנצן ענלעך צו דיר.

נאָר דער פאָטער האָט געענטפערט:

— ניין, זון מיינער! פריער פאַר אַלעם איז די לערע. דיין שולע איז פיל וויכטיקער, ווי די דאָזיקע פאַסיקלעך פאַפּיער; כ׳וואָלט עס מיר שטענדיק פאַרגעוואָרפן, ווען איך זאָל דיר צונעמען אַפילו איין שעה. איך דאַנק דיר, אָבער איך וויל נישט, און ס׳איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

און דער זון האָט געוווּסט, אַז בא די דאָזיקע זאַכן איז זיך נישטאָ מיטן פאָטער וואָס צו שפּאַרן, און ער האָט זיך נישט איינגעעקשנט.

אָבער אָט ווי אַזוי ער האָט זיך אַן עצה געגעבן. ער האָט גוט געוווּסט, אַז דער פאָטער זיינער ענדיקט דאָס שרייבן האַלבע נאַכט און גייט פון זיין שטיבעלע אין שלאָף־צימער אַריין. דאָס איז ער געווען זיכער. ווען ס׳פלעגט אויפן גרויסן זייגער אויסשלאָגן צוועלף, האָט ער שטענדיק געהערט זיך אָפּריקן דאָס בענקל פון טיש און די פאַמעלעכע טריט פון פאָטער.

א׳ז ער איין נאַכט, אָפּוואַרטנדיק ביז דער פאָטער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, אויפגעשטאַנען שטיל, אָנגעטון זיך און טאַפּנדיק אין דער פינסטער אַריינגעגאַנגען אין דעם דאָזיקן שטיבעלע, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, זיך אנידערגעזעצט בא דער ביורקע, אויף וועלכער ס׳האָט זיך געוויסט דער שטויס פאַפּיר־פּאַסן צוזאַמען מיט דעם אַדרעסן־צעטל, און נישט פיל טראַכטנדיק, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן, נאָכמאַכנדיק פּונקטלעך די האַנטשריפט פון זיין פאָטער.

און דאָס שרייבן איז אים ליב געווען, און ער איז צופרידן געווען, כאָטש ער האָט אַ ביסל מורא געהאַט, און די פאַרשריבענע פּאַסן האָבן זיך געטורעמט פאַר אים. פון צייט־צו־צייט האָט ער

אוועקגעלייגט די פעדער, זיך אריין געכון די הענט, ווידער אָנ־געהויבן צו שרייבן מיט היץ, אָנשטעלנדיק דאָס אויער און לייכט שפּיי־לענדיק.

ער האָט צוגעשריבן ביז זעכציק, פאַרדינט אַ לירע! ער האָט אויפגעהערט, אוועקגעלייגט די פעדער, ווי ער האָט זי גענומען, פאַרלאָשן דאָס ליכט, און אויף די שפּיץ פינגער זיך צוריקגעקערט אין זיין בעט.

דעם טאָג האָט זיך דער פאָטער מיטאָגסצייט געזעצט צום טיש אין בעסטן הומאָר. עס איז אים גאָרנישט, גאָרנישט איינגעפאַלן. וואָרים די דאָזיקע אַרבעט האָט ער אויסגעפירט מעכאַ־נישט, מעסטנדיק זי אויף די שעהן, און אָפט טראַכטנדיק בּאַ איך וועגן עפּעס אַנדערש, נאָר ערשט צומאָרגנס פלעגט ער איבערציילן די פּאַסן.

זיצנדיק אַזוי פריילעך באַם טיש, האָט ער אַ קלאַפּ געטון דעם זון איבערן אַקסל און געזאָגט:

— ע, יולעק! דיין טאַטע איז נאָך אַ בעסערער אַרבעטער, ווי דו האָסט געמיינט! נעכטן אָוונט האָב איך אין צוויי שעה אַ מאַך געטון אויף אַ דריטהלק אַרבעט מער ווי געוויינטלעך! מיין האַנט איז נאָך זיכער, און אויך די אויגן דערפילן נאָך זייער דיוסט.

און יולעק האָט געשוויגן, אַ גליקלעכער, און נאָר אין זיך האָט ער אַזוי געזאָגט: — אָרימער טאַטע! נישט נאָר איך מאַך אים גרינגער די אַרבעס, נאָר איך פאַרשאַף אים פרייד, אַז ער פילט זיך נאָך יונגער און שטאַרקער. ווי גוט דאָס, וואָס מען קען גוטס טון! לאָמיר נישט אָנווערן דעם מוט!

האָט ער אַזוי, אַ גליקלעכער פון זיין ערפאָלג, אָפּגעוואַרט די נאַכט, און ווען ס'האָט אויסגעקלונגען צוועלף, איז ער ווידער־

שטיל אויפגעשטאַנען און ווידער צו דער אַרבעט. און אזוי כסדר דורך אַ סך נעכט, אייבע נאָך דער צווייטער. און דעם פאָטער איז אַלץ נאָך גאָרנישט איינגעפאַלן. איינמאָל נאָר האָט ער, אוועקגייענדיק פון נאַכטעסן, געזאָגט:

— עס איז גאָרנישט צו גלייבן וויפל נאַפט עס גייט אונדז די לעצטע צייט אַוועק אין הויז!

יולעק האָט אַ ציטער געטון, נאָר דער שמועס האָט זיך אויף דעם פאַרענדיקט, און די באַנאַכטיקע אַרבעט איז געגאַנגען ווייטער.

פונדעסטוועגן, איבערייסנדיק אַזוי דעם שלאָף יעדע נאַכט, האָט זיך דאָס יונגל נישט אויסגערוט — איז ער אין־דער־פרי אויפגעשטאַנען אַן אויסגעמאַטערטער, און אין אָוונט האָט ער באַם מאַכן די לעקציעס קוים אָפּן געהאַלטן די אויגן, ביז ער איז אין אַ געוויסן טאָג דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַזוי איינגע־שלאָפן אויפן העפט.

— יונגל! וואָס איז מיט דיר?.. — האָט זיין פאָטער אַ געשריי געטון — צו דער אַרבעט! פאָרויס פּעפּער!

האָט ער זיך אַ טרייסל געטון און ווידער צו דער לעקציע גענומען.

אָבער דעם קומענדיקן אָוונט און שפּעטער איז ווידער געווען דאָס אייגענע. און עס איז אַפילו נאָך ערגער געווען. ער האָט געדרעמלט בײַ די ביכער, איז אויפגעשטאַנען שפּעט, די לעקציעס איז ער איבערגעקומען אַבי־ווי. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אָנגעוווירן דעם גאַנצן חשק צו די למודים.

דער פאָטער האָט אָנגעהויבן אויף אים אכטונג צו געבן, דערנאָך זיך צו פאַרטראַכטן, ענדלעך האָט ער אים אָנגעהויבן פאַרצוואַרפן זיין פוילקייט.

— יולעק! — האָט ער אין אַ געוויסן פרימאָרגן געזאָגט — וואָס איז מיט דיר געשען? דו ביסט שוין נישט דער וואָס אַמאָל. דאָס געפעלט מיר זייער נישט. דאָס ערגערט מיך זייער! באַטראַכט דיך — דו ביסט די גאַנצע האָפענונג פון דער פאַמיליע. איך בין פון דיר נישט צופרידן! פאַרשטייסט?

דער פאָרוואָרף, אַרויסגעזאָגט צום ערשטן מאָל מיט אַזאַ שאַרפן קול, האָט דאָס אָרימע יונגל זייער פאַרטרויערט.

— אמת — האָט ער אַ טראַכט געטון — עס קאָן אַזוי ווייטער נישט גיין. מען דאַרף מאַכן אַ סוף צו דעם דאָזיקן צו־העלפן און אָפּנאַרן...

אָבער נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָט דער פאָטער, אַרויס־גייענדיק פון שטוב, געזאָגט ווי בכיוון זייער פריילעך:

— איר ווייסט? דעם היינטיקן חודש האָב איך פאַרדינט מיט די דאָזיקע אַדרעסן-שרייבן 32 לירעס מער, ווי אין פאַרגאַנ־גענעם! — אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט ער אַרויסגענומען פון שיפלעדל אַ פעקל ציקערלעך, וועלכע ער האָט געקויפט, צו פאַרשאַפן די קינדער אַ ביסל פרייד, צוליב זיין פאַרגרעסערטן פאַרדינסט.

יולעק האָט זיך ווייטער געמאַכט מוט און געזאָגט צו זיך:

— ניין, טייערער פאָטער! איך וועל דיך ווייטער נאַרן, וועל דיר ווייטער צוהעלפן! כ׳וועל די לעצטע כוחות אָנווענדן, כ׳זאָל די לעקציעס פאַרטיק מאַכן איבערן טאָג, און אין די נעכט וועל איך ווייטער אַרבעטן פאַר דיר, פאַר דער מאַמען, פאַר די ברידער...

און דער פאָטער האָט אַזוי ווייטער גערעדט:

— צוויי־און־דרייסיק לירעס מער, דאָס איז נישט קיין קליי־ניקייט! לאָמיר זיך פרייען, קינדער! איינער נאָר פון אייך — דאָ

האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף יולעקן — פאַרשאַפט מיר עגמת-נפש און מאַכט מיך טרויריק.

און יולעק האָט אויסגעהערט דעם פאָרוואָרף שטילשווייגנדיק, שלינגענדיק די טרערן, וועלכע האָבן זיך אים געריסן אין די אויגן אַריין, און איינצייטיק געפילט אין האַרץ אַ גרויסע, גרויסע זיסקייט.

און ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביז פאַרגעסונג. אָבער דאָס בייע מאַטערן זיך צוזאַמען מיט דער פריערדיקער מידקייט זיינען אים וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן איבערצוהאַלטן.

אַזוי האָט די זאַך געדויערט אפשר צוויי ח״שים. דער פאָטער האָט געשטראָפט יולעקן כמעט טאָג טעגלעך און געקוקט אויף אים וואָס אַמאָל אַלץ מיט אַ פיינדלעכערן בליק. ביז ער איז אין אַ געוויסן טאָג געגאַנגען צום לערער, זיך מיט אים דורכשמועסן וועגן דעם, און דער לערער האָט געזאָגט:

— אַדרבה, די לעקציעס מאַכט ער, וואָרים דאָס איז אַן אינטעליגענט קינד; נאָר דעם דאָזיקן לאַנגסטיקן ברען זיינעם צו דער לערע האָט ער שוין נישט. ער דרעמלט אין קלאַס, איז נישט אויפמערקזאַם, איז צעמישט. איבונגען שרייבט ער וואָס אַמאָל קירצערע, אַבי איבערצוקומען, אַבי אָפּגעשמירט. כ׳בין זיכער, אַז ער וואָלט באַ אַ גוטען ווילן געקאָנט גאָר אַנדערש, אַנדערש זיך לערנען!

אין דעם אָוונט האָט דער פאָטער גענומען דאָס יונגל אין אַ זייט אַריין און אַזוי אים געזאָגט מיט אַן ערנסטקייט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכע באַם פאָטער נישט געזען:

— יולעק! דו זעסט דאָך, ווי איך אַרבעט, ווי איך דערקוויק מיר דאָס לעבן צוליב דער פאַמיליע. דו ווילסט מיר פונדעסטוועגן נישט גרינגער מאַכן, דו האָסט נישט קיין האַרץ, נישט פאַר מיר

ניִשט פֿאַר דער מאַמען, ניִשט פֿאַר די ברידער!

— אַך ניין! רעד ניִשט אַזוי, טאַטע! — האָט יולעק אויס־געשריען, אַרויסלאָזנדיק אַ געוויין, און שוין געעפֿנט די ליפּן זיך מודה צו זיין אין אַלעם. אָבער דער פֿאָטער האָט אים איבער־געריסן און געזאָגט:

— דו ווייסט אין וואָס פֿאַר אַ שווערע באַדינגונגען מיר לעבן, ווייסט, אַז כּדי צו קאָנען דורכלעבן, דאַרף מען האָבן דעם גוטן ווילן און די אָפּפּערוויליקייט פֿון אַלע אין דער פֿאַמיליע. ווייסט, אַז איך אַליין האָב געמוזט פֿאַרטאָפּלען מיין אַרבעט. דעם חודש האָב איך מיך גערעכנט אויף הונדערט ליר גראַטיפֿיקאַציע פֿון דער אייזנבאַן־פֿאַרוואַלטונג, און כ'האָב מיך דערוויסט, אַז זיי גיבן ניִשט.

דערהערנדיק דאָס, האָט זיך יולעק אָפּגעהאַלטן פֿון זיין מודה־זיין, כאָטש די ווערטער האָבן זיך אים שוין געריסן פֿון זיין האַרץ, און די ליפּן האָבן אים שוין געציטערט, און אין איין אויגנבליק, באַ־קומענדיק צוריק דעם כּוח פֿון וויל, האָט ער אַליין צו זיך אַזוי געזאָגט:

— ניין, טאַטע! כ'וועל דיר גאָרניִשט זאָגן! כ'וועל ווייטער אַרבעטן אין געהיים פֿאַר דיר. פֿאַר די עגמת־נפֿש, וואָס איך פֿאַרשאַף דיר, וועל איך דיך באַלוינען מיט מיין הילף אין דיין שווערער אַרבעט. אין שולע וועל איך שוין אַזוי אויך איבערגיין העכער. די ערשטע און בעסטע זאַך איז צוצוהעלפֿן דיר אינם אויסהאַלטן אונדז אַלע און פֿאַרגרינגערן דיר די אַרבעט, וועלכע דערשלאָגט דיך!

פֿון דעם שמועס זיינען ווידער אַוועקגעגאַנגען צוויי חדשים. צוויי חדשים פֿון באַנאַכטיקער אַרבעט און טאָג־טעגלעכער מאַטע־רונג, פֿאַרצווייפֿלטע אָנשטרענגונגען פֿון קינד און ביטערע פֿאָר־וואורפֿן פֿון טאַטן. ערגער אָבער פֿון די פֿאָרוואורפֿן איז געווען דאָס, וואָס דער פֿאָטער איז וואָס אַמאָל געוואָרן צו אים קעלטער, אַזוי,

אַז ער פלעגט זיך זעלטן אַמאָל צו אים אָנרופן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ קינד, וואָס איז שוין אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען פאַר זיין הארץ, פון וועלכן מען קען שוין גאָר קיין גוטס נישט דערוואַרטן, און ער האָט אויסגעמיטן אפילו אַ בליק צו טון אויף אים.

יולעק האָט דאָס געזען און געליטן, און ווען דער פאָטער האָט זיך אָוועקגעדרייט פין אים, האָט ער אים נאָכגעשיקט מיט דער האַנט אַן אומדרייסטן קוש, אויפהייבנדיק צו אים זיין בליק, וואָס איז פול געווען מיט אומעט און ליבע. פון דער דאָזיקער אַרבעט און דעם שטענדיקן ליידן האָט ער אָנגעהויבן דאַרן און אַלץ בלייכער ווערן, און וואָס מער כּוח ער האָט אָנגעווירן, אַלץ מער האָט ער געמוזט פאַרנאַכלעסיקן דאָס לערנען. האָט דאָס אומגליקלעכע יינגעלע ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך אָפּזאָגן פון זיין געהיימער אַרבעט, און ער האָט יעדן אָוונט געזאָגט צו זיך:

— די נאַכט וועל איך שוין שלאָפן. כוועל נישט אויפשטיין...

ווי אָבער דער זייגער האָט נאָר געקלונגען צוועלף, האָט ער, אַנשטאָט זיך צו האַלטן ערנסט בּאַ זיין אָנגענומענעם באַשלוס, דערפילט גרויס חרטה. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ליגנדיק אַזוי אין בעט דערפילט ער נישט עפּעס אַ גרויסן חוב, אַז ער רייסט פשוט אַרויס די דאָזיקע לירע בּאַם טאַטן און בּאַ דער פאַמיליע.

און ער איז אויפגעשטאַנען און זיך געטראַכט, אַז סוף כּל סוף וועט זיך דער פאָטער אויפכאַפּן און אים טרעפן בּאַם שרייבן אַז ער וועט זיך דאָך ווען ס'איז כאַפּן, איבערציילנדיק אַלע אָוונט די פּאַסן פּאַפּיר, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און אַזוי אַרום וועט די זאַך באַוווּסט ווערן, און עס וועט זיך פאַרענדיקן בּאַ טיילעך אַלץ, אַליין פון זיך אָן זיין מיטהילף, און אַזוי האָט ער געצויגן ווייטער.

ביז אַ געוויסן טאָג, ווען דער פאָטער האָט אַרויסגעזאָגט, ווי אומישנע, אַ וואָרט, וואָס האָט יולעקן שוין אַנטגילטיק אַנטשלאָסן. דאָס איז געווען אַזוי: די מוטער האָט אַ קוק געטאָן אויף יולעקן, און אַזוי ווי ער האָט איר אויסגעזען נאָך בלייכער, נאָך שלעכטער חי שטענדיק, האָט זי געזאָגט:

— יולעק, ביסט קראַנק, קינד מיינס!.. — און ווענדנדיק זיך צום פאָטער, האָט זי צוגעגעבן: — יולעק מוז זיין קראַנק. זע נאָר, ווי בלייך ער איז! יולעק, מיין טייערער, וואָס איז דיר?

אָבער דער פאָטער האָט נאָר איין בליק געוואָרפן אויף אים און געזאָגט:

— ווער עס האָט אַ שלעכט געוויסן, דער קען נישט זיין געזונט. מיט אַ צייט צוריק, ווען ער איז געווען אַ פלייסיקער שילער און אַ ליבנדער זון, איז נישט אַזוי געווען.

— אָבער ער איז דאָך קראַנק! — האָט די מוטער אויסגערופן.

— דאָס גייט מיך שוין גאָרנישט אָן! — האָט דער פאָטער געענטפערט.

און הערנדיק דאָס, האָט זיך דאָס אָרימע יונגל געפילט, ווי ס'האָלט אים ווער אַ מעסער אין האַרץ אַריינגעזעצט. אָך, ער וועט שוין דאָס לענגער נישט אויסהאַלטן! ער קען נישט! זיין טאַטע... דער טאַטע, וועלכער האָט אַזוי געציטערט, ווען דאָס יונגל האָט נאָר אַ הוסטל געטון... האָט אים, הייסט עס, שוין נישט ליב... עס איז זיך נישטאָ וואָס צו נאַרן. ער איז, הייסט עס, אָפּגעשטאָרבן אין זיין טאַטנס האַרץ...

— אָך, ניין! טאַטע! — האָט זיך דאָס יונגל געזאָגט מיט אַ טויט-פּחד — אַצינד איז שוין זיכער אַלץ געענדיקט, וואָרים

איך קען נישט לעבן אָן דיין ליבע. כ'וועל מיך צוזאמענעמען מיט אַלע כּוחות, כ'וועל דיר אַלץ דערציילן, כ'וועל דיך שוין נישט מער אָפּנארן, כ'וועל מיך לערנען ווי פריער! זאָל זיין וואָס עס וויל, אַבי זאָלסט מיך ליב האָבן, ווי אַמאָל, טייערער מיינער, טייערסטער טאַטעשי. אַצינד בין איך שוין גרייט אויף אַלעם!

אָבער ער איז נאָך די זעלבע נאכט, פון געוווינהייט פּשוט, אויפגעשטאַנען. און ווען ער איז אויפגעשטאַנען, איז ער נאָך איינמאָל געגאנגען אַ קוק טון אין דער שטילקייט פון דער נאכט אויף דעם דאָזיקן קליינעם שטיבעלע, ווו ער האָט אַזוי לאַנג גע־היים געוואַכט און געארבעט מיט אַ האַרץ, וואָס איז איבערגעפולט געווען מיט דער רירנדער פרייד. און ווען ער איז צוגעטרעטן צום טישעלע און אָנגעצונדן ליכט, און דערזען די ריינע, ווייסע פּאַסן, אויף וועלכע ער דאַרף שוין קיינמאָל נישט שרייבן די נע־מען פון די מענטשן און שטעט, די דאָזיקע נעמען, וועלכע ער האָט שוין געקענט אויסנווייניק, איז אים געוואָרן אַזוי שרעקלעך אומעטיק, און ער האָט זיך שנעל געכאַפּט צו דער פעדער, זיין געוויינטלעכע אַרבעט ווידער אָנצוהייבן. אָבער מיט דער באַוועגונג האָט ער אַ שטויס געטון אַ בוך, און דאָס בוך איז אַראָפּגע־פאַלן אויף דער ערד. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטון אין קאָפּ אריין. דער פאָטער האָט זיך געקענט אויסכאַפּן!.. ער וואָלט אים, וואָס אַן אמת, נישט געטראָפן באַ קיין שום שלעכטער זאַך; אדרבה, ער האָט דאָך אַליין באַשלאָסן אים אַלץ צו דערציילן. אָבער פונדעסטוועגן, צו דערהערן זיינע טריט אין דער פינסטערניש... געכאַפּט צו ווערן אַזוי אין דער שטילקייט, אין ד ע ר שעה... אויפצוּוועקן און איבערשרעקן די מאַמען... און אפשר נאָך זען צום ערשטן מאָל דעם טאַטן, ווי ער וועט שטיין בלייבן און זיך פילן שולדיק קעגן אים, ווען ער וועט אַלץ געוווּיר ווערן... באַ דעם געדאַנק איז ער פּשוט פאַרשטיינערט געבליבן. אָבער ער האָט

גאָרנישט געהערט. ער האָט זיך אונטערגעהערט אַ ווײַלע בײַ דער טיר, וועלכע ער האָט געהאַט הינטער זיך — גאָרנישט!

דאָס גאַנצע הויז איז געווען טיף אײַנגעשלאָפן. האָט ער אַלזאָ אָנגעהויבן אײַלנדיק צו שרײַבן, און די פּאַסן האָבן זיך געשטורמט פאַר אים. אַזוי שרײַבנדיק האָט ער געהערט דעם געמאָסטענעם טריט פון דעם שטאָט־וואַכמאַן אין נאָנטן געסעלע, דערנאָך דאָס גערויש פון אַ קאָטש, וואָס האָט פּלוצלינג אויפגעהערט; און אַ ווײַלע שפּעטער דאָס שווערע קלאַפּערײַ פון וועגן, וואָס האָבן זיך געריקט אייגער נאָך דעם צווייטן, און דערנאָך נאָך אַ טיפערע שטילקייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פון צײַט־צו־צײַט דורך אַ ווײַטן בילן פון אַ הונט. און ער האָט געשריבן, געשריבן...

און דערווײַל איז זײַן פאָטער געשטאַנען הינטער אים, אויפגעוועקט דורך דעם קלאַפּ פון אַראָפּגעפאַלענעם בוך. ער האָט אַ געווויסע צײַט געוואַרט, איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטיבעלע אין דער ווײַלע, ווען דאָס קלאַפּן פון די וועגן האָט פאַררוישט זײַנע טריט, און איז געבליבן שטיין דאָרט, מיט זײַן גרויען קאָפּ איבערן טונקעלן קעפּעלע פון זײַן זון, און געזען, ווי די פעדער זײַנע לויפט איבער די פּאַסן פּאַפּיר, און ער האָט אין איין רגע פאַרשטאַנען אַלץ, אַלץ זיך דערמאַנט, פאַרשטאַנען, און אַן אומענדלעך רחמנות און גערירטקייט האָט אים פאַרגאָסן די נשמה, צושמידנדיק אים, אָן אַן אָטעם, הינטער די פּלייצעס פון זײַן זון־ ביז יולעק האָט פּלוצלינג, אַן איבערגעשראָקענער, אַ געשריי געטון. צוויי אָרעמס האָבן אַרומגענומען זײַן קאָפּ מיט אַ פעסטער אַרומאַרמונג.

— אָ טאַטע, טאַטע, זײַ מיר מוחל! — האָט דאָס יונגל אויסגערופן פון געוויין, דערקענענדיק דעם פאָטער.

— דאָס זײַ דו מ י ר מוחל! — האָט דער פאָטער געענט־

פערט, שלאָכצענדיק און באדעקנדיק מיט קושן זיין שטערן. — איך האָב פארשטאַנען אַלץ, ווייס אַלץ, און דאָס פארלאַנג אי ך אַז דו זאָלסט מ י ר מוחל זיין, הייליק קינד מיינס! קום, קום אין מיינע אָרעמס!

און ער האָט אים אויפגעהויבן און אויף די אָרעמס אַריינ-געטראָגן צום בעט פון דער אויפגעוואַכטער מוטער, אים אַריינגע-וואָרפן אין אירע אָרעמס און געזאָגט:

— גיב אַ קוש דעם דאָזיקן מלאכישן קינד, וועלכער שלאָפט שוין נישט וויפל חדשים און אַרבעט דורך די נעכט פאַר מיר.

און איך האָב פארביטערט זיין האַרץ, אים, וועלכער האָט פאַרדינט אויף ברויט פאַר אונדז...

די מוטער האָט אים צוגעדרוקט צום האַרץ, נישט קענענדיק אויסרעדן קיין וואָרט פון גרויס געריירטקייט, נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— שלאָפן, טייער קינד, שלאָפן!.. טראָג אים אַריין אין זיין בעטעלע...

דער פאָטער האָט אים גענומען אין די אָרעמס, אַריינגעטראָגן אין זיין שטיבעלע, געלייגט אין בעט אַריין, קושנדיק אים און צערטלענדיק, גלייך געמאַכט אים דאָס קישן און אַרומגעהילט מיט דער קאָלדרע.

— כ'דאַנק דיר טאַטע, כ'דאַנק דיר! — האָט יולעק איבער-געחזרט. — גיי דו אויך שוין שלאָפן! גיי, טאַטע! אַ גוטע נאַכט!

אָבער דער פאָטער האָט אים געוואָלט זען אַ שלאָפנדיקן, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט בײַ זיין געלעגער, גענומען זיין האַנט און געזאָגט:

— שלאָף, זונדעלע, שלאָף!

יולעק איז אַ מידער איינגעשלאָפן און געשלאָפן לאַנג

מיט דעם ע״שטן, נאָך אַזוי פיל חדשים, שטילן און רויִקן שלאָף... און חלומות האָט ער געהאַט ליבע, פריידיקע, שמייכלענדיקע. און ווען ער האָט די אויגן אויפגעעפנט און די זון איז שוין געווען גענוג הויך אויפן הימל, האָט ער פריִער דערפילט און נאָכדעם דערזען, דאָ לעבן זיין ברוסט, אויפן ברעג פון בעטעלע דעם גרויען קאָפּ פון זיין פאָטער, וועלכער האָט אַזוי פאַרברענגט די גאַנצע נאַכט, און איז נאָך געשלאָפן מיטן שטערן אָנגעשפאַרט אָן האַרץ פון זיין זון.

. . . .

דער כּוח פון ווילן.

מיטוואָך, דעם 28-טן.

נאָר איין סטאַרדי פון אונדזער קלאַס, וואָלט כּוח געהאַט צו טון דאָס, וואָס דער קליינער פלאָרענטשיק האָט געטון!

היינט אינדערפרי זיינען פאָרגעקומען צוויי זאַכן אין שולע. ערשטענס: די גוואַלטיקע פרייד פון גאַראָפין, וועלכן מען האָט צוריקגעשיקט זיין טייערן אַלבאָם, און נאָך מיט אַ צולאָג פון צוויי זעלטענע מאַרקעס פון גוואַטעמאַל, וועלכע ער האָט טאַקע אַרומגעזוכט שוין דריי חדשים; און צווייטנס דאָס, וואָס האָט אונדז אַלע אַנטשטויסנט: סטאַרדי האָט באַקומען דעם צווייטן מעדאַל און איז געוואָרן, נאָך דעראָסן, דער ערשטער שילער פון דער גאַנצער קלאַס. מיר זיינען שרעקלעך פאַרוווּנדערט געווען פון דעם! ווער וואָלט זיך דאָס געוווּסט געערעכט אָקטאָבער-צייט, ווען דער פאָטער האָט אים געבראַכט צו פירן אין שולע אַריין, אָנגעטון אין דעם דאָזיקן גרינעם קורצן רעקלע, און געזאָגט צום לערער:

— דער הער וועט מוזן האָבן אַ סך געדולד צו אים וואָרים ער איז טעמפּ, עס איז אים זייער שווער עפּעס צו פאַרשטיין.

מיר האָבן אים אַלע גערופן: „שעפּסן-קאָפּ", און ער: — אָדער איך וועל שטאַרבן, אָדער איך וועל זיגן! — און זיך באַלד גענומען צו דער לערע אויף טויט און לעבן.

ער האָט זיך געלערנט באַטאָג, געלערנט באַנאַכט, געלערנט אין דער היים, געלערנט אין שולע, געלערנט אַפילו אויפן שפּאַציר, צו אַמענדריקנדיק די ציין און די פויסטן, ווי אַ געדולדיקער אָקס, וי אַן איינגעשפּאַרט אייזל, און געגאַנגען אַזוי טאָג-בא-טאָג, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די צו-נעמען, וואָס מען האָט אים געגעבן, באַשענקענדיק מיט דער פויסט די, וועלכע האָבן אים געשטערט, און ער האָט אַלע איבערגעיאָגט און אַלע אויסגעמיטן, אַ חוץ דעראָסין, דער דאָזיקער עקשנדיקער קאָזשאָל! ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין שישקע אַריטמעטיק, זיינע איבונגען זיינען כּול געווען מיט אַזוי פיל גאַרישקייטן, אַז מען האָט זיך געקענט האַלטן באַ די זייטן פאַר געלעכטער, ער האָט נישט געקענט קיין דריי שורות נאָכזאָגן אויסנווייניק, און אַצינד מאַכט ער אויפגאַבן, שרייבט אָן גריזן, און די לעקציעס קלאַפּט ער אָפּ ווי אַ מאַשין!

און דעם אייזערנעם ווילן זיינעם דערקענט מען אָן זיין גאַנצער געזעצטער פיגור, אָן דעם פירקאַנטיקן קאָפּ, כּמעט אָן אַ האַלדז, אָן די דאָזיקע קורצע און גראָבע הענט, אָן דעם רויען קול.

ער לערנט זיך פאַרביסן, אַפילו פון שטיקלעך צייטונגען, אַפילו פון די טעאַטער-אַפישן, און ווי ער קלויבט נאָר צונויף אַ צען סאָלדעס, קויפט ער זיך באַלד אַ ביכל. ער האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט אַ שיין ביבליאָטעקל, און אַמאָל, אין אַ רגע פון גוטן הומאָר, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ער וועט מיך אַריינבעטן, איך זאָל עס באַקוקן.

איבעריקנס, ער רעדט נישט צו קיינעם, שפּילט זיך נישט

מיט קיינעם, און ווען דו זאָלסט נישט אַ קוק טון, זיצט ער שטענדיק, אונטערגעשפּאַרט מיט די פויסטן אונטער די שלייפן, אויבנאויפגלעך, ווי אַ שטיק שטאָם, וואָס שטעקט פון דער ערד אַרויס, און הערט אויס דעם לערער.

ווי ער האָט דאָס געמוזט האָרעווען, דער אָרימער סטאַרדי!

דער לערער איז היינט געווען אין אַ שלעכטן הומאָר און אויפגערעגט, דאָך האָט ער, געבנדיק אים דעם מעדאַל, געזאָגט:

— בראַוואָ, סטאַרדי! ווער עס האָט געדולד, דער זיגט!

סטאַרדי האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געמאַכט פון דעם מעדאַל; ער האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געטון, און ווי נאָר ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט אים צו זיין באַנק, האָט ער זיך באַלד אונטערגעשפּאַרט מיט די פויסטן אונטערן קאָפּ און געבליבן זיצן נאָך אומבאַוועגלעכער ווי פריִער.

אָבער דאָס גרעסטע געלעכטער איז געווען בײַם אַרויסגיין, וואָרים עס האָט געוואַרט אויף אים דער פאָטער — וועלכער איז אַ פריזירער — אויך אַזאַ קורצער און דיקער, ווי ער, מיט אויך אַזאַ פיר־קאַנטיק פּנים און אויך אַזאַ רוי קול. ער האָט זיך נישט גערעכנט אויף דעם מעדאַל און האָט נישט געוואָלט גלייבן, ביז דער לערער האָט אים נישט פאַרזיכערט, און דעמאָלס האָט ער אָנגעהויבן לאַכן פאַר פרייד און אַ פליאַסק־געגעבן דעם זון איבערן קאַרק, שרייענדיק מיטן גאַנצן כּוח:

— האָסטו דיך דאָס אַביסל אויסגעצייכנט, טייערער חמור־קאָפּ, מיינער! אַ זאָל־זשע דיך! — און ער איז שטיין־געבליבן, ווי פאַרשטיינערט, קוקנדיק אויף אים און שמייכלענדיק.

האָבן מיר ענדלעך אַלע אָנגעהויבן צו שמייכלען, חוץ אייך סטאַרדין, וועלכער האָט שוין געמורמלט אונטער דער נאָז, איבערחזרנדיק זיך די לעקציע אויף מאָרגן אינדערפרי.

• • • • • • • • • • • • • •

יאַנואַר

דער פּאַרטרעטער.

מיטוואָך, דעם 4־טן.

מײַן מאַמע איז באַרעכטיקט געווען! דער לערער איז געווען אין אַ שלעכטן הומאָר, ווייל ער איז געווען נישט געזונט. שוין דריי טאָג קומט צו אונדז אין קלאַס אַריין אויף זיין אָרט אַ פּאַרטרעטער, דער קליינער, אָן די וואָנסעס, וועלכער וואָלט אַליין געקענט פאַר אַ שילער פאַררעכנט ווערן.

אַ מיאוסע זאַך האָט זיך היינט אינדערפרי בײַ אונדז געטראָפן. די קלאַס האָט באַלד דעם ערשטן און צווייטן טאָג אַזוי געליאַרמט, אַז עס איז אַזש אַ מורא געווען, וואָרים דער פּאַרטרעטער איז זייער אַ ווייכער; ער בעט זיך נאָר אַלץ איבּיינעם: — שטיל! שטיל! שטיל, בעט איך!

נאַטירלעך העלפט דאָס נישט!

אָבער היינט איז שוין טאַקע נישט געווען אויסצוהאַלטן. אַזאַ ליאַרם, אַזאַ געשריי, אַז מען האָט נישט געקענט קיין איין וואָרט פון דער לעקציע הערן, און דער פּאַרטרעטער האָט אַלץ איבּיינעם זיך געבעטן: שטיל! און שטיל! ביז ער איז אַזש הייזעריק געוואָרן.

דער דירעקטאָר, אַזוי ווי ער דרייט זיך אָפט איבער די קאָרידאָרן, האָט זיך צוויי מאָל פאַרהאַלטן פאַר דער טיר פון אונדזער קלאַס און אַריינגעקוקט. דאַמאָלס איז שטיל געוואָרן! אַזוי ווי ער איז אָבער נאָר פאַרשוווּנדן געוואָרן פון די אויגן, איז באַלד געוואָרן אַ יריד, אַז די אויערן זיינען געשוואָלן געוואָרן. אומ־זיסט האָבן גאַראָן און דעראָסי איינגעשטילט זייערע חברים, דריי־ענדיק זיך אויף אַלע זייטן, מאַכנדיק מיט די הענט צו זיי, זיי

זאָלן זיך איינשטילן, אַז עס איז אַ חרפּה זיך אַזוי אויפצופירן אין
שולע. קיין איינער האָט זיך נישט געמאַכט דערפון. איין סטאַרדי-
נאַר איז געזעסן רויִק, ווי שטענדיק, אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע
עלנבויגנס און מיטן קאָפּ אויף די פויסטן, טראַכטנדיק אַוודאי-
וועגן זיין הערלעכער בוכהאַנדלונג; און אויך גאַראָפּ, דער פון
אַלבאָם מאַרקעס, מיט דער סאָווע-נאָז, איז אויך געזעסן שטיל,
באַשעפטיקט מיטן אויסשרייבן בילעטן, צו צוויי גראָשן אַ שטיק,
וואָרים ער האָט גראָד אויסגעפּלעט זיין טאַשן-טינטאָרן.

אַנדערע האָבן געפייפט און אַלעמאָל אַרויסגעזועצט מיט אַ
געלעכטער, געהאַקט מיט די פעדער-קעסטעלעך אָן די בענק און
געוואָרפן זיך מיט אַזעלכע קיילעכלעך, געמאַכט פון אויסגעשריבן
פּאַפּיר, באַנוצנדיק אַלס ביקסלעך די גאָמענע פּאַסקעס פון זייערע
הויזן. דער פּאַרטרעטער האָט אַפּערגענומען דאָ איינעם, דאָ אַ
צווייטן פון הינטער דער באַנק, אים געטרייסלט, און איינעם אין
ווינקל אַריינגעשטעלט. אָבער דאָס האָט אויך גאָרנישט געהאָלפן.
איז, נישט וויסנדיק שוין, וואָס צו טון, האָט ער זיך ווידער אָנ-
געהויבן צו בעטן:

— און צוואָס טוט איר דאָס? פאַרוואָס? ווילט איר אומ-
באַדינגט איך זאָל מיך בייזערן אויף אייך?

און געבנדיק אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אָן טיש, האָט ער גע-
שריגן מיט אַ שרעקלעך צאָרנדיקער און וויינענדיקער שטימע
צוזאַמען:

— שטילער! שטילער! שטילער!

ס'איז שווער געווען אים צו הערן.

אָבער דאָס גערויש האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט. פּראַנט-
האָט אים אַ וואָרף-געטון אַ פּאַפּירענע פייל, אַנדערע ווידער האָבן
אָנגעהויבן צו מיאַוטשען, ווי קעץ, אַ טייל האָבן זיך געריסן בײַ די
קעפּ; עס האָט זיך געמאַכט אַ בהלה נישט צום באַשרייבן, און דאָ

איז פלוצלינג אַריינגעקומען דער שווייצער און געזאָגט:

— הער לערער, דער הער דירעקטאָר בעט צו זיך!

דער פאַרטרעטער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען, מאַכנדיק אַ באַוועגונג פון פאַרצווייפלונג. און דאַמאָלט איז געוואָרן אין קלאַס אַן אמתדיק גהינום.

פלוצלינג איז גאַראָן אויפגעשפרונגען מיט אַ שטרענג פּנים, און צוזאַמענדריקנדיק די פויסטן, און שרייענדיק מיט אַ פאַרשטיקטן קול פון כּעס:

— גענוג שוין! בהמות! איר האָט אייך צעלאָזט דערפאַר, ווייל ער איז אַ גוטער, ער זאָל אייך איבער די קעפּ געבן, וואָלט איר זיך צו אים ווי די הינט געחנפט. אַ נידערטרעכטיקע באַנדע זענט איר, נישט קיין יונגלעך! דעם ערשטן, וועלכער וועט נישט האָרכן, וועל איך באַם אַרויסגיין אָפּוואַרטן און אים די ציין אויסברעכן, וועט אַפילו זיין אייגענער טאַטע מעגן דערביי זיין!

אַלע זיינען שטיל געבליבן.

אָך, ווי שיין גאַראָן האָט אויסגעזען מיט די דאָזיקע אויגן זיינע, וואָס האָבן געוואָרפן פונקען און פלאַמען, ווי אַ יונגער לייב, אַ צעהיצטער. איך האָב אַ בליק געוואָרפן אויף די גרעסטע שרייערס: אַלע האָבן געהאַט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ווען דער פאַרטרעטער האָט זיך אומגעקערט מיט רויט-געוואָרענע אויגן, איז שוין געווען אַזוי שטיל, אז קיין איינער האָט אַפילו קיין זשיפּ נישט געטון.

ער איז שטיין געבליבן, ווי אַ סלופּ. נאָר זעענדיק, ווי גאַראָן שטייט נאָך אויף דער באַנק, אַ פאַררייטלטער און ציטערנדיקער, האָט ער פאַרשטאַנען, און געזאָגט מיט אַזאַ גערירטער שטימע, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ ברודער:

— כ'דאַנק דיר, גאַראָן!

. . . .

סטאַרדיס בוכהאַנדלונג.

כ׳בין היינט געװען בײַ סטאַרדין, װעלכער װױנט קעגניבער דער שולע. איך בין אַזש איפּערזיכטיק געװאָרן אויף אים, איך האָב דערזען זיין בוכהאַנדלונג. זי איז נישט זייער רייך, װאָרום ער האָט נישט קיין סך געלט אויף קיין ביכער; אָבער עס אַ נחת צו זען אין װאָס פאַר אַן אָרדנונג ער האַלט זיינע שול-ביכער, די, װעלכע ער באַקומט אַלס מתנה פון זיינע עלטער יעדן גראָשן באַהאַלט ער און טראָגט אים אַװעק דעם בוכהענדלער! אַזוי אַרום האָט ער זיך שוין אָנגעזאַמלט אַ קליין ביבליאָטעקל, און װען דער פאָטער האָט באַמערקט זיין ליבע צו דעם, האָט ער אים געקויפט שרעגעלעך פון ניסן-האָלץ און אַ גרין פאָרהענגעלע, און האָט אים געגעבן איינצובינדן אַלע ביכער אין שיינע קאָלירטע בינד. און אַצינד, אַז ער גיט אַ ציִ בײַם שנירעלע, צעריקט זיך דאָס פאָרהענגעלע, און ס׳באַװײַזן זיך דריי שורות פאַרשיידנקאָלירטע ביכער, אַלע אין אָרדנונג, בלישטשענדיקע, מיט געגילטע טיטלען אויף די ריקנס: דערציילונגען, רייזע-באַשרייבונגען, פּאָעזיע; טייל אַפילו מיט אילוסטראַציעס.

און ווי שיין ער קען זיי אויסשטעלן. די הייס-געבונדענע לעבן די רויטע, די געלע לעבן די שװאַרצע, די בלויע לעבן די װייסע, אַזוי, אַז עס איז נישט מעגלעך דאָס אויג אָפּצורייסן. און אַלע מאָל טוישט ער זיי איבער, שטעלט זיי אויס אַנדערש, און װאָס אַמאָל שענער. ער האָט אויך אַ קאַטאַלאָג געמאַכט, פּונקט װי אַן אמתער ביבליאָטעקאַר. און שטענדיק געפינט ער זיך שוין עפּעס אַרום די דאָזיקע ביכער צו טון; ער קלאַפּט זיי אָפּ פון שטויב,

באַקוקט די טעװעלעך. עס איז װערט צו זען, װי אײדל ער עפנט זײ אויף מיט די דאָזיקע גראָבע, קורצע הענט זײַנע. בלאָזנדיק צװישן די בלעטלעך. ער האָט זײ שוין גאַנץ לאַנג און זײ זען נאָך אַלע אויס אײנגאַנצן, װי נײַ. און איך, װיפל ביכער האָב איך שוין איבער דער צײַט צעריסן!

פאַר אים איז דאָס קויפן פון יעדן נײַעם בוך כמעט אַ יום־טוב. ער גלעט עס אַזױ, שטעלט עס אַזױ אײַן, נעמט עס אַזױ װידער אַרויס, צו קוקן דערויף, באַגײט זיך דערמיט, װי מיט אַ טײַערסטן אוצר. אַ גאַנצע שעה האָט ער מיך אַזױ מיט די דאָזיקע ביכער געװײַלט. די אויגן האָבן מיר אַזש װײ געטון פון לײַנען.

דערנאָך זײַנען מיר אַרײַנגעגאַנגען אין צימער צו זײַן פאָטער, װעלכער איז אויך אַזאַ קורצער און דיקער, װי דער זון, און מיט אויך אַזאַ גרױסן קאָפּ, װי ער. דער פאָטער האָט אים אַ קלאַפּ געגעבן אַ צװײ, דרײַ מאָל אין קאַרק אַרײַן און געזאָגט מיט זײַן גראָבער שטימע:

— װאָס זאָגסטו עפּעס, הע, צו דעם דאָזיקן פאַרהאַקטן מוח? דאָס איז אַ מוח, װאָס װעט נאָך נישט אײן זאַך דערגרײכן, איך האַפט דיר! — האָט ער זיך אַלײן געענטפערט.

איך װײס נישט, נאָר איך בין עפּעס נישט דרײסט זיך צו שפּילן מיט אים און צו שפּאַסן; עס לאָזט זיך מיר גאָרנישט גלײבן, אַז ער זאָל נאָר עלטער זײַן פאַר מיר מיט אײן יאָר. און װען ער האָט מיר באַם אַרויסגײן געזאָגט: „איך געזעגן זיך", האָט װײניק װאָס געפעלט איך זאָל אים ענטפערן! — זײַט געזעגנט,

היכגעשעצטער הער! — אזוי דערוואַקסן האָט ער מיר שוין אויסגעזען מיט דעם דאָזיקן ערנסטן פּנים זיינעם.

האָב איך אַזוי געזאָגט דעם טאַטן, ווען איך בין צוריקגעקומען אַהיים:

— איך פאַרשטיי נישט! סטאַרדי האָט דאָך נישט אַזעלכע באַזונדערע פעיִקייטן, איז נישט שיין, זעט אויס כּמעט קאָמיש, און פונדעסטוועגן געפעלט ער מיר.

און דער טאַטע האָט מיר געענטפערט:

— ער געפעלט דיר, וואָרים דאָס איז אַ יונגל מיט כאַראַקטער.

האָב איך ווידער געזאָגט:

— אין פאַרלויף פון דער שעה, וואָס איך בין געווען דאָרט בא אים, האָט ער נישט אַרויסגערעדט אַפילו קיין פּופּציק ווערטער, האָט מיר נישט געוויזן קיין איין שפּילעכל, האָט זיך נישט צעלאַכט קיין איין מאָל, און ס'איז מיר פאָרט מיט אים גוט געווען.

און דער טאַטע מיינער האָט געענטפערט:

— ווייל דו שעצסט אים.

. . . .

דעם קאָוואַלס זונדל.

יאָ, איך שעץ דאָך אָבער פּרעקאָשין אויך, נאָך מער אַפילו ווי שעצונג פיל איך צו פּרעקאָשין, דעם קאָוואַלס זונדל, דעם דאָזיקן אָרימענקען, וואָס האָט אַזאַ אומעטיקן, ליבן בליק, אַזאַ אונטערטעניקע מינע אויפן פּנים, און שרעקט זיך אַזוי שטענדיק, אַז ער זאָגט יעדן: „אַנטשולדיקט“, און לערנט זיך אַזוי גוט, כאָטש ער איז אַ קרענקלעכער. זיין פאָטער קומט אָפט צוריק אַהיים גלייך

פון שענק און שלאָגט אים, נישטוויסנדיק פאַרוואָס, און וואַרפט די העפטן זייגע און ביכער אויף דער ערד. און ער קומט אין שולע אַריין מיט בלויע צייכנס אויפן פנים, און נישט איינמאָל פאַרשוואָלן, מיט רויטע אויגן פון וויינען. אָבער ער וועט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט דערלויבן עס זאָל אים ווער זאָגן, אַז דער פאָטער שלאָגט אים.

— דער טאַטע האָט דיך שוין ווידער אָנגעהרגעט! — זאָגן אים די חברים.

און ער שרייט באַלד: — נישט אמת! נישט אמת! — עס זאָל זיך כלומרשט קיינער נישט דערוועגן זיין פאָטערס ערע אָנצורירן.

— דעם דאָזיקן בויגן האָסטו דאָך מסתם אַליין נישט פאַרברענט? — זאָגט אים דער לערער, אָנווייזנדיק אויף אַ האַלב-פאַרברענטן בויגן.

— אַדרבה, דאָס האָב איך! — ענטפערט ער אויף דעם מיט אַ ציטערדיקע שטימע — ער איז מיר אַרייגעפאַלן אין פייער און...

און אַלע ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָס האָט זיין פאָטער אַ קאָפּ געטון אַזוי שטורעמדיק דעם טיש, אויף וועלכן דאָס יונגל האָט געשריבן, אַראָפּוואַרפנדיק אַלץ צוזאַמען מיטן ברענענדיקן לאָמפּ. וואָרים זיי וויסן אין בוידעם-שטיבל, אין אונטערער הויז, אויפן צווייטן שטאָק, און די הויף-סטרוזשין דערציילט מיין מאַמען אַלץ. מיין שוועסטער סילווע האָט איינמאָל געהערט, ווי ער האָט געשריגן פון גאַנעק אַראָפּ, אַז דער פאָטער וויל אים אַראָפּוואַרפן פון די שטיגן, ווייל ער האָט אים געבעטן געלט אויף אַ גראַמאַטיק. וואָרים דער פאָטער איז אַזעלכער, וואָס האַלט נאָר אין איין בראָנפן טרונקען, ער אַרבעט נישט, און די פאַמיליע זייגע ליידט הונגער. וויפל מאָל קומט פרעקאָשי אָן איבערבייס, און עסט הערשט גאַהאַלטענערהייט דאָס, וואָס גאַראָן גיט אים, אָדער אַן עפּעלע, וואָס די קליינע לערערין

מיט דער רויטער פעדער ברענגט. ער איז טאַקע געווען איר שילער נאָך אין דער איינטריט־קלאַס. אָבער עס האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז ער זאָל אַמאָל זאָגן: כ'בין הונגעריק, מיין טאַטע גוט מיר נישט קיין עסן — קיינמאָל נישט!

דער קאָוואַל טרעט אַמאָל אָפּ נאָך אים, ווען ער געפינט זיך צופעליק ערגיץ נישט ווייט פון דער שולע. ער איז אַן אויסגעבלייכטער, וואַקלט זיך אויף די פיס, מיט אַן אומעטיק פּנים, מיט האָר, וואָס פאַלן אים אַריבער איבער די אויגן און מיטן היטל אויף דער זייט קאָפּ; דאָס אָרימע יונגל ציטערט אינגאַנצן, ווען ער דערהערט אים אַזוי אויף דער גאַס, ער לויפט אים אָבער באַלד אַנטקעגן מיט אַ שמייכל, און דער פאָטער זעט אים אַפילו נישט, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנדערש.

אָרימער פּרעקאָשי! ער גייט זיך צענויף, ווי ער קען נאָר, די צעריסענע העפטן; ביכלעך צום לערנען באָרגט ער זיך, דאָס צעריסענע העמדל פאַרשפּילעוועט ער זיך מיט שפּילקעלעך, און עס נעמט אַזש אַן אַ רחמנות צו זען, ווי ער מאַכט גימנאַסטיק אין די דאָזיקע אויסגעדרייטע שטיוועלעך, אין די דאָזיקע אַראָפּפאַלנדיקע הייזעלעך און אין דעם דאָזיקן צו לאַנגען מענאַרקעלע, מיט די אַרבל, וועלכע ער מוז אַזש ביז איבער די עלנבויגנס פאַרבייגן.

און ער לערנט זיך, און באַמיט זיך, און ער וואָלט זיכער געווען דער ערשטער שילער אין קלאַס, ווען ער וואָלט געקענט רויק אַרבעטן אין דער היים.

היינט אינדערפרי איז ער געקומען אין שולע אַריין מיט אַ בייל אויפן שטערן און מיט אַ צעגראַטשעטן פּנים, זיינען די חברים צו אים צוגעפאַלן:

— אַהאַ, ער האָט דיך שיין אויסגעסטרויעט, דיין טאַטע! וועסט דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז דער טאַטע!..

און ער איז רויט געוואָרן, אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק.

און מיט אַ ציטערדיקע שטימע פון אויפרעגונג געשריגן:

— נישט אמת! נישט אמת! מיין טאַטע שלאָגט מיך קיינ־מאָל נישט.

אָבער דערנאָך, אין דער צייט פון די לעקציעס, זיינען אים זיינע טרערן געריגען איבערן שטענדער, און האָט ווער געוואָרפן אַ בליק אויף אים, האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער שמייכלט, מען זאָל גאָרנישט דערקענען אויף אים. אָרימער פּרעקאָשי! מאָרגן דאַרפן קומען צו מיר דעראָסי, קאָרעטי און נעלי; אַזער איך וועל אים זאָגן, ער זאָל אויך קומען. איך וועל אים פארהאַלטן אויף אוונט־ברויט, וועל אים שענקען אַ פּאָר ביכלעך, וועל אים אויך עפּעס אַהיים געבן, און אין קעשענע אַריין וועל איך אים אָנלייגן פרוכטן, ער זאָל זיך כאָטש איינמאָל אַ ביסל פרייען, דער אָרימענקער, ווען ער איז אַזאַ גוטער און העלדישער!

. . . .

ליבע געסט.

דאָנערשטיק, דעם 12־טן.

דער הייַנטיקער דאָנערשטיק איז געווען פאַר מיר איינער פון די ליבסטע טעג אין הייַנטיקן יאָר. דעראָסי און קאָרעטי מיט דעם גערבעלע נעלי זיינען געקומען צו מיר פּונקטלעך, ווי זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, נאָר פּרעקאָשין האָט דער פּאָטער נישט דער־לויבט צו קומען. דעראָסי און קאָרעטי האָבן נאָך געלאַכט פון זייער באַגעגעניש מיט קראָסין, דער גרינהענדלערינס זון, דער מיט דער אָפּגעדאַרטער האַנט און גרויסן, רויטן קאָפּ, וועלכער האָט

געטראָגן אַן אומגעהייער גרויסן הייפּט קרויט צו פאַרקויפן, און האָט געזאָלט נאָכן פאַרקויפן אים, זיך קויפן אַ פעדער און אַ שרייבפעדל. ער איז געלאָפן פלינק, איז געווען אַזוי פריילעך, וואָרים דער פאָטער זייער האָט פונקט געהאַט געשריבן פון אַמעריקע, אַז ער זאָל זיך רעכטן אויף אים, וואָרים ער וועט אַ ליאַדע טאָג צוריקקומען.

אַך, ווי גוט מיר האָבן זיך דאָס געשפּילט אין פאַרלויף פון די דאָזיקע צוויי שעה! דעראָסי און קאָרעטי — דאָס זענען די פריילעכסטע ווילע־יונגען פון דער גאַנצער קלאַס. מיין טאַטע האָט זיי זייער ליב געקריגן.

קאָרעטי איז געקומען אין זיין ברוינער בלוזע און אין היטעלע פון קאַצן־פוטער.

דאָס איז אַ טייוול נישט קיין יינגל! ער וואָלט כסדר גאָר, עפּעס גערירט, אויסגעשטעלט, איבערגעטראָגן. און כאָטש ער האָט שוין אינדערפרי געהאַט איבערגעטראָגן אַ האַלבן וואָגן האָלץ אין זייער געוועלב אריין, האָט ער דאָך נישט געקענט איינזיצן קיין רגע, נאָר אַרומגעלאָפן איבערן גאַנצן הויז, אַלץ באַקוקט, און גערעדט אָן אויפהער, אַזאַ לייכטער, אַזאַ פלינקער ווי אַ וועווערקע. ער איז באַלד אריין אין קיך, באַלד זיך גע־פרעגט בא דער קעכן, וויפל זי צאָלט אַ צענטנער אָלץ, וואָרום זיין טאַטע פאַרקויפט צו פינפאונפערציק צענטימען. — עס שאַדט אים גאָרנישט דאָס, וואָס ער איז געבויזן און אויפגעצויגן גע־וואָרן צווישן די ביינטלעך האָלץ, וואָרים ער טראָגט אין זיין בלוט און אין זיין האַרץ די איידלקייט — זאָגט מיין טאַטע.

דעראָסי איז אויך מיין טאַטן זייער געפעלן געוואָרן, ווייל ער קען געאָגראַפיע, דאָס דאָזיקע יינגל, ווי דער לערער אַליין; ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און געזאָגט:

— איך זע אַציינד גאַנץ איטאַליע... איך זע די אַפּעניגען,

— איך זע אצינד גאנץ איטאליע... איך זע די אפענינען, ווי זיי ציען זיך אזש ביז צום יאָנישן ים, איך זע די טייכן, ווי זיי פליסן דאָ און דאָרט, איך זע די ווייסע שטעט, שמאָלע אינדזעלען, בלויע בוכטעס, גרינע קעמפעס.

און אזוי האָט ער אָנגערופן זייערע אמתע נעמען, און כסדר, און שנעל, ווי ער וואָלט זיי פון דער מאַפּע אראָפּגעליינט; און מיר, זעענדיק אים אזוי מיט דעם אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט די דאָזיקע העלע קרויזן, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אין דעם בלויען זשאַנטון מיט די געגילדטע קנעפּעלעך, און אַזאַ שיינעם, ווי אַ סטאַ־טוע, זיינען מיר געשטאַנען פאַר אים און באַוווּנדערט אים. אין פאַרלויף פון איין שעה האָט ער זיך אויסגעלערנט אויסנווייניק כמעט דריי זייטן.

און נעלי האָט אַריינגעקוקט אין אים, ווי אין אַ זון, אַן אנטציקטער און דערפרייטער, גלעטנדיק זיך די פאַלבן פון זיין מיאוסן, שוואַרצן פאַרטוך און שמייכלענדיק מיט די דאָזיקע ליכ־טיקע און מעלאַנכאָלישע אויגן.

גרויס פאַרגעניגן האָט מיר פאַרשאַפט דער באַזוך. עס איז מיר געבליבן נאָך אים, ווי עפּעס גאָלדענע פונקעלעך אין האַרץ און אין געדאַנק. און דאָס איז מיר אויך זייער געפעלן געוואָרן, וואָס, אַוועקגייענדיק, האָבן די צוויי גערויקסיקע און שטאַרקע געגאַנגען צווישן זיך דאָס געבעלע און געפירט אים אונטער די הענט, און ער האָט געלאַכט אַזוי, ווי כ'האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען לאַכן.

צוריקקומענדיק אין עס־צימער אריין, האָב איך באַמערקט, ... עס פעלט אויף דער וואַנט דאָס בילדל, וואָס האָט פאַרגעשטעלט דעם געהרבאַטן בלאַזן, ריגאָלעטאָן. און דאָס האָט דער טאַטע גע־האַט אראָפּגענומען, כדי נעלי זאָל עס נישט זען.

• • • • • • • • • • • • • •

אַרויסגעטריבן פראַנטין פון שולע

שבת, דעם 25-טן

גאָר איינער פון אונדז האָט געקענט לאַכן דאַמאָלס, ווען דעראָסי האָט גערעדט וועגן דער לוויה פון קעניג און פראַנטי האָט געלאַכט.

איך האָב אים פיינט! ער איז אַ שלעכט ייִנגל. ווען אַ טאַטע קומט אַמאָל אין שולע אַריין פאַרמסרן זיין זון, פרייט ער זיך; ווען עס וויינט אַמאָל ווער פון אונדז, לאַכט ער פון אים.

פאַר גאַראָנען ציטערט ער, ווייל ער איז אַ שטאַרקער, אָבער דאָס מוירערל שטויסט ער און קנייפּט: ער האָט דאָך אַן אָפּגעדאַרטע האַנט; ער לאַכט פון דעראָסין, כאָטש אַלע שעצן אים, מאַכט חוזק פון ראָבעטין, וועלכער האָט געראַטעוועט דאָס קליינע ייִנגעלע, ווייל ער גייט אויף קוליעס. פאַלט אָן אויף אַלע שוואַכערע פון זיך, און ווען עס קומט אַמאָל צו אַ געשלעג, ווערט ער ווילד און עס אַרט אים גאָרנישט, אויב ער צעבלוטיקט אפילו אַ חבר.

עס שיינט אים אַראָפּ עפּעס אַזאַ שלעכטקייט פון דעם דאָזיקן נידריקן שטערן זיינעם, פון די דאָזיקע לויפנדיקע, מאַטנע אויגן, וועלכע באַהאַלטן זיך כמעט אינגאַנצן אונטערן צעראַטענעם דאַשיק פון זיין היטל. ער האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא, לאַכט אין פנים אַריין דעם לערער, כאַפּט וואָס ער קען, שטעלט זיך ענטקעגן מיט חוצפה, רייסט זיך שטענדיק אַרום מיט יעדערן, ברענגט מיט מיט זיך שפּילקעס, עמעצן מיט שנאה אַ שטאָך צו טון אונטער דער באַנק: און שניידט זיך און אַנדערע די קנעפּ אָפּ פון די מלבושים און שפּילט אין זיי; זיינע ביכלעך און העפטן זיינען שמוציק, אָפּגעשיילט, צעריסן: די ווירע איז בלויז ציין, די פעדער-האַלטערס צעביסן, די נעגל שוואַרץ, דאָס אָנטון אויסגעפלעקט און צעריסן פון די טאָג-טעגלעכע געשלעגן.

מען זאָגט, אַז זיין מוטער האָט אָנגעווירן דאָס געזונט צוליב די עגמת-נפש, וואָס זי האָט געהאַט פון אים. אַז דער פאָטער האָט אים טרייבן דריימאָל פון דער היים אַרויסגעטריבן. כ'האָב אויף זיי זייער רחמנות! די מוטער קומט אַמאָל עפּעס געווירערן וועגן זון, אָבער זי גייט שטענדיק אַוועק וויינענדיק.

ווי אזוי קען ער זיין גוט, אז ער האָט קיינעם נישט ליב-האָט פיינט די שולע, האָט פיינט די לערער, ליידט נישט די חברים. דער לערער מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער זעט נישט זיינע הולטאַיִשקייטן, און ער, אַנשטאָט זיך צו פאַרשעמען, ווערט ער גאָר דאַמאָלס נאָך ערגער. דער לערער האָט געפּרוּווט מיט אים מיט גוטן, האָט ער זיך, דער נידערטרעכטיקער, גאָר אויסגע-לאַכט פון אים: האָט ער געפּרוּווט מיט שלעכטן, אים שרעקלעך אָנגעזידלט, האָט ער זיך צוגעדעקט מיט די הענט דאָס פּנים, מיר האָבן אַלע געמיינט, אַז ער וויינט און ער האָט גאָר געפּענקעט פאַר געלעכטער. ער איז איינמאָל דערוויטערט געוואָרן אויף דריי טעג פון שולע, איז ער צוריקגעקומען נאָך חוצפּהדיקער, נאָך צעלאָזטער.

זאָגט אַמאָל דעראָסי צו אים:

— לאָזשע שוין אַמאָל געמאַכט! דו זעסט דאָך, אַז דער לערער האָט עגמת-נפש, אַז ער ליידט צוליב דיר.

און ער ענטפערט אויף דעם;

— שטיל זיי, וואָרים כ'וועל דיר מיט אַ טשוואָק דעם בויך אויפּעפּנען.

ביז ער האָט זיך דערוואַרט, אַז מען האָט אים היינט אינדערפרי, שוין אינגאַנצן ווי אַ הונט אַרויסגעטריבן.

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי. ווען דער לערער האָט געגעבן גאַראָנען דעם ברוליאָן פון דעם „סאַרדינישן פּויקערל“ (וואָרים אַזוי הייסט די חודשלעכע דערציילונג אויף יאַנואַר) איבערצו-שרייבן, האָט פראַנטי אַ וואָרף געטון אויף דער פּאָדלאָגע אַ פּראָך-פּיסטאָן, וועלכער האָט געפּלאַצט מיט אַזאַ קנאַק, ווי אַ קויל פון אַ ביקס. די גאַנצע קלאַס האָט זיך אַ טרייסל געגעבן און דער לערער איז אויפגעשפּרונגען און אַ געשריי געטון:

— פראַנטי! אַרויס פון שולע!

— דאָס האָב נישט איך — האָט דער נידערטרעכטיקער געענטפערט און אומפאַרשעמט געלאַכט.

— אַרויס! — האָט דער לערער איבערגעחזרט.

— עס פאַלט מיר גאָר נישט איין — האָט ער פרעך געענטפערט.

דאַמאָלס האָט דער לערער אָנגעהויבן דאָס געדולד.

איז אויפגעשפרונגען, אים אָנגעכאַפּט באַם אָרעם און אַפּגערגעשלעפּט פון הינטער דער באַנק, און ער האָט זיך נאָך אויסגעריסן, מיט די ציין געקריצט, געקאַפּעט, און מען האָט אים געדאַרפט מיט גוואַלט שלעפּן. דער לערער האָט אים אַרײַנגעטראָגן באַם קאָלנער אַזש ביז צום דירעקטאָר, נאָכדעם האָט ער זיך צוריקגעקערט אין קלאַס, זיך אַנידערגעזעצט בא זיין טישעלע, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט, אַן אָפּגעמאַטערטער, און זיין פּנים האָט אויסגעדרוקט אַזוי פיל זאָרג, אַזוי פיל מידעקייט און טרויער, אַז עס האָט וויי געטון דאָס האַרץ צו קוקן אויף אים.

— נאָך דרייסיק יאָר לערער־זיין — האָט ער טרויעריק געזאָגט, שאָקלענדיק מיט זיין גרויען קאָפּ. קיין איינער פון אונדז האָט נישט קיין פּיפּס געטון. די הענט האָבן אים געציטערט פון כעס, און דאָס גלייכע קנייטשעלע אויפן שטערן איז געווען אַזוי טיף, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי אַ ווונד. אָרימער לערער! אַלע האָבן מיר אויף אים שרעקלעך רחמנות געהאַט! אָבער דעראַסי האָט זיך אויפגעשטעלט און אַזוי געזאָגט:

— הער לערער! זאָל זיך דער הער נישט צום האַרץ נעמען! מיר האָבן ליב דעם הער!

און דעם לערערס פּנים איז אַ ביסל ליכטיקער געוואָרן, און ער האָט געזאָגט:

— צו די לעקציעס, קינדער!

. . . .

קנאה

מיטוואך דעם 25-טן

די אויפגאַבע וועגן פּאָטערלאַנד האָט צום בעסטן אָנגעשריבן דעראָסי. און בײַ דעם האָט זיך וואַטיני שוין גערעכט אויף זיכער צו נעמען דעם ערשטן מעדאַל.

איך האָב וואַטינין ליב געהאַט, כאָטש ער איז אַ פּוסטער און האַלט זיך כּסדר אין איין פּוצן, אָבער אַצינד, ווען איך האָב געזען, זיצנדיק מיט אים אויף איין באַנק, ווי ער איז מקנא דעראָסין, איז ער מיר פאַרמיאוּסט געוואָרן. ער וואָלט אים געוואָלט איבעריאָגן, ער לערנט זיך, באַמיט זיך — און קען זיך דאָך נישט אין קיין שום זאַך צו אים גלייכן, וואָרים דעראָסי וואָלט אים בײַ יעדן געגנ-

שטאַנד צען מאָל פֿאַרקויפֿט. גריזשעט ער זיך די פֿינגער, וואַטיני איך קאַראַל נאָביס איז מקנא דעראָסין, אמת, אָבער ער האָט אַזוי פֿיל שטאָלץ, אַז קיינער זאָל דאָס נישט דערקענען אויף אים.

וואַטיני אָבער פֿאַראַט זיך אַלע רגע, קלאָגט זיך אינדערהיים אויף זיינע באַלן, וואָס ער באַקומט און דערציילט, אַז דער לע־רער איז אומגערעכט קעגן אים. און ווען דעראָסי ענטפֿערט אויף אַ פֿראַגע אַזוי שנעל און גוט, ווי תמיד, פֿאַרכמאַרעט ער דאָס פּנים, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, מאַכט זיך, אַז ער הערט נישט — און נייט זיך צו לאַכן, אָבער דאָס איז נישט קיין אויפֿריכטיק לאַכן. און ווייל אַלע ווייסן דאָס, איז ווי נאָר דער לערער הייבט אָן צו לויבן דעראָסין, קוקן זיי באַלד אויף וואַטינין, וועלכער זעט דאָ־מאָלס אויס, ווי ער וואָלט אַ פֿעפֿער צעקייט, און דאָס מוירערל מאַכט אים אַ האָזן פּיסקעלע.

אָדער כאָטש היינט... דער לערער קומט אַריין און לייגט פֿאָר די באַלן פֿון די עקזאַמענס.

— דעראָסי: צען פֿינפֿן, ערשטער מעדאַל אין קלאַס!

דאָ גיט וואַטיני אַ שאָס אַרויס מיט אַ געלעכטער, דער לערער האָט אַ קוק געטון און באַלד פֿאַרשטאַנען.

— וואַטיני — האָט ער געזאָגט — לאָז נישט צו צו דיר די שלאַנג פֿון קנאה. די שלאַנג עגבערט דעם מוח און פֿאַר־דאַרבט דאָס האַרץ.

האָבן זיך אַלע אומגעקוקט, אַ חוץ דעראָסין.

וואַטיני וויל ענטפֿערן, ער קען נישט. ער זיצט ווי אַ פֿאַר־שטיינערטער און איז אַזש בלייך געוואָרן. הערשט שפּעטער, ווען דער לערער האָט זיך שוין פֿאַרנומען מיט דער לעקציע, קוק איך אַזוי, און מיין וואַטיני שרייבט מיט גרויסע אותיות אויף אַ פֿערטל פּאַפּיר: „כ'בין נישט מקנא די, וועלכע קריגן ערשט מעדאַלן אויף אַן אומגערעכטן אופֿן". ער

האָט געוואָלט דאָס פּערטל שיקן דעראָסין. און דאָ האָב איך באַמערקט, אַז דעראָסיס שכנים איבערגעדרייט עפּעס שעפּטשען צווישן זיך, און איינער האָט אויסגעשניטן מיט א מעסערל אַ גרויסן מעדאַל פון פּאַפּיר, אויף וועלכן ער האָט אויפגעמאָלט מיט טינט אַ שוואַרצע שלאַנג. וואַטיני האָט דאָס נישט געזען. באַלד איז גראָד דער לערער עפּעס אַרויסגעגאַנגען.

דאַמאָלס האָבן זיך דעראָסיס שכנים אויפגעהויבן פון דער באַנק און געגאַנגען פייערלעך שענקען וואַטינין דעם פּאַפּירענעם מעדאַל. די גאַנצע קלאַס האָט געוואַרט אויף אַן אַוואַנטורע. וואַטיני האָט אינגאַנצן געציטערט. פּלוצלינג האָט דעראָסי אויסגעשריגן:

— גיט נאָר מיר דעם מעדאַל!

און זיי:

— גוט! נאָך בעסער! דו אַליין זאָלסט אים שענקען!

דעראָסי האָט גענומען דעם מעדאַל און צעריסן אים אויף קליינע פּיצלעך.

דאָ האָט זיך דער לערער פונקט צוריקגעקערט, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער לעקציע. איך האָב געהאַט וואַטינען אויפן אויג. ער איז רויט געוואָרן פאַר חרפּה, גענומען דאָס פּערטל פּאַפּיר, ווי נישט ווילנדיק, איינגעלייגט עס, אַריינגעלייגט אין מוילצעקייט, און נאָכדעם אויסגעשפּיגן אונטער דער באַנק. באַם אַרויסגיין, האָט וואַטיני, אַ ביסל אַ צעמישטער, אַדורכגייענדיק פאַרביי דעראָסין, אַראָפּגעלאָזט זיין קלעקפּאַפּיר. דער שטענדיק העפלעכער דעראָסי האָט עס אויפגעהויבן, אַריינגעלייגט עס אים אין ביכערטאַש און געהאָלפן אים פאַרציִען די רעמעטלעך.

וואַטיני האָט די אויגן נישט געקענט אויפהייבן.

• • • • • • • • • • • •

דעם ארויסגעטריבענעמס מוטער.

שבת דעם 28־טן.

ער וועט שוין קיינמאָל נישט בעסער ווערן, דער וואטיני! בעכטן, אויף דער לעקציע פון רעליגיע, פרעגט דער לערער, אין בעגנוואַרט פון דירעקטאָר, דעראָסין, צי ער קען פון אויסנווייניק די צוויי שטיקלעך פון אונדזער ביכל מיט די לידלעך, וועלכע הייבן זיך אָן אזוי:

ווו כ׳זאָל מיין בליק נאָר נישט ווענדן,
אומעטום זע איך דיין אַלמאַכט, אָ גאָט...

דעראָסי האָט געענטפערט, אַז ער קען נישט, און וואטיני האָט באַלד אויסגערופן:

— איך קען! — און בייזווילליק אַ שמייכל געטון, צופרידן פון דעם, וואָס ער קען כאָטש איינמאָל דעראָסין אַ פוס אונטער־שטעלן. אָבער עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, און ער האָט דאָס ליד נישט געזאָגט, וואָרים פּראָנטיס מוטער איז פּלוצלינג אריינגעקומען אין קלאַס, אַן אויפגערעגטע, מיט צעשויבערטע, גרויע האָר, און אַ באַשיטע מיט שניי, אונטערשטיפּנדיק פאַר זיך דעם זון, וועלכער איז דערוויטערט געוואָרן פון שולע אויף אַ גאַנצע וואָך. דאָס איז געווען אַ ריינע בילד. די אָרימע פרוי איז אַנידער־געפאַלן כמעט אויף די קני פאַרן דירעקטאָר, צוזאַמענלייגנדיק די הענט, ווי צו אַ געבעט:

— אָ, הער דירעקטאָר, טו מיר די טובה, דערבאַרם דיך, נעם צוריק דאָס יינגל אין שולע אַריין! שוין דריי טעג איז ער־

אינדערהיים, כ׳האָב אים אויסבאַהאַלטן ביז אַצינד, ווי כ׳האָב נאָר געקענט. וואָרים זאָל זיך, גאָט באַהיט, דער פאָטער דערוויסן וועגן אַלעם — ער וואָלט אים דערהרגעט. האָב רחמנות, הער, וואָרים כ׳ווייס שוין אַליין נישט, וואָס כ׳האָב צו טון! מיין לעבן איז אין דיין האַנט, הער!..

דער דירעקטאָר האָט זיך באַמיט אַרויסצופירן די אָרימע מוטער פון קלאַס, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אויפשטיין, ביטער וויינענדיק און בעטנדיק פאַרן זון.

— אָ, ווען דו וואָלסט געוווּסט, הער, וויפיל איך האָב מיך שוין אָנגעליטן פון דעם דאָזיקן יונגל, וואָלסטו רחמנות געהאַט אויף מיר, אומגליקלעכער! זיי אים מוחל נאָך דאָס מאָל, נאָך דאָס איינע מאָל! ער וואָלט געווען פון שטיין, ער זאָל נאָך אַצינד אויך נישט בעסער ווערן... איך האָב שוין נישט לאַנג צו לעבן. איך טראָג דעם טויט אין מיר... און איך וואָלט אַזוי געוואָלט זען פאַרן טויט, אַז ער איז בעסער געוואָרן... — דאָ האָט זי אַרויסגעפּוכעט מיט אַ געוויין — וואָרים דאָס איז דאָך פאָרט מיין קינד, וואָרים כ׳האָב אים ליב, וואָרים כ׳וואָלט דאָך געשטאָרבן פון פאַרצווייפלונג... טו דאָס פאַר אַ ליידנדער מוטער...

און זי האָט, שלאָכצנדיק, זיך צוגעדעקט מיט די הענט די אויגן.

און פראַנטי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק אַן אומבאַוועגלעכער.

האָט דער דירעקטאָר אויף אים אַ קוק געטון, געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך באַקלערט, און נאָכדעם געזאָגט:

— פראַנטי, גיי אויף דיין אָרט.

דאַמאָלס האָט די פרוי אַוועקגענומען די הענט פון פּנים, אַ דערפרייטע, און אָנגעהויבן דאַנקען, נישט לאָזנדיק דעם די־רעקטאָר קומען צום וואָרט, און אויסדרייענדיק זיך צום אַרויס־

גאנג, האָט זי גערעדט איינס אין צווייטן אריין, זיך חישנדיק די־ אויגן.

— זון, געדענק קינד! זייט אים אַלע מוחל! כ׳דאנק די־ נאָכאמאָל, הער דירעקטאָר, וואָס האָסט דיך דערבאַרמט איבער אים... פיר דיך אויף גוט, זון! זייט געזונט, יונגלעך! איך דאנק צום ווידערזען, הער לערער! זייט מוחל אן אָרימער מוטער...

און ווארפנדיק נאָכאמאָל פון דער שוועל א בעטנדיקן בליק אויפן זון, איז זי ארויסגעגאנגען, אויפהייבנדיק די פאטשיילע, וועלכע איז פון איר אראָפּגעפאַלן, א בלייכע, א איינגעבויגענע, מיט א טרייסלענדיקן קאָפּ, און ווען זי איז אראָפּגעגאנגען פון די שטיגן, האָבן מיר געהערט איר הוילן, שווערן הוסט.

דאמאָלס האָט דער דירעקטאָר א קוק געטון דעם יונגל אין פנים אריין, און אין דער טיפער שטילקייט פון דער גאנצער קלאס האָט ער א זאָג געטון מיט א שטימע, פון וועלכער אַלע האָבן א ציטער געטון.

— פראנטי! דו האָסט דערהרגעט דיין מאַמען.

האָבן זיך אַלע אויגן אויסגעדרייט צו פראנטין.

און דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער האָט געשמייכלט...

. . . .

עדמאָנדא דע אַמיטשיס

דאס הארץ

יידיש: שלמה שיינבערג

(באַארבעט פֿאַר דער שול, דורך ש. מענדלסאָן)

III

דאָס פּאַיאַצל

פֿאַרלאַג ח. בזשאָזא
וואַרשע, 1927

Printed un Poland

הילע בעצייכנט: י. טיקאַטשינסקי

Edmundo de Amiczys

SERCE

Wydawnictwo CH. BRZOZA

Warszawa, Leszno 27.

Druk. „Record“ Warszawa, Dzika 18.

פעברואַר.

א פּאַרדינטער מעדאַל.

שבת, דעם 4-טן.

היינט אינדערפרי איז געקומען צעטיילן די מעדאַלן דער דירעקטאָר אַליין, שוין נישט קיין יונגער הער, מיט אַ גרויער באָרד און שוואַרץ געקליידט.

ער איז אַריינגעקומען אין קלאַס צוזאַמען מיטן דירעקטאָר, אַביסעלע פריער פאַרן קלינג אויף פויזע, און האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן לערער. ער האָט אונדז געשטעלט עטלעכע פראַגן, נאָכדעם האָט ער געגעבן דעם ערשטן מעדאַל דעראָסין, איידער, אָבער, ער האָט געגעבן דעם צווייטן, האָט ער אַ חיילע שטילערהייט גערעדט מיטן לערער און מיטן דירעקטאָר.

און בײַ אונדז אַלע האָבן די הערצער געקלאַפּט, און אַלע האָבן מיר זיך געפרעגט מיטן בליק, וועמען ער וועט געבן דעם צווייטן.

און דער רעקטאָר האָט געזאָגט הויך אַזוי: דעם צווייטן מעדאַל פאַרדינט די היינטיקע וואָך דער שילער פּיאָטר פּרעקאָשי; און דאָס איז פאַר די איבונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אינדערהיים, פאַר די לעקציעס אין שולע, פאַר דער, מיט גרויס פלייס געשריבענער, קאַליגראַפיע, פאַר דער אָרנטלעכער אויפפירונג, פאַר אַלץ!

האָבן מיר זיך באַלד אויסגעדרייט מיט די פּנימער, קוקנדיק אויף פּרעקאָשין; און מען האָט געקענט זען, אַז אַלע פרייען זיך.

האָט זיך פּרעקאָשי אויפגעשטעלט אַזוי צעמישט, אַז ער האָט אַליין נישט געוווּסט, ווו ער איז און וואָס עס טוט זיך מיט אים.

— קום אַהער, יונגל! — האָט דער רעקטאָר געזאָגט.

פּרעקאָשי איז אַפּערגעשפּרונגען פון הינטער דער באַנק און צוגעגאַנגען צום לערער-טיש. דער הער רעקטאָר האָט געקוקט אַ ווײַלע מיט מיטגעפיל אויף זיין פּנימל, וואָס איז בלייך, ווי עס וואָלט געווען פון וואַקס, אויף דעם דאָזיקן קליינטשיקן, דאַרעגקן קערפּערל אין די צעקנייטשטע און שלעכט-ליגנדיקע בגדימלעך, אויף די דאָזיקע גוטע, אומעטיקע, פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, פון וועלכע מען האָט געקענט אַרויסליינען די אומעטיקע געשיכטע פון דעם יונגל, און נאָכדעם האָט ער, צושפּילענדיק אים דעם מע-דאַל צום אַקסל, מיט אַ האַרציקער שטימע געזאָגט אַזוי:

— אָט איז דיין מעדאַל, פּרעקאָשי! קיינער איז נישט מער ווערט אים צו טראָגן ווי דו. כ'גיב אים דיר נישט-נאָר פאַר דער לערע און גוטן ווילן, נאָר פאַר דיין גוט האַרץ, פאַר דיין מוט, פאַר דיין כאַראַקטער, פאַר דיין אויפפירונג, וואָס עס וואָלט זיך נישט געדאַרפט שעמען מיט דיר דער בעסטער און שענסטער זון אמת? — האָט ער צוגעגעבן, ווענדענדיק זיך צו דער קלאַס — אויך צוליב דעם איז ער ווערט דעם מעדאַל!

— יאָ! יאָ! — האָבן מיר אַלע איינגעם, ווי מיט איין שטימע געענטפערט אויף דעם.

און פּרעקאָשי האָט אַ שטאַרקן באַוועג געטון מיטן האַלדז ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אַראָפּשלינגען, אַ וואָרף געטון איבער די בענק אַ זיסן בליק, וואָס האָט אויסגעדרוקט די טיפסטע דאַנק-באַרקייט.

— גיי-זשע, טייער יונגל — האָט דער רעקטאָר געזאָגט — און זאָל דיר גאָט צוהעלפן!

דאָ האָט מען שוין אָנגעהויבן קלינגען אויף פּויזע, און דער קלאַס איז די ערשטע אַרויסגעגאַנגען.

ווי נאָר אָבער מיר זיינען אַרויסגעקומען אין קאָריד

וועמען־זשע דערזען מיר? ווער שטייט דאָס באַ דער טיר און וואַרט? פּרעקאָשיס פאָטער, דער קאָוואַל, אַן אויסגעבלייכטער, ווי געווײנטלעך, מיט אַ צעמישטן בליק, מיט די האָר איבער די אויגן, מיטן היטל אויף דער זייט און וואַקלנדיק זיך אויף די פיס. דער לערער האָט אים באַלד באַמערקט און איינגערוימט עפּעס דעם רעקטאָר, וועלכער האָט שוין אויפגעזוכט פּרעקאָשין מיטן בליק, אים אָנגענומען באַ דער האַנט און צוגעפירט צום פאָטער. דאָס יונגל האָט איינגאַנצן געציטערט. דער לערער און דער דירעקטאָר זיינען אויך צוגעקומען, און, מיר, די גאַנצע קלאַס, האָבן זיי אַרומגערינגלט אין אַ ראָד.

— דאָס איז דער הער דער פאָטער פון דעם יונגל? — האָט דער רעקטאָר געפרעגט דעם קאָוואַל, אַזוי פריילעך, ווי זיי וואָלטן געווען חברים. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער ווייטער געזאָגט: — איך פריי מיך צוזאַמען מיט אייך, מיין הער, פון גאַנצן האַרץ! זאָל דער הער זען! פון פיראונפיפציק שילער, וואָס לערנען זיך צוזאַמען מיט אים, האָט ער זיך דערדינט צום צווייטן מעדאַל! פאַר די איבונגען, פאַר דער אַרעטמעטיק, פאַר אַלץ... דאָס איז זייער אַ פעיִק יונגל, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסן גוטן ווילן. ער וועט אַ סך דערגרייכן! אַ גוט יונגל, געליבט און געאַכטעט פון אַלע. דער הער קען שטאָלץ זיין מיט אים, איך פאַרזיכער דעם הער!

דער קאָוואַל האָט אויסגעהערט פריִער מיט אַן אָפן מויל געקוקט דאָ אויפן רעדנדיקן, דאָ אויפן דירעקטאָר, דערנאָך האָט ער אַ בליק געטון אויפן זון, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים אַ ציטערנדיקער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און ווי דערמאַנענדיק זיך, און פאַרשטייענדיק צום ערשטן מאָל דאָס אַלץ, וואָס דער אָרימער קליינטשיקער האָט זיך געבעך געמוטשט אָנליידן פון אים, און די דאָזיקע אונטערטעניקייט און גרויסער מוט, מיט וועלכער

ער האָט אַלץ אַריבערגעטראָגן, האָט ער זיך אַ טרייסל געטון. זיין פּנים האָט אויסגעדרוקט אַ

אַ טיפן ווייי און אַ גרויס, רחמנותדיק געפיל, און אַרומנעמענדיק מיט אַ שנעלער באַוועגונג זיין זונס קאָפּ, האָט ער אים זיך צוגעטוליעט צו דער ברוסט. און מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן איינער נאָכן צווייטן צופאַלן צו אים. איך האָב אים פאַרבעטן אויף דאָנערשטיק מיט דעראָסין און קראָסין, אַנדערע האָבן אים באַגרוסט, דאָ האָט אים ווער אַ גלעט געטון, דאָ אָנגערירט זיין מעדאַל, און יעדער האָט אים געזאָגט עפּעס ליבלעכס. און דער קאָוואַל האָט געקוקט, אַ פאַרשטיינערטער, ווי אַן אויפגעוועקטער פון אַ שלאָף, אַלץ נאָך דריקנדיק צו דער ברוסט זיין זונס קאָפּ, וועלכער האָט געשלאָכצט פון גליק.

. . . .

אַ באַשלוס.

זונטיק, דעם 5־טן.

דער דאָזיקער מעדאַל, פּרעקאָשיס, איז געווען פאַר מיר אַ פאָרוואורף. אַזוי פיל צייט איז אַריבער און איך האָב מיך נאָך נישט דערדינט קיין איינמאָל צו קיין מעדאַל.

איך לערן מיך צו ווייניק, איך בין נישט צופרידן פון מיר. און דער לערער, און דער טאַטע, און די מאַמע — זיינען אויך נישט צופרידן פון מיר. אפילו די שפּילערייען ציִען מיך שוין נישט אַזוי, ווי אַמאָל, ווען איך פלעג מיך אַ נעם־טון מיט ברען צו דער לערע, אָפּמאַכן די לעקציעס, און דערנאָך אַ לויף־טון [illegible] מיינע

שפּילערייען אַזוי, ווי איך וואָלט זיי שוין נישט געזען אפשר אַ חודש. צום טיש זעץ איך מיך אויך נישט אַזוי פריילעך, ווי אַמאָל. די לעצטע צייט האָב איך שטענדיק ווי אַ שאָטן אויף דער נשמה, און אַן אינערלעכע שטימע זאָגט מיר אַלץ איינייגעם: — ס׳גייט שלעכט! ס׳גייט שלעכט!

ווען איך זע פאַרנאַכט, ווי ס׳גיין דורך איבערן פּלאַץ, צווישן קאָמפּאַניעס פאַרשיידענע אַרבעטער, וואָס קערן זיך צוריק פון דער אַרבעט, יונגלעך, אויסגעמאַטערטע, און דאָך פריילעכע, ווי זיי שטעלן פלינק די פיס, צו קומען וואָס גיכער אַהיים אויף נאַכטעסן, ווען איך הער ווי זיי לאַכן, ווי הויך זיי רעדן, ווי זיי קלאַפּן זיך איבער די פּלייצעס מיט די, פון קוילן שוואַרצע, אָדער פון קאַלך ווייסע, הענט. און איך גיב אַ טראַכט, אַז זיי האָבן געאַרבעט פון פאַרטאָג אָן אַזש ביז אַצינד, שטייענדיק אַ גאַנצן טאָג, אַמאָל אויף אַ דאַך, אַמאָל באַם פייער אין אַ קוזשניע, אַמאָל אין וואַסער, אַמאָל אין אונטערערדישע שאכטן, האָבנדיק צום עסן בלויז נאָר אַ שטיקל ברויט, — באַפאַלט מיך עפּעס אַזאַ חרפּה, אַז איך בין נישט דרייסט די אויגן אויפצוהייבן. וואָרים וואָס טו איך? אָט האָב איך איבער דער גאַנצער צייט קוים עפּעס אַ פּיר זייטלעך אָנגעשמירט, און דאָס אויך, ווי מיט געוואַלט. אַך, איך בין זייער, זייער נישט צופרידן פון מיר! איך זע אויך גאַנץ ג.ט, אַז דער טאַטע מיינער איז אין אַ שלעכטן הומאָר, אַז ער וואָלט מיר געוואָלט זאָגן, אַז איך פאַרשאַף אים טרויער, נאָר ער האָט רחמנות אויף מיר און ער וואַרט נאָך אַלץ... מיין טייערער פאָטער, וועלכער אַרבעט אַזוי! טאַטע מיינער, אַלץ איז דיין, אויף וועלכן כ׳זאָל נאָר אַ בליק וואַרפן אין שטוב, צו וועלכן כ׳זאָל מיך נאָר צורירן. דאָס, וואָס ערנערט מיך, דאָס, וואָס קליידט מיך און לערנט מיך, און וואָס ווייַלט מיך, דאָס אַלץ איז די פּרוכט פון דיין אַרבעט, טאַטע, און איך טו גאָרנישט! דאָס אַלץ איז געשאַפן געוואָרן דורך

דיין געדאַנק, דורך דיין אַרבעט, דורך דיינע אומאַנגענעמלעכקייטן, דורך דיין אָפּזאָגן זיך נישט פון איין זאַך, און איך אַרבעט נישט.

אַך, ניין, ניין! דאָס איז צופיל נישט ערלעך, און טוט מיר צופיל וויי! הייט נאָך, באַלד היינט נעם איך מיך צום לערנען, ווי סטאַרדי! די פּוסטן וועל איך צונויפקוועטשן, די ציין צוזאַמדריקן, און מיטן גאַנצן כּוח פון מיין ווילן און מיין האַרץ וועל איך אָנהייבן צו אַרבעטן! כ׳וועל גובר זיין דאָס געגעצן אין אָוונט, ווען ס׳וועט מיך אָנהייבן צו שלעפערן, כ׳וועל מיך אויסכאַפּן באַלד אינדערפרי פון געלעגער, כ׳וועל מיר אָן אָפּרו די לעקצעס אין מוח אַריינקלאַפּן, כ׳וועל קעמפן אומרחמנותדיק מיט מיין פוילקייט, כ׳זאָל מיט איינמאָל אַ סוף מאַכן צו דעם דאָזיקן עקלהאַפטן, אומעטיקן און נאַכלעסיקן לעבן, וואָס דערנידריקט מיך, און מיינע טייערע פאַרשאַפט עס עגמת נפש.

פאָרויס! צו דער אַרבעט! צו דער אַרבעט מיט דער גאַנצער נשמה, מיט אַלע כּוחות!

צו דער אַרבעט, נאָך וועלכער די רו וועט מיר זיין זיס, דאָס שפּילן זיך ליב, דאָס עסן באַטעמט! צו דער אַרבעט, וועלכע וועט מיר צוריקגעבן דעם שמייכל פון מיין לערער און דעם וואַרימען קוש פון מיין טייערן פאָטער!

. . . .

די קליינע אייזנבאַן.

פרייטיק, דעם 10-טן.

נעכטן איז געקומען צו אונדז פּרעקאָשי און גאַראָן אויך. אַך, וואָס פאַר אַן אויפנאַם זיי האָבן געהאַט! זיי זאָלן אפילו געהערן

זיין פירשטלעכע זון, וואָלט ער נישט געווען געקענט זיין בעסער. גאַראָן איז געווען באַ מיר דאָס ערשטע מאָל, ערשטנס דערפאַר, ווייל ער איז אַביסל אַן אָפּגעזונדערטער, און צווייטנס שעמט ער זיך, וואָס ער איז שוין אַזאַ גרויסער יונג און זיצט נאָך אַלץ אין דער דריטער קלאַס. ווען דאָס גלעקל האָט אַ קלינג געטון, זיינען מיר אַלע געגאַנגען עפענען די טיר. קראָסי איז נישט געקומען, וואָרים זיין פאָטער איז ענדלעך נאָך זעקס יאָר זיין אין אַמעריקע צוריקגעקומען אַהיים. די מאַמע האָט באַלד אַרומגענומען פרעקאָשין, און דער טאַטע האָט איר פאָרגעשטעלט גאַראָ:ען, זאָגנדיק:

— אָט איז גאַראָן! דאָס איז שוין נישט בלויז אַ גוט יונגל, דאָס איז אַ העלד און אַן איידלמאַן מיטן פולן מויל!

און גאַראָן האָט אָנגעבויגן זיין גרויסן, צעשויבערטן קאָפּ, שמייכלענדיק זייטיק צו מיר.

פרעקאָשי האָט געטראָגן דעם מעדאַל אויף דער ברוסט, און איז געווען אַזוי פריילעך, אַזוי גליקלעך, וואָרים דער טאַטע זיינער האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט און האָט שוין פינף טאָג נישט געטרינקען. און ער וואָלט צופרידן געווען דעם זון כסדר לעבן זיך אין קוזשנע צו האָבן, און ער איז אינגאַנצן אַן אַנדערער געוואָרן.

מיר האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צו שפי‹…› יך האָב אַרויס-גענומען, וואָס איך פאַרמאָג נאָר. פרעקאָשי איז געבליבן שטיין אַנטציקט פון מיין אייזנבאַן, וועלכע האָט אַ לאָקאָמ‹…› ון און לויפט אַליין איבער דער שטוב, ווען מען ‹…›דרייט זי אָן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שפּילעכל, און האָט פשוט געגעסן מיט די אויגן די דאָזיקע רויטע און געלע וואַגאָנדלעך, וואָס האָבן זיך נאָכן לאָקאָמאָטיוול נאָכגעקאָלערט. כ׳האָב אים געגעבן דאָס שליסעלע צום אָנדרייען, ער זאָל זיך שפּילן; ער האָט אַנידערגעקניט, אָנ-געדרייט און די אויגן נישט אָפּגעריסן פון מאַשינדל. כ׳האָב אים

נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי זיך שפּילן. — אַנטשולדיק... אַנטשולדיק... האָט ער איבערגעחזרט נאָך יעדן וואָרט, פאַרשטעלנדיק מיט די הענט דאָס מאַשינדל, מיר זאָלן עס נישט פאַרהאַלטן; און האָט די וואַגאָנדלעך אויסגעשטעלט און איבערגעשטעלט אַזוי פאָרזיכטיק, ווי זיי וואָלטן געווען פון גלאָז; ער האָט זיך פשוט נישט דערלויבט דעם אָטעם אַרויסצולאָזן איבער זיי, און זיי פּגעווישט אַלע רגע, באַקוקט זיי, דאָ פון אונטן, דאָ פון אויבן, שמייכלענדיק מיט גרויס פריידט צו זיך.

מיר זיינען אַלע געשטאַנען און געקוקט אויף אים. מיר האָבן געקוקט אויף דעם דאָזיקן דינעם האַלדז, אויף די אויערן נעבעך, וועלכע כ'האָב נישט איינמאָל געזען פאַרבלוטיקט, אויף דעם דאָזיקן קורצן רעקעלע, מיט די, ביז איבער די עלנבויגן, פאַרוויקלטע אַרבל, פון וועלכע ס'האָבן אַרויסגעשטעקט די דאַרע הענטלעך, וואָס האָבן נישט איינמאָל געמוזט פאַרשטעלן מיט זיך דאָס בלייכע פּנים פאַר די קלעפּ... כ'האָב אַזוי רחמנות געהאַט אויף אים, אַז איך וואָלט אים אַוועקגעגעבן, און עס וואָלט מיר גאָרנישט קיין שאַד געווען, אַלע מיינע שפּילעכלעך, אַלע ביכלעך, כ'וואָלט אַוועקגענומען פון מיין מויל דאָס לעצטע שטיקל ברויט, אַבי אים צו געבן, כ'וואָלט אַראָפּגעצויגן פון מיר דאָס לעצטע מלבוש, אַבי אים אָנצוטון, און כ'וואָלט נאָך פאַר אים אויף די קני געפאַלן און אים די הענט געקושט...

— כ'וועל אים כאָטש דאָס באַנדל געבן! — האָב איך מיר אַ טראַכט געטון. — איך מוז נאָר פרעגן דעם טאַטן, צי ער וועט דערלויבן.

אין דער רגע האָב איך דערפילט, ווי עס האָט מיר וועראַריינגעריקט אין דער האַנט אַ צעטעלע. איך האָב אַ בליק געטון; עס איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ שרייבפעדל פון מיין טאַטן, און האָט אַנטהאַלטן די דאָזיקע ווערטער:

„פּרעקאַשי איז אַנטציקט פון דיין באַנדל. ער האָט נישט קיין שפּילעכלעך, דער אָרימער נעבעך. הענריק, צי האָט דיר דיין האַרץ גאָרנישט אונטערגעזאָגט?"

איך האָב באַלד צוזאַמענגענומען מיט ביידע הענט די מאַשין, די וואַגאָנעס, און געבנדיק זיי פּרעקאַשין, האָב איך געזאָגט:

— נעם, דאָס איז דיין!

ער האָט געקוקט אויף מיר, געהערט, אָבער נישט פאַרשטאַנען.

— דיין! — האָב איך איבערגעחזרט. — איך שענק עס דיר!

האָט ער אָנגעשטעלט זיינע פאַרוואונדערטע אויגן אויף מיין טאַטן און אויף מיין מאַמען, און נאָכדעם געפרעגט:

— אָבער פאַרוואָס?..

האָט דער טאַטע מיינער געזאָגט:

— הענריק גיט עס דיר דערפאַר, ווייל ער איז דיין פריינט, ווייל ער האָט דיך ליב, און ווייל ער וויל אַזוי אַרום באַערן דיין מעדאַל, טייער יונגל!

אָבער ער, נישט קענענדיק קומען צו זיך פון אנטשטוינונג, האָט געזאָגט מיט אַן אומדרייסטער שטימע:

— און... איך קען עס מיר צונעמען... אַהיים?

ענטפערן מיר אַלע!

— נאַטירלעך! אַוודאי קענסטו!

אָבער ווען ס'איז געקומען צום אַוועקגיין, ער איז שוין געווען אויף דער שוועל, איז ער נאָך אַלץ נישט דרייסט געווען אַרויסצוגיין דערמיט. און ווי רירנד איז ער געווען אין דער דאַזיקער אומזיכערקייט זיינער, און ווי גליקלעך! ער האָט אפשר צען מאָל איבערגעחזרט זיין „אנטשולדיקט", און זיינע ליפּן האָבן געציטערט און געשמייכלט צוזאַמען.

גאַראָן האָט אים צוגעהאָלפן פאַרוויקלען די גאַנצע באַן אין אַ פּאַטשיילע, און ווען ער האָט זיך איינגעבויגן, האָבן אָנגעהויבן צו קרעכצן די ביינער, מיט וועלכע זיינע קעשענעס זיינען פול אָנגעפּאַקט געווען.

— קום אַמאָל אין קוזשניע אַריין! — האָט מיר פּרעקאָשי געזאָגט באַם אַוועקגיין. — וועסט זען, ווי מיין טאַטע אַרבעט! כ׳וועל דיר אויך געבן טשוועקעס...

דערווייל האָט די מאַמע צוגעשפּילעט צו גאַראָנס מענאַר־קעלע אַ בוקעטל, ער זאָל עס אַהיימטראָגן אין איר נאָמען זיין מאַמען און גאַראָן האָט מיט זיין גראָבער שטימע געזאָגט:

— אַ דאַנק! — און האָט אַפילו די גאָמבע נישט אויפגע־הויבן פון דער ברוסט. אָבער אין זיין בליק האָט געפינקלט אַ הער־ליכע און איידעלע נשמה.

. . . .

ג א ו ה.

און ווען מען וואָלט דאָס איינגעפאַלן, אַז קאַראָל נאָביס האָלט זיך אין איין אָפּקלאַפּן דעם אַרבל, ווען דעראָסי גייט פאַרביי פאַר אים און רירט אים אָן. דאָס איז אַ בעל־גאווה אַ ביסל, וואָס האַלט אין איין בלאָזן פון זיך, ווייל זיין טאַטע איז אַ רייכער. אָבער דעראָסיס פאָטער איז דאָך אויך אַ רייכער! און דער קאַראָל נאָביס וואָלט געוואָלט האָבן פאַר זיך אַליין כאָטש די גאַנצע באַנק, אַזוי האָט ער מורא, אַז ס׳זאָל זיך ווער נישט אָנרירן אָן אים; אויף יעדן קוקט ער פון אויבן אַראָפּ, און האָט שטענדיק אַזאַ חוזק־שמייכעלע אויף די ליפּן. און זאָל גאָט היטן עס זאָל אים

ער אַ פוס אַ ריר טון באַם אַרויסגיין פאָרבווייז פון שולע! פאַר
דער קלענסטער נאַרישקייט, וואַרפט ער באַלד יענעם אין פנים
אַריין די מיאוסטע באַליידיקונגס-ווערטער, אָדער סטראַשעט, אַז
דער פאָטער זיינער וועט קומען זיך אָננעמען פאַר אים. און דער
פאָטער האָט דאָך אים גוט די אויערן אָנגעדרייט, דאַמאָלס, ווען
ער האָט דעם קויל-גרעבערס זון „שמאַטשאַזש” גערופן!

איך האָב נאָך נישט געזען אַזאַ שלעכטן חבר. קיינער רעדט
נישט צו אים, באַם אַרויסגיין געזעגנט זיך קיינער נישט מיט אים,
און ווען ער קען נישט די לעקציע, וועט אים אַפילו קיין הונט
אויך נישט אונטערזאָגן. און ער קען קיינעם נישט ליידן, און מאַכט
זיך, אַז מער ווי פון אַלע, לאַכט ער פון דעראָסין, פאַרדעם, ווייל
ער איז דער ערשטער שילער, און אויך פון גאַראָנען דערפאַר,
ווייל די גאַנצע קלאַס האָט אים ליב. אָבער דעראָסי קוקט אַפילו
נישט אויף אים, אַזוי ארט דאָס אים נישט, און גאַראָן, ווען
מ׳חזרט אים ווער איבער עפעס פון נאָביסעס אָפשפּעטעכצן,
זאָגט ער:

— אַזאַ נאַרישע גאַווה איז אַפילו קיין שפּיי נישט ווערט.

נאָר איינמאָל, ווען נאָביס האָט אָפגעלאַכט פון קאָרעטיס
היטעלע פון קאַץ-פעל, האָט קאָרעטי אַזוי אים געענטפערט:

— הער נאָר, דו! צו דעראָסין גיי און באַ אים לערן דיך אַ
העכער זיין!

נעכטן האָט ער זיך געקלאָגט פאַרן לערער, אַז דער קאַלאַבריער
האָט אים אַ קלאַפּ געטון מיט אַ פוס אין דער זייט אַריין. פרעגט
דער לערער דעם קאַלאַבריער:

— דו האָסט דאָס אומישנע געטון?

און יענער ענטפערט מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט:

— ניין, הער! נישט אומישנע!

זאָגט דער לערער:

— צו גיך באַליידיקסטו דיך, נאָביס!
און ער ענטפערט מיט דער דאָזיקער שטאָלצער מינע זיינער:
— וועל איך דאָס מיין טאַטן דערציילן!
איז דער לערער בייז געוואָרן:
— אדרבה! דערצייל! וועט ער דיר נאָכאַמאָל אַזוי די אוירן אָנדרייען, ווי ער האָט דיר שוין אָנגעדרייט! און ווידער דאַרפסטו וויסן, אַז אין שולע משפט און באַשטראָפט נאָר דער לערער.
אָבער ער האָט זיך באַלד באַרויקט און צוגעגעבן מיט אַ ווייכער שטימע:
— הער, נאָביס, וואַרף אַוועק די דאָזיקע נישט-העפלעכע אויפפירונג דיינע! זיי איידל, ליבלעך, גוט צו דיינע חברים! זעסט דאָך, אַז ס'זיינען דאָ צווישן זיי יונגלעך פון פאַרשיידענע שטאַנדן: זין פון רייכע עלטערן און פון אָרימע אַרבעטער, און אַלע האָבן זיך ליב, לעבן צווישן זיך ברידערלעך, און זעסט דאָך, ווי גוט עס איז זיי אַזוי. פאַרוואָס טוסטו נישט אַזוי, ווי אַנדערע טוּן? דאַרפסט דאָך אַזוי ווייניק טוּן, אַז אַלע זאָלן דיך ליב קריגן, און וואָלסט געזען ווי גוט עס וואָלט דיר דאָ אָלס געווען. נו, וואָס? האָסטו מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן?
און נאָביס, וועלכער איז געשטאַנען מיט זיין חוזק-מינעלע, האָט קאַלט געענטפערט:
— ניין, הער!
— זעץ דיך! — האָט דער לערער געזאָגט. — איך האָב רחמנות אויף דיר... ביסט אַ יונגל אָן אַ האַרץ!
און עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז געענדיקט, נאָר דאָס מוירערל, וואָס זיצט אויף דער ערשטער באַנק, האָט פּלוצלינג אויסגעדרייט זיין קיילעכדיק פּנים צו נאָביסן, וועלכער זיצט אויף דער לעצטער — און געמאַכט אים אַזאַ אויסגעצייכנט, גוטמוטיק

האָזן־פּיסקעלע, אַז די גאַנצע קלאַס האָט אַ זעץ אַרויס געגעבן מיט אַ געלעכטער.

דער לערער האָט אַ געשריי געטון אויף אים, און האָט זיך פונדעסטוועגן געמוזט אליין מיט דער האַנט די ליפּן פאַרשטעלן, צו באַהאַלטן זיין געלעכטער.

האָט זיך ענדלעך אויך נאָביס צעלאַכט, נאָר עפּעס זויער.

. . . .

פאַרוואונדעטע אויפן פעלד פון אַרבעט.

מאַגניק, דעם 13־טן.

דער נאָביס וואָלט געקענט זיין מיט פראַנטין אַ פּאָר. נישט דעם ערשטן, נישט דעם צווייטן האָט נישט געהירט דאָס שרעקלעכע בילד, אויף וועלכן מיר האָבן היינט געקוקט. דאָס איז געווען אַזוי:

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון שולע, זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייַלע מיטן טאַטן, צו קוקן אַ ביסל, ווי עטלעכע יונגע שילער פון דער צווייטער אָפּטיילונג האָבן זיך געוואָרפן אויף די קני, אַוועקשאַרנדיק מיט די היטלען און פאַלעריגעס די שטיקלעך אייז, וואָס האָבן שוין געהאַלטן אין צעגיין, דאָס וואַסער זאָל שנעלער קענען אָפּלויפן, ווען עס האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין דער טיף פון גאַס אַ מחנה מענטשן, וואָס זיינען אײַלנדיק בעגאַנגען באַטריבטע, איבערגעשראָקענע, רעדנדיק שטיל צווישן זיך.

צווישן דער מחנה האָבן זיך געזען עטלעכע שטאָט־מיליציאַנטן, און נאָך זיי צוויי מענער, וואָס האָבן געטראָגן אַ טראַגי-

בעטל. יונגלעך זיינען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זייטן און די מחנה האָט זיך דערנענטערט צו אונדז.

אויף דעם טראָג-בעטל איז געלעגן אַן אויסגעצויגענער מענטש, בלייך ווי אַ מת, מ׳טן קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען אויפן אָרעם, מיט צע־שויבערטע און פאַרבלוטיקטע האָר, און פון מויל און פון די אויערן איז אים געגאַנגען בלוט. בײַ דעם טראָגבעטל איז געגאַנגען אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ משו־געגע און האָט אַלע מאָל אויסגעשריגן:

— ער לעבט נישט! ער לעבט נישט! ער לעבט נישט!

נאָך דער פרוי האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ קליין יונגעלע, מיט די ביכעלעך אונטערן אָרעם, און הויך געוויינט.

— וואָס איז געשען? — האָט מיין טאַטע געפרעגט.

— דאָס איז אַ מוירער — האָט עמיצער פון די נעבנ־שטייענדיקע געענטפערט — אַראָפּגעפאַלן פון פערטן שטאָק בײַם בויען אַ הויז.

דערווייל האָבן די מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען מיטן טראָגבעטל, זיך אָפּגעשטעלט, און אַ סך האָבן אָפּגעווענדט די אויגן, נישט קענענדיק פאַרטראָגן דאָס שרעקלעכע בילד. דאָ האָב איך דערזען די קליינע לערערין מיט דער רויטער פעדער אויפן קאַפּע־לושל, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן די עלטערע לערערין פון דער ערשטער העכערער אָפּטיילונג, וועלכע איז שיער נישט חלשות גע־פאַלן, און עמעצער האָט מיך אַ ריר געטון בײַם אַרבל.

דאָס איז געווען דאָס מוירערל. ער איז געווען בלייך און האָט אינגאַנצן געציטערט. ער האָט זיכער געמוזט טראַכטן וועגן זיין פאָטער און איך האָב אויך באַלד אַ טראַכט געטון וועגן אים. איך, זיצנדיק אין שולע, קען איך כאָטש זיין רויק, ווייל איך ווייס, אַז מיין טאַטע איז אינדערהיים און שרייבט בײַ זיין שרייבטיש, ווייט, ווייט פון יעדן געפאַר; אָבער וויפל חברים מיינע מוזן עס ציטערן,

ווייסנדיק, אַז זייערע פּאָטערס האָרוועז אַצינד אויף די ה״כ״טע ריש״אָזאַניעס, אָדער באַנט פון די צעיאָגטע רעדער פון עפּ ס א מאַשין, און אַז איין באַוועגונג, איין פאַלטשער טריט, קען זיי צום טויט דערהרגענען. פונקט ווי זיי וואָלטן געווען זין פון סאָלדאַטן, וואָס שלאָגן זיך ערגעץ אין א מלחמה.

דאָס מוירערל האָט דערווייל געקוקט, געקוקט און געציטערט וואָס אַמאָל שטאַרקער; מיין טאַטע האָט דאָס באַמערקט או געזאָגט:

— גיי אַהיים, יונגל! גיי גיך צום טאַטן, איבערצייג דיך, אַז ער איז געזונט און גאַנץ גיי, קינד!

און דאָס מוירערל איז פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען, אומקוקנדיק זיך נאָך יעדן טריט.

אָבער די מחנה האָט זיך ווידער אַ ריר־געטון, און די אומגליקלעכע פרוי באַ בעטל האָט געשריגן מיט א האַרצרייסנדיקע שטימע:

-- ער לעבט נישט! ער איז געשטאָרבן! ער לעבט נישט!

— אָבער, ער לעבט! ער איז נישט געשטאָרבן! ניין! — האָבן מענטשן זי געטרייסט.

די פרוי האָט אָבער נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, זיך רייסנדיק די האָר פון פאַרצווייפלונג.

פלוצלינק האָב איך דערהערט אַן אויפגערעגטע שטימע:

— זיי לאַכסט? — און אין דער רגע האָב איך דערזען עפּעס אַ הער מיט אַ באָרד, וועלכער האָט געקוקט גלייך אין פּנים אַריין פראַנטין, און פראַנטי האָט אַלץ נאָך געלאַכט.

דאַמאָלס האָט דער הער מיט דער באָרד אַראָפּגעוואָרפן אים מיטן שטעקן דאָס היטל פון קאָפּ און געשריגן!

— נעם אַראָפּ דאָס היטל פון קאָפּ, הולטיי, ווען מען טראָגט אומגליקלעכע, וואָס איז פאַרווונדעט געוואָרן באַ דער אַרבעט!

און די מחנה האָט זיך שוין דערווייטערט, און אין מיטן

דאָס האָט זיך געזען אַ לאַנגער שטרייף פון בלוט...

. . . .

דער אַרעסטאַנט

פרייטיק, דעם 22־טן

ניין! אַזאַ זאַך האָט זיך נאָך מסתם קיינמאָל נישט גע־טראָפן!

געכטן אינדערפרי איז מיין טאַטע געגאַנגען מיט מיר צו באַקוקן די ווילע, וועלכע איז געווען צו פאַרדינגען אויפן קו־מענדיקן זומער, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שליסלען האָט געהאַט איינער פון די לערערס, וועלכער איז איינצייטיק געווען דעם ווילע־אייגנטימערס סעקרעטאַר. ער האָט אונדז אַרומגעפירט איבערן גאַנצן הויז, און נאָכדעם האָט ער אונדז פאַרבעטן אין זיין צימער אריין, וווּ מען האָט אונדז מכבד גע־ווען מיט אויסגעצייכנטע לימאָניאַדע. צווישן די גלעזער אויפן טיש איז געשטאַנען אַ הילצערן טינטאַרן, זייער איידל, זייער מערקווירדיק געשניצט. זעענדיק, אַז מיין טאַטע קוקט אויף דעם טינטאַרן האָט זיך דער לערער אַזוי אָנגערופן:

— דאָס איז אַן אָנדענק, זייער אַ ביינעריקע געשיכטע האָב איך וועגן דעם דאָזיקן הילצערנעם טינטאַרן.

און ער האָט אונדז אַזוי אָנגעהויבן דערציילן:

— מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען איך בין נאָך געווען לערער

אין טורין, בין איך איך געגאַנגען דעם גאַנצן ווינטער געבן לעקציעס די אַרעסטאַנטן.

די לעקציעס זיינען פאָרגעקומען אין קלויסטער פון געפענגעניש, אַ געביידע, וואָס איז אינגאַנצן קיילעכדיק. ארום, אין די נאַקעטע און הויכע ווענט, האָט זי פירעקעכדיקע פענסטערלעך, פאַרקאָוועטע מיט צוויי שטאַבעס, איינע איבער דער צווייטער, ווי אַ קרייז, און יעדעס פענסטערל גייט אריין אין אַ קליינעם קעמערל.

האָט דער לערער דורכגעפירט זיין לעקציע, דרייענדיק זיך איבער דעם דאָזיקן קאַלטן און פינסטערן קלויסטער, און די שילער זיינען געשטאַנען גלייך באַ די דאָזיקע, מיט קראַטעס פאַרמאַכטע, פענסטערלעך, אַזוי, אַז אין דער טונקלהייט האָבן זיך מער נישט געזען ווי נאָר די עלנטע, אומעטיקע פנימער, צושויבערטע, גרויע בערד, אומבאַוועגלעכע אויגן פון מערדער און פאַרברעכער. אָבער צום אויפמערקזאַמסטן פון אַלע האָט די דאָזיקע לעקציעס אויסגעהערט איינער, וואָס איז באַצייכנט געווען מיטן נומער 78, וועלכער האָט אָפּנים זייער געגאַרט צו געניסן פון זיי, און געקוקט אויפן לערער מיט אַ בליק פול דאַנקבאַרקייט און דרך־ארץ. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, מיט אַ שוואַרץ בערדל, אפשר נישט אַזאַ פאַרדאָרבענער, ווי אַן אומגליקלעכער סטאָליער, וועלכער האָט, אין אַ מינוט פון משוגענעם כעס, אַ וואָרף געטון אַ היבעל זיין מייסטער, וואָס האָט אים אַ געהיסע צייט פאַרפאָלגט, און דאָס איז געשען אַזוי אומגליקלעך, אַז דער דאָזיקער מייסטער האָט באַקומען אַ שטערבלעכע וווּנד — מען האָט אים פאַרמשפּט אויף צוועלף יאָר תפיסה.

ער איז געווען אַזוי פעיק, אַז ער האָט זיך אין פאַרלויף פון דריי חדשים אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, קיין ביכלעך האָט מען אים נישט געקענט נאַסטאַרטשען, און וואָס מער ער האָט

זיך געלערנט, אַלץ מילדער איז ער געוואָרן, אַלץ בעסער, און אַלץ מער האָט ער חרטה געהאַט אויף זיין טאַט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט ער, נאָכן פאַרענדיקן די עקציע געמאַכט אַ צייכן דעם לערער, ער זאָל זיך דערנענטערן צום פענסטערל, און האָט אים דערקלערט מיט טרויער, אַז מאָרגן ווערט ער אַרויסגעפירט קיין ווענעציע, אָפּצוקומען די רעשט שטראָף אין דער דאָרטיקער תפיסה, און געזעגענדיק זיך מיט אים, האָט ער אים געבעטן מיט אַן אונטערטעניקער, רירנדער שטימע, ער זאָל אים דערלויבן אָנצורירן זיין האַנט. דער לערער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, דער אַרעסטאַנט האָט זי געקושט, נאָכדעם האָט ער געזאָגט: איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך! און איז פאַרשוווּנדן אין זיין קעמערל. דעם לערערס האַנט איז געווען נאַס פון דעם אַרעסטאַנטס טרערן. — און מער האָט אים שוין דער לערער קיינמאָל נישט געזען.

עס זיינען אַריבער זעקס יאָר.

— איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דעם דאָזיקן אומגליקלעכן — האָט דער לערער דערציילט — ווי היינט אינדערפרי טרעפט איך מיך אויג-אָן-אויג פונקט פאַר מיין שוועל מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן, שלעכט געקליידטן, מיט אַ גרויסער, שוואַרצער, שוין אַ ביסל גרוילעכער באָרד, וועלכער האָט געזאָגט:

— צי איז דער הער דאָס דער און דער לערער?
און איך ענטפער אים אויף דעם!
— ווער־זשע זענט איר?

— איך בין דער אַרעסטאַנט נומר 78. — האָט ער געענטפערט — פאַר זעקס יאָר האָט מיך דער לערער אויסגעלערנט שרייבן און לייענען. אפשר געדענקט דער הער, ווי דער הער האָט מיר אויף דער לעצטער לעקציע די האַנט דערלאַנגט. איך בין אָפּגעזעסן די שטראָף און אַצינד בין איך דאָ, און איך בין געקומען בעטן, אַז

דער הער זאָל צונעמען בא מיר דעם דאָזיקן קליינעם אָנדענק... א קלייניקייט, וואָס איך האָב געמאַכט אין דער תפיסה... זאָל מיר דער הער נישט אָפזאָגן, הער לערער!

איך בין געבליבן אָן לשון פון אָנטשטוינונג. און ער, מיי-נענדיק, אַז איך וויל נישט צונעמען זיין אַרבעט, האָט ער געקוקט אויף מיר מיט טרויער, פונקט ווי ער וואָלט געזאָגט: זעקס יאָר ליידן, פּיין, און זיי זיינען נישט בכּוח געווען מיינע הענט ריין צו וואַשן? און אין זיינע אויגן איז געווען אַזוי פיל ווי, אַז איך האָב באַלד די האַנט אויסגעצויגן און זיין מתּנה אָנגענומען. אָט איז זי...

מיר האָבן באַקוקט דאָס טינטאָרן. עס האָט אויסגעזען צו זיין געקריצט מיט דער שאַרף פון אַ טשוואָק, מיט אויסערגע-וויינטלעכן געדולט און לאַנגער אַרבעט. די שניצונג האָט פאָרגע-שטעלט אַ פּינדער, וואָס ליגט אויף אַ העפט, און אַרום איז געווען אַזאַ אויפשריפט:

„מיין לערער. אַן אָנדענק פון נומער 78 — זעקס יאָר".

און אונטן מיט קליינע אותיות:

„אַרבעט און האָפנונג".

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען, באַלד נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך גע-זעגנט מיטן לערער, וועלכער איז געווען גערירט און האָט געשוויגן.

אָבער איבער דעם גאַנצן וועג פון מאָנקאַליערי ביז טורין האָב איך מיר נישט געקענט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם דאָזיקן אַרעסטאַנט מיט דעם צוגערדיקטן פּנים צום פענסטערל, די דאָזיקע געזעגענונג מיטן לערער, דאָס דאָזיקע טינטאָרן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין תּפיסה, וואָס האָט אַזוי פיל דערציילט מיט זיך, אַזוי פיל זאַכן, און דאָס אַלץ האָט זיך מיר נאָך געחלומט בײַנאַכט אויך, און אינדערפרי האָב איך אויך געטראַכט וועגן דעם, נישט האָבנדיק

די מינדסטע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס ערוואַרטעט מיך היינט אין שולע.

ווי נאָר איך האָב געענדיקט די אַריטמעטישע אויפגאַבע צום חודש־עקזאַמען, זיצנדיק אויף מיין באַנק, לעבן דעראַסין, האָב איך באַלד דערציילט מיין חבר די גאַנצע געשיכטע פון רעסטאָראַנט און פון טינטאָרן, און ווי דאָס טינטאָרן זעט אויס, מיט דער דאָזיקער פעדער אויפן העפט און מיט דער אויפשריפט אַרום: „זעקס יאָר!"

ווי איך האָב נאָר אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, איז דעראַסי אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבן קוקן שנעל, דאָ אויף מיר, דאָ אויף קראָסין, דער גרין־העגדלעריגס זונדל, וועלכער איז געזעסן אויף דער באַנק פאַר אונז, איינגעגראָביעט איבערן העפט און פאַרטיפט אין זיין אויפגאַבע.

שטיל — האָט ער פלוצלינג געזאָגט מיט אַ פאַר־שטיקטער שטימע — אָנכאַפּנדיק מיך באַם אָרעם. — דו ווייסט, קראָסי האָט מיר איינגערעכטן דערציילט, אַז ער האָט פּונקט אַזאַ טינטאָרן צופעליק געזען אין דער האַנט ביי זיין טאַטן, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע. דאָס טינטאָרן איז געווען: אַ טורעמל, געשניצט מיט דער האַנט, און עס איז אויפגעקריצט דערויף אַ העפט מיט אַ פעדער. דאָס איז עס! און די „זעקס יאָר", וואָס ער האָט דאָס געזאָגט, אַז דער טאַטע זיינער איז אין אַמעריקע, איז ער געווען אין תפיסה!

קראָסי איז נאָך דאַמאָלס געווען גאָר קליין, ער געדענקט נישט. די מוטער האָט דאָס געהאַלטן בסוד פאַר אים, און ער ווייסט פון גאָרנישט..., דערבאַרם דיך, כאַפּ דיך נישט אַרויס אַפילו מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם!

איך בין שטום געבליבן פון אַנטשטוינונג, קוקנדיק אומבאַ־וועגלעך אויף קראָסיס איינגעגראָביעטע פּלייצעס. און דאַמאָלט איז דעראָסי, וועלכער האָט שוין געהאַט געענדיקט זיין אויפגאַבע

אריבערגעגאנגען אויף דער צווייטער באנק, זיך צונידערגעזעצט לעבן קראָסין, ארויסגענומען אים פון די הענט די חודשלעכע דערציילונג, וועלכע קראָסי האָט געהאַט איבערצושרייבן, צו טון פאַר אים די דאָזיקע אַרבעט. ער האָט אים אַ גלעט געטון, אַרומגענומען, געגעבן אַ פעדער-קעסטעלע און אַ שרייבפעדל, און באַ מיר האָט ער גענומען דאָס ערנוואָרט, אַז איך וועל קיינעם נישט דערציילן קיין וואָרט. און ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן באַם אַרויסגיין פון שולע, האָט ער מיר שנעל איינגערוימט:

— זיין טאַטע איז דאָ נעכטן געווען אים אַהיימנעמען, און ער וועט היינט אויך זיכער קומען... וואָס איך וועל טון — דאָס טו אויך, געדענק!

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. זיין טאַטע איז געשטאַנען אַ ביסל אין דער זייט און געוואַרט. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ ביסל שוין אַ גראָלעכער, שלעכט געקליידט, מיט אַן עלענד און פאַרטראַכט פנים.

דעראָסי האָט אַ דריק געטון קראָסין די האַנט, אַזוי, אַז דער בלייכער מענטש האָט דאָס געמוזט באַמערקן, און הויך געזאָגט:

— צום ווידערזען, קראָסי! צום ווידערזען, טייערער חבר! — און אים צערטלעך אַ גלעט געטון איבערן פנים.

איך, נאָך אים, האָב אויך געטון דאָס אייגענע.

באַם קראַנקען-בעט פון טאַטן.

חודשלעכע דערציילונג

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, אין אַ רעגנדיקן מערץ-טאָג, איז אַ קליין ייִנגל, דאָרפיש געקליידט, אַן אויסגעווייקטער און פאַרבלאָטיקטער, מיט אַ פעקעלע אונטערן אָרעם, שטיין געבליבן פאַרן טויער-שומר פון „שפּיטאָל פאַר עמיגראַנטן" אין נעאַפּאָל און זיך באַכגעפרעגט אויף זיין פאָטער, דערלאַנגענדיק אַ בריוו, וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. דאָס ייִנגל האָט געהאַט אַ לענגלעכדיק טונקל-בלייכלעך פּנים, מיט פאַרטראַכטע אויגן און שטענדיק האַלב-אָפענע דיקע ליפּן, דורך וועלכע ס'האָבן זיך אַרויסגעזען זייַנע ווייסע ציין. ער איז געקומען פון אַ דערפל, וואָס ליגט אין דער געגנט פון נעאַפּאָל. זיין פאָטער, וועלכער איז אַוועק מיט אַ יאָר צוריק פון דער היים זיך זוכן פּרנסה אין פראַנקרייך, איז שוין געהאַט צוריקגעקומען קיין איטאַליע און מיט אַ קלײנער צייט צוריק אַראָפּגעשטיגן אין נעאַפּאָל, ווו ער איז פּלוצלינג שטאַרק קראַנק געוואָרן, און האָט קוים צייט געהאַט צו וויסן צו טון זיין פאַמיליע אין אַ פּאָר ווערטער, אַז ער איז צוריקגעקומען און אַז ער ליגט קראַנק אין שפּיטאָל.

זיין פרוי, פאַרצווייפלט פון דער דאָזיקער ידיעה און נישט קענענדיק זיך אַרויסרירן פון דער היים, ווייל זי האָט געהאַט אַ קראַנק טעכטערל און דאָס ייִנגסטע קינד נאָך אויף דער האַנט, האָט זי אַרויסגעשיקט דאָס עלטסטע זונדל אירס, מיטגעבנדיק אים אויפן וועג עטלעכע סאָלדעס, ער זאָל וואַכן באַם פאָטער, באַם

„טאַטעשי“, ווי מען דריקט זיך דאָרט אויס. און אַזוי איז דאָס ייִנגל געקומען צו וואַנדערן צען מייל וועג צופּיס און שטיין געבליבן אין דער פרעמדער שטאָט.

דער טויער־שומר האָט, וואַרפנדיק אַ בליק אויפן בריוו, גע־לאָזט רופן דעם אויפזעער איבער די קראַנקע און אים געזאָגט, ער זאָל אַוועקפירן דעם קליינעם צו זיין פאָטער.

— צו וואָסערן פאָטער? — האָט דער אויפזעער געפרעגט.

דאָס ייִנגל, וועלכעס האָט אינגאַנצן געציטערט, זיך נישט צו דערוויסן עפּעס שלעכטס, האָט אָנגערופן דעם נאָמען. אָבער דער אויפזעער האָט אַזאַ נאָמען נישט געדענקט.

— אַזאַ אַלטער וואַנדער־אַרבעטער? — האָט ער געפרעגט.

— אַן אַרבעטער — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט מיט אַ נאָך מער איבערגעשראָקענער שטימע — אָבער נישט זייער קיין אַלטער... אַ וואַנדער־אַרבעטער, יאָ.

— ווען איז ער אָנגעקומען אין שפּיטאָל?

דאָס ייִנגל האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן בריוו.

— אַ פינף יאָר וועט שוין זיין.

דער אויפזעער איז אַ ווײַלע געשטאַנען, קראַצנדיק זיך אין קאָפּ, נאָכדעם, ווי פּלוצלינג דערמאָנענדיק זיך עפּעס:

— אַהאַ! — האָט ער געזאָגט — איך ווייס שוין! אין פערטן זאַל, דאָס בעטל אין דער זייט.

— וואָס, ער איז זייער קראַנק?.. וואָס מאַכט ער? — האָט דאָס ייִנגל שרעקנדיק זיך געפרעגט.

דער אויפזעער האָט אַ קוק געטון אויף אים, און נישט ענט־פערנדיק אויף דער פראַגע, האָט ער אַ זאָג געטון:

— קום מיט מיר!

זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען אויף שטיגן, אַדורכגעגאַנגען אַ ברייטן קאָרידאָר און שטיין געבליבן אין די אָפענע טירן פון אַ

אַ זאַל, ווו עס האָבן זיך געזעגט בעטלעך, אויסגעשטעלטע אין צווייליאַנגע שורות.

— קום! — האָט דער אויפזעער איבערגעחזרט אַריינגייענדיק.

דאָס יינגל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אים נאָכגעגאַנגען, וואַרפנדיק רעכטס און לינקס איבערגעשראָקענע בליקן אויף די אויסגעמאָגערטע, בלייכע פּנימער פון די קראַנקע. טייל פון זיי האָבן געהאַט די אויגן צוגעמאַכט און האָבן אויסגעזען ווי שוין געשטאָרבענע, אַנדערע האָבן געקוקט פאַר זיך מיט אַן איבערגעשראָקענעם בלישטשענדיקן בליק פון היץ, נאָך אַנדערע האָבן געקרעכצט און זיך געקלאָגט ווי קינדער. אין זאַל איז געווען טונקל. די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם שאַרפן ריח פון די רפואות; צוויי באַרמהאַרציקע שוועסטערן האָבן זיך געדרייט אַרום די קראַנקע מיט פלעשעלעך אין דער האַנט.

אַריינקומענדיק שוין טיף אין זאַל, האָט זיך דער אויפזעער פאַרהאַלטן פאַר איינעם פון די בעטלעך, צערוקט די פאָרהענגלעך און געזאָגט:

— אָט איז דיין טאַטע!

דאָס יינגל האָט זיך צעוויינט, אַפּערגעלאָזט דאָס פּעקעלע פון אונטערן אָרעם, און אָנכאַפּנדיק די האַנט פון קראַנקן, וועלכע איז געלעגן נאַכלעסיק אויף דער קאָלדרע, האָט ער דעם קאָפּ צוזיין ברוסט צוגעטוליעט.

דער קראַנקער האָט זיך אַפילו קיין ריר נישט געטון.

דאָס יינגל האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, ווידער אַ קוק געטון אויפן פאָטער און ווידער זיך ביטער צעוויינט — דאַמאָלס האָט דער קראַנקער געוואָרפן אויף אים אַ לאַנגן בליק און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערקענט אים.

זיינע ליפּן האָבן זיך פונדעסטוועגן קיין באַוועג נישט געטון. אָרימער טאַטע, ווי פאַרענדערט ער איז געווען! דער זון וואָלט אים קיינמאָל נישט דערקענט.

די האָר זײַנען אים גראָ געוואָרן, די באָרד איז אים אָנגע־וואַקסן, דאָס פּנים איז געווען געשוואָלן, רויט, מיט אַ שטאַרק אָנ־געצויגענער און בלישטשענדיקער הויט, די ליפּן גראָב, די אויגן האָבן זיך קוים אַרויסגעזען, אַלע געזיכטס־שטריכן זײַנען געווען אײַנגעאַנצן פאַרענדערט. נאָר דער שטערן און די שוואַרצע בויגנס פון די ברעמען זײַנען געבליבן די זעלבע. ער האָט שווער געאָטעמט.

— טאַטעשי! מײַן טאַטעשי! — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט. — דאָס בין איך! צי דערקענסטו מיך טאַטע! איך בין דאָך שימוש, דײַן שימוש... איך בין געקומען פון דאָרף... די מאַמע האָט מיך געשיקט. קוק אויף מיר, טײַערער טאַטעשי! רעד כאָטש איין וואָרט!

נאָר דער קראַנקער האָט, אָנקוקנדיק אים אַ ווײַלע אויפמערק־זאַם, די אויגן צוגעמאַכט.

— טאַטעשי, וואָס איז דיר, טאַטעשי!.. איך בין דאָך דײַן זון, שימוש!..

נאָר דער קראַנקער האָט זיך דאָך אַלץ קיין באַוועג נישט געטון און נאָר שווער געאָטעמט.

דאַמאָלס האָט דאָס ייִנגל אַזוי וויינענדיק זיך צוגערוקט אַ בענקל צום בעט, זיך אַנידערגעזעצט און געוואַרט נישט אַראָפּנעמענ־דעם בליק פון זײַן פאָטערס פּנים.

— דער דאָקטאָר וועט דאָך זיכער קומען, האָט ער זיך גע־טראַכט, וועט ער מיר זאָגן.

און ער איז פאַרזונקען אין אַן אומעטיקן באַטראַכטן, דער־מאָנענדיק זיך, ווי דער פאָטער האָט זיך דאָס דאַמאָלס אין דער וועלט אַרײַן אַוועקגעלאָזט, ווי ער האָט זיך מיט די קינדער אויף דער שיף געזעגנט, ווי אַלע האָבן אים מיט גוטע האָפנונגען אָפּגע־וואַרט, און ווי עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז ער איז קראַנק, און די מאַמע האָט דאַמאָלס ביטער געוויינט...

און ווידער זיינען אים געקומען אויפן געדאַנק שרעקלעכע זאכן. ער האָט געזען זיין פאָטער אַ געשטאָרבענעם, די מוטער אין טרויער, זייער גאַנצע פאַמיליע אין נויט...

לאַנג איז ער אַזוי געזעסן ביז ער האָט דערפילט אַ לייכטן ריר פון אַ האַנט אויף זיין אָרעם. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט: דאָס איז געווען אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער.

— וואָס איז מיין טאַטן? אויף וואָס איז ער קראַנק? — האָט ער איילנדיק געפרעגט.

— דאָס איז דיין טאַטע? — האָט די שוועסטער זיך געפרעגט.

— יאָ, מיין טאַטע... איך בין געקומען פון דאָרף... וואָס איז אים? אויף וואָס איז ער קראַנק?

— האָב נישט קיין עגמת נפש יינגל! פאַל נישט באַ דיר, באַלד וועט דאָ קומען דער דאָקטאָר.

און זי איז אַוועקגעגאַנגען גאָרנישט זאָגנדיק מער.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון גלעקל, און ער האָט דערזען דעם דאָקטאָר, וועלכער איז אַריינגעקומען אין זאַל מיט זיין אַסיסטענט. די באַרמהאַרציקע שוועסטער און דער אויפזעער זיינען זיי נאָכגעגאַנגען. גייענדיק אַזוי איבער דער לענג פון זאַל, האָט ער זיך פאַרהאַלטן באַ יעדן בעטל. דעם אָרימען יינגל האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלן אפשר קיינמאָל צו זיין פאָטער נישט צוקומען, און מיט יעדן טריט פון דאָקטאָר איז געוואַקסן זיין אויפרעגונג צוזאַמען מיט דעם אומגעדולד פון דערוואַרטונג.

ענדלעך זיינען זיי שטיין געבליבן באַם שכנותדיקן בעטל. דער דאָקטאָר איז געווען אַ הויכער זקן, אַ ביסעלע אַן איינגעגאָרביעטער, און האָט געהאַט אַן ערנסט פּנים. איידער ער איז נאָך אַוועקגעגאַנגען פון בעטל, האָט זיך שוין דאָס יינגל אויפגעשטעלט פון זיין בענקל, און ווען דער דאָקטאָר האָט זיך דערנענטערט צו זיין

פּאַטער, האָט ער, שוין נישט קענענדיק איינהאַלטן די טרערן, זיך ביטער צעוויינט.

דער אַלטער הער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים.

— דאָס איז דעם קראַנקנס אַ זון — האָט די שוועסטער געזאָגט, — ער איז געקומען הײַנט אינדערפרי פון דאָרף.

דער דאָקטאָר האָט אַרויפגעלייגט דעם ייִנגל די האַנט אויפן אַקסל, נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעבויגן איבערן קראַנקן, באַטאַפּט אים דעם דופק, אָנגערירט דעם שטערן, און געשטעלט עטלעכע פֿראַגן דער באַרימהאַרציקער שוועסטער, וועלכע האָט געענטפערט:

— אַלץ איז ווי געווען...

דאַמאָלס האָט דער דאָקטאָר זיך פאַרטראַכט, און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— מען דאַרף טון דאָס אייגענע ווײַטער...

דאָ האָט זיך דאָס ייִנגל אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע און מיט אַ פּנים פאַרגאָסן פון טרערן:

— וואָס איז מײַן טאַטן?

— באַרויִק דיך קינד! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַרויפלייגנדיק אים ווידער די האַנט אויפן אַקסל. — דײַן טאַטע האָט אַ רויז אויפן פּנים. דאָס איז אַ געפערלעכע זאַך, אָבער עס איז נאָך דאָ אַ האָפנונג. היט אים. זיץ לעבן אים. דײַן געגנוואַרט איז אַ גרויסע דערלייכטערונג פאַר אים.

— און ער דער טאַטע דערקענט דאָך מיך נישט? — האָט דאָס ייִנגל אויסגערופן מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע.

— ער וועט דיך דערקענען. האָב נישט קיין מורא! אפשר וועט ער דיך מאָרגן דערקענען. לאָמיר האָפן, און זײַ רויִק.

דאָס ייִנגל האָט זיך געוואָלט נאָך וועגן אַ סך זאַכן פרעגן, ער איז אָבער נישט דרייסט געווען. דערווײַל איז דער דאָקטאָר געגאַנגען ווײַטער, און ער האָט אָנגעהויבן זײַן וואַכן לעבן דעם קראַנקן.

נישט קאָנענדיק פֿיל קיין סך העלפֿן, האָט ער אים כאָטש בלייז געמאַכט די קאָלדרע, לייכט אָנגערירט די האַנט, אַראָפּגע־טריבן די פֿליגן פֿון אים, נאָך יעדן קרעכץ זיך אָנגעבויגן איבער אים, און ווען די שוועסטער האָט געגעבן דעם קראַנקן עפּעס צו טרינקען, אָדער די רפֿואות, האָט ער איר צוגענומען דאָס גלאָז אָדער דאָס לעפֿעלע פֿון דער האַנט, אָדער זיי דערלאַנגט איר. טייל־מאָל האָט דער קראַנקער געעפֿנט די אויגן און געקוקט אויף אים, אָבער ער האָט ביז אַצינד נישט געגעבן קיין שום צייכן, אַז ער דערקענט אים, כאָטש זיין בליק האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף אים וואָס אַמאָל לענגער, באַזונדערס, ווען דאָס יינגל האָט זיך וויינענדיק פֿאַרדעקט מיטן טיכל די אויגן.

און אַזוי איז אַריבער דער ערשטער טאָג.

די נאַכט איז דאָס יינגל דורכגעשלאָפֿן איינגעקאָרטשעט אויף צוויי בענקלעך אין ווינקל זאַל, און קוים איז נאָר טאָג געוואָרן, האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין באַדינען דעם פֿאָטער.

דעם טאָג האָט זיך געדאַכט, אַז דעם קראַנקנס בליק הייבט אָן ווערן ווי באַוווסטזיניקער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דעם קינדס צערטלעכע ווערטער וועקן אין די אַפּלען פֿון זיינע אויגן עפּעס ווי אַ שיין פֿון דאַנקבאַרקייט. ער האָט איינמאָל אַפֿילו אַ ריר געטון מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגן.

ווען ער האָט נאָך אַ קורצן פֿאַרשטיינערט בלייבן צוריק די אויגן געעפֿנט, האָט זיך געדאַכט, אַז זיין בליק זוכט דעם קליינעם וועכטער.

דער דאָקטאָר איז דעם טאָג געווען צוויי מאָל באַם קראַנקן און האָט באַמערקט אין זיין צושטאַנד אַ קליינע פֿאַרבעסערונג. אַרונט־צו, ווען דאָס יינגל האָט צוגעטראָגן די רפֿואה צום פֿאָטערס אָנגעשוואָלענע ליפּן, האָט ער באַמערקט, ווי אַ לייכטן שמייכל אויף זיי. האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און גוטער האָפֿנונג. און האָפֿנדיק,

אַז דער קראַנקער װעט זײַנע װערטער װי ס'איז פֿאַרשטײן, האָט ער אױך באַלד אָנגעהױבן צו דערצײלן אים װעגן דער מוטער, װעגן די קלײנע שװעסטערלעך, װעגן דעם, װי זײ װעלן זיך דאָס בײדע אומקערן אַהײם. און ער האָט באַשװוירן דעם פֿאָטער מיט אַזאַ גוטער שטימע און מיט אױסדריקן פֿול ליבע, ער זאָל זײַן רויִק. און כאָטש ער האָט מינוטנװײַז געצװײפֿלט, צי ער װערט פֿאַרשטאַנען, האָט ער דאָך גערעדט, װײַל עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער קראַנקער, כאָטש ער פֿאַרשטײט אים ניט, הערט ער דאָך מיט אָנגענעמקײט און דערלײכטערונג זײַן שטימע, אין װעלכער עס האָט געציטערט אַ טיפֿע צוגעבונדנקײט, אַ טיפֿער טרױער — און האָפֿנונג. און אַזױ איז אַריבער דער צװײטער טאָג, און דער דריטער, און דער פֿערטער, צװישן קלײנע פֿאַרבעסערונגען, פּלוצלינגע פֿאַרערגערונגען; און דאָס ייִנגל איז מיטן גאַנצן האַרץ געװען אַזױ אָפּגעגעבן זײַן באַשעפֿטיקונג, אַז ער האָט קױם צװײ מאָל אין טאָג אַראָפּגעשלונגען דאָס שטיקל ברױט מיט קעז, װאָס די מאַנאַכין האָט אים געבראַכט, און כמעט ניט געזען און ניט געהערט, װאָס אין זאַל טוט זיך; ניט די שטאַרבנדיקע, ניט די אײַלנדיקע טריט פֿון די שװעסטערן באַנאַכט, ניט דאָס פֿאַרצװײפֿלטע יאָמערן פֿון די, װאָס זײַנען אױסגעגאַנגען פֿון דאַנען פֿון זײַערע נאָנטע אָ, דער מינדסטער האָפֿנונג, ניט די אַלע װײטיקלעכע און שרעקלעכע סצענעס פֿון שפּיטאָל-לעבן, װעלכע װאָלטן אים בײַ אַנדערע אומשטענדן צוגעשמידט צו דער ערד און אָנגעװאָרפֿן אױף אים אַ שרעקלעכן פּחד.

שעהן און טעג זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען, און ער איז אַלץ געװען דאָרט, בײַ זײַן טאַטעשי, אַן אױפֿמערקזאַמער, אַ פֿלײַסיקער, אַ ציטערדיקער בײַ יעדן זיפֿצל פֿון קראַנקן, בײַ יעדן קרעכן זײַנעם; לעבנדיק צװישן האָפֿנונג, װעלכע האָט אים צוגעגעבן קרעפֿטן און צװײפֿל, װעלכער האָט אים געפֿרירט דאָס האַרץ.

נאָך דעם פינפטן טאָג איז דאָס קינד געוואָרן עטוואַבינק, ערגער.

דער דאָקטער איז געקומען, א קוק געטון און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן, אַז אַלץ איז ביז־דיקט, און דאָס יינגל איז אַנידערגעפאַלן אויפן טישל, און אַרויסגעלאָזט אַ יאָמער.

ער האָט זיך אויסגעוויינט, דער אָרימאַנקער, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן. איין זאַך האָט אים געטרייסט. וואָרים באַ דער דאָזיקער פאַרערגערונג האָט זיך אים אַפילו גע־דאַכט, אַז דער קראַנקער איז מער באַם זינען. ער האָט אַלץ מער געקוקט אויפן יינגל, אַלץ מיט אַ דייטלעכער טיפער גערירטקייט. נישט קיין רפואה, נישט אַזוי צו טרינקען, האָט ער נישט געוואָלט געמען, אויב נישט פון אים, און האָט אַלץ אָפטער באַוועגט מיט אָנשטרענגונג די ליפּן, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אַרויסרעדן, און נישט איינמאָל האָט ער דאָס געטון אַזוי דייטלעך, אַז דער זון האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט, דערפריידט פון דער פּלוצלינגער האָפענונג, און אויסגערופן מיט פרייד:

— טאַטעשי! טייערער טאַטעשי! ווערסט שוין באַלד זיין גע־זונט! מיר וועלן זיך צוריקקערן אין דאָרף אַריין, אַהיים, צו דער מאַמען!.. מיר וועלן זיך אַלע פרייען! שוין באַלד... באַלד...

עס איז געווען פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג, ווען דאָס יינגל האָט טאַקע אין אַזאַ מאָמענט פון טיפער גערירטקייט און פריידי־קער האָפענונג, פּלוצלינג דערהערט באַ דער נאָענטסטער שיר פון זיין שווערע טריט און אַ שטאַרקע שטימע, וואָס האָט געזאָגט:

— זייט געזעגנט שוועסטער!

דאָס זיינען געווען נאָר דריי ווערטער, און דאָך האָט דאָס יינגל איינגעאַנצן אַ ציטער געטון און דאָס קול איז אים אָפּגעשטאָרבן אין דער ברוסט.

אין דער רגע איז אַרײַנגעקומען אין זאַל אַ מענטש מיט אַ גרויסן פּעקל אין האַנט, און נאָך אים איז נאָכגעקומען די מאָנאַכין.

דאָס ייִנגל האָט אַ שרעקלעכן געשריי געטאָן, זיך אַ ריס גע-געבן, נאָר געבליבן ווי אײַנגעוואַקסן אין דער ערד. דער מענטש האָט זיך אומגעקוקט, געטראַכט אַ ווײַלע, און געבנדיק אַ שרעקלעכן אויסגעשריי: „שימיש"! האָט ער זיך געוואָרפן צו אים. דער קליי-נער איז אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס פון פאָטער, שלאָכצנדיק, כמעט אָן אָטעם.

די מאָנאַכינס, וועכטער, אַסיסטענטן זײַנען זיך צוזאַמענגע-לאָפן און שטיין געבליבן דערשטוינט. דאָס ייִנגל האָט נישט געקענט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט.

— מײַן שימיש! מײַן שימיש! — האָט דער פאָטער איבער-געחזרט און געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויפן בעט פונם קראַנק, און ווידער אַרומגעכאַפּט דעם זון און געקושט. — זאָג-זשע מיר, — האָט ער ענדלעך געזאָגט — וואָס דאָס אַלץ באַדײַט? מען האָט דאָך דיך פאַרפירט צו אַן אַנדערן בעט! און איך האָב שלאָפן נישט געקענט גאַנצע נעכט, וואָרים דאָ שרײַבט מיר די מאַמע: „איך שיק אים" און דו ביסט נישטאָ און נישטאָ. ווי לאַנג זשע ביסטו שוין דאָ, ייִנגל?.. ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען?.. און איך האָב מײַן קוים אַרויסגעדרייט!.. אָבער אַצינד, האָ! האָ!.. און די מאַמע? און קאָסטושאַ? און דאָס ברודערל? וואָס-זשע מאַכן זיי? אָבער וואָס זײַנען מיר נאָך דאָ אין שפּיטאָל! קום ייִנגל! ווער וואָלט דאָס געגלייבט!..

ענדלעך האָט זיך דאָס ייִנגל אָנגעקושט, באַרויקט, אויף גיך געענטפערט וועגן דער היים, וועגן דער פאַמיליע, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— ווי גליקלעך איך בין! ווי גליקלעך! וואָס פאַר אַן או-מעטיקע טעג זײַנען דאָס געווען, וואָס פאַר אַ שוידער! — און דאָ

ווידער געקושט דעם פאָטער, נישט קענענדיק זיך אָפּרייסן פון אים. אָבער דאָך האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט.

— נו, קום-זשע! — האָט דער פאָטער געזאָגט. — מיר וועלן נאָך אויף היינט באַנאַכט אָנקומען אַהיים, קום!

און האָט אָנגענומען דאָס יינגל בײַ דער האַנט. דאָס יינגל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט אויפן קראַנקן.

— נו, דו גייסט, עי, דו גייסט נישט? — האָט דער פאָטער פאַרוווּנדערט אים געפרעגט.

דאָס יינגל האָט נאָכאַמאָל אַ בליק געטון אויפן קראַנקן, און יענער האָט אויך אין דעם מאָמענט אויפגעעפנט די אויגן און אויף דעם יינגל געקוקט.

און דאַמאָלס האָט אַ קוואַל פון ווערטער אַ שלאָג געטון דעם יינגל פון דער טיפעניש פון זיין נשמה:

— ניין, טאַטע! וואַרט אַ ווײַלע... איך קען נישט... דער אַלטער... זעסט... שוין פינף טעג בין איך לעבן אים. ער קוקט אַלץ איינינעם אויף מיר... איך האָב געמיינט, אַז דאָס ביסטו... איך האָב אים ליב געקריגן. זעסט ווי ער קוקט אויף מיר... כ'האָב אים געגעבן צו טרינקען, געווען כסדר לעבן אים.. ער איז זייער קראַנק... האָב געדולד, טאַטע! איך ווייס נישט... איך קען נישט... איך האָב נישט קיין האַרץ אַזוי אַוועקצוגיין פון אים... אים איבער-צולאָזן. מאָרגן וועל איך קומען אַהיים... כ'וועל נאָך אַ ביסל דאָ זיין בײַ אים. זעסט ווי ער קוקט אַלץ... כ'ווייס נישט ווער ער איז, אָבער ווען ער וואָלט אַזוי געשטאָרבן... אַליין, וואָלט ער געהאַט פאַרדראָס אויף מיר... דערלויב מיר דאָ בלייבן בײַ אים, טאַטע, דערלויב!..

— אַ טיכטיק יינגעלע! — האָט דער אַסיסטענט געזאָגט.

און דער פאָטער איז געשטאַנען, נישט וויסנדיק וואָס צו טון, קוקנדיק דאָ אויפן זון, דאָ ווידער אויפן קראַנקן.

— ווער איז דאָס פאַר איינער? — האָט ער ענדלעך געפרעגט דעם אַסיסטענט.

— אַ דאָרפסמאַן, אַזוי ווי איר. ער האָט זי אויך ווי איר צוריקגעקערט פון אַ רייזע און דעם זעלבן טאָג איינגעשריבן געוואָרן אין שפּיטאָל. מען האָט אים געבראַנגט אַ פאַרחלשטן, ער האָט נאָך ביז היינט נישט גערעדט. אפשר האָט ער אויך ערגעץ אַ פאַמיליע, קינדער. אפשר האָט זיך אים געדאַכט, אַז אייער יינגל, דאָס איז איינס פון זיינע קינדער.

און ווען דער אַסיסטענט האָט אַזוי גערעדט, האָט דער קראַנקער געקוקט אויפן יינגל מיט אַן אַנגעשטרענגטן בליק.

— בלייב-זשע! — האָט דער פאָטער געזאָגט צו שימושן.

— נישט אויף לאַנג שוין... — האָט דער אַסיסטענט שטיל אַ שעפּטשע געטון.

— בלייב! — האָט דער פאָטער איבערגעחזרט. — האָסט אַ גוט האַרץ, יינגל! איך גיי באַלד אַהיים, צו דערפרייען וואָס גיכער די מאַמען. אָט האָסטו אַ טאָלער אויף דיינע באַדערפנישן. זיי געזונט, ביי געזונט, גוט קינד!

ער האָט אים אַרומגענומען, געקוקט אויף אים מיט טיפער געריריטקייט, נאָכאַמאָל אים געקושט אין שטערן און אַוועקגעגאַנגען.

דאָס יינגל האָט זיך דערנענטערט צום בעט, און דער קראַנקער, וואָס האָט געקוקט ביז אַצינד אומרויִק, האָט אויסגעזען זיך צו באַרויִקן און איינשטילן אין אַ געפיל פון גליקזעליקייט און טרייסט.

און אַזוי האָט שימוש דאַמאָלס צוריקגעקערט צו זיין באַשעפטיקונג אַלס וועכטער באַם אומבאַקאַנטן אַלטן, שוין נישט ווייגענדיק, אָבער מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמער געריריטקייט, מיט דעם זעלבן געדולד, ווי פריִער. און ווידער אים גלייך געמאַכט די קאָלדרע, ווידער אים געגלעט זיין הייסע האַנט און מיט זיסע ווער-

טער אים דערפריידט, צוגעגעבן מוט, און אזוי אים געהיטן דעם דאָזיקן גאַנצן טאָג, און אויך באַנאַכט געבליבן בײַ זײַן בעטל, און אויך דעם מאָרגנדיקן טאָג.

נאָר דעם קראַנקן איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. זײַן פּנים איז שרעקלעך בלאַס געוואָרן, דער אָטעם שווער. ער האָט זיך גע־וואָרפן, אַרויסגעלאָזט אומפאַרשטענדלעכע געשרייען, און דאָס אַלץ שטייגנדע געשווענלן האָט אים געמאַכט שרעקלעך אויסזען.

אין דער צײַט פון זײַן באַנאַכטיקן וויזיט, האָט דער דאָק־טאָר געזאָגט, אַז דער אָרימער וועט נישט איבערלעבן די נאַכט. און דאַמאָלס האָט שימוש פאַרטאָפּלט זײַן פלײַס און די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים און דער קראַנקער האָט אויך געקוקט, אַלץ געקוקט אויפן ייִנגל, און פון צײַט־צו־צײַט גערירט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, און אַן אויסדרוק פון אומגע־הייערער געריכטקייט האָט דאַמאָלס געבלישטשעט אין זײַנע פאַר־ברייטערטע אַפּלען, וועלכע זײַנען, ווי פאַרפאַלן געוואָרן אין זײַן שייטל אַרײַן.

אויך די דאָזיקע נאַכט איז דאָס ייִנגל נישט אָפּגעטרעטן פון אים אַפילו אויף קיין איין רגע, כּל־זמן עס האָט נישט אָנגעהויבן טאָגן אין די פענסטער און די שוועסטער האָט זיך נישט באַוויזן אין זאַל.

ווי אָבער נאָר די שוועסטער איז צוגעגאַנגען צום בעט און געוואָרפן אַ בליק אויפן קראַנקן, האָט זי באַלד אָנגעהויבן צו רופן דעם וואַך־דאָקטאָר און דעם וועכטער, וועלכער האָט געבראַכט ליכט.

דער וואַך־דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען, אַ בליק געטון און געזאָגט:

— ער גוססט.

אַלע האָבן געשוויגן. דאָס ייִנגל האָט אָנגענומען דעם קראַנקנס האַנט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פֿאַרן טויט פֿאַרטיי־דיקן. דער קראַנקער האָט געעפֿנט אויף אַ רגע די אויגן, אַ בליק געטון אויף אים און ווידער זיי פֿאַרמאַכט. נאָר דעם ייִנגל האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער קורצער ווײַלע פֿילט ער אַ דריק פֿון זײַן האַנט.

— ער האָט מיר אַ דריק געטון די האַנט! — האָט ער געזאָגט.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעבויגן איבערן קראַנקן, זיך צו־געהערט צו זײַן אָטעם, נאָכדעם האָט ער זיך פּאַמעלעך אויסגע־גלײַכט. די מאַנאַכין האָט אַראָפּגענומען דאָס הייליקע בילד פֿון דער וואַנט.

— ער איז געשטאָרבן! — האָט דאָס ייִנגל מיט ווייטיק אַ געשריי געטון.

— גיי, קינד! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — דײַן היי־ליקע אַרבעט איז שוין געענדיקט. גיי און זײַ גליקלעך, וואָרים דו ביסט דאָס ווערט. זאָל דיך גאָט בענטשן. זײַ געזונט!

אָבער די שוועסטער, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט מיט אַ ווײַלע צוריק דערווייטערט, איז צוגעגאַנגען צו שימושן מיט אַ בו־קעטל פֿיאָלקעס, וועלכע זי האָט אַרויסגענומען פֿון אַ קריגל, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן פֿענסטער.

— איך האָב דיר נישט וואָס צו געבן, קינד! — האָט זי געזאָגט: — נעם כאָטש די בלימעלעך צום אָנדענקען פֿון שפּיטאָל.

— אַ דאַנק! — האָט ער געענטפֿערט, נעמענדיק דאָס בוקעטל אין דער האַנט און מיט דער צווייטער זיך אויסווישנדיק די אויגן! — אָבער איך האָב אַזוי ווייט צו גיין, אַז איך וואָלט עס אָנגעווירן אויפֿן וועג...

און צעבינדנדיק די בלימעלעך, האָט ער זיי צעשיט איבערן בעט, לעבן וועלכן זיי זיינען געשטאַנען, זאָגנדיק:

— כ'וועל זיי איבערלאָזן מיין אָרימען פאַרשטאָרבענעם...

און האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צו געזעגענען.

— אַ דאַנק, שוועסטער! אַ דאַנק, הער דאָקטאָר! דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט צום פאַרשטאָרבענעם.

—זיי געזעגנט... — און איז שטיין געבליבן, זוכנדיק אין געדאַנק אַ וואָרט, מיט וועלכן אים דאָ אָנצורופן. און דאַמאָלס איז אים גלייך פון האַרץ געקומען אויף די ליפן דער זיסער נאָמען, מיט וועלכן ער האָט אים מיט פינף טאָג צוריק מיט טרערן באַגריסט...

— כ'געזעגן דיך, אָרימער טאַטעשי!

און געכאַפט זיין פעקעלע אונטערן אָרעם און מיט אַ פאַמעלעכן טריט אַרויסגעגאַנגען פון שפיטאָל-זאַל.

ס'האָט געטאָגט.

אין קוזשניע.

שבת, דעם 18-טן.

פרעקאָשי איז מיך נעכטן געקומען דערמאָנען כ'זאָל גיין באַקוקן זייער קוזשניע, וועלכע געפינט זיך אויף דער זעלבער גאַס, וו מיר וווינען. האָבן מיר היינט, אַרויסגייענדיק מיטן טאַטן פון שולע, אָפגעטרעטן דאָרט אויף אַ ווײַלע. אָבער, ווען מיר זיינען שוין צוגעקומען נאָענט, האָב איך באַמערקט, ווי פון קוזשניע לויפט אײַלנדיק אַרויס גאַראָפי, מיט אַ היפש פעקל אין דער האַנט, צוהאַלט-

דיק די פּאָלעס פון זיין לאַנגן פּאַלטאָ, אונטער וועלכן ער באַהאַלט געווייגטלעך זיינע סחורות.

— אָך, איך ווייס שוין אַצינד, וווּ ער נעמט די אייזערנע פּילעכלעך צום פּאָלירן, וועלכע ער פֿאַרקויפֿט דערנאָך פֿאַר אַלטע העפטן, דער הענדלער גאַראָפּי! דאָס הייסט...

באַלד בײַ דער טיר פֿון קוזשניע האָבן מיר דערזען פּרעקאָשין, ווי ער איז געזעסן אויף אַ צוזאַמענגעלייגט קופּערנע ציגל, און זיך געלערנט די לעקציע פון אַ ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די קני. ער איז אויפגעשפּרונגען און געבעטן אונדז אַרײַנגיין.

דאָס איז געווען אַ שטוב, פֿול מיט אייזן-שטויב. אויף די ווענט אַרום זיינען געהאָנגען העמערלעך, צוואַנגען, שטאַבעס אייזן, זאַוויאַסעס, און אַנדערע אייזנוואַרג פון פֿאַרשיידענע מיר אומבאַקאַנטע פֿאָרמען. אין ווינקל האָט געפֿלאַקערט אַ פֿייער, וואָס איז אויפגעבלאָזן געוואָרן דורכן גרויסן בלאָזזאַק, מיט וועלכן ס'האָט געבלאָזן אַ קליין קאָוואַל-ייִנגל.

פּרעקאָשיס פֿאָטער איז געשטאַנען בײַ דער קאָוואַדלע און דער צווייטער, זיין געהילף, האָט געהאַלטן מיט אַ צוואַנג אַ שטיק אייזן אין פֿייער.

— אָך! — האָט דער קאָוואַל אויסגערופֿן, דערזעענדיק אונדז און אַראָפּגענומען דאָס היטל פֿון קאָפּ. דאָס, איז דאָס גוטע ייִנגעלע, וואָס האָט דיר דאָס באַנדל געשענקט! געקומען זען, ווי מען אַרבעט אין אַ קוזשניע, אמת? באַלד, באַלד וועט דאָס געווירן ווערן!

און זאָגנדיק דאָס, האָט ער געשמייכלט. און איך האָב באַלד באַמערקט, אַז ער זעט שוין נישט אויס אַזוי אומעטיק און קוקט שוין נישט אַזוי פֿון אונטערן שטערן אַפּער, ווי אַמאָל.

דערווייל האָט דאָס געהילף-ייִנגל אַרויסגענומען פֿון פֿייער

דאָס שטיק אייזן, וואָס איז אָנגעגליט געווען אין איין עק, און דער קאָוואַל האָט עס אָנגעשפּאַרט אויף דער קאָוואַדלע. פון דער שטאַבע האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן אַזאַ אייזערנער שטאַכעט, פון וועלכע עס ווערן געווײַנטלעך צוזאַמענגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ שטייגל אַלטאַנעס, אויוון קיילעכדיק אויסגעבויגן. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן אַ שרעקלעך גרויסן האַמער און אָנגעהויבן האַקן מיט אים אין דעם אָנגעגליטן עק פון דער שטאַבע, איבערדרייענדיק זי אויף דער קאָוואַדלע, אַמאָל אויף דער, אַמאָל אויף דער צווייטער זייט און צו־געבענדיק איר וואָס אַמאָל אַלץ אַן אַנדערע פאָרם. עס איז געווען אַ תענוג צו קוקן, ווי דאָס אייזן האָט זיך, אונטער די שנעלע, זיכערע קלעפּ פון האַמער, געבויגן, פּאַרקײַלעכדיקט און ביסלעכווייז אָנגע־נומען די פאָרם פון אַ געשפּיצלטן בלאַט פון אַ בלום, פּונקט ווי דאָס וואָלט גאָרנישט געווען קיין האַרטע שטאַבע, נאָר אַ ווייך טייג, וואָס ווערט געקנעטן דורך אַ האַנט אַזוי, ווי איר גלוסט זיך נאָר.

און דערווײַל האָט דער זון געקוקט אויף אונדז מיט עפּעס אַ שטאָלץ, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן:

— זעט נאָר, וואָס מײַן טאַטע קען אַלץ!

— נו, וואָס? — האָט ענדלעך דער קאָוואַל געזאָגט — האָט שוין דאָס פֿײַנע בחורל געזען, ווי מען שמידט אייזן?

און האָט מיר געוויזן די שטאַבע, וועלכע האָט אַצינד אויס־געזען, ווי אַ שטעקן פון אַ ביסקופּ. און אָוועקלייגנדיק זי אין דער זייט, האָט ער באַלד אַרײַנגערוקט אַ צווייטע אין פײַער.

— אַ שיינע אַרבעט! אַ פעסטע! — האָט אויף דעם מײַן טאַטע געזאָגט. און צוגעגעבן: — האָט איר אײַך טאַקע געגעבן צוריק צו דער אַרבעט? צוריק באַקומען חשק צו איר?

— צוריק! — האָט דער קאָוואַל געענטפערט, אָפּווישנדיק דעם שווייס פון פּנים און אָפּרוענדיק זיך אַ רגע. — און ווייסט איר, ליבער הער, ווער ס'האָט מיר דעם חשק צוריקגעגעבן!

מיין טאַטע האָט זיך געבראַכט, ווי ער הייסט פון גאַרנישט.

— דאָס דאָזיקע אָרעמטלעכע יינגל — האָט דער קאָוואַל גע־זאָגט, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן זון, דאָס דאָזיקע גוטע קינד, וואָס האָט זיך גענומען צום לערנען און געראַטעוועט דעם כבוד פון זיין פאָטער, אין דער צייט, ווען דער פאָטער... וואָס איז דאָ א סך צו רעדן, האָט אין אַלץ שענקען געשיפורט און דעם זון ווי א הינט באַהאַנדלט. ערשט, ווען כ'האָב דעם מעדאַל דערזען...

דאָ האָט ער אָפּגעהאַקט, אַראָפּגעשילגען דאָס שפּיעכץ, און זיינע גרויסע האַנטעס האָבן אַ ציטער געטון, ווי ער וואָלט זיך איינגעהאַלטן פון וויינען. נאָר ער האָט זיך באַלד אויסגעדרייט צום יינגל און שפּאַסנדיק געזאָגט:

— אָבער קום נאָר אַהער דאָ, קליינטשיקער קום נאָר אַהער! דאָ, דו גרויסער מענטש, נישט גרעסער פון א ווריבעל אויפן דאַך! לאָז מיך נאָר אויף דעם דאָזיקן שנאָבעלע דיינעם אַ קוק טון!

דאָס יינגל איז צוגעלאָפן. דער קאָוואַל האָט אים אַ כאַפּ גע־טון אין דער העלפט און גלייך אַנידערגעשטעלט פאַר זיך אויף דער קאָוואַדלע.

— נו — האָט ער געזאָגט — אַז ס'איז יאָ אַזוי, רייב אַ ביסל אויס דאָס פּרצוף דעם דאָזיקן מיאוסן טאַטן דיינעם.

און פּרעקאָשי האָט אָנגעהויבן צו באַשיטן מיט קושן דאָס שוואַרצע פּנים פון זיין פאָטער, און אין א ווײַלע אַרום איז ער אַליין אויך געווען איינגאַנצן אויסגעריסט.

— גוט אַזוי! — האָט דאַמאָלס דער קאָוואַל געזאָגט און אַראָפּגעשטעלט דאָס יינגל אויף דער ערד.

— גוט אַזוי! איר זענט גערעכט, פּרעקאָשי! — האָט מיט פרייד אויסגערופן מיין טאַטע.

געזעגענענדיק זיך מיטן קאָוואַל און מיט זיין זון, זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פון קוזניע.

שוין אויף דער שוועל האָט מיך אָנגעיאָגט דער קליינער פּרעקאָשי, אַ שעפּטש געטון זיין „אַנטשולדיק!" און מיר אַריינגעלייגט אין קעשענע אַ פּעקל טשוועקעס. איך האָב אים האַרציק געדאַנקט און פאַרבעטן, ער זאָל קומען די לעצטע טעג יום-טוב זען דורך אונדזער פענסטער דעם קאַרנאַוואַל-צוג.

ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דער גאַס, האָט מיין פאָטער געזאָגט:

— דו האָסט אים געשענקט דיין באַנדל, יינגל מיינס! נאָר ווען דאָס באַנדל וואָלט געווען נישט נאָר פון אייזן, נאָר אַפילו פון גאָלד און פּערל, וואָלט עס אויך נאָך אַ צו קליינע מתנה געווען פאַר דעם דאָזיקן הייליקן קינד, וואָס האָט מיט זיין ליידן און ליבע אַזוי איבערגעענדערט דאָס האַרץ פון זיין פאָטער!

. . . .

דאָס פּאַיאַצל.

מאָנטיק, דעם 20-טן.

די גאַנצע שטאָט קאָכט אַזש פון דעם קאַרנאַוואַל-גערידער, ווייל עס דערנענטערן זיך שוין די לעצטע טעג יום-טוב. אויף אַלע פּלעצער שטייען בוידן פון שטריקגייער, באַלעם-וואַרפער; און פאַר אונדזערע פענסטער שטייט אויך אַ בויד פון לייוואַנט, אין וועלכער עס גיט אירע פאָרשטעלונגען אַ קליינע צירק-געזעלשאַפט פון ווענעציע, וואָס פאַרמאָגט אינגאַנצן נאָר פינף פערד. דער צירק איז אין מיטן פּלאַץ, און לעבן אים שטייען דריי פאַרמאַכטע וועגן, אין וועלכע די שטריקגייער טון זיך איבער און אין וועלכע זיי שלאָפן אויך. זיי זען אויס פּונקט ווי דריי הייזלעך אויף רעדער-

יעדעס מיט אַ קוימענדל, פון וועלכן עס גייט כסדר אַ רויך, מיט פענסטערלעך; און צווישן איין פענסטערל און דעם צווייטן, טרי־קענען זיך אויף שטריק קינדערישע קליידעלעך, ס'איז דאָרט דאָ אַ פרוי, וועלכע זייגט אַ קינד, און קאָכט, און טאַנצט אויפן שטריק. אָרימע מענטשן! וואָרים ס'איז זיך גרינג אָפצוריידן: אַ טענצל דאָרט אויף אַ שטריק! און עס קלינגט נאָך עפעס ווי אַ באַליידיקונג פאַר זיי; און זיי פאַרדינען דאָך ערלעך אויף זייער ברויט, פאַרווײַלן דעם עולם און אַרבעטן זייער שווער.

אַ גאַנצן טאָג לויפן זיי אַלע מאָל פון די וועגן אין דער בויד אַריין אין אָנגעצויגענע טריקאָטן, אויף אַזאַ קעלט, כאַפן עפעס אויף געשווינד און מויל אַריין, אַפילו זיך נישט אַנידער־זעצנדיק צווישן איין פאָרשטעלונג און דער צווייטער; און נישט איינמאָל מאַכט זיך נאָך, דווקא ווען דער צירק איז פול, אַ שטאַר־קער שטורם־ווינט, וואָס וואַרפט מיט די לייוונטענע ווענט, לעשט אויס דאָס ליכט און — זיי געזעגנט האָלענדישער הערינג! זיי מוזן אָפגעבן דאָס געלט און אַרבעטן באַנאַכט, כדי אויף מאָרגן ווי ס'איז ווידער צו פאַררעכטן די „בודע". זיי האָבן מיט זיך צוויי ייִנגלעך, וועלכע אַרבעטן אויך. מײַן טאַטע האָט דערקענט דעם קלענערן פון זיי, ער איז פאַרבײַגעגאַנגען איבערן פּלאַץ, וואָרים דאָס איז דעם צירק־אייגנטימערס אַ זינדל, דער זעלבער, וועלכן מיר האָבן פאַר אַ יאָרן געזען אויפן וויקטאָר־עמאַנועל־פּלאַץ, ווו ער איז געריטן אויף אַ פערד. ער איז אויפגעוואַקסן; ער איז שוין אַלט אַפשר אַכט יאָר און איז זייער אַ שיין ייִנגל. ער האָט אַ קײַלעכדיק פּנים, אַ טונקל, אַ שוואַרצן קאָפּ לאָקן, וועלכע צעפּאַלן זיך אים פון אונטערן שוואַרצן קאַפּעלושל אַפער.

איבערגעטון איז ער פאַר אַ פּאַיאַץ, עפעס אין אַזאַ ווײַסן, שוואַרץ־איבגעניייטן זאַק, מיט אַרבל, און שיכעלעך האָט ער פון

לייוונט, אויך ווייסע. אַן אמת שדל איז דאָס. אַלעמען געפעלט ער. שטענדיק איז ער מיט עפּעס באַשעפטיקט.

אינדערפרי ברענגט ער, איינגעהילט אין אַ גרויסער פּאַטשיילע, מילך אין אַ קריגל אין זייער הילצערן הייזל אַריין; דערנאָך לויפט ער נאָך די פערד צו דער רעמיזיע בײַ דער בעכטאָלגאָס; דערנאָך ביאַנטשטעט ער דאָס יינגסטע קינד זייערס, און אַז די מוטער נעמט עס צו בײַ אים, טראָגט ער צוזאַמען די רייפן, דרענגגלעך, קאָזלעס, שטריק; פּוצט די וועגן, לייגט אָן אַ פייער, און יעדע פרייע מינוט פאַרברענגט ער לעבן דער מוטער. מיין טאַטע קוקט אים נאָך דורכן פענסטער און רעדט אַלע מאָל וועגן זיינע עלטערן, וועלכע זען אויס צו זיין זייער אָרנטלעכע מענטשן און אים זייער ליב צו האָבן.

מיר זיינען געגאַנגען אין צירק אַריין אין אָוונט. עס איז געווען קאַלט. די בויד איז נאָך געווען כּמעט ליידיק, אָבער דאָס קליינע פּאַיאַצל האָט נישט דערלאָזט, אַז אפילו די דאָזיקע קליינע צאָל צושויער זאָל זיך לאַנגווײַלן. ער האָט געמאַכט אויסערגעוויינטלעכע קאָזשעלקעס, זיך געשטעלט אויפן קאָפּ, זיך נאָכגעיאָגעט די פערד בײַ די ווײַנדלען. געגאַנגען אויף די הענט, האַלטנדיק די פיס אין דער לופט, זיך אַרומגעטראָגן ווי אַ בליץ, געזונגען, געמאַכט, געוויילט מיט זיך אַלע, מיט דעם דאָזיקן שיינעם טונקעלן פנימל זיינעם; און זיין פאָטער, וועלכער האָט געטראָגן אַ רויטע קורטקע, ווייסע לעדערנע הויזן, שטיוול מיט כאַלעוועס און אַ שפּיצרוט אין האַנט, האָט אַליין אויך געקוקט אויפן פּאַיאַצל, נאָר איז געווען זייער אומעטיק.

מיין טאַטע איז אויך אומעטיק געוואָרן, און ווען עס איז צו אונדז צוגעקומען דער הער דעליס, וועלכער איז אַ מאָלער, האָט ער אים אַזוי געזאָגט:

— אָרימע מענטשן, ווערן אָן די כּוחות בּאַ דער אַרבעט און קענען אַזוי ווייניק פאַרדינען! אַזאַ פּוסטקייט! און דאָס קליינטשטיקע איז אַזאַ ליבּס! מען זאָל אַזוי כאָטש קענע׳ עפּעס טון פאַר זיי!

דער מאָלער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— שרייבּ אָן וועגן זיי עפּעס גוטס, ווי דו קענסט, אין דער צייטונג, דערציייל אַלע שיינע זאַכן פון פּאַיאַצל, און איך וועל מאַכן זיין בּילדל. די צייטונג לייענען דאָך אַלע, און מענטשן וועלן זיך כאָטש איינמאָל דאָ צוזאַמענקלויבּן!

און אַזוי האָבּן זיי טאַקע געטון. מיין טאַטע האָט אָנגעשריבּן אַן אַרטיקל מיט אַ סך פיינע ווערטער, און אַזוי שיין, אַז עס האָט זיך אויך געגלוסט צו וויינען, און דערציילט אַלץ, וואָס מיר האָבּן נאָר געזען דורכן פענסטער, און וואָס פאַר אַ ליבּער דער קליינער איז, און ווי עס איז אים ווערט צו זען; און דער הער מאָלער האָט אויפגעצייכנט זיין פּאָרטרעטל, זייער ענלעך און שיין, און די צייטונג האָט דאָס אַלץ אָפּגעדרוקט שבּת אין אָוונט.

איז מען טאַקע אויף דער זונטיקדיקער פאָרשטעלונג געקומען מחנותווייז.

אויפן אַפיש איז געווען געדרוקט: „די פאָרשטעלונג צום בּענעפיס פון פּאַיאַצל״.

אַזוי האָט מען אים אָנגערופן, ווי דער טאַטע מיינער אין דער צייטונג. דער צירק איז געווען געפּאַקט. אַ סך מענטשן האָבּן געהאַלטן די צייטונג אין האַנט און געוויזן זי דעם פּאַיאַצל, וועלכער איז געווען גליקלעך פון דעם, געלאַכט און בּעגאַנגען פון איין צושויער צום צווייטן.

מען קען זיך פאָרשטעלן! קיין שום צייטונג האָט אים נאָך אַזוי נישט געלויבּט, און אויך די קאַסע איז געווען פול. מיין טאַטע איז געזעסן לעבּן מיר. צווישן פּובּליקום האָבּ איך בּאַמערקט

אַ סך באַקאַנטע. דער לערער פון גימנאַסטיק איז געשטאַנען לעבן דער טיר, דורך וועלכער מען האָט אַרייַנגעפירט די פערד, אַקעגניבער אונדז, אין דער צווייטער ריי, איז געזעסן דאָס מויערל מיט זיין קיילעכדיק פנימל לעבן זיין גאָר גרויסן טאַטן. ער האָט מיך דערזען, ווי כ'האָב נאָר אַ בליק געוואָרפן, און אַלס צייכן פון באַגריסונג, האָט ער מיר געמאַכט אַ האָזן-פיסקעלע. אַביסל ווייטער איז געשטאַנען גראָפּי און געציילט די צושויער, באַרעכענענדיק וויפל די חברה קונצן-מאַכער קענען פאַרדינען פון אַזאַ אָוונט.

נישט ווייט פון אונדז, אין דער ערשטער ריי, איז אויך געזעסן דער אָרימער ראָכעטי, דער, וואָס האָט דאָס אָפּגעראַטעוועט דעם קליינעם פון אונטערן אָמניבוס אפער, האַלטנדיק צווישן די קני זיינע ביידע קוליעס, צוגעטוליעט צו זיין פאָטער, דעם אַרטילעריע קאַפּיטאַן, וואָס האָט געהאַלטן די האַנט אים אויפן אַקסל.

די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן.

דאָס פּאַיאַצל האָט געוויזן וואונדער אויפן פערד, אויפן גימנאַסטיק-לייטערל, אויפן שטריק, און וויפל מאָל ער האָט זיך נאָר בעוויזן, האָבן אים באַלד אַלע אַפּלאָדירט. דערנאָך האָבן זיך אויסגעצייכנט אַנדערע, זשאָנגלערן, עקוויליבריסטן, רייטער, אָנגעטון אין טריקאָטן, וואָס האָבן געבלישטשעט פון זילבער. נאָר אַז דער קליינער איז נישט געווען אויף דער סצענע, האָבן זיך עפּעס אַלע אָנגעהויבן לאַנגווייַלן, און דאָ דערזע איך פּלוצלינג, אַז דע · לערער פון גימנאַסטיק, שטייענדיק באַם סאַמע אַרייַנגאַנג, שעפּטשעט עפּעס דעם אייגנטימער פון צירק, און יענער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן אויף די צושויער, ווי ער וואָלט עמעצן עפּעס געזוכט, און זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אונדז.

מיין טאטע האט דאס באמערקט, פארשטאנען, אז דער לערער פון גימנאסטיק ווייזט אן אויף אים, ווי אויפן אויסטער פון דעם ארטיקל, און כדי אויסצומיידן די דאנקען, איז ער ארויסגעגאנגען, זאגנדיק מיר:

— בלייב, העגריק! כ'וועל ווארטן אויף דיר אויף דער גאס.

ווארים די פארשטעלונג האט זיך שוין געהאט געענדיקט. אבער דאס פאיאצל, וועלכן דער פאטער האט א שטופשע געטון אין אויער אריין, איז באלד נאכאמאל ארויסגעטרעטן. ער האט אויף א גאלאפירנדיקן פערד איבערגעביטן פיר מאל זיין פאזע און זיין אנטון, ווייזנדיק זיך, דא אלס פילגער, דא אלס מאטראס, דא ווידער אלס אקראבאט און וויפיל מאל ער איז פארביי געפלויגן פאר מיר, האט ער אלץ געקוקט אויף מיר.

ווען ער איז אראפגעשפרונגען פון פערד, האט ער אנגעהויבן ארומצוגיין קיילעכדיק דעם צירק מיט זיין שפיציקן פאיאץ-קאפעלושל אין האנט, און דאס פובליקום האט אים געווארפן סאלדיעס און צוקערלעך.

איך האב אויך געהאלטן אנגעגרייט צוויי סאלדעס, אבער ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, א בליק געטון, האט ער אפגערוקט זיין קאפעלוש צו זיך און געמאכט א טריט ווייטער. דאס איז מיר זומאנגענעם געווען. פארוואסזשע, האב איך מיר געטראכט, מיידט ער פונקט אויס מיך? און די פארשטעלונג האט זיך דערווייל געענדיקט.

דער אייגנטימער האט געדאנקט דעם פובליקום, און אלע זייגען איפגעשטאנען און אנגעהויבן זיך שטופן צום ארויסגאנג. מיטגעשלעפט פון פובליקום, האב איך מיך שוין געפילט נאענט פון דער טיר, ווען ס'האט מיך עמעצער א ריר געטון בא דער האנט.

כ'האב מיך אויסגעדרייט, דאס האט דאס פאיאצל מיט דעם

דאַזיקן ליבן פּנימל זיינעם, מיט די דאַזיקע שוואַרצע ליכטיקן שמייכלט צו מיר, האַלטנדיק פולע הענטלעך מיט צוקערלעך, מאָלס האָב איך פאַרשטאַנען.

— צי וואָלסטו נישט איינגענומען פון מאַיאָ די דאַזיקע צוקערלעך?

כ'האָב אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, און פון די אויסגעשטרעקטע הענטלעך גענומען דריי, צי פיר.

— נו, נעם-זשע נאָך אַלס צולאָג אַ קוש...

— גיב צוויי! — האָב איך אים געזאָגט און צוגעבויגן אים מיין פּנים.

ער האָט זיך אָפּגעווישט מיטן אַרבל די גרימירטע ליפּן אַרומגענומען מיך מיטן אָרעם אַרום דעם האַלדז, און אָפּגעדריקנדיק צוויי הייסע קוש אויף מיינע באַקן, האָט ער געזאָגט:

— איינעם דיר און דעם צווייטן דיין טאַטן!

. . . .

די בלינדע קינדער.

דאָנערשטיק, דעם 24־טן.

דער לערער איז זייער קראַנק, ער האָט געשיקט אויף זיין אָרט דעם לערער פון דער פערטער קלאַס, וועלכער איז געווען מיט אַ לענגערע צייט צוריק לערער אין אינסטיטוט פאַר בלינדע. ער איז דער עלטסטער פון אַלע לערער און איז גרוי, אַז ער זעט אויס, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ פּאַרוק פון וואָל, און דערצו רעדט ער נאָך עפּעס מיט אַזאַ באַזונדערע שטימע, פּונקט ווי ער וואָלט געזונגען פּאַמעלעך אַ שרעקלעך אומעטיק און מעלאַנכאָליש ליד. ער איז אָבער זייער אַ גוטער און זייער אַ געלערנטער. ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען אין קלאַס און דערזען איינעם פון די שילער מיט אַ צוגעבונדן אויג, איז ער באַלד צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט, וואָס עס איז אים אויף דעם אויג.

— שוין, יינגל, די ראיה! היט די אויגן! גיב אַכטונג אויף זיי! — האָט ער אים געזאָגט, דערוויסנדיק זיך, אַז עס איז אים גאָרנישט.

און דאַמאָלס האָט דעראָסי געפרעגט:

— איז דאָס אמת, הער לערער, אַז דער הער האָט געלערנט בלינדע יינגלעך?

— אמת. און אין פארלויף פון לאנגע יארן.

האט דעראסי שטיל געזאגט:

— טא, זאל אונדז דער הער עפּעס דערציילן וועגן זיי!

דער לערער איז אוועקגעגאנגען פון דער באנק און זיך גע־וועצט בא זיין טישעלע.

דאמאלס האט קארעטי הויך געזאגט.

— דער אינסטיטוט פאר בלינדע איז בא דער גיצא־גאס.

דער לערער האט א שאקל געטון מיטן גרויען קאפּ.

— בלינדע... בלינדע... — דו זאגסט אזוי בלינדע, ווי דו וואלסט עפּעס געזאגט — קראנקע, ארימע, צי דארט עפּעס... אבער צי פארשטייסטו גוט די באדייטונג פון דעם דאזיקן ווארט! גיב נאר א טראכט?

זיין בלינד... נישט זען קיינמאל, קיינמאל גארנישט! נישט אונטערשיידן דעם טאג פון דער נאכט, נישט זען די זון און דעם הימל, נישט די אייגענע עלטערן אפילו, נישט גארנישט פון דעם אלעם, וואס רינגלט אונדז ארום, וואס מיר קענען אנטאפּן, זיין פארזינקען אין אן אייביקער פינסטערניש און ווי באגראבן אין דער ערד. פּרוווט אויף א רגע פארמאכן די אויגן און א טראכט טון, אז אזוי וועט איר בלייבן אויף שטענדיק! צי פילט איר דען נישט א שרעקלעכע אימה? צי דאכט זיך אייך דען נישט, אז עס איז נישט מעגלעך אזוי אויסצוהאלטן, אז איר וועט אנהייבן באלד צו שרייען, אז איר וועט משוגע ווערן און שטארבן...

און פונדעסטוועגן, מיינע ליבע קינדער, ווער פון אייך ס'וועט אריינגיין דאס ערשטע מאל אין אינסטיטוט פון בלינדע, אין דער צייט פון פאזע, און הערן, ווי די דאזיקע ארימענקע נעבעך שפּילן אויף פידלען, אויף פלייטן, ווי זיי רעדן הויך און לאכן; ווער ס'וועט דערזען, ווי זיי לויפן ארויף אויף די שטיגן און לויפן אראפּ מיט

שנעלע טריט, מיט וואָס פאַ־ אַ פרייקייט זיי דרייען זיך אַרום איבער די קאָרידאָרן, איבער די שלאָפצימערן, דער וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז זיי זיינען אַזוי אומגליקלעך, ווי זיי זיינען טאַקע אין דער אמתן.

מען דאַרף זיך נאָר צו זיי גוט צוקוקן.

עס זיינען דאָרט דאָ י נגלעך זעכצען און זיבצען יעריקע, שטאַרקע און פריילעכע, וועלכע טראָגן זייער אומגליק, ווי ס'וואָלט זיי גאָרנישט געאַרט, אַדרבא, ווי מיט אַ העלדישקייט; אָבער פון דעם ביטערן און ווילדן אויסדרוק אויף זייערע פנימער איז צו זען, וויפל זיי האָבן זיך געמוזט אָנליידן, וויפל זיי האָבן מיט זיך גע־קעמפט, ביז זיי האָבן שלום געמאַכט מיט זייער אומגליק.

עס זיינען דאָ אויך טייל מיט בלייכע און רויִקע פנימער, איבער וועלכע עס איז אויסגעגאָסן אַ שרעקלעכער יאוש און דערצו נאָך אַזאַ רירנדער אומעט, אַז ס'איז לייכט צו פאַרשטיין, ווי זיי באַווייזן זיך נאָך נישט איינמאָל ערגעץ אין אַ באַהאַלטענעם ווינקעלע.

אַך, קינדער מיינע! גיט נאָר אַ טראַכט: אַ סך פון די דאָזיקע אומגליקלעכע האָבן אָנגעוווירן זייערע אויגן כמעט פלוצלינג, אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג; אַנדערע ווידער זיינען בלינד געוואָרן נאָך אַ סך יאָרן פיין, נאָך פאַרשיידענע שרעקלעכע אָפּעראַציעס, וועלכע זיינען, ליידער, געמאַכט געוואָרן אומזיסט. נאָך אַנדערע, און אַזעלכע איז דאָ זייער אַ סך, זיינען געבוירן געוואָרן באַלד בלינדע, אין עפּעס אַ שרעקלעכער נאַכט, וועלכער ס'איז אָנגעצייכנט געווען שוין קיינמאָל נישט העל צו ווערן פאַר זיי, און אַז זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער וועלט, ווי אין אַ גרויסן שוואַרצן גרוב, אַז זיי ווייסן אפילו נישט ווי אַ מענטשלעך פנים זעט אויס.

שטעלט אייך פאָר אַצינד, וואָס זיי מוזן זיך אָנליידן, ווען זיי גיבן נאָר אַ טראַכט וועגן דעם גרויסן אונטערשייד, וואָס איז

צווישן זיי און די, וואָס זען יאָ די וועלט, און ווען זיי פרעגן זיך אַליין מיט ביטערניש: — פאַרוואָס? מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט קעגן עמעצן?

איז דעריבער, ווען איך גיב אַ טראַכט: איך, וועלכער האָב געקוקט אויף זיי אַזוי פיל יאָר, ווען איך גיב מיך אַ דערמאָן די אַלע אויגן, די אויף אייביק פאַרמאַכט געוואָרענע, די אַלע אַמאָליקע בליק אָן ליכט, אָן לעבן, און גיב דערנאָך אַ קוק אויף אייך, ווייס מיר אויס אומעטיגלעך, איר זאָלט נישט פילן, ווי אומגליקלעך איר זענט! גיט נאָר אַ טראַכט: אין איטאַליע איז דאָ בלויז זעקס און צוואָנציק טויזנט בלינדע!

זעקס און צוואָנציק טויזנט מענטשן, וועלכע זען נישט די ליכטיקייט פון טאָג! פאַרשטייט איר דאָס? דאָס איז דאָך אַ גאַנצע אַרמיי, וואָס איר פאַרבייגיין פאַר די פענסטער פון אונדזער שולע וואָלט געדויערט אַמווייניקסטן פיר שעה צייט!

דער לערער איז שטיל געבליבן. אין דער גאַנצער קלאַס איז נישט געווען צו הערן אפילו קיין אָטעם.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דעראָסי איבערגעריסן די אַלגעמיינע שטילקייט, פרעגנדיק, צי ס'איז אמת אַז בלויז בלינדע אין זייער אייגענע דלט דער חוש פון אָנטאַפּן.

דער לערער האָט געזאָגט:

— אמת! און נישט נאָר דער חוש פון אָנטאַפּן. אַלע אַנדערע חושים פאַרפולקאָמענען זיך ס'אַ זיי אויך זייער שבעל, וואָרים זיי מוזן זיי אין אַ געוויסער מאָס פאַרטרעטן דאָס זען. זיינען זיי גאַנץ אָפט אַזוי אויסגעאיבט, אַז מען זעט עס גאָר קיינמאָל נישט בלויז קיין זשעבדיקע.

טײַלמאָל אין שלאָפצימער, אויפוואַכנדיק, גיט איינער דעם צווייטן אַ פרעג:

צי ס'איז שוין טאָג?

און ווער עס טוט זיך דער ערשטער אָן, לויפט ארויס אויפן וועג, באוועגט מיט די הענט אין דער לופט, צו דערפילן די ווארעמקייט פון דער זון, און קומט צוריק מיט דער גוטער נייעס: „ס'איז א זון!"

לויטן קול [illegible] די וווּקס פון א מענטש. מיר דערקענען די נשמה פון א מענטש פון זיינע אויגן, פון בליק, זיי — לויטן קלאנג פון זיין שטימע. לאנגע יאָרן געדענקען זיי דעם קלאנג פון עמעצנס קול, זיין אינטאנאציע. זיי דערפילן אויך, צי אין צימער איז דאָ נאָר איין פערזאָן, צי מער, כאָטש נאָר איינער רעדט און די איבעריקע זיצן איינגאנצן אומבאוועגלעך. מיטן בלויזן אָנרירן דערקענען זיי א לעפל, צי ער איז גוט, צי שלעכט אָפגעפוצט. קליינע קינדער קענען אונטערשיידן, נעמענדיק צווישן די פינגער וואָל, צי זי איז געפארבט, צי זי האָט איר נאטירלעכע קאָליר. און ווען זיי גייען פאָרנווייז איבער דער גאס, אונטערשיידן זיי לויטן ריח כמעט יעדעס געוועלב, אפילו אזא געוועלב, אין וועלכן מיר, זעענדיקע, פילן נישט קיין שום באזונדערן ריח. זיי שיסן פון בויגנס, און לויטן פייף פון דער קויל, ווייסן זיי, ווו זי איז געפאלן, און גייען גלייך נאָך איר. זיי יאָגן א ראָד, שפילן אין באלעם, שפרינגען איבער א שטריק, ארבעטן אויס פידעלעך, זעגן אויס קעסטעלעך, פונקט ווי זיי וואָלטן געזען. זיי מאכן טעשלעך, קיישלעך, דורכפלעכטנדיק זיי מיט פארשיידנפארביקן שטרוי, פינקטלעך לויט דער צייכנונג. זיי זייען אויך זייער עמפינדלעך אין די פינגער! די דאָזיקע עמפינדונג איז זייער אויג. איינע פון די גרעסטע אָנגענעמלעכקייטן איז אויך פאר זיי דאָס ארומטאפן עפעס א זאך און טרעפן אויף אזא ארט, ווי זי זעט אויס, וואָס פאר א פאָרם זי האָט.

א זייער ריירנד בילד איז דאָס, ווען מען פירט זיי אין מוזעאום פון ארבעט און מען דערלויבט זיי זיך צוצורירן צו אלעם! מען דארף זען מיט וואָס פאר א פרייד זיי וואַרפן זיך אויף די געאָמעטרישע

פיגורן, אויף די שטוב-זאכן, אויף די אינסטרומענטן, כלים, אויף מאַדעלן פון הייזער, קלויסטערס! מיט וואָס פאַר אַ פרייד זיי גלעטן אַרום מיט דער האַנט-פלאַך יעדעס געשטאַלט, ווי זיי פירן אַרום מיט די פינגער איבער די זאַכן, ווי זיי דרייען אַלץ איבער אין דער האַנט, צו זען ווי אַזוי דאָס איז געמאַכט.

מיר האָבן זיך צוגעהערט מיט דער העכסטער נייגעריקייט, כאָטש דער לערער איז שטיל געבליבן, ווען גאַראַפּי האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטון, צי דאָס איז אמת, אַז די בלינדע יינגלעך לערנען זיך זייער גרינג רעכענען?

דער לערער האָט געענטפערט:

— אמת. מיט דער גרעסטער לייכטקייט לערנען זיי זיך אַריטמעטיק. זיי האָבן צו דעם ספּעציעל אַ זעלכע צוגעגרייטע ביכלעך מיט בולטע אותיות. זיי פירן אַרום איבער זיי די פינגער, דערקענען די אותיות, און רעדן אַרויס די ווערטער. זיי לייענען פליסיק. און ווי זיי שעמען זיך נעבעך בײַ יעדן גרייז! ווי זיי ווערן באַלד רויט, און זיי שרייבן אויך.

איר וועט אייך אפשר וווּנדערן, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז זיי שרייבן אָן טינט.

זיי האָבן פאַר זיך אַ גראָב, האַרט פּאַפּיר, מיט אַזאַ מעטאַלענעם רעמעלע, וואָס באַוועגט זיך און דריקט אָפּ אין דעם פּאַפּיר אַריין אַ סאַך פּינטעלעך אַזעלכע, וואָס זיינען אויסגעזעצט לויט אַ ספּעציעלן אַלף-בית. די דאָזיקע פּינטעלעך קומען אַרויס בולט אויף דער צווייטער זייט פּאַפּיר, אַזוי, אַז איבערדרייענדיק דעם בויגן און פירנדיק מיטן פינגער איבער די דאָזיקע בולטקייטן, קענען זיי לייכט לעזן, אי דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין אָנגעשריבן, אי די שריפט פון אַנדערע. אויף אַזאַ אופן שרייבן זיי געוויסע אויפגאַבן און אויך בריוו צווישן זיך. פּונקט אַזוי שרייבן זיי אויך ציפערן און

און מאַכן רעכענונגען, געאָמעטרישע אויפגאַבן אויפן קאָפּ מאַכן זיי מיט אַזאַ לייכטקייט, וואָס איז גאָרנישט געהערט געוואָרן, אפשר דערפאַר, ווייל עס שטערט זיי נישט צוזאַמענצונעמען די געדאַנקע קיין שום בילד פון אויסנווייניקסטע זאַכן, וואָס רינגלען זיי אַרום ווי דאָס געשעט מיט אונז...

און איר זאָלט זען, ווי שרעקלעך ליב זיי האָבן צו הערן ווען עס לייענט זיי ווער עפּעס פאָר, ווי אויפמערקזאַם זיי זענען, ווי גוט זיי געדענקען אַלץ, ווי די קלענסטע אפילו פון זיי רעדן צווישן זיך וועגן גראַמאַטיק, וועגן געשיכטע! ווי זיצנדיק אויסגע־זעצט אין אַ שורה אויף איין באַנק און נישט אויסדרייענדיק זיך איינער צום צווייטן, רעדן זיי, דער ערשטער מיטן דריטן, דער צווייטער מיטן פערטן אָדער מיטן פינפטן, הויך, אַלע אינאיינעם, נישט פאַר־הערנדיק אַפילו קיין איין וואָרט, אַזוי שאַרף און אויפמערקזאַם איז דאָס געהער ביי זיי. און איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז זיי זאָרגן זיך מער וועגן זייער עקזאַמען, ווי איר, און זיי בינדן זיך צו אַ סך מער צו זייער לערער, ווי איר. — יעדן לערער דער־קענען זיי לויטן אָפּקלאַנג פון די טריט, לויטן ריח פון זיין אַנטון. זיי דערפילן באַלד, צי ער איז אין אַ שלעכטן, אָדער גוטן הומאָר, צי ער איז א שטרענגער, צי אַ גוטמוטיקער, לויטן קלאַנג פון איין וואָרט און ווען דער לערער לויבט זיי, ווען ער גיט זיי צו חשק, בעטן זיי, ער זאָל זיי אָנרירן, און זיי גלעטן אים איבער די הענט, איבער די אַרבל, כדי אַזוי אַרום אויסצודריקן זייער דאַנקבאַרקייט.

און צווישן זיך לעבן זיי בשלום, האַרציק, זיי זענען גוּ־טע קאָלעגן!

אין דער צייט פון פויזע, האַלטן זיי זיך שטענדיק צוזאַמען אָדער אויך קופּקעלעכווייז — די, וועלכע לעבן נענטער צווישן זיך. די מיידלעך, למשל שאַפן זיך גרופּקעס לויט די מוזיקאַלישע אינ־סטרומענטן, אויף וועלכע זיי שפּילן. עס איז דאָ אַ גרופּע פידלערינס,

פלייטשיסטינס, פּאָרטעפּיאַניסטינס, און זיי שיידן זיך קיינמאָל נישט. עס איז שוין אַזוי, אַז ווען אייגער אַזאַ אָרימענקער קריגט עמעצן ליב, איז שוין אויף אייביק. די פריינטשאַפט איז פאַר זיי אַ גרויסע טרייסט. און זיי קענען זיך אויך אייגער דעם צווייטן ווי געהעריק אָפּשאַצן. זיי האָבן אַ זייער דייטלעך, זייער טיף פאַרשטענדעניש פאַר גוטס און שלעכטס. קיינער פון אייך, מיינע קינדער, וועט זיך אויך נישט אַזוי לעבעדיק און מיט אַזאַ באַגייסטערונג דורכנעמען מיט עפּעס אַ שיינעם, איידעלן טאַט, ווי זיי!

וואַטיני האָט געפרעגט, צי זיי שפּילן אויך.

— מוזיק האָבן זיי ליב אומגעהייער! — האָט דער לערער געענטפערט: — די מוזיק, דאָס איז זייער פרייד, זייער לעבן! קליינטשיקע בלינדע, וואָס זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען אין אינסטיטוט, זיינען פעיק צו שטיין צוויי, דריי שעה און ווערן נישט מיד הערנדיק מוזיק. זיי לערנען זיך זייער לייכט און שפּילן מיט אַ ליידנשאַפטלעך פאַרגעניגן. אויב דער לערער וועט עמעצן פון זיי זאָגן, אַז ער איז נישט פעיק צו מוזיק, פאַרשאַפט דאָס אים גרויס ווייטיק, אָבער ער ווערט נישט אָן די האָפנונג און לערנט זיך אַליין, באַזונדער.

אָך, ווען איר זאָלט אַמאָל קענען הערן די דאָזיקע מוזיק זייערע! ווען איר זאָלט קענען זען, ווי זיי שפּילן דאָרט, מיט דער לויטערקייט, וואָס איז אויסגעגאָסן איבער זייערע שטערנס, מיט דעם דאָזיקן שמייכל אויף זייערע ליפּן, אַנטציקטע פון דער האַרמאָניע, וועלכע זיי צעגיסן אין דער אומענדלעכער פינסטערניש, וואָס רינגלט זיי אַרום — ערשט דאַמאָלס, וואָלט איר דערפילט, וואָס פאַר אַ זיסקייט און געטלעכע פרייד די מוזיק האָט אין זיך. און ווי גליקלעך זיי זיינען, און ווי עס צעפלאַמען זיך זייערע פּנימלעך פון פרייד, ווען דער לערער זאָגט עמעצן פון זיי: וועסט זיין אַן אַרטיסט. בא זיי איז דער, וועלכער איז דער ערשטער שפּילער, צי אויפן פאַר=

שפיאָן, צי אויף דער פידל, ווי אַ קיסר. זיי האָבן אים ליב־
געבן, אים אָפּ כבוד געטאָן. אויב עס ברעכט אויס אַ קריג צווישן
צוויי — גייען זיי צו איר, ער זאָל זיי משפּטן. אויב צוויי חברים
צעשיידן זיך — גייען זיי צו אים, ער זאָל זיי פאַרייניקן. און די
קלענסטע, וועלכע אַזעלכער לערנט שפּילן, האַלטן אים פאַר אַ
פאָטער. קיין איינער וועט נישט גיין שלאָפן, אויב ער וועט אים
פריער נישט זאָגן אַ גוטע נאַכט. און זיי שמועסן אויך שטענדיק
צווישן זיך וועגן מוזיק. זיי ליגן שוין אין די בעטן, ס'איז שפּעט
זיי זײַנען אַלע מיד פון דער אַרבעט, שלעפעריק, און זיי דער־
ציילן זיך נאָך אַלץ מיט אַ שטילן קול וועגן די אָפּערעס, וועגן
די קאָמפּאָזיטאָרן, וועגן די אינסטרומענטן, וועגן אָרקעסטער. דערווײַ־
טערט ווערן פון אַ לעקציע, וועגן די מוזיק און נאָטן־לייענען, איז פאַר
זיי אַזאַ שווערע שטראָף און אַזאַ ווייטיקלעכע, אַז מען האָט גאָר־
נישט דעם מוט עמעצן פון זיי אויף אַזאַ אופן צו באַשטראָפן.

די מוזיק איז פאַר זייער האַרץ דאָס, וואָס די ליכטיקייט
איז פאַר אונדזערע אויגן...

דער לערער האָט זיך פאַרטראַכט, אונטערשפּאַרנדיק דעם
קאָפּ, ווען דעראָסי האָט פּלוצלינג געפרעגט, צי מען וואָלט נישט
געקענט גיין אַהין דאָרט זיי זען?

— אדרבא, מען קען, — האָט דער לערער געענטפערט —
אָבער איר, יינגלעך, דאַרפט נאָך נישט דערווײַל אַהינגיין. איר
וועט גיין שפּעטער, ווען איר וועט שוין זײַן אימשטאַנד צו
פאַרשטיין די גאַנצע גרויס פון אַזאַ אומגליק און דערפילן דאָס
גאַנצע מיטגעפיל צו די דאָזיקע, וואָס זײַנען פון דעם אומגליק
געטראָפן געוואָרן.

דאָס איז אַ ווייטיקלעך בילד, מײַנע קינדער!

פאַרבײַגייענדיק דאָרט טײַלמאָל, זעט איר יינגלעך, וואָס זיצן
אין די אָפענע פענסטער, צו שעפּן פרישע לופט, וועלכע קוקן, דאַכט

זיך, אויף די ברייטע גרינע טאָלן, אויף די בלויקייט פון די בערג, וועלכע איר זעט דאָרט פון דערווייטנס. און ווען מען זאָל אַזוי אַ טראַכט טון, אַז זיי, זיצנדיק אַזוי און קוקנדיק, גאָרנישט זעענדיק, וועלן שוין טאַקע קיינמאָל, קיינמאָל גאָרנישט זען פון דער אומענדלעכער שיינקייט פון זייער געבוירטס-לאַנד! צי דריקט דען דאָס אַליין שוין נישט צונויף די נשמה אַזוי, ווי איר אַליין וואָלט פּלוצלינג בלינד געוואָרן? כאָטש די, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן באַלד בלינד, וועקן נישט אַזוי פיל רחמנות צו זיך, זיי האָבן כאָטש קיינמאָל גאָרנישט געזען, זיי באַדויערן גאָרנישט, וואָרום זיי האָבן וועגן דעם גאָרנישט קיין פאָרשטעלונג.

אָבער דאָרט זיינען דאָך דאָ יינגלעך, וועלכע האָבן אויפגעהערט צו זען ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק, בא וועלכע אַלץ לעבט נאָך פריש אין זכרון, און זיי פאַרשטיין אויסגעצייכנט, וואָס זיי האָבן אָנגעווירן! און צו דעם צו באַמערקן זיי נאָך מיט אַן אומגעהייערער ווייטיק, ווי וואָס אַ טאָג ווייטער ווערן ביסלעכווייז אויסגעמעקט פון זייער געדאַנק די טייערסטע בילדער, וועלכע זיינען זיי אַזוי נאָנט, און זיי פילן, אַז די האַרציקסטע, די הייסגעליבטסטע שטאַרבן אָפּ אין זייער נשמה... איינער פון די דאָזיקע אומגליקלעכע האָט מיר אַמאָל מיט אַ שרעקלעכן אומעט אַזוי געזאָגט:

—כ'וואָלט געוואָלט, כ'וואָלט זייער געוואָלט כאָטש אויף איין רגע צוריקקריגן מיינע אויגן, כ'זאָל נאָך איין מאָל קענען זען דאָס פּנים פון מיין מאַמען, וואָרים איך געדענק עס שוין כמעט נישט!

און ווען די מוטער איז אים געקומען באַזוכן, האָט ער אַרומגענומען מיט די הענט איר פּנים, פירנדיק די האַנטפלאַכן, פון איר שטערן, ביז דער גאָמבע, צו דערפילן די טייערע ריסן פון איר פּנים, און ווי ער וואָלט נישט געקענט בא זיך פועלן, אַז ער וועט זי נישט זען, האָט ער זי גערופן: מאַמע! מאַמע! ווי בעטנדיק

זיך, זי זאָל פֿאַר אים דערשײַנען, זי זאָל זיך אים באַווײַזן, זי זאָל זיך לאָזן זען פֿון אים, כאָטש אײן רגע.

אַפּילו מענטשן, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ סך אומגליק איבערגעלעבט אין זײער לעבן, מיט פֿאַרהאַרטעוועטע הערצער, האָבן געוויינט, אַרויסגײענדיק פֿון דאָרטן.

און ווען מען גײט אַרויס פֿון דאָרטן, דאַכט זיך, אַז די וועלכע זען דעם הימל, די זון און די מענטשן, זײערע מיטברידער זײַנען עפּעס אַן אומזיסט פּריווילעגירטער, גליקלעכער אויפֿנאַם.

איך בין זיכער, אַז עס איז נישטאָ צווישן אײַך קײן אײנער וועלכער, פֿאַרלאָזנדיק יענע טרויעריקע שוועל, וואָלט נישט געווען גרייט אָוועקצוגעבן כאָטש אײן קלײן טײלעכל פֿון זײַן זען די דאָזיקע אומגליקלעכע קינדער, פֿאַר וועלכע די זון האָט נישט קײן ליכט און די אײגענע מוטער קײן אָנבליק!

* * * * * * * * * * * *

די גאָס.

שבת, דעם 25־טן.

איך האָב געקוקט אויף דיר פון פענסטער היינט אין אָוונט, ווען דו האָסט דיך צוריקגעקערט פון לערער. דו האָסט אַ שטופּ געטון עפּעס אַ פרוי. לייג מער אַכט אויף דעם, ווי אַזוי דו האָסט דיך אויפצופירן אויף דער גאַס, וואָרים אויך דאָרט זיינען דאָ געוויסע פליכטן, וועלכע מען דאַרף דערפילן.

אויב דו באַרעכנסט דיינע טריט און באַוועגונגען אין יעדן איינפאַכן פריוואַטן הויז, פאַרוואָס־זשע זאָלסטו נישט טון דאָס זעלבע אויך אויף דער גאַס, וועלכע איז דאָס הויז פון אַלע.

געדענק, הענריק, דאָס, וואָס איך וועל דיר דאָ זאָגן: ווען דו וועסט נאָר באַגעגענען אַ שוואַכן אַלטיטשקן, אָדער אַ פרוי, אַ קינד אויף דער האַנט, אָדער אַ קאַליקע אויף קוליעס, אָדער אַ מענטש איינגעבויגן אונטער אַ משא, אָדער אַ פאַמיליע אין טרויער, טרעט זיי אָפּ דעם וועג מיט דרך־ארץ, וואָרים אונדזער חוב איז צו שוינען: אַלטקייט, אָרימקייט, מוטער־ליבע, קראַנקהייט, אַרבעט און — טויט.

אַ סך מאָל זעסטו ווי אַ וואָגן, אָדער אַ קאָמש פאָרט אַרויף אויף עמעצן, שטופּ אים אַוועק, אויב דאָס איז אַ קינד, וואָרן אים, אויב דאָס איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש. ווען דו זעסט אַ קינד אויף דער גאַס, וואָס וויינט און איז אַליין, פרעג דיך שטענדיק, וואָס עס פעלט עס און פאַרוואָס עס וויינט; און ווען אַן אַלטער מאַן וועט אַראָפּלאָזן זיין שטעקן, בייג דיך איין און הייב אים

שנעל אויף. אויב צוויי קינדער שלאָגן זיך אויף דער גאַס — צענעם זיי; אויב צוויי דערוואַקסענע — דערווייטער דיך. ווייל קיינמאָל נישט זיין דער צוזעער פון ברוטאַלע גוואַלט־זאַכן, וואָרים דאָס באַליידיקט און פאַרהאַרטעוועט דאָס האַרץ.

נאָר ווען דו וואָלסט אַמאָל באַגעגנט אַ מענטש אַ געשלאָסענעם אין קייטן, גייענדיק מיט צוויי פּאָליציאַנטן בײַ די זייטן, פאַרייניק דיך נישט צו דער מיאוסער נייגעריקייט פון המון. גיב אַ טראַכט, אַז דער דאָזיקער מענטש קען זיין אַן אומשולדיקער.

הער אויף צו רעדן מיט דיין קאָלעגע און צו לאַכן, ווען דו באַגעגנסט אַ טראָג־בעטל פון שפּיטאָל, אָדער דעם וואָגן פון דער גיכער הילף, וואָרים דאָרט קען ליגן אַ שטאַרבנדער, און אפשר גאָר שוין אַ געשטאָרבענער, און אַזאַ טרויעריקער צוג קען אַמאָל אַרויסגיין פון דיין הויז...

מאַך דיך, ווי דו זעסט נישט, ווען דו באַגעגנסט פּלוצלינג עפּעס אַ מיאוס פאַרזעעניש, אַ קריפּל. געוויין דיך צו פאַרטרעטן, פאַרלעשן יעדעס ברענענדיקע שוועבעלע, וואָרים דאָס קען אַמאָל זיין די סיבה פון אַ טרויעריקער געשעעניש.

ענטפער שטענדיק העפלעך, אויב ס'וועט זיך ווער פון די פאַרבייגייער בעטן זאָלסט אים ווייזן דעם וועג.

לאַך נישט פון קיינעם, לויף נישט, אויב ס'וועט נישט נייטיק זיין, שריי נישט. שוין די גאַס — דאָס הויז פון אַלע.

די אויסגעאַרבעטקייט, די אויסגעבילדעטקייט פון אַ פאָלק, ווערט אָפּגעשאַצט קודם כל לויט דעם, ווי אַזוי דאָס פאָלק פירט זיך אויף דער גאַס. דאָרט, ווו דו באַגעגנסט אומאַכטונג, גראָבקייט אויף דער גאַס, וועסטו זי אויך זיכער טרעפן אין די שטיבן. און באַקען דיך מיט די גאַסן, מיין זון, לערן דיך אויס קענען די שטאָט, אין וועלכער דו לעבסט. ווען דו וואָלסט דיך

אמאָל געפינען ווייט פון איר, ווי אָנגענעם וואָלט עס דיר גע־ ווען צו האָבן זי אין זכרון — לעבעדיק: אַדורכצולויפן זי מיטן געדאַנק, די דאָזיקע שטאָט דיינע, דיין קליין פאָטערלאַנד, וואָס איז פאַר דיר אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן — די גאַנצע וועלט. ווו דו האָסט געשטעלט די ערשטע טריט בײַ דער זייט פון דיין מאַמען, ווו דו האָסט דיך באַקענט מיט די ערשטע איינדריקן, ווו דיין געדאַנק איז אָפן געוואָרן פאַר די ערשטע פאַרשטענדעניש, ווו דו האָסט געפונען די ערשטע פריינט.

וואָרים די שטאָט איז פאַר דיר אויך ווי אַ מאַמע. זי האָט דיך געלערנט, פריילעך געמאַכט, אָפּגעהיטן, דערקען זשע זי, אירע גאַסן און אירע איינוווינער. און האָב זי אויך ליב און אויב עס וועט זי ווער אַמאָל באַליידיקן, פאַרטיידיק זי.

דיין פאָטער.

עדמאָנדאָ דע אַמיטשיס

דאס הארץ

יידיש: שלמה שיינבערג

(באארבעט פאר דער שול, דורך ש. מענדלסאָן)

III

פרילינג

פאַרלאַג ח. בזשאָזא
וואַרשע, 1927

Printed in Poland

הילע געצייכנט: י. טיקאטשינסקי

Edmundo de Amiczys

SERCE

Wydawnictwo CH. BRZOZA

Warszawa, Leszno 27.

Druk. „Record“ Warszawa, Dzika 18.

מערץ

די אָונט-שולע.

דאָנערשטיק, דעם 2-טן.

דער טאַטע האָט מיך נעכטן אריינגעפירט אין דער אָונט-שולע פון אונדזער באַצירק, ווען די לאָמפּן זיינען שוין געווען אָנגעצונדן און די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען, איז דער דירעקטאָר און דער לערער געווען זייער בייז, וואָרים ס'האָט פונקט עמעצער נאָר וואָס געהאַט אַריינגעוואָרפן אַ שטיין אין פענסטער און אויסגעהאַקט אַ שויב. דער שווייצער איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, פארהאַלטן עפּעס אַ יינגל, נאָר באַלד איז צוגעקומען סטאַרדי, וועלכער וווינט אַקעגניבער, און געזאָגט, אַז דאָס איז נישט דער.

— איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, — האָט ער געזאָגט — ווי דעם שטיין אין פענסטער אַריין האָט געוואָרפן פראַנטי, און ער האָט נאָך אַ געשריי געטון צו מיר: און גיב נאָר אַ פּיפּס אַ וואָרט, וועסטו זען! נאָר איך האָב נישט קיין מורא.

דער דירעקטאָר האָט געזאָגט, אַז פראַנטי מוז דערוויטערט ווערן פון שולע אויף שטענדיק.

איך האָב מיך צוגעקוקט צו די ארבעטער, וועלכע זיינען אָנגעקומען צו צוויי, צו דריי, און זיי זיינען שוין געווען אפשר צוויי הונדערט אין זאַל.

איך האָב נישט געוווסט, אַז דאָס איז אַזאַ שיינע זאַך, די אָונט-שולע. וואָרים דאָרטן קומען אויך יינגלעך אַזעלכע צו צוועלף

יאָר, און מענער מיט וואָנסעס, מיט בערד, וואָס האָבן זיך אַצינד באַר וואָס צוריקגעקערט פון דער אַרבעט און קומען דאָ אַהער מיט העפטן, מיט ביכלעך, פונקט ווי מיר, אין קלאַס אַריין. עס זיינען דאָ סטאָלערס, עס זיינען דאָ הייצערס, מיט שווארצע פנימער, עס זיינען דאָ מויערער מיט פאַרקאַלעכטע הענט, עס זיינען דאָ בעקערס פאַרוויסטע מיט מעל, און אויפן זאַל שפירן זיך די ריחות פון לאַקיר, לעדער, אייל, סמאָלע, ריחות פון אַלערליי מלאכות און וואַרשטאַטן!

עס איז אויך געקומען אַן אָפּטיילונג אַרטילעריע־אַרבעטער, אָנגעטאָנענע אין מונדירן, מיט זייער קאַפּראַל.

באַלד האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אויף די בענק, אויפגעהויבן די ברעטעלעך, אויף וועלכע מיר שפּאַרן אָן די פיס, און אָנגעבויגן די קעפּ איבער די ביכער. עטלעכע זיינען צוגעגאַנגען מיט געעפנטע העפטן צו די לערער, בעטנדיק מען זאָל זיי עפּעס דערקלערן.

באַלד האָב איך דערזען דעם דאָזיקן יונגן, אויסגעפּוצטן לערער, וועלכן מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „אַדוואָקאַט.“ עס זיינען געשטאַנען באַ זיין טישעלע דריי, צי פיר אַרבעטער, און ער האָט זיי אויסגעבעסערט זייערע איבונגען. און דער, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט רעדן די פיס אָפּצוטרעטן איז אויך געווען. איך האָב געזען, ווי ער האָט געלאַכט צוזאַמען מיט עפּעס אַ פּאַרבער, וועלכער האָט אים געברענגט זיין העפט אָפּגעשמירט אויף רויט און אויף בלוי.

עס איז אויך געווען מיין לערער, וועלכער איז, דאַנקען גאָט, געזונט געוואָרן און וועט מאָרגן קומען צו אונדז.

די טירן פון אונטערשטן אַלגעמיינעם זאַל זיינען געווען ברייט אויפגעעפנט אין אַלע קלאַסן אַריין.

איך בין דערשטוינט געווען, ווען די לעקציעס האָבן אָנגעהויבן. ווי אַלע זיינען געווען פלייסיק און אויפמערקזאַם, ווי זיי האָבן אויסגעהערט די לעקציעס מיט אַן אומבאַוועגלעכן בליק.

— אַ סך פון זיי — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט — קומען דאָ אַהער, כדי נישט צו פאַרשפעטיקן, גלייך פון דער אַרבעט, נישט אָפּטרעטנדיק אַפילו אינדערהיים עפּעס אין מויל אַריין צו כאַפּן, און זייַנען הונגעריק.

נאָר באַ די קלענערע ייִנגלך האָבן זיך, נאָך אַ האַלבער שעה לערנען, שוין די אויגן אָנגעהויבן צו קלעבן, און עטלעכע, וועלכע האָבן שוין פעסט געכראָפּעט, אָנשפּאַרנדיק די קעפּ אָן דער באַנק, האָט דער לערער אויפגעוועקט, געבנדיק זיי אַ ריר מיט דער פעדער אין אויער. אָבער די דערוואַקסענע נישט! אַלע האָבן געהערט די לעקציע מיט אויפגעעפנטע מיילער, און קיינער האָט אַפילו נישט קיין מרוג געטון מיט קיין אויג, עס איז שרעקלעך קאָמיש געווען צו קוקן, ווי די דאָזיקע וואָנסיקע און בערדיקע זיצן אויף אונדזערע בענק.

מיר זייַנען אויך אַרויפגעגאַנגען אויפן ערשטען שטאָק. כ'בין צוגעלאָפן צו דער טיר פון אונדזער קלאַס און געזען, ווי אויף מיין אָרט זיצט עפּעס אַן אַרבעטער מיט שרעקלעך גרויסע וואָנסעס, מיט אַן אַרומגעבונדענער האַנט, וועלכע ער האָט זיך זיכער צוקאַלעטשעט באַ דער מאַשין, און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, באַמיט ער זיך צו שרייבן, אָבער צום שענסטן איז מיר געפעלן, ווען כ'האָב אויפן מויערלס אָרט, אויף דער זעלבער באַנק אין זעלבן ווינקל דערזען זיין פאָטער, דעם דאָזיקן אומגעהייער גרויסן מויערער, וועלכער איז דאָרט געזעסן אונטערגעשפּאַ־ט דעם קאָפּ מיט די עלנבויגנס, האַלטנדיק די גאָמבע אויף די הענט און די אויגן איינגעגראָבן אין ביכל, אַזוי פאַרטיפט אין דער לערע, אַז ער האָט כמעט נישט געאָטעמט.

דאָס איז געווען נישט קיין איינפאַכער צופאַל. אדרבא, ער אַליין איז געקומען באַלד דעם ערשטן אָוונט צום דירעקטאָר און געבעטן:

— זאָל-זשע דער הער דירעקטאָר זיין אַזוי גוט צו מיר און מיר דערלויבן צו זיצן אויפן אָרט פון מיין „האָזן-פיסקעלע". — וואָרים אַזוי רופט ער אים טאַקע שטענדיק.

ווען מיר זיינען שוין אַרויסגעגאַנגען, האָבן מיר דערזען, ווי אויף דער גאַס וואַרטן זייער אַ סך פרויען מיט קינדער אויף די הענט אויף זייערע מענער, און אַז באַלד אין טויער קומט פאָר אַ בייטן זיך: דער פאָטער נעמט בײַ די מוטער דאָס קינד, גיט איר אַוועק די ביכער און די העפטן, און אַזוי קערן זיי זיך אום אַהיים. אין פאַרלויף פון עטלעכע מינוט איז די גאַס געווען פול מיט מענטשן און מיט דעם גערויש פון זייערע שטימען.

נאָכדעם איז אַלץ שטיל געבליבן, און מיר האָבן נאָר געזען די לאַנגע, מידע פיגור פון דירעקטאָר, וואָס האָט זיך פאַמעלעך דערווייטערט.

. . . .

אַ קאַמף.

זונטיק, דעם 5-טן

מען האָט זיך געקענט רעכטן אויף דעם!

פראַנטי, וועלכן דער דירעקטאָר האָט אַרויסגעוואָרפן פון שולע, האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין. און באַהאַלטנדיק זיך אונטער אַ ווינקל פון אַ הויז, האָט ער אָפּגעוואַרט סטאַרדין, וועלכער האָט נאָכן אַרויסגיין פון שולע, אָפּגעטרעטן, ווי געוויינטלעך, אויף דער גרויס-באָלדענער גאַס נאָך זיין שוועסטער, און אינאיינעם מיט איר זיך צוריקגעקערט דאָס האָט געזען מיין שוועסטער סילוויע און אַן איבער-געשראָקענע געקומען צו לויפן אַהיים.

און ס'איז געשען אזוי: פראנטי האט אין זיין צעראטעוועט היטעלע, אנגעטון אויף א זייט, זיך געלאזט נאכלויפן אויף די שפיץ פינגער נאך סטארדין, און זוכנדיק זיך עפעס א זאטשעפקע, א צי געטון פון הינטן זיין שוועסטער באם צאפ אזוי שטארק, אז ער האט די שיער נישט אומגעווארפן א הינטער. דאס מיידעלע האט א געשריי געטון, איר ברודער האט זיך אויסגעדרייט. פראנטי, וועלכער איז א סך העכער און שטארקער פאר סטארדין, האט געזאגט:

— אדער דו וועסט קיין פיפס נישט טון, אדער איך דערהרגע דיך.

סטארדי האט לאנג נישט געטראכט, און כאטש ער איז אזוי קליין און דיק, האט ער זיך דאך געווארפן אויף דעם דאזיקן יונגאטש און אנגעהויבן האקן מיט דער פויסט, ווו ער האט נאר געטראפן. קיין סך האט ער אים אבער נישט געקענט טון ווייל פראנטי האט אים אנגעכאפט בא ביידע ארעמס. אויף דער גאס זיינען געווען בלויז קינדער און קיינער האט נישט געקענט די שלעגער צענעמען.

האט פראנטי אנידערגעווארפן סטארדין אויף דער ערד, און כאטש ער איז צוריק אויפגעשפרונגען אויף א מינוט, איז ער אבער באלד ווידער געפאלן, און פראנטי האט אריינגעהאקט אין אים ווי אין א קלאץ. אין איין רגע האט ער אים איינגעריסן דאס אויער, אונטערגעהאקט אן אויג און געשלאגן מיט דער פויסט אין פנים אריין אזוי, אז דעם ארימען יינגל האט זיך דאס בלוט פון דער נאז געלאזט. אבער סטארדי איז א הארטער! ער האט נאר א ברום געטון:

— וועסט מיך דערהרגענען, אבער איך וועל דיר אפצאלן!

און אט גיט פראנטי א זעץ אן דער ערד און סטארדי ארויף אויף אים, קאפעט אים, באדזשעט אים ווי א שעפס מיטן שטערן, און האקט איבער אים מיט דער פויסט, ווי מיט א האמער.

עפּעס אַ פּרוי שרייט פֿון אַ פֿענצטער:

— בראַוואָ, קליינער!

און אַנדערע:

— ער פֿאַרטיידיקט זיין שוועסטער.

און נאָך אַנדערע!

— שלאָג! שענק אים נישט! דערלאַנג אים, נאָר פֿעסט!

און צו פראַנטין:

— אויף אַ קלענערן פֿאַלט מען אָן! שהדן געמיינער!

און פּלוצלינג האָט זיך פּראַנטי אויפגעכאַפּט, אונטערגעשטעלט אַ פֿוס, סטאַרדי איז געפֿאַלן, און יענער ערשט נאָך אים!

— גיב דיך אונטער!

— גיין!

און אין איין אויגנבליק האָט זיך סטאַרדי אַ ריס געטאָן, אַ כאַפּ געטאָן פּראַנטין אין דער העלפֿט, איבערגעבויגן אים מיט אַ רוקלעכער אָנשטרענגונג, און געבנדיק אים ווילד אַ קנאַק אָן דעם רוק, איז ער אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אים מיט אַ קני אויף דער ברוסט.

— אָ, דער נידערטרעכטיקער האָט אַ מעסער! — האָט אַ געשריי געטאָן עפּעס אַ מענטש, צולויפֿנדיק, כדי צו אַנטוואָפֿענען פּראַנטין, אָבער סטאַרדי האָט שוין געהאַט אָנגעכאַפּט דעם געמיינעם יונג מיט ביידע הענט באַם אָרעם און אַזוי אים אַ ביס געטאָן אין דער צונויפֿגעדריקטער פֿויסט, אַז דאָס מעסער איז באַלד פֿון איר אַרויסגעפֿאַלן, און דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן צו רינען.

אַצינד ערשט זיינען אָנגעלאָפֿן אַנדערע, זיי צעריסן, אויפֿגעהויבן; פּראַנטי האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אַ צעדרייטער כמעט אויף אַלע פֿיר, און סטאַרדי איז געבליבן אויפֿן שלאַכטפֿעלד, שרעקלעך צעקראַטשעט אויפֿן פּנים, מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג, אָבער אַ

זיגער, לעבן זיין ווייִנענדיקער שוועסטער, צווישן די ייִנגלעך, וועלכע האָבן צוזאַמענגעקליבן די צעוואָרפענע ביכלעך און העפטן פון דער גאַס.

— אַ טיכטיק ייִנגל! — האָבן זיך אָנגערופן אַרום שטימען פון פרויען. — ער האָט נישט געלאָזט באַליידיקן די שוועסטער! זי פאַרטיידיקט!

אָבער סטאַרדי, וועלכער האָט מער געזאָרגט וועגן זיין ראַניעץ, ווי וועגן דעם זיג, האָט באַלד אָנגעהויבן צו באַקוקן איינציקווייז, פריִער די ביכלעך, נאָכדעם די העפטן, צי עס פעלט נישט עפעס, צי אַלץ איז גאַנץ, אָפּגעווישט מיטן אַרבל, באַטראַכט דאָס פעדער-קעסטעלע, געלייגט יעדע זאַך אויף איר אָרט, נאָכדעם אַ רויִקער און ערנסטער ווי שטענדיק, געזאָגט צו זיין שוועסטער:

— קום גיך, וואָרים כ'האָב צו מאַכן אַן אויפגאַבע אויף אַלע פיר אָפּעראַציעס.

. . . .

די עלטערן פון די שילער.

מאָנטיק, דעם 6-טן.

הייַנט אינדערפרי איז געקומען צום זון דער דאָזיקער גראַבער סטאַרדי, דער פאָטער, וואָרים ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס ייִנגל זאָל זיך ווידער נישט טרעפן מיט פראַנטיק. אָבער פראַנטי, זאָגט מען, וועט זיך שוין אויף דער גאַס נישט ווייזן, וואָרים מען וואָלט אים באַלד איינגעזעצט. זייער אַ סך עלטערן זיינען הייַנט געקומען צו דער שולע, און דאָס איז אַלץ צוליב דעם נעכטיקן געשלעג — זיינען אַלע אַזוי אומרויִק געוואָרן. עס איז אויך געקומען

דער האָלץ־העַנדלער, קאָרעטיס פּאַטער, וועלכער זעט אויס פּונקט ווי זיין זון! אויך אזא פלינקער, אַ פריילעכער, נישט מער, ער האָט שפּיציקע וואָנסעלעך און טראָגט אַ צווייקאָלירנדיק סטענגעלע אין קנאָפּ־לאָך. איך קען שוין כמעט אַלע עלטערן די דאָזיקע, וואָס קומען נאָך די שילער. טיילמאָל זיינען דאָס אויך נישט די עלטערן. וואָרים עס איז דאָ למשל איין באָבעשי, שוין גאָר אַן איינגעבויגע־נע, אין אַ ווייסער, גרויסער קופּקע, וועלכע קומט שטענדיק פיר מאָל אין טאָג, צי ס'איז אַ שניי, צי אַ שטורם, און ברענגט צו פירן און פירט אָפּ אַהיים איר אייניקל, וועלכער לערנט זיך אין דער ערשטער איינטריט־קלאַס. זי טוט אים אויס דאָס פּאַלטנדל, טוט עס אים אָן, איבערבינדט אים דאָס קראַוואַטעלע, פּוצט אים אָפּ, צערטלט אים, באַקוקט זיינע העפטן. מען זעט באַלד, אַז זי לעבט נאָר צוליב דעם דאָזיקן יינגל, אַז זי טראַכט נאָר פון אים, און אַז אַ חוץ אים זעט זי גאָרנישט אויף דער וועלט. עס קומט אויך טיילמאָל דער אַרטילעריע־קאַפּיטאַן, ראַבעטיס פּאַטער, דעמס, וואָס גייט אויף קו־ליעס, דער וואָס האָט דאָס אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד פון אונטערן אָמניבוס אַפער. און ווער נאָר פון די קאָלעגן עס גייט פאַרביי פאַר די קאַליקע, גיט אַ ליבן שמייכל צו אים, אָדער גיט אים אַ גלעט, אַז עס זאָל אים זיין פריילעכער אויף דער וועלט. ענטפערט אויך דער קאַפּיטאַן אָפּ מיט דעם זעלבן, אָדער ער בייגט זיך צוריק צו יעדערן, אָדער ער גיט אַ גלעט עמעצן. עס האָט זיך נאָך נישט געטראָפן, אַז ער זאָל עמעצן אויסמיידן. ער בייגט זיך צו אַלע, באַגריסט יעדערן, אָדער געזעגנט זיך, ווען ער גייט אַוועק, און וואָס אָרימער און ערגער איינער גייט אָנגעטון, אַלץ מער פריידט ער זיך מיט אים און אַלץ מער דאַנקט ער אים.

אָבער אויך טרויעריקע זאַכן זעט מען דאָרט טיילמאָל. למשל איין הער, וואָס איז שוין גיכט געהאַט געקומען אַ חודש צייט אין שולע אַריין, ווייל עס איז אים געשטאָרבן אַ זון, וועלכער האָט

זיך געלערנט בײַ אונדז אין שולע, האָט ווידער אָנגעהויבן קראַנקען מיט זײַן צווייטן, מיטן ייִנגערן. איז ווען ער איז געקומען דאָס ערשטע מאָל נאָך דעם גרויסן פאַרלוסט און דערזען די קלאַס און די קאָלעגן פון זײַן זון, וועלכער לעבט שוין ניט, איז ער אַוועק־געגאַנגען אין ווינקל אַרײַן און אַרויסגעלאָזט אַזאַ געוויין, פאַר־שטעלנדיק זיך מיט ביידע הענט דאָס פּנים, אַז דער דירעקטאָר האָט אים אונטערן אָרעם אָנגענומען און אַרײַנגעפירט צו זיך אין קאַנצעלאַריע.

עס זײַנען אויך דאָ טייל פּאַטערס און מוטערס, וואָס קענען אַלע זייערע זינס חברים בײַ די נעמען.

טיילמאָל קומען נאָך זייערע ברידער אויך מיידעלעך פון דער באַנסטער שולע און אויך שילער פון גימנאַזיום.

עס איז אויך דאָ איין הער, שוין אַן אַלטער, וועלכער, זעענדיק אַז אַ ייִנגעלע האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פעדער אָדער אַ העפט, בייגט ער זיך באַלד אײַן און הייבט עס אים אויף. און דער אַלטער איז אַמאָל געווען אַ פּאָלקאָווניק!

מען זעט אַ סך מאָל, ווי שיין אָנגעטאָנע דאַמען שמועסן זיך דורך פאַר דער שולע מיט אײַנפאַכע פרויען אין טיכלעך אויף די קעפּ און מיט אַ קיישל אויף דער האַנט.

איינע זאָגט:

— אַך, וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע זיי האָבן הײַנט געהאַט!

און אַ צווייטע:

— און די גראַמאַטיק! גאָט מײַנער! כ'האָב געמיינט, אַז דאָס קינד וועט זיך ביז טאָג לערנען.

ווען עמעצער פון די שילער ווערט קראַנק, ווייסן באַלד אַלע דערפון, און אַז ער ווערט געזונט, פרייען זיך אַלע. הײַנט טאָקע האָבן אפשר אַכט אָדער צען אַרומגערינגלט די גרינס־הענדלערין,

קאָרעטיס מוטער, און זי אויסגעפּרעגט וועגן געזונט פון איינעם אַ קליינטשיקן, מיין ברודערס אַ קאָלעגע פון דער אינטערנאַט-קלאַס. ווען מען עלטערן עס ווינען אויף דעם זעלבן הויף, וואָס זי, און וועלכער איז זייער קראַנק.

עס דאַכט זיך אין אָוונט, אַז די שולע גלייכט אויס און באַפריינדעט אַלע צווישן זיך!

• • • • • • • • • • • • • •

נומער 78.

מיטוואָך, דעם 8-טן

נעכטן האָב איך געזען אַ רירנדע סצענע.

שוין פון אַ געווינער צייט אָן האָט מען געקענט באַמערקן, אַז, פאַרבייגייענדיק פאַר דעראָסין, קוקט אויף אים די גרינס-הענדלערין מיט אַ טיפער דאַנקבאַרקייט. וואָרים נאָכדעם, ווי דעראָסי איז געוואָרן געוואָרן די געהיימניש פון טינטאָרן און דעם אַרעסטאַנט נומער 78, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַציִען מיט אַ באַזונדערער האַרציקייט צו זיין זון, צו דעם דאָזיקן קליינעם קראָסי, וואָס האָט רויטע האָר און אַן אָפּגעדאַרטע האַנט. ער העלפט אים מאַכן די לעקציעס אין שולע, זאָגט אים אונטער, ווען קראָסי פאַרהאַקט זיך, גיט אים פּאַפּיר, פּענעס, שרייבפעדלעך, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען זיין אַ ברודער. און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל ער וויל אים באַלוינען פאַר דעם מוטערס אומגליק, וועלכעס ער האָט זיך אומווילנדיק דערוויסט, און רעגן וועלכן דער זון ווייסט גאָרנישט.

האָט שוין די מוטער אויף דעראָסין געקוקט, אַזוי געקוקט, ווי זי וואָלט אים געוואָלט איבערגעבן אירע אויגן פאַר זיין גוט-

רייסאַפּט צו איר קינד, וואָרים דאָס איז פּייפער אַ גוטע פֿרוי, וועלכע לעבט נאָר פֿאַר איר זון, און דער דעראַסי, וועלכער אינטערעסירט זיך אַזוי מיט אים, וועלכער טיילט אים אויס פֿון אַלע אַנדערע, דעראָסי, דאָס פֿיינע בחורל, דער ערשטער שילער אין קלאַס, זעט איר אויס עפּעס ווי אַ קעניגלעכער זון פֿון אַ מעשהלע אַרויס, און זי קוקט אויף אים ווי אויף אַ הייליקן כמעט. איך האָב גוט געזען, אַז שוין עטלעכע טאָג קוקט די גרינס-הענדלערין אויף דעראָסין אַזוי, ווי זי וואָלט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זי שעמט זיך. ערשט נעכטן אינדערפֿרי האָט זי זיך אָנגעשלאָסן, און דער טיר אים פֿאַרהאַלטן און געזאָגט:

— זאָל זיך דאָס בחורל נישט שעמען, איך בעט זייער, האָרים דאָס בחורל איז אַזוי גוט צו מיין יינגל, און זאָל דאָס בחורל צונעמען די דאָזיקע קלייניטשקע אָנדענק בײַ דער אָרימער מוטער.

און זי האָט אַרויסגעצויגן פֿון קוישל גרינס אַ ווייס, אָפּגע-גילדט טאָוועלן קעסטעלע. דעראָסי איז אינגאַנצן רויט געוואָרן, געמאַכט אַ טריט צוריק און געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט:

— זאָל דאָס די פֿרוי געבן דעם זון. איך וועל דאָס נישט נעמען. איך דאַנק!

די פֿרוי איז זייער אומעטיק געוואָרן און אָנגעהויבן איבער-בעטן מיט אַ שטילער שטימע:

— איך האָב נישט געוואָלט דאָס בחורל באַליידיקן... דאָס זענען נאָר עטלעכע קאַרמעלקעס...

אָבער דעראָסי האָט נאָר בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער וועט נישט צונעמען.

און דאַמאָלס האָט זי מיט גרויס אומדרייסטקייט אַרויסגענומען פֿון קוישל אַ בינטעלע רויטע רעטעכלעך און געזאָגט:

— זאָל־זשע כאָטש דאָס בחורל די דאָזיקע רעטעכלעך צוגעבן, פרישינקע, און דער מאַמען אַהיימטראָגן.

דעראָסי האָט אַ שמייכל געטון.

— ניין! איך דאַנק זייער, אָבער איך וויל גאָרנישט. איך וועל טון אַלץ, וואָס איך וועל קענען פאַר דער פרויס זון, ווייל ער איז מיין קאָלעגע און איז זייער אַן אָרנטלעך יינגל, אָבער איך וועל גאָרנישט נעמען. איך דאַנק!

— אָבער... דאָס בחורל האָט זיך דאָך נישט באַליידיקט פון מיר? — האָט די פרוי אומרויִק געפרעגט.

— ניין, ניין! — האָט דעראָסי איבערגעחזרט שמייכלענדיק און אַוועקגעגאַנגען, און די גרינס־הענדלערין האָט אַזש מיט די הענט אַ פּאַטש געטון.

— און וואָס פאַר אַ גוט קינד דאָס איז! און וואָס פאַר אַ ליבס! איך האָב נאָך גאָר אויף מיין לעבן אַזעלכעס נישט געזען!

נו, און מיט דעם האָט זיך דערווייל געענדיקט. נאָר אַ זייגער פיר איז, אַנשטאָט דער מוטער, געקומען נאָך קראָסין דער פאָטער, מיט דעם דאָזיקן בלייכן, אומעטיקן פנים זיינעם.

ער האָט פאַרהאַלטן דעראָסין באַם אַרויסגאַנג, און לויט דעם ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף אים, האָב איך באַלד דערקענט, אַז עס פאַלט אים איין, אַז דעראָסי ווייסט פון זיין געהיימניש.

איז קוקנדיק אַזוי, האָט ער געזאָגט מיט אַן אומעטיקן און רירנדן קול:

— דאָס בחורל איז זייער גוט צו מיין קינד... פאַרוואָס איז דאָס בחורל אַזוי גוט צו אים?

דעראָסי איז געבליבן שטיין רויט ווי פייער. מען האָט געקענט זען, אַז ער וואָלט געוואָלט גאַנץ איינפאַך און אויפריכטיק זאָגן:

— ווייל ער איז אַן אומגליקלעכער. ווייל אויך איר, זייט

פאָטער, זענט געווען מער אומגליקלעך ווי שולדיק, און זענט אָפּ־געקומען אייער שולד אויף אַן איידעלן אופן, ווייל איר האָט אַ גוט האַרץ...

אָבער, כאָטש מען האָט דאָס אַלץ געקענט איבערלייענען אויף זיין פּנים, האָט אים דאָך געפעלט מוט אַרויסצורעדן דאָס אין ווערטער; אויך האָט ער געפילט עפּעס אַן אויפרעגונג, ווי אַן עקל צו דעם דאָזיקן מענטש, וועלכער האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון אַ צווייטן און זעקס יאָר אָפּגעזעסן אין געפענגעניש. און דער אָרימער, ווי ער וואָלט אַלץ פאַרשטאַנען, האָט זיך אָנגעבויגן צו דעראָסין און אים שטיל אין אויער אַריינגעשעפּטשעט:

— דאָס בחורל איז גוט צום קינד, אָבער ער וועט נישט פאַרהאַסן אויך דעם פאָטער... נישט אמת?

און דעראָסי האָט אים אויף דעם געענטפערט מיט גרויס מיטגעפיל:

— ניין! אָ ניין! גאָר פאַרקערט...

און דאַמאָלס האָט דער בלייכער, אומעטיקער מענטש געמאַכט אַ פלוצלינקע באַוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט דעראָסין אַרומנעמען אַרום דעם האַלדז. אָבער ער איז, ווייזט אויס, נישט דרייסט געווען, און באַרירנדיק נאָר בלויז זיינע העלע האָר, האָט ער נאָכדעם אויפגע־הויבן זיין האַנט צו די ליפּן און זי אַ קוש געטון, קוקנדיק אויפן יינגל מיט פייכטע אויגן פון טרערן, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן, אַז דאָס איז פאַר אים דער קוש.

נאָכדעם האָט ער אָנגענומען דעם זון בא דער האַנט און מיט שנעלע טריט זיך דערווייטערט.

. . . .

די קריג

מאָנטיק, דעם 20־טן

האָב איך מיך היינט אינדערפרי צעקריגט מיט קארעטין. ער איז שולדיק געווען. דער לערער האָט אים אַנידערגעזעצט לעבן מיר, און איך האָב געשריבן קאַליגראַפיע אין מיין נייעם העפט. פלוצלינג האָט ער מיר אַ שלאָג אונטער געטון אַזוי, אַז נישט נאָר איך האָב געמאַכט אַ שרעקלעכן קלעק אויף דער קאַליגראַפיע, נאָר אויך אויף דער חודשלעכער דערציילונג, וועלכע איך האָב גענומען באַם קראַנקן מוירערל איבערצושרייבן און זי מיר אונטערגעלייגט אונטערן העפט. איך האָב אים נאָ־טירלעך אַ זאָג געטון עטלעכע פאַרדראָסיקע ווערטער.

און ער ענטפערט מיר באַלד אויף דעם מיט אַ שמייכעלע

— איך האָב עס נישט געטון אומישנע!

איך ווייס זייער גוט, אַז ניט אומישנע. איך קאָן דאָך אים, אָבער מיך האָט בייז געמאַכט זיין שמייכלען, און איך האָב מיר באַלד אַ טראַכט געטון:

— האָסט באַקומען, ברודערל, אַן אויסצייכנונג, בלאָזסטו דיך דאָס אַזוי — און איך בין אַזש אויפגעקאָכט געוואָרן.

נישט לאַנג טראַכטנדיק, האָב איך אים דערלאַנגט אַזאַ זעץ מיטן עלנבויגן, אַז ער האָט זיך פאַרשמירט מיטן אַרבל דאָס גאַנצע אָפגעשריבענע זייטל. ער איז רויט געוואָרן פאַר כעס און אַ געשריי געטון:

— אָבער דו — האָסט דאָך יאָ אומישנע! און ער האָט אויפֿגעהויבן די האַנט.

דער לערער האָט דאָס דערזען און אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, נאָר מיר שטיל אַ זאָג געטון:

— איך וועל דיך אָפּוואַרטן פֿאַר דער שולע. איך האָב מיך שוין געהאַט אָפּגעקילט, האָט מיר באַנג געטון און עס איז מיר אַ חרפּה געווען. ניין, האָב איך געטראַכט, קאָרעטי האָט מיר זיכער נישט געוואָלט קאַליע מאַכן! ער איז אַ גוטער! איך האָב מיך דערמאַנט, ווי אַזוי איך האָב אים געטראָפֿן אין זיין היים, ווי ער האָט באַדינט זיין קראַנקע מאַמע, און נאָכדעם, ווי אַזוי מיר האָבן אים אויפֿגענומען, ווען ער האָט מיך באַזוכט, און ווי שטאַרק ער איז געפֿעלן געוואָרן מיין טאַטן. איך וואָלט געווען אוועקגעגעבן, איך ווייס אַליין נישט וואָס, אַז עס זאָל פֿון דעם אַלעם גאָרנישט ווערן! איך זאָל נישט געווען האָבן אַזוי מיאוס געהאַנדלט קעגן אים! און איך האָב מיך נאָך דערמאַנט אָן דעם, וואָס דער טאַטע פֿלעגט מיר שטענדיק ראַטן:

— ווּעסט דיך פֿאַרשולדיקן! — בעט מען זאָל דיר מוחל זיין.

נאָר עפּעס האָט מיך דאָך אָפּגעהאַלטן. איך האָב מיך געשעמט זיך מודה צו זיין, איבערצובעטן. איך האָב געקוקט אויף אים זייטיק און געזען, אַז זיין מאַרינאַרקע איז אויף דער פּלייצע צעריסן, אפֿשר טאַקע פֿון האָלץ טראָגן, און איך האָב דערפֿילט, אַז איך האָב אים זייער ליב, און געזאָגט אַליין צו זיך: איך האָב אַ געשעפּט, איך וועל אים איבערבעטן! און פֿונדעסטוועגן זיינען די דאָזיקע עטלעכע ווערטער: „איך בעט דיך איבער” מיר שטעקן געבליבן אין האַלדז. ער ווידער האָט פֿון צייט־צו־צייט געקוקט אויף מיר זייטיק און אויסגעזען צו זיין מער פֿאַרטרויערט, ווי ברוגז. און דאַמאָלס האָב איך אויך געקוקט אויף אים זייטיק, ווייל איך האָב אים געוואָלט ווייזן, אַז איך האָב נישט מורא פֿאַר אים.

האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— מיר וועלן זיך זען פאַר דער שולע!

און איך:

— מיר וועלן זיך זען פאַר דער שולע! און ווידער האָב איך מיך דערמאַנט, וואָס דער טאַטע האָט מיר אַמאָל געזאָגט.

— אויב דו האָסט דיך פאַרשולדיקט, פאַרטיידיק דיך, אָבער נישט מיט געשלעג.

און איך האָב באַלד באַשלאָסן:

— איך וועל מיך פאַרטיידיקן, נאָר איך אים וועל נישט שלאָגן. — אָבער איך בין אַזוי נישט צופרידן געווען פון מיר, אַזוי אומעטיק געווען, אַז איך האָב גאָרנישט געהערט, וואָס דער לערער האָט געלערנט.

ביז עס איז געקומען די מינוט פון אַהיימגיין.

ווען איך בין שוין געווען אויף דער גאַס אַליין, האָב איך באַמערקט, אַז ער גייט מיר נאָך.

איך האָב מיך פאַרהאַלטן און געוואַרט אויף אים מיט דער ווירע אין דער האַנט.

ער איז צוגעקומען — איך האָב אויפגעהויבן די ווירע.

און ער:

— ניין, הענריק! — האָט ער געזאָגט מיט דעם דאָזיקן ליבן, גוטן שמייכעלע זיינעם, אָננעמענדיק מיך בײַ דער האַנט מיט דער ווירע — ניין, לאָמיר זיין פריינט, ווי מיר זיינען געווען!

עפּעס איז מיר געוואָרן אַזוי מאָדנע אויפן האַרץ און עפּעס פּונקט ווי עס וואָלט מיך עמעצער פון הינטן אַ שטויס געטון, איך האָב מיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז.

ער האָט מיר אַ קוש געטון און געזאָגט:

— קיינמאָל וועלן שוין קיין שום קריגערייען נישט פאָר-קומען צווישן מיר און דיר! אמת?

— קיינמאָל! קיינמאָל, קיינמאָל! — האָב איך געענטפערט.

און מיר זיינען זיך צעגאַנגען צוריק דערפריידטע, גליקלעכע.

אָבער ווען איך בין געקומען אהיים און דערציילט דעם טאַטן אַלץ, ווי ס'איז געווען, מיינענדיק, אַז איך וועל אים מיט דעם פאַר-געניגן פאַרשאַפן, איז ער זייער טרויעריק געוואָרן און געזאָגט:

— נישט ער, נאָר דו האָסט געדאַרפט דער ערשטער אויס-שטרעקן די האַנט צום איבערבעטן, וואָרים דו ביסט שולדיק געווען!

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— דו האָסט נישט געדאַרפט האָבן קיין חוצפה אויפצוהייבן דיין ווירע אויף אַ קאָלעגע, וועלכער איז בעסער פאַר דיר! און אַז אויפגערעגטער האָט ער מיר אויסגעריסן די ווירע פון האַנט, זי צעבראָכן אויף צוויי העלפט און אַ וואָרף געטון זי אַן דער וואַנט.

. . . .

מיין שוועסטער.

פרייטיק, דער 24-טן.

פאַרוואָס האָסטו, הענריק, נאָכדעם ווי דו האָסט שוין אַזוי אויך געהאַט דערצערנט דעם טאַטן מיט דיין שלעכטער האַנד-לונג קעגן קאָרעטין, פאַרוואָס האָסטו נאָך מיר אויך געוואָלט אומ-אָנגענעמלעכקייט פאַרשאַפן? דו ווייסט דיר גאַרנישט צוגלייבן וויפל עגמת נפש דו האָסט מיר אָנגעטון! צי ווייסטו דען נישט,

אַז ווען דו ביסט נאָך קליין געווען, בין איך גאַנצע שעהן אָפּגע־שטאַנען בײַ דײַן וויגעלע אָנשטאָט זיך צו שפּילן מיט אַנדערע קינדער, און אַז דו ביסט קראַנק געוואָרן, בין איך אויפגעשטאַנען באַנאַכט פון מײַן בעטעלע, צו זען, צי דו האָסט אַ הייכן שטערן.

און צי ווייסטו דען נישט, באַליידיקנדיק דײַן שוועסטער, אַז ווען דאָס שרעקלעכסטע אומגליק וואָלט אַ קלאַפּ געטון אין אונדזער הויז, וואָלט איך געווען אַ מאַמע צו דיר און דיך ליב געהאַט אַזוי, ווי די מאַמע האָט דיך ליב געהאַט? צי ווייסטו דען נישט, אַז ווען עס וועלן אונדז שוין פעלן אי דער טאַטע, אי די מאַמע, וועט דײַן בעסטע פרײַנדין זײַן — איך? די אײנציקע, מיט וועלכער דו וועסט קענען רעדן וועגן אונדזערע טײַערע פאַרשטאָרבענע און וועגן דײַן קינד־הייט, און וועלכע וואָלט — אויב עס וואָלט נייטיק געווען — גע־אַרבעט פאַר דײַנעטוועגן, העבריק, אַז דו זאָלסט האָבן וואָס צו עסן און זאָלסט דיך קענען לערנען. צי ווייסטו דען נישט, אַז איך וועל דיך ליב האָבן שטענדיק, כאָטש דו וועסט שוין זײַן אַ גרויסער; אַז מײַן געדאַנק וועט דיר נאָכגיין, ווען דו וועסט זײַן ווייט, אַז איך וועל דיר שטענדיק זײַן געטרײַ מיטן גאַנצן האַרץ, וואָרים מיר זײַנען אײנײנעם, אין איין נעסט אויפגעצויגן געוואָרן.

אָ, העבריק, זײַ זיכער, אַז ווען דו וועסט שוין זײַן אַ מאַן, און עס וועט דיך טרעפן אַן אומגליק, און דו וועסט דיך דערפילן אײנזאַם צווישן מענטשן, זײַ זיכער, אַז דו וועסט דאַמאָלס מיך אויפ־זוכן, און קומען צו מיר, און זאָגן:

— סילוויע, שוועסטער, דערלויב מיר צו בלײַבן לעבן דיר. רעד מיט מיר וועגן די צײַטן, ווען מיר זײַנען געווען גליקלעך. רעד מיט מיר וועגן אונדזער מאַמען, וועגן אונדזער היים, וועגן די גוטע און שוין אַזוי ווייט פאַרפלאָסענע טעג!

און מיר וועלן רעדן וועגן זיי, העבריק, און דו וועסט שטענ־דיק טרעפן דײַן שוועסטערס אָרעמס אָפן!

אַזוי, אַזוי, מיין טייערער הענריק! זיי מיר מוחל, וואָס איך פאַרשאַף דיר היינט מיט דעם דאָזיקן פאָרוואורף עגמת נפש! איך וועל דיר נישט געדענקען קיין שום שולד דיינע, און אויב דו וואָלסט מיר ווידער געזאָגט עפּעס אומאָנגענעמס — וועל איך עס דיר אויך פאַרגעסן!

דו וועסט אַזוי אויך בלייבן שטענדיק מיין טייערער ברודער, און איך וועל נאָר געדענקען דאָס, אַז איך האָב דיך אַמאָל געביאַנטשעט, ווען דו ביסט קליין געווען, אַז איך האָב צוזאַמען מיט דיר ליב געהאַט דעם טאַטן און די מאַמען, אַז איך האָב געקוקט אויף דיר ווי דו ביסט געוואַקסן און אַז איך בין אַזוי פיל יאָר געווען די טרייסטע חברטע פון דיין לעבן.

שרייב־זשע מיר אַצינד אָן עפּעס אַ גוט וואָרט אין דעם דאָזיקן זעלבן העפטל, און איך וועל עס נאָך איבערלייענען איידער עס וועט אָוונט ווערן.

דערווייל אָבער, כּדי צו באַווייזן, דיר אַז איך בין אינגאַנצן נישט בייז אויף דיר און אויך צוליב דעם, וואָס איך האָב דיך געזען אַ מידן, האָב איך איבערגעשריבן פאַר דיר די חודשלעכע דערציילונג „ראָמאַניש בלוט", וועלכע דו האָסט געהאַט איבערצושרייבן פאַרן קראַנקן מויערל. דו וועסט זי געפינען אין לינקן שיפלאַדל פון דיין טישעלע. איך האָב זי געשריבן היינט באַנאַכט, ווען דו ביסט געשלאָפן. שרייב־זשע מיר אָן אַ גוט וואָרט, מיין הענריקל, איך בעט דיך!

דיין שוועסטער סילוויע.

* • •

איך ... ן נישט ווערט צו קושן דיינע הענט.

הענריק.

• • • • • • • • • • • •

ראָמאַניש בלוט.

הודשלעכע דערציילונג.

דעם אָוונט איז געווען בא פערוציין איינדערהיים נאָך שטי-לער, ווי געוויינטלעך. זיין פאָטער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ קליין געוועלבל מיט פּראָוויאַנט, האָט זיך אָוועקגעלאָזט קיין פּראָנטי אייכקויפן, די מוטער איז מיטגעגאַנגען מיטנעמענדיק מיט זיך די קליינע לודווישע צום דאָקטאָר, וועלכער האָט איר געדאַרפט אָפּע-רירן אַ קראַנק אויג, און אַלע דריי האָבן זיך געדאַרפט צוריקקערן ערשט צומאָרגנס איינדערפרי.

עס איז שוין געווען באַלד האַלבע נאַכט. די פרוי, וועלכע פלעגט דאָרט קומען צורוימען באַטאָג, איז אָוועקגעגאַנגען נאָך מיט דער נאַכט צוגלייך. אין הויז איז געבליבן נאָר דער דרייצעניע-ריקער פערוציאָ און די אַלטע באָבע זיינע, וועלכע איז געווען פּאַ-ראַליזירט אויף ביידע פיס.

דאָס הויז, דאָס איז אייגנטלעך געווען — אַ הייזל. אַ קליין פּאַרטער-הייזל, וואָס איז געשטאַנען באַם טראַקט אויף אַ גוטן ביקסן-שאָס ווייט פון דערפל, נישט זייער ווייט פון פּאָרטי, אַ שטאָט אין ראָמאַניען. פאַר שכנים האָט דאָס הייזל געהאַט בלויז נאָר איין אומבאַוווינטע חורבה, וואָס איז מיט צוויי חדשים צוריק אָנגעברענט געוואָרן, אויף וועלכער ס׳האָט זיך נאָך געזען דער אויפשריפט: „איינפאָרהויז".

נאָך דעם הייזל איז געווען אַ קליין גערטל, אַרומגערינגלט מיט אַ לעבעדיקן פּלאָט, צו וועלכן ס׳האָט געפירט אַ נידריק דאָרפיש טויערל; די טיר פון געוועלבל וועלכע איז געווען איינצייטיק אויך

די טיר פון שטוב, איז אַרויסגעגאַנגען גלייך אויפן טראַקט. ווייט, אַרום האָט זיך צעוועקגעצויגן אַן אָפענע געגנט, ברייטע באַאַרבעטע פּאַרזעצטע פעלדער...

דער אָוונט איז געווען אַ ווינטיקער, אַ רעגנדיקער, עס איז שוין געווען באַלד האַלבע נאַכט.

נישט די באָבע, נישט פערוציאַ, זיינען נאָך נישט געשלאָפן און געזעסן אין דער עס־שטוב, וועלכע האָט געדינט איינצייטיק אויך אַלס קיך און איז אָפּגעטיילט געווען פון גאָרטן בלויז מיט אַ קליין שטיבעלע, אין וועלכן עס זיינען געווען אָנגעשטעלט אַלטע זאַכן.

פערוציאַ האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים ערשט עלף אַ זייגער, נאָך עטלעכע שעה אַרומלויפן, און די באָבע האָט געוואַרט אויף אים, נישט צומאַכנדיק קיין אויג, זייער אומרויק, צוגעשמידט צו איר ברייטן פאָטעל, אין וועלכן זי האָט פאַרבראַכט אירע גאַנצע טעג און אָפט נאָך אַ שטיק פון דער נאַכט, ווייל אַ שווערע דושנע־קייט האָט איר נישט שטענדיק דערלויבט זיך צו לייגן אין בעט אַריין.

דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט, דער ווינט האָט געפּאַטשט מיט אים אָן די קליינע שויבן פון די פענסטער, די נאַכט איז גע־וואָרן אינגאַנצן שוואַרץ.

פערוציאַ האָט זיך צוריקגעקערט אַן אויסגעמאַטערטער, אַ פאַר־בלאָטיקטער, אין אַ צעריסענער מאַרינאַרקע און מיט אַ גרויסן בלויען צייכן אויפן שטערן. ער האָט זיך, ווי געוויינטלעך, געוואָרפן שטיי־נער מיט זיינע חברים, פריער אויף אַ געלעכטער, נאָכדעם איז געקומען צו אַ געשלעג, און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער האָט פאַר־שפּילט זיינע גראָשנס און דאָס היטל איבערגעלאָזט ערגעץ אין אַ ראָווי

אין קיך, וואָס איז געווען באַלויכטן נאָר מיט אַ קליין לעמ־פּעלע, וואָס איז געשטאַנען אין עק טיש, נאָנט באַם פאָטעל —

איז געווען נישט איבעריק ליכטיק; און דאָך האָט די אָרימע באָבע באַלד באַמערקט אין וואָס פאַר אַ קלאָגנדיקן צושטאַנד דאָס איי-ניקל איז צוריקגעקומען. און אַ ביסל אליין, אַ ביסל פון אים, האָט זי זיך דערוווּסט אַלע איינצלהייטן פון זיין ארומשלעפן זיך. די באָבע האָט שרעקלעך ליב געהאַט דאָס דאָזיקע יינגל. ווען ער פלעגט זיך שלאָגן מיט עמעצן, האָט זי זיך שטענדיק צעוויינט. און אַצינד איז אויך אַזוי געווען.

— אַך, ניין! — האָט זי שפּעטער געזאָגט נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן — דו האָסט נישט קיין האַרץ פאַר דיין אַלטער באָבען! דו האָסט נישט קיין האַרץ, ווען דו נוצט אויס אויף אַזאַ אופן דאָס, וואָס נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע זיינען נישטאָ אינדער-היים און דו פאַרשאַפסט מיר אַזוי פיל עגמת נפש! כמעט אַ גאַנצן טאָג האָסטו מיך איבערגעלאָזט אַליין. דו האָסט גאָרנישט קיין מיט-לייד אויף קיין קאַליקע! דערמאַן דיך, פּערוציאַ. דו לאָזסט דיך אויף אַ שלעכטן וועג! אויף אַ וועג, וואָס קען דיך דערפירן צו אַ טרויעריקן סוף. איך בין שוין אַלט... איך האָב געזען נישט איינעם, וואָס האָט אָנגעהויבן אַזוי ווי דו און געענדיקט זייער שלעכט. פריער הייבט עס זיך אָן פון אַרומשלעפן זיך אַ ביסל ווייטער פון הויז, פון וואַרפן שטיינער, פון פאַרשפּילן גראָשנס, און דערנאָך גייט עס פּאַמעלעך, פּאַמעלעך איבער פון שטיינער צו אַ מעסער, פון שפּאַס צו אַזאַרט, פון שפּילן צו אַנדערע מיאוסע געניג, ביז צו גוואַלטטאַטן און... צו גנבה!

פּערוציאַ איז געשטאַנען און אויסגעהערט, דריי טריט פון דער באָבעס פאָטעל, אָנגעשפּאַרט אָן קרעדענס, מיט אַן אַראָפּגע-לאָזטן קאָפּ, מיט צוזאַמענגעמאַרשטשעטע ברעמען, אינגאַנצן נאָך גוט צעהיצט פון פאַרגעקומענעם געשלעג. זיינע שיינע קאַשטאַן-האָר זיינען אים אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, די בלויע אויגן זיינען געווען אומבאַוועגלעך.

— פון שפילן איז א גלייכער וועג צו גנבה! — האט די באבע איבערגעחזרט, אויסווישנדיק די טרערן פון די אלטע אויגן. געדענק, קינד מיינס, וועגן דעם! דערמאן דיך אן דעם שאנדפלעק פון דער גאנצער געגנט, וויטעק כאצאני, וועלכער שלעפט זיך אצינד ארום איבער דער שטאט. ער איז נאך אפילו נישט אלט געווען קיין פיר און צוואנציק יאר, איז ער שוין געהאט געזעסן צוויי מאל אין געפענגניש; ביז זיינע ארימע מוטער האט דאס נישט געקענט איבערלעבן, און דאס הארץ האט איר געפלאצט... איך האב זי געקענט! ווי דען! און דער פאטער האט פאר חרפה און פארצווייפלונג ערגעץ איבערן ים אוועקגעוואנדערט! גיב נאר א טראכט וועגן דעם דאזיקן הולטיי, מיט וועלכן דיין טאטע שעמט זיך צו באגריסן, כאטש ער קען אים גוט! וועסט אים אנדערש נישט טרעפן, נאר צווישן א חברה פון פונקט אזעלכע הולטייעס, ווי ער אליין איז, אדער נאך ערגערע פון אים, און אזוי שוין ביז דעם אומפארמיידלעכן טאג, אין וועלכן ער וועט ערגעץ אויף קאטארגע אוועקגעשיקט ווערן. אים קען איך דאך פון קינדווייז אן, איך האב מיך גוט צוגעקוקט צו אים, און ער האט אנגעהויבן אויך אזוי, ווי דו הייבסט אן! גיב אכטונג, יינגל, זאלסט אמאל נישט דערפירן דיינע גוטע טאטע־מאמע צו דעם זעלבן, צו וועלכן ער האט זיינע עלטערן דערפירט.

פערוציא האט געשוויגן. דאס איז געווען נישט קיין שלעכט יינגל.

דער פאטער האט געפילט, אז דער זון זיינער איז אין דער טיף פון זיין הארץ דווקא יא פעיק אויף פיינע געפילן, אויף עפעס אן איידעלן, העלדישן טאט און ער האט אים דערפאר טאקע נישט צופיל געהאמעוועט, ווארטנדיק, אז ער וועט אליין פאראורטיילן זיינע שלעכטע גענג. דאס איז געווען א

וואַרטנדיק, אַז ער וועט אַליין פֿאַראורטיילן זיינע שלעכטע געגנ..., דאָס איז געווען אַ יינגל דווקא אַ גוטס, אָבער אַ גרויסער עקשן, אַ... און כאַטש דאָס האַרץ פּלעגט אים גישט אײנמאָל זיך צונויפּדריקן פון טרויער, איז אים דאָך קײנמאָל גישט געקומען אויף די ליפּן קיין איין וואָרט פון מודה זיין זיך, אָדער געבעט, מען זאָל אים מוחל זיין. טײלמאָל איז אים די נשמה פול געווען מיט די רירנדסטע אויסדריקן, אָבער אַ שטאָלץ און אַ טיפע פאַרביסנקייט האָט זיי געהאַלטן ווי געבונדן.

דערווייל האָט די אַלטע, זעענדיק אים אַזאַ שווייגנדיקן, ווידער אָנגעהויבן אירע פאָרווורפן:

— אַך, פּערוציאַ! ווען דו וואָלסט כאָטש איין וואָרט פון באדויערונג אַרויסגערעדט! איין וואָרט פון חרטה. דו זעסט דאָך ווי שרעקלעך קראַנק איך בין, און אַז עס פעלט מיר שוין ווייניק צום טויט! און דו זאָלסט אַזוי פיל עגמת נפש און צרות ביז טרערן פאַרשאַפן דיין מוטערס מאַמען, דער אַלטער באָבען דיינער, וועלכערס לעצטער טאָג איז שוין אַזוי נאָנט...

און איך האָב דיך געוויגט, ווען דו ביסט נאָך קליין געווען, און שטענדיק געזאָגט: דאָס וועט זיין מיין טרייסט! און אַצינד — איילסטו מיר צו'דעם טויט! עס איז מיר גישט קיין שאָד דאָס לעבן! איך וואָלט גערן אַוועקגעגעבן מיין רעשט ביסל טעג, אַבי דו זאָלסט ווידער זיין אַזוי גוט, אַזאַ געהאָרכזאַם קינד, ווי דאַמאָלס, ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל געפירט אין קלויסטער אַריין, געדענקסטו פּערוציאָ, און דו האָסט מיר בלימעלעך און גראָז אין די קעשענעס אָנגעלייגט, און איך האָב דיך אַ שלאָפנדיקן אויף די הענט אַהיים געבראַכט. דאַמאָלס האָסטו נאָך ליב געהאַט דיין באָבען. און אַצינד, ווען די קראַנקהייט האָט מיר די פיס צוגענומען, ווען דיין צוגעבונדנקייט איז מיר אַזוי נייטיק, פונקט ווי לופט צום אָטעמען, ווען

איך האָב שוין קיינעם נישט אויף דער ערד, ווען איך בין שוין אַ האַלב-טויטע... אַצינד... גאָט מיינער!

פּערוציאָ האָט זיך שוין, שוין געזאָלט וואַרפן צו די קני פֿון זיין באָבען, אַזוי טיף גערירט איז ער געווען, ווען עס האָט זיך אים פּלוצלינג אָנגעהויבן דאַכטן, אַז ער הערט עפּעס אַ גערויש אין צווייטן, מיט די אַלטע זאַכן אָנגעשטעלטן צימערל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין. ער האָט פֿונדעסטוועגן נישט געקענט אונטערשיידן, צי דאָס רירט אַזוי דער ווינט די לאָדן, צי עפּעס אַנדערש.

ער האָט אָנגעשטרענגט די אויערן...

דער רעגן האָט אויפֿגעהערט. דאָס גערויש האָט זיך איבערגעחזרט. אַפֿילו די באָבע האָט עס געהערט.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי אומרויִק געפֿרעגט.

— דאָס איז דער רעגן — האָט דאָס ייִנגל אַ מורמל געטון.

— איז ווי-זשע, פּערוציאָ — האָט די אַלטע אין אַ ווײַלע אַרום איבערגעחזרט, זיך אויסווישנדיק די טרערן — זאָגסטו מיר צו, אַז דו וועסט שוין זיין גוט, אַז די אַלטע אויגן וועלן שוין צוליב דיר נישט וויינען?

פּלוצלינג האָט זיך אַ נײַ גערויש דערהערט.

— דאָס איז מסתּמא נישט דער רעגן!... — האָט די אַלטע אויסגערופֿן, בלייך ווערנדיק. — גיי נאָר זע!

באַלד האָט זי אים פֿונדעסטוועגן אָנגעכאַפּט בײַ די האַנט:

— ניין! ניין! בלייב דאָ!...

און זיי זיינען געבליבן, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם. אָבער מער האָט מען שוין גאָרנישט געהערט, בלויז נאָר די טריפֿנדיקע טראָפּן, וואָס זיינען אייביקייט פֿון דאַך געפֿאַלן.

פלוצלינק האָט אַ שוידער דורכגענומען זייערע ביידעס הער־צער. און דער באָבען מיטן אייניקל האָט זיך געדאַכט, אַז די פּאָד־לאָגע אין דערבייַיקן צימער האָט אַ סקריפּ געטון אונטער עמע־צנס טריט.

— ווער איז דאָרט?! — האָט דאָס יינגל געפרעגט מיט שווערקייט, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם.

קיינער האָט נישט געענטפערט.

— ווער איז דאָרט? — האָט פערוציאָ איבערגעחזרט, אַ האַלבע־טויטער פון פחד.

ווי אָבער ער האָט נאָר אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער האָבן זיי ביידע, ער מיט דער באָבען, אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון דערציטערונג. צוויי מענטשן זיינען אַריינגעפאַלן אין שטוב, איינער האָט אָנגעכאַפּט דאָס יינגל און מיט דער האַנט אים פאַרשטופּט דאָס מויל, דער צווייטער ווידער, האָט צוגעדריקט דער אַלטער דעם האַלדז. דער ערשטער האָט געזאָגט:

— קיין פּיפּס, אויב דאָס לעבן איז דיר ליב!

און דער צווייטער:

— שווייג! און אויפגעהויבן אַ מעסער איבער דער קאַליקע.

באַם ערשטן און צווייטן זיינען די פּנימער געווען אַרומגע־בונדן מיט שוואַרצע פאַטשיילעס, אַז נאָר די אויגן זייערע האָבן אַרויסגעבלישטשעט.

אַ ווייַלע האָט זיך נאָר געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון אַלע פיר, צונויפגעמישט מיט דעם געברויש פון דעם שטילער ווערנ־דיקן רעגן. די אַלטע האָט געאָטעמט כראַפּנדיק. אירע אויגן זיינען בעווען אַרויסגעזעצט פון קאָפּ.

דאָ האָט דער מערדער, וועלכער האָט געהאַלטן דאָס יינגל, אַ שעפּטשע געטון אים אין אויער אַריין:

— ווי באַהאַלט דײַן טאַטע דאָס געלט ?

דאָס ייִנגל האָט, קלאַפּנדיק מיט די ציין, געענטפערט שטיל :

— דאָרט... אין קאַסטן...

— קום, פיר מיך ! — האָט דער מענטש געזאָגט, און אים אַרײַנגעשלעפּט אין צימערל, האַלטנדיק אים די האַנט אויפן האַלדז. אין צימער איז געשטאַנען אַ קליין לאָמטערל אויף דער פּאָדלאָגע.

— ווו איז דער קאַסטן האָט ער געפרעגט.

דאָס ייִנגל האָט אָנגעוויזן אויפן קאַסטן. דאַמאָלס האָט דער רויבער, כדי צו זײַן זיכער מיטן ייִנגל, אַנידערגעוואָרפן אים אויף די קני פאַרן קאַסטן, צונויפגעדריקט אים מיט זײַנע קני דעם האַלדז אַזוי, אַז ווען ער וואָלט אַ געשריי געטון, זאָל ער קענען גלײַך דערשטיקט ווערן, און האַלטנדיק דאָס מעסער צווישן די ציין און דאָס לאָמטערלע אין איין האַנט, האָט ער אַרויסגענומען מיט דער צווייטער פון קעשענע אַ פאַרבויגן שטיק אײַזן, פאַרלייגט אויפן שלאָס, אַ דריי געטון, אָפּגעבראָכן, אַראָפּגעריסן די דעק, אָנגעהויבן גוואַלטיק שנעל אַלץ איבערצוואַרפן, זיך אָנגעפּאַקט די קעשענעס, פאַרהאַקט דעם קאַסטן, און צוזאַמענדריקנדיק ווידער דעם ייִנגלס האַלדז, האָט ער אים אַרײַנגעשלעפּט דאָרט, ווו דער צווייטער האָט געהאַלטן די אַלטע, שוין אַ האַלב-טויטע, מיט אַ בלוי געוואָרענעם פּנים און ברייט געעפנטע ליפּן.

— געפונען ? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— געפונען ! — האָט אויך אַזוי שטיל געענטפערט זײַן חבר און באַלד צוגעגעבן :

— אַצינד היט דעם אַרויסגאַנג.

דאָ האָט דער מערדער אָפּגעלאָזט די אַלטע און צוגעלאָפן צו דער טיר, וואָס גייט אַרויס אין גאָרטן אַרײַן, אײַנהערנדיק זיך,

צי קיינער קומט נישט אָן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיט אַ שטילן קול, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ קליין פּייפעלע, אַ רוף געטון פון צימערל אַרויס:

— קום!

דאַמאָלס האָט דער, וועלכער האָט נאָך געהאַלטן דאָס ייִנגל, געוויזן אים דאָס מעסער, אַ שאָקל געטון עס פאַר דער אַלטערס אויגן, וואָס האָבן זיך קוים אָנגעהויבן אויפצוצעפענען, און געזאָגט:

— אויב עמעצער וועט אַ פּיפּס טון, וועל איך מיך אומקערן און דערהרגענען! — און געקוקט אויף ביידע מיט שרעקלעכע אויגן.

אין דער רגע, אָבער, האָט זיך דערהערט אויפן טראַקט אַ געזאַנג פון אַ סך שטימען.

דער רויבער האָט זיך אַ וואָרף געטון מיט אַ גוואַלטיקער שנעלקייט צו דער טיר, און אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז אים אַראָפּגעפאַלן די פּאַטשיילע פון פּנים.

— מאַצאָני! — האָט די באָבע אַ געשריי געטון.

— אַ, פאַרשאָלטענע! — האָט דער דערקענטער מערדער אַ ברום געטון — דו מוזט שטאַרבן.

און זיך אַ וואָרף געטון מיטן אויפגעהויבענעם מעסער צו דער אַלטער, וועלכע איז באַלד חלשות געבליבן.

דער מערדער האָט זיין קלאַפּ אַראָפּגעלאָזט.

איידער אָבער דער שפּיץ פון מעסער האָט דערגרייכט די אַלטע, האָט פּערוציאַ אַ שרעקלעכן געשריי געטון און מיט אַ בליץ־שנעלער באַוועגונג פאַרשטעלט די באָבען מיט זיין קערפּערל.

דער מערדער איז אַנטלאָפן, אַ שטויס געבנדיק דעם טיש אַזוי, אַז דאָס לעמפּעלע איז אַראָפּגעפאַלן און זיך אויסגעלאָשן.

דאָס ייִנגל האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט פון דער באָבעס

שויס, אַנידערגעפאַלן אויף די קני און אַזוי געבליבן, אַרומנעמענדיק זי מיט די הענט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אירע קני.

עס זיינען אַדורך עטלעכע מינוט. אין שטוב איז געווען פינ־סטער. דאָס געזאַנג פון די דורכגייענדיקע דאָרפסלייט איז זיך צע־שווומען איבער די ווייטע פעלדער. די אַלטע איז ביסלעכווייז גע־קומען צו זיך.

— פערוציאַ! — האָט זי אַ רוף געטון מיט אַ קוים פאַר־שטענדלעכער שטימע, קלאַפנדיק מיט די ציין פאַר שרעק.

— באָבעשי! — האָט דאָס יינגל געענטפערט.

די אַלטע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו רעדן, אָבער אַ פּחד האָט איר אָפּגענומען די צונג. האָט זי אַ ווײַלע אַזוי שטילשווייגנדיק געציטערט און ענדלעך מיט די לעצטע כּוחות געפרעגט:

— צי... זיינען... זיי... שוין... נישטאָ?

— ניין.

— ניין... זיי האָבן מיך דערהרגעט? — האָט זי אַ שעפּטשע געטון אַלץ נאָך מיט אַ פאַרשטיקן קול.

— ניין, באָבעשי! די באָבעשי איז... לעבן געבליבן! — האָט פערוציאַ געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטימע. — די באָבעשי לעבט... די טייערע באָבעשי... נאָר דאָס געלט האָבן זיי צוגע־נומען, אָבער... נישט קיין סך. דער טאַטע האָט כמעט דאָס גאַנצע געלט מיט זיך מיטגענומען.

די אַלטע האָט אָנגעהויבן לייכטער אָפּצוועטעמען.

— באָבעשי — האָט פערוציאַ ווידער גערעדט אַלץ נאָך אַזוי אויף די קני, אַרומנעמענדיק זי שטאַרק מיט זיינע אָרעמס. — טייע־ריע באָבעשי! די באָבעשי האָט מיך ליב, אמת?

אָ, פערוציאַ! אָרעם יינגעלע מיינס! — האָט די קאַליקע געענטפערט, אַרויפלייגנדיק אים די הענט אויפן קאָפּ — ווי איבער־

שרעקן דו האָסט דיך דאָס געמוזט! אָ, גאָט דערבאַרמדיקער! צינד נאָר אָן ליכט, קינד! אָדער ניין! לאָמיר נאָך בלייבן אַזוי אין דער פינסטער.

— באָבעשי האָט דאָס יינגל געזאָגט — די באָבעשי האָט שטענדיק געהאַט אַזויפיל צרות פון מיר.

— ניין, קינד! ווער וואָלט דאָס דאָרט אַצינד אין זין געהאַט! כ׳האָב שוין פאַרגעסן אָן דעם אַלעם, קינד מיינס.

— די באָבעשי האָט אַזוי פיל צרות געהאַט פון מיר — האָט פערוציאָ ווייטער גערעדט מיט אַקול, וואָס האָט געציטערט. אָבער, כ׳האָב דאָך די באָבעשי שטענדיק ליב געהאַט. שטענדיק. די באָבעשי וועט מיר מוחל זיין? לאָזמיר די באָבעשי מוחל זיין!

— אָבער יאָ, טייער קינד! איך בין דיר מוחל מיטן גאַנצן האַרץ! ווי אַזוי וואָלט איך מיך גאָר געקענט בייזערן אויף דיר? הייב דיך אויף פון די קני, מיין יינגעלע, הייב דיך אויף! דו ביסט אַ גוטער! דו ביסט זייער אַ גוטער און אַ ליבער! לאָמיר אָנצינדן ליכט! לאָמיר זיך שטאַרקן! הייב דיך אויף, פערוציאָ, הייב דיך אויף!

— איך דאַנק דיר באָבעשי! — האָט דאָס יינגל גערעדט מיט אַלץ אַ שוואַכערער שטימע. — און איך בין אַצינד אַזוי גליקלעך! די באָבעשי וועט מיך שטענדיק געדענקען. נישט אמת? שטענדיק, וועט די באָבעשי געדענקען איר פערוציאָ...

— פערוציאָ! וואָס איז דיר? האָט די אַלטע אומרויק אויסגערופן, און אַרויפלייגנדיק אים די הענט אויף די אַקסלען האָט זי זיך אָנגעבויגן איבער זיין קאָפּ, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אין פּנים אַריין אַ קוק טון.

— זאָל די באָבע געדענקען, האָט דאָס יינגל נאָך אַ שעפּטשע געטון מיט אַן אויסגייענדיקן קול — און אַרומנעמען די מאַמען.. און דעם טאַטען.. און לודווישן... זיי געזונט, באָבעשי!

— אום גאָטס ווילן, וואָס איז דיר? — האָט די אַלטע אויסגערופן, אויפהויבנדיק מיט שוועריגקייט דעם יינגלס קאָפּ, וועלכער איז איר אויף די קני אַראָפּגעפאַלן, פערוציאָ! פערוציאָ! קינד מיינס! לעבן מיינס! אָ, העלפט מיר, איר גוטע מלאכים!

אָבער פערוציאָ האָט שוין נישט געענטפערט. דער קליינער העלד, דער באַשערמער פון זיין מוטערס מוטער, וועלכן דער מערדער האָט געהאַט דאָס מעסער אין אַ זייט אַריינגערוקט, האָט שוין געהאַט גאָט זיין שיינע און הייס־פלאַטערנדיקע נשמה אָפּגעגעבן.

אַפּריל

פרילינג

שבת, דעם 1-טן מאַי

דער ערשטער אַפּריל! נאָר דריי חדשים באַך! דער היינטיקער פרימאָרגן איז געווען אפשר דער שענסטער פון גאַנצן יאָר. אַלץ איי מיר זייער גוט געלונגען, וואָרים איך האָב מיך אָפּגעשמועסט מיט קאָרעטין, אַז איבערמאָרגן וועלן מיר גיין זען דעם קעניג. דאָס הייסט, קאָרעטי וועט מיך מיטנעמען מיט זיך, וואָרים זיין פאָטער קען דעם קעניג. און איך האָב מיך זייער געפרייט מיט דעם, וואָס די מאַמע מיינע האָט מיר צוגעזאָגט מיך צו פירן און מיר ווייזן די קינדער־היים אויף קאָרסאָ וואַלדאָקאָ.

און ווי הערלעך איז געווען דער דאָזיקער פרילינג־פרימאָרגן! דורך די פענסטער פון שולע האָט זיך געזען די לויטערע בלויקייט פון הימל, די ביימער באַדעקט מיט פרישן גרינס, און אויף די פענסטער, אויף די באַלקאָנען, אומעטום ווו מען זאָל נאָר וואַרפן אַ בליק, זען זיך וואַזאָנעס און בוקעטן בלומען.

דער לערער האָט, וואָס אָן אמת, נישט געלאַכט, וואָרים ער לאַכט קיינמאָל נישט, אָבער ער איז געווען אין אַזאַ גוטן הומאָר, אַז אפילו דאָס קנייטשעלע פון מיטן זיין שטערן איז אויך ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, און די אויפגאַבע אויפן ברעט האָט ער אונד־

דערקלערט, וויצלענדיק זיך. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין די גרויסע צופרידנהייט, מיט וועלכער ער האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט, וואָס איז אָנגעקומען פון גאָרטן דורך די פענסטער פון שולע און איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם פיינעם געשמאַק פון בלומען און איבערגעקאָפּעטער ערד, אַזוי, אַז עס האָבן באַלד געמוזט קומען אויפן געדאַנק די שפּאַציר-גענג אין דאָרף אַריין.

און ווייל די פענסטער זיינען געווען אַזוי אָפן, האָט מען געהערט, ווי ערגעץ-ווו נישט ווייט אין גאַס קלאַפּט אַ קאָוואַל איבער זיין קאָוואַדלע און עפּעס אַ פרוי זינגט, איינשלעפנדיק איר קינד. און פונדערווייטנס, פון ערגעץ גאַנץ ווייט, האָט זיך דערטראָגן דער קלאַנג פון אַ טראָמייט פון דער מיליטער-שולע. אַלע זיינען מיר געווען צופרידן פון דעם דאָזיקן גערויש, נאָר איין סטאַרדי נישט. און ווען דער קאָוואַל האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן און די פרוי העכער צו זינגען, האָט דער לערער איבערגעריסן אַ ווײַלע די לעקציע, זיך איינגעהערט, און נאָכדעם, קוקנדיק דורכן פענסטער, פאַמעלעך געזאָגט:

— אַ הימל, וועלכער שמייכלט אַזוי ליב, אַ מוטער, וועלכע זינגט, אַ בירגער, וועלכער אַרבעט, אַ קינד, וועלכעס לערנט זיך — אָט דאָס זיינען זאַכן שיינע און גוטע!

באַם אַרויסגיין פון שולע האָב איך עפּעס באַמערקט, אַז אַלע אַנדערע זיינען אויך געווען אַזוי פריילעך ווי איך. די יינגלעך זיינען געגאַנגען לעבעדיק, טופּענדיק הויך מיט די פיס, אַ סך האָבן זיך אונטערגעזונגען, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַצינד צעלאָזט געוואָרן כאָטש אויף אַ פיר טעג פעריען. די לערערינס האָבן געשפּאַסט, די מיט דער רויטער פעדער איז ארומגעשפּרונגען מיט אירע קליינינקע שילערלעך פון דער איינטריט-קלאַס, פּונקט ווי זי וואָלט ערשט אַליין געווען אַ שילערקע פון אַ פּענסיאָן. די

עלטערן פון די שילער האָבן געשמועסט צווישן זיך אַזוי פריילעך, און קראָשיס מוטער, די, וועלכע האַנדלט מיט גרינס, האָט געהאַט אין איר קויש אַזוי פיל פיאָלקעס, אַז עס האָט פאַרשמעקט דעם גאַנצן קאָרידאָר. איך האָב מיך אויך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק דערפרייט, דערזעענדיק די מאַמע, ווי אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן. זי האָט מיך אָפּגעוואַרט אויף דער גאַס — בין איך באַלד צוגעלאָפן צו איר און איר אַזוי געזאָגט:

— איך בין אַזוי צופרידן! אַזוי פריילעך! פאַרוואָס, מאַמע, בין איך אַזוי פריילעך?

און די מאַמע האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— ווייל דער פרילינג האָט אויפגעוואַכט אין דיר און אויף דער גאַנצער וועלט!

• • • • • • • • • • • • • •

אין קינדער-היים.

דינסטיק, דעם 4-טן

נעכטן פאַרנאַכט האָט מיך די מאַמע געפירט, ווי זי האָט מיר צוגעזאָגט, אין דער קינדער-היים אויף פּלאַץ וואַלדאָקאָ, ווו

זי האָט געוואָלט אַריינגעבן פּרעקאַשיס קליין שוועסטערל.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען אַ קינדער־היים. זי איז מיר זייער געפעלן! צווישן די מיידעלעך און יינגעלעך פון דאָרט איז געווען אפשר צווייהונדערט אַזעלכע קליינע, אַז אין פאַרגלייך מיט זיי, האָט מען די קלייענקע שילער פון אונדזער איינטריט־קלאַס געקענט אָננעמען פאַר דערוואַקסענע מענטשן!

מיר זיינען געקומען פונקט דאַמאָלס, ווען דאָס אַלץ האָט זיך געפּאַקט אין איין ריי אין עס־צימער אַריין, ווו עס זיינען געווען צוויי נידריקע, אומגעהייער לאַנגע טישן, מיט אַ סך קיילעכדיקע אויסגעשניטענע לעפלעך, און אין יעדן לעכל אַ שוואַרץ שיסעלע פול מיט רייז און אַרבעס, און לעבן יעדן אַ בלעכענער לעפל. אַ סך פון דעם דאָזיקן קליינוואַרג האָט זיך איבערגעקערט גייענדיק און געלעגן אַזוי ווי בּאַרנעס אויף דער ערד, ביז עס איז נישט אָנגעלאָפן ווער פון די אָנגעשטעלטע און זיי אויפגעשטעלט צוריק אויף די פיס. אַנדערע ווידער האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר דעם ערשטן בעסטן שיסעלע און — אַהער אַ לעפל אין מיילעכל אַריין! שרייט די אָנגעשטעלטע: ווייטער! ווייטער! — מאַכט עס עטלעכע טריט און — ווידער אַ כאַפּ א לעפל! און אַזוי גייט דער דאָזיקער „ווייטער!״ — און דאָס דאָזיקע כאַפּן אַלע מאָל אַ לעפל מאַכט אַזוי, אַז איידער זיי קומען נאָך צו צו זייערע ערטער — איז שוין אין די שיסעלעך פאַרבליבן נאָר אַ העלפט זופּ.

ענדלעך, נאָך לאַנגע מאַטערנישן און אַ סך אויסגעשרייען: אויף די ערטער! אויף די ערטער! — האָט מען זיי שוין, ווי עס איז, אויסגעזעצט מיט אַן אָרדנונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געבעט פאַרן עסן. אָבער די ביידע רייען, וואָס האָבן זיך געדאַרפט אויסדרייען מיט די פּלייצעס צום טיש און קוקן אויפן הייליקן בילד, האָבן זיך עפּעס ווי נישט געקענט שיידן מיט זייערע שיסעלעך, און האַלטנדיק די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, האָבן זיי געהאַט

אויפֿן אויג זייערע פּאָרציעס, עס זאָל זיי נישט ווער דאָרט עפּעס אַראָפּכאַפּן. און אַזוי, זיינען זייערע הענטלעך געווען צוזאַמענגע־לייגט, די תּפילה אויף די ליפּן, און די ארבעס מיט רייז אין האַרץ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס עסן. וואָס פאַר אַ הערלעך בילד דאָס איז געווען! דאָ האָט איינס מיט צוויי לעפל געגעסן, דאָ האָט זיך אַ צווייטס מיטן הענטל פשוט אין מײַלעכל אַריין גע־פּאַקט, דאָ האָט זיך אַ דריטס איינציקווייז די אַרבעס אויסגעקליבן און אין קעשענקעלע אַריין געלייגט, און אַנדערע האָבן זיך דורך די פּאַרטוכלעך די זופּ דורכגעזיגן און פון די איבערגעבליבענע אַרבעס זיך אַ טייג אין די פּאַרטוכלעך אויסגעקנעטן.

עס זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געגעסן, נאָר געכאַפּט פֿליגן איבערן טיש; און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרכלישניעט און צעשפּריצט פּאַנטאַנען רייז אַרום זיך. די סאַליע האָט אויסגעזען פונקט ווי אַ גרויסע היבער־שטייג מיט קליינע הינ־דעלעך. אָבער עס איז זייער שיין געווען צו קוקן אויף זיי! באַ־זונדערס די דאָזיקע צוויי לאַנגע, לאַנגע רייען מיידעלעך, אַלע מיט טשוביקלעך האָר פאַרבינדן אַרויף, אַזוי, אַז עס האָבן כּסדר גע־שימערט אין די אויגן די דאָזיקע סטענגעלעך: רויטע, בלאָע, גרינע.

פלוצלינג פרעגט די אָנגעשטעלטע עפּעס אַן אַכט מיידעלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אין איין ריי אויסגעשטעלט:

— און ווו וואַקסט רייז?

און זיי ענטפערן אַלע איינעם מיט פּאַרפּאַקטע מײַלעכלעך:

— אין קיך!

און אַנדערע פאַרבעסערן:

— אין וואַסער!

זאָגט ווידער די אָנגעשטעלטע:

— די הענט אַרויף:

עס איז ווערט געווען צו זען, ווי עס האָבן זיך פלוצלינג אויפגעהויבן די אַלע קליינע אָרעמלעך, וואָס זיינען ערשט נישט לאַנג נאָך געווען אין די וויקעלעך, ווי עס האָבן אַ פלאַטער געטון די אַלע קליינע הענטעלעך, פונקט ווי זומער-פייגעלעך, ווייסע און ראָזע.

נאָך דער זופּ — גייט מען אַרויס אויפן שפּאַציר. נאָר פאַרן אַרויסגיין האָבן די קינדער גענומען זייערע קיישעלעך, וואָס זיינען געהאָנגען נידריק אויף דער וואַנט, און זיך צעשיט, אַרויסשלעפּדיק פון זיי פאַרשיידענע עסנוואַרג-זאַפּאַסן, מיטגעברענגטע פון דער היים: ברויט, געטריקנטע פלוימען, אַ שטיקעלע קעז, אַן אויסגעקאָכט איי, אַ קליין עפּעלע, אַ פּאָר ביבער, אַ פליגעלע פון אַ הון. אין איין רגע איז דער גאַנצער גאָרטן געווען אויסגעזייעט מיט קרישקעס, ווי עס וואָלט זיי ווער אומישנע אויסגעשיט פאַר אַ גאַנצער כמאַרע פייגל. און געגעסן האָבן זיי אויף טויזנטערליי אופנים! ווי קראַליקעס, ווי מייז, ווי קעץ, איבערקייענדיק, לעקנדיק, אויסנאָגנדיק. עפּעס איין קליינטשיקער האָט זיך צוגעהאַלטן אַ שטיקל האַרט ברויט אויפן הערצל, און עס געשאַרפט מיט אַן עפּעלע, ווי די שאַרף פון אַ שווערט. קליינע מיידעלעך האָבן אויסגעקוועטשט אין די גאָרשטשעלעך צוואָרעך, פון וועלכן עס איז זיי גערינען די סערוועטקע איבער די פינגער; האָבן אים באַהאַלטן אין די הענטשקעלעך, זיך גענישט מאַכנדיק גאָרנישט פון קיינעם. זיי זיינען געלאָפן און זיך געיאָגט מיטן ברויט און די עפּעלעך צווישן די ציין, פונקט ווי קליינע הינטעלעך. איך האָב אויך געזען דריי יינגלעך, וועלכע זיינען געשטאַנען אַלע אין איין קופּקעלע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און געגראַבלט מיט אַ העלצעלע אין אַ געקאָכט איי, ווי זיי וואָלטן זיך גערעכנט דאָרט עפּעס אַ גאַנצן אוצר צו געפינען; און וואָס זיי האָבן אַרויסגעגראַבלט אויף דער ערד אַראָפּ, האָבן זיי שפּעטער אויפ-

געקליבן מיט דעם גרעסטן געדולד, ווי דאָס וואָלטן געווען די טייערסטע פּערל.

און זאָל זיך נאָר געווען באַ וועמען פון זיי אין קיישעלע געפינען עפּעס אַ גוטע זאַך, האָבן אים שוין אַרומגערינגלט אַ גאַנצע קופּקע און געקוקט, ווי אויף אַ לבנה אין אַ ברונען.

אַרום אַזאַ קליינטשיקן גליקלעכן זיינען געשטאַנען אַזוי אפשר צוועלף חברה־לייט און געקוקט אויף זיין שקאַרמיצל מאָנטשקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. זיי האָבן געטאַנצט אַרום אים און אים געבעטן ער זאָל זיי דערלויבן דאָס ברויט איינמאָל איינצוטינקען; און ער, טייל האָט ער דערלויבט, און טייל, אַז זיי האָבן אים שוין זייער שטאַרק געבעטן, האָט ער אַליין דעם פינגער איינגעטונקען און זיי געגעבן אָפּצולעקן.

דערווייל איז אויך מיין מאַמע אָנגעקומען אין גאָרטן אַריין, און אָנגעהויבן צערטלען דאָ איינס, דאָ א צווייטס. עס איז צוגעקומען צו איר אַ גאַנץ קופּקעלע, שטופּנדיק זי, און אויפהייבנדיק זייערע מיילעכלעך צום קושן, אַזוי, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט ערגעץ צו אַ דריטן שטאָק דערגרייכן.

איינס האָט איר געשענקט אַ שטיקל שאָל פון אַ פּאָמעראַנץ, אַ צווייטס אַ פּיצעלע ברויט, וואָס עס האָט שוין נישט געקענט אויפעסן, און עפּעס אַ מיידעלע האָט זי באַשענקט מיט אַ בלעטעלע, וואָס זי האָט פון א קושאַק אָפּגעריסן. אַז עס איז צוגעקומען „די קראַנקע״, מיט אַ גרויסער סוויטע חבריטעס און געוויזן אַ פּיצעלע בלעטערל אויפן שפּיץ פינגערל, מיט וועלכן זי האָט נעכטן אַן אָנגעצינדן ליכט אָנגערירט. אַנדערע ווידער האָבן זיך צוגעקלאָגט צו מיין מאַמען, וועלכע האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן גראָז, איר אונטערגערוקט גלייך אונטער די אויגן עפּעס אַזעלכע קליינע ווערמלעך, פּיצעלעך פליגעלעך, וואָס איך ווייס נישט ווי אַזוי זיי האָבן זיי אפילו געקענט דערזען, דאָ ווידער די קנעפּעלעך פון זייערע

העמדעלעך, דאָ בלימעלעך עפּעס אַזעלכע, מיט אַזאַ ווּיכטיקער מינע, ווי די וואונדערלעכסטע זאַכן!

עפּעס איין קליינער מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ, וועלכער האָט אומבאַדינגט געוואָלט מען זאָל אים אויסהערן, האָט דערציילט שרייענדיק עפּעס אַ געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי ער איז עפּעס פון ערגעץ אַראָפּגעפאַלן, פון וואָס מען האָט פונדעסטוועגן קיין איין וואָרט נישט געקענט פאַרשטיין.

אַ צווייטער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו איר ווי אַ באָנק *) און זשומט איר אין אויער אַריין: — אָבער מיין טאַטע מאַכט בע-זעמס, אהאַ!

און דערווייל זיינען טויזנט שרעקלעכע אומגליקן געשען אויף אַלע סטעטשקעס פון גאָרטן און אויף אַלע בייטן. דאָ האָט זיך אַ קליינס געריסן, אַז עס קען זיך נישט אויפקניפּן דאָס קניפּל פון נאַז-פאַטשיילעכל; דאָ זיינען זיך צוויי אַנדערע געשפּרונגען אין די אויגן אַריין צוליב דער גרעסערער העלפט פון אַן עפּעלע; דאָ האָט זיך ווידער אַ דריטס איבערגעקערט איבער עפּעס אַ צעבראָכן טישל, און אויף די דאָזיקע חורבות ביטער באַוויינט זיין מזל, קוים אויפ-הייבנדיק דאָס נעזל אויף זיי.

פאַרן אַוועקגיין האָט מיין מאַמע גענומען אויף דער האַנט איינס, אַ צווייטס, אַ דריטס; און דאַמאָלס האָט דאָס קליינוואַרג אָנגעהויבן זיך צונויפצולויפן פון אַלע זייטן, מיט אויסגעשמירטע פּנימלעך, און זי אָנגעהויבן אָנצוכאַפּן בא וואָס וועלכעס האָט נאָר געקענט, באַם קלייד, באַ די הענט, און ווידעראַמאָל אָנגעהויבן באַקוקן אירע פינגערלעך, שלעפּן זי באַם קייטל פון זייגערל, באַ די האָר.

— זיי וועלן דער מאַדאַם דאָס גאַנצע קלייד אויספּלעקן, אינ-

*) בזא מין גרויסע פליג.

גאַנצן דערפֿון אַ תּל מאַכן! — האָבן די אָנגעשטעלטע געזאָגט.

נאָר מײַן מאַמען איז אינגאַנצן נישט געגאַנגען אין קלייד האָט זי זיי געהאַלטן אין איין קושן, און זיי האָבן זיך וואָס אַמאָל אַלץ עקשנותדיקער געשטופּט צו איר, די נענטערע האָבן אויסגעצויגן די הענטלעך, זי זאָל זיי נעמען, די ווײַטערע האָבן געשריגן מיט דינע קולעכלעך:

— אַדיע! אַדיע! אַדיע!

עס איז איר קוים געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון זיי פֿון גאָרטן אַרויס. און דעמאָלס זײַנען זיי אַלע צוגעלאָפֿן צו די שטאַכעטן, צוגעלייגט די פּנימלעך, וווּ זיי האָבן נאָר געקענט, צו די אײַזערנע פּרענטן, און די הענטלעך אַרײַנגעשטעקט צווישן זיי, און געפּאַכט מיט זיי, דערלאַנגענדיק איר שטיקלעך ברויט, שעלעכלעך פֿון עפּל, אַ פּיצעלע קעז, און שרײַענדיק:

— אַדיע... אַדיע!.. זאָל די מאַדאַם מאָרגן אויך קומען! זאָל די מאַדאַם ווידער קומען!

און מײַן מאַמע האָט, גייענדיק גיך, ווידער אויסגעצויגן איר האַנט צו די דאָזיקע קליינע אויסגעצויגענע הענטלעך, ווי צו אַ גירלאַנדע לעבעדיקע רויזן, און ענדלעך אינגאַנצן אַוועקגעגאַנגען אויף דער גאַס אַרויס, מיט אַן אויסגעפּלעקט קלייד, פֿול מיט קרישקעס, אַ צעקנאָדערטע, אַ צעשויבערטע מיט אַ פֿולער האַנט בלימלעך און אָנגעשוואָלענע אויגן פֿון טרערן, און אַזאַ פֿריילעכע, ווי זי וואָלט אַרויסגעגאַנגען פֿון דער בעסטער פֿאַרווײַלונג.

און פֿון אינעווייניק האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דאָס פּישטשיי, ענלעך צו דעם געפּישטשעריי פֿון פֿייגל:

— אַדיע, מאַדאַם, אַדיע! זאָל די מאַדאַם דאָ צו אונדז ווידער קומען!..

. . . .

אויף גימנאַסטיק

עס האָלט בסדר אַזאַ גוט וועטער, אַז מיר האָבן זיך איבער־געטראָגן און אָנגעהויבן מאַכן די גימנאַסטיק, אַנשטאָט אין שטוב, אין גאָרטן.

גאָראָן איז נעכטן געווען אין קאַנצעלאַריע פון דירעקטאָר. עס איז געקומען נעליס מוטער, די פרוי, וואָס גייט שוואַרץ געקליידט, מיט די העלע האָר, און געבעטן, אַז דער דירעקטאָר זאָל באַפרייען איר זון פון די דאָזיקע נייע איבונגען. מען האָט געזען, אַז יעדעס וואָרט קאָסט זי אַ סך, און רעדנדיק, האָט זי געהאַלטן די האַנט אויף נעליס קאָפּ.

— ער קען נישט... — האָט זי געזאָגט דעם דירעקטאָר.

נאָר נעלי איז געווען שרעקלעך פאַרטרויערט, וואָס מען וועט אים אויסשליסן פון די איבונגען, וואָס ער וועט נאָך די באַליידיקונג אויך מוזן ליידן.

— דו וועסט זען, מאַמע — האָט ער זיך געבעטן כמעט מיט טרערן — דו וועסט זען, אַז איך וועל אַלץ קענען, פונקט ווי אַלע אַנדערע!

די מוטער האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַן אויסדרוק פון טרויער און געטריישאַפט צוזאַמען, נאָכדעם האָט זי זיך אַ ווײַלע איבערגעלייגט און געזאָגט:

— איך האָב מורא, אַז זײַנע קאָלעגן...

זי האָט אוודאי געוואָלט זאָגן: איך האָב מורא, אַז זײַנע קאָלעגן וועלן לאַכן פון אים... נאָר זי האָט נישט דערזאָגט.

בעלי האָט איר איבערגעריסן:

— זאָל זיין מאַמע! וואָס שאַדט מיר דאָרט! איבעריקנס, גאַראָן איז דאָך דאָ. אַבי ער לאַכט נאָר נישט פון מיר, איז מיר שוין גענוג.

האָט מען אים צוליב געטון און צו אונדז צוגעלאָזט.

דער לערער, דער מיטן העפט אויפן האַלדז, דער, וואָס האָט נאָך געדינט אונטער דער אָנפירונג פון גאַריבאַלדין, האָט אונדז באַלד אַרויסגעפירט צו די סלופעס, וועלכע זיינען זייער הויך, און מען דאַרף זיך אַרויפכאַפּן אויפן סאַמע שפּיץ, און זיך גלייך אַנידערשטעלן אויף דעם בעליק, וואָס ליגט דאָרט אין דער הייך אין דער ברייט אויסגעלייגט.

דעראָסי און קאָרעטי האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט ווי די וויעוויאָרקעס. דער קליינער פּרעקאָשי איז אויך פלינק אַרויף, כאָטש עס האָט אים זייער געשטערט די דאָזיקע לאַנגע קאַפּאָטע ביז די קני, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו זיין פאָטער, און ער מוז זי אַציִנד די רעשט צעררייסן. און צו דעם צו האָבן זיך נאָך אַרונטערגעשטעלט עטלעכע אונטערן סלופּ, און כדי אים לאַכנדיק צו מאַכן, האָבן זיי געהאַלטן אין איין שרייען: אַנטשולדיקט! אַנטשולדיקט! — נאָכשפּעטנדיק אים זיין שטענדיק ווערטל.

סטאַרדי האָט שווער געסאַפּעט, איז רויט געוואָרן ווי אַן אינדיק, האָט געקריצט מיט די ציין ווי אַ הונט, ווען ער ווערט בייז, נאָר ער זאָל אַפילו געוועז פּלאַצן, וואָלט ער זיך אויך געוועז אַרויפגעכאַפּט. ער איז, ווי עס איז, אַרויף. נאָכביס אויך; נאָר ווען ער איז שוין געוועזן אין דער הייך און זיך אַרויפגעשטעלט אויפן בעליק, האָט ער געמאַכט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געוועזן אַ קיסר. וואַטיני האָט זיך צוויי מאָל אַראָפּגעגליטשט, כאָטש ער איז געוועז אָנגעטון אין אַזאַ קאָסטיומל, מיט בלויע פּאַסיקלעך, וואָס מען האָט אים ספּעציעל צו דער גימנאַסטיק אויפגעניית.

כדי מען זאָל זיך לייכטער קענען אַרויסכאַפּן, האָבן מיר זיך אַלע אָנגעשמירט די הענט מיט קאַליפאָניע. די קאַליפאָניע האָט געוויינטלעך מיטגעבראַכט דער הענדלער גאַראַפּי. ער האָט זי גע־קויפט, געמאַכט שקאַרמיצלעך פון פּאַפּיר, אַרייַנגעשיט, און וואָס עס איז ווערט געווען אַ גראָשן אָדער אַפילו אַ האַלבן גראָשן, האָט ער אונדז פאַרקויפט צו דריי גראָשן.

וואָס שייך גאַראַנען, האָט ער זיך געכאַפּט אויפן סלופּ אַרויף מיט אַ פּאַרפּאַקטן מויל פון ברויט, ווי דאָס וואָלט געווען נאָר עפּעס אַ שפּילעכל; איך בין זיכער, אַז ווען מען וואָלט אים אַפילו געווען אַרויפגעזעצט איינעם פון אונדז אויף די אַקסל, וואָלט ער זיך מיט אים אויך געווען אַרויפגעכאַפּט. ער איז אַ גראָבער, נאָך וואָס פאַר אַ גראָבער, אָבער שטאַרק ווי אַן אָקס!

נאָך גאַראַנען האָט אָבער געדאַרפט זיך אַרויפכאַפּן נעלי. און ווי מען האָט נאָר דערזען, ווי ער האָט אַרומגענומען דעם סלופּ, מיט די דאָזיקע לאַנגע דינע הענט זיינע, האָבן באַלד אַ טייל אָנגע־הויבן אונטערצוזינגען, אַנדערע ווידער צו לאַכן. גאַראַן האָט אַראָפּ־געשלונגען דאָס ברויט, די דאָזיקע גראָבע אָרעמס זיינע פאַרלייגט אויף דער ברוסט, און געוואָרפן אַרום זיך אַזאַ בליק, אַז דאָס געלעכטער האָט מיט איין מאָל אויפגעהערט.

נעלי האָט זיך אָנגעהויבן צו כאַפּן, ער האָט זיך אָפּגערוט אַלע רגע, האָט שווער געאָטעמט, דאָס פּנים איז אים געוואָרן כמעט פיאָלעט, און דער שווייס האָט זיך אים געגאָסן פון שטערן.

— קריך אַראָפּ! — האָט דער לערער באַפוילן.

און ער — ניין! אַרומגעקלאַמערט זיך און איינגעעקשנט, און ניין!

איך האָב נאָר מורא געהאַט ער זאָל זיך נישט אָפּלאָזן און אַראָפּפאַלן אַ האַלב־טויטער. אָרימער נעלי! און איך האָב מיר

באַלד פאַרגעשטעלט, ווי מיין מאַמע וואָלט דאָס געמוזט ליידן, ווען איך וואָלט געווען אויף זיין אָרט, און זי וואָלט געקוקט אויף מיר. און איך האָב אַזוי רחמנות געקריגן אויף אים, אַז איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט נישט אַוועקגעגעבן, אַבי ער זאָל זיך נאָר קענען אַרויפכאַפּן... מען זאָל אים כאָטש פון אונטן אונטערשטופּן, קיינער זאָל נישט זען... אַבי ער זאָל אַרויף...

דערווייל האָבן גאַראָן, דעראָסי און קאָרעטי געשריגן:

— ווייטער, נעלי!.. ווייטער!.. גוט אַזוי! האַלט דיך! נאָך אַ ביסל! נאָך!

האָט ער געמאַכט אַ גוואַלטיקע אָנשטרענגונג, אַז ער האָט אַזש אַ קרעכץ געטון, און ער איז שוין אַציינד געווען נישט מער ווי אפשר צוויי עלנבויגנס פון בעליק.

— בראַוואָ! בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבן יענע געשריגן. — נאָך אַ פּיצל!.. נעם אים! נאָך!

ביז נעלי האָט אָנגעכאַפּט דעם בעליק.

מיר האָבן אַלע אָנגעהויבן צו פּאַטשן בראַוואָ.

— בראַוואָ! — האָט דער לערער געזאָגט — גענוג שוין! גענוג! קריך שוין אַראָפּ!

נאָר נעלי האָט אומבאַדינגט געוואָלט זיין אויפן שפּיץ, ווי אַלע אַנדערע. האָט ער זיך אָפּגערוט אַ ווײלע, ווידער אָנגעשטרענגט די כוחות, און עס איז אים געלונגען די אָרעמס אַרום דעם בעליק צו פאַרוואַרפן; און אַזוי אַרום האָט ער זיך אַ צי געטון, אָנגעשפּאַרט פריער די קני, נאָכדעם די פיס אַרויפגעשטעלט, און שטיין געבליבן גלייך אויסגעצויגן, אַ שטראַלנדיקער און שמייכלענדיקער. האָבן מיר אים ווידער אָנגעהויבן צו פּאַטשן בראַוואָ, און ער האָט דעם קאָפּ אויסגעדרייט און געקוקט אין גאַס אַריין.

איך האָב אויך אַ קוק געטון אַהין, דורך די קושאַקעס, וואָס

וואַקסן אַרום די שטאַכעטן פון גאָרטן, האָב איך דערזען זיין מוטער, וועלכע האָט זיך געדרייט אויפן טראָטואַר און איז נישט דרייסט געווען צו קוקן. נעלי האָט זיך ענדלעך אַראָפּגעלאָזט, מיר האָבן אים אַלע געווונטשן, און אַן אויפגערעגטער, אַ פאַררויטלטער, מיט בלישטשענדיקע אויגן, האָט ער אויסגעזען גאַרנישט דער זעלבער וואָס פריער. אויך באַם אַרויסגיין, ווען די מוטער איז צוגעקומען צו אים און אים אומרויִק געפרעגט:

— ווי זשע איז דיר דאָרט דערגאַנגען, אַרים קינד מיינס, האַ?

האָבן מיר אַלע, וויפל מיר זיינען נאָר געווען, אַנגעהויבן איינער דעם צווייטן אין די רייד אַריינצופאַלן:

— אויסגעצייכנט! טייער!

— ער איז אַרויף ווי אַ קאַץ!

— ווי יעדער איינער פון אונדז!

— ער איז שטאַרק, געזונט!

— און אַזוי פלינק!

— ער איז נישט ערגער ווי יעדער איינער פון אונדז.

שרייען מיר אַזוי איבער איינער דעם צווייטן, און די פרוי צעגייט אַזש פאַר פרייד! זי האָט אונדז געוואָלט דאַנקען, נאָר האָט נישט געקענט קיין וואָרט אויסרעדן, האָט זי נאָר אַ צווי, דריי פון אונדז די הענט געדריקט, אַ גלעט געטון גאַראָנען איבערן קאָפּ, ווי ער וואָלט אַ קליין קינד געווען, און אַוועקגעגאַנגען מיט איר זון.

זיי זיינען שוין געווען אַ היפּש שטיקל אָפּגעגאַנגען פון שולע, און מיר האָבן זיי אַלץ נאָך נאָכגעקוקט, ווי זיי גייען אַזוי מיט אַ שנעלן טריט, ווי זיי שמועסן צווישן זיך אַזוי פריילעך, ביידע גליקלעך, ווי עס וואָלט גאָר קיין גליקלעכערס פאַר זיי אויף דער גאַנצער וועלט נישט געווען.

• • • • • • • • • • • • • •

עדמאָנדא דע אַמיטשיס

דאס הארץ

ייִדיש: שלמה שיינבערג

(באארבעט פאר דער שול, דורך ש. מענדלסאָן)

V

דאָס העלדישע ייִנגל

(דאָס גוטע קינד)

פארלאַג ח. בזשאָזא

װאַרשע, 1927

Printed in Poland

Edmundo de Amiczys

SERCE

Wydawnictwo CH. BRZOZA

Warszawa, Leszno 27.

Druk. „Record“ Warszawa, Dzika 18.

דאָס געזונט ווערן

דאָנערשטוק, דעם 27־טן

ווער וואָלט זיך דאָס געווען געריכט, ווען איך בין צוריקגעקומען מיטן טאַטן פון שפּאַציר, אַז גאַנצע צען טעג נאָכדעם וועל איך נישט קענען זען, נישט דעם הימל, נישט די פעלדער.

איך בין געווען זייער, זייער קראַנק, מען זאָגט, אַז איך האָב געקאָנט ווי גאָרנישט אָפּשטאַרבן.

איך האָב געהערט ווי די מאַמע האָט געוויינט, איך האָב געזען ווי מיין טאַטע, אַ בלייכער, אַזאַ אָפּגעפאַלענער, האָט געקוקט אויף מיר שעהנווייז, און סילוויע און דאָס קליינע ברודערל מיינס האָבן זיך געשושקעט אַזוי שטיל, און דער דאָקטער מיט די ברילן

איז כסדר געקומען, און כסדר עפּעס גערעדט, און איך האָב גאָר- נישט געוווּסט. עס האָט נישט געפעלט קיין סך, איך זאָל אַלע גע- ווען זאָגן: אַדיע, מיינע הערשאַפט!

עס איז גוט אַצינד צו שפּאַסן! אָבער וואָס עס האָט זיך אַליין אָנגעליטן פון מיר מיין אָרימע מאַמע! אפשר דריי, פיר טאָג ־אָט איך איינגאַנצן נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, ווי איך וואָלט די דאָזיקע גאַנצע צייט דורכגעשלאָפן אין עפּעס אַ שווערן פיינלעכן שלאָף.

עס האָט זיך מיר געדאַכט טיילמאָל, אַז איך זע לעבן זיך מיין גוטע לערערין פון דער ערשטער העכערער אָפּטיילונג, ווי זי פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיט אַ פאַטשיילעכל און האַלט זיך איין- נישט צו הוסטן, זי זאָל מיך נישט אויפוועקן. אַ ביסל געדענק איך אויך, אָבער זייער נישט דייטלעך, ווי מיין לערער האָט זיך אָנגע- בויגן איבער מיר, מיר אַ קוש צו טון, און זיין באָרד האָט מיר אַ גלעט געטון איבערן פּנים. ווי דורך אַ נעפּל האָב איך אויך געזען דעם געלן קראָסין, און די העלע האָר פון דעראָסין, און דעם קאַ- לאַבריער אין שוואַרצן, און גאַראָנען, וואָס האָט מיר געבערענגט אַ מאַנדאַרינקע אויפן צווייגל, מיט די בלעטער נאָך, און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען, וואָרים זיין מאַמע איז קראַנק...

ערנאָך, פּונקט ווי איך וואָלט מיך פון אַ לאַנגן שלאָף אויפגעכאַפּט, און איך האָב באַלד דערקענט, אַז עס איז מיר בעסער, וואָרים דער טאַטע און די מאַמע האָבן געשמייכלט צו מיר, און סילוויע האָט געזונגען. האָב איך מיך זייער געפריידט, וואָרים דאָס איז געווען אַזאַ אומעטיקער, אומעטיקער שלאָף.

און דערנאָך איז מיר שוין געווען וואָס אַ טאָג פריילעכער; און ווען דאָר מויערל איז געקומען, האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל צעלאַכט פון דעם דאָזיקן האָזן-פּיסקעלע, וואָס ער האָט מיר

געמאַכט, און ער מאַכט דאָס אַצינד אַזוי אויסגעצייכנט, ווי נאָך קיינמאָל נישט, ווייל ער איז דאַר געוואָרן און דאָס פּנים האָט זיך אים אַזוי אויסגעצויגן פון דער קרענק.

עס האָט מיך אויך באַזוכט קאָרעטי, און גאַראָפּי האָט מיר געבּרענגט אַ מתנה צוויי בּילעטן פון זיין בּייער לאָטעריע, אויף אַ מעסערל מיט פינף קלינגעלעך, וואָס ער האָט געקויפט בּאַ אַ טאַנדייט-הענדלער אויף דער בּערטאָליער גאַס. אָבער נעכטן, ווען איך בּין געשלאָפן, איז געקומען פּרעקאָשי, און צוגעלייגט זיין פּנים צו מיין האַנט, און ווייל ער איז געקומען גלייך פון זיין טאַטנס קוזשניע, און געווען אויסגעריסט מיט קוילן, איז מיר געבּליבּן אַ שוואַרצער צייכן אויף דער האַנט, און עס איז מיר געווען אַזוי אָנגענעם, ווען איך האָבּ אויפגעוואַכט און דעם דאָזיקן צייכן דערזען.

און ווי גרין די ביימער זיינען געוואָרן איבּער די עטלעכע טעג! און ווי מקנא בּין איך, ווען איך זע, ווי די יינגלעך לויפן מיט די בּיכער אין שולע אַריין, און איך קוק בּלויז פון דערווייטנס, ווען דער טאַטע בּרענגט מיך צו צום פענסטער! אָבער עס וועט שוין נישט לאַנג געדויערן און איך וועל אויך גיין! איך וואָלט שוין אַזוי געוואָלט, אַזוי געוואָלט זען אַלע קאָלעגן, מיין בּאַנק, דעם גאָרטן, די גאַס; און וועגן אַלעם געוויר ווערן, וואָס עס איז דאָרט איבּער דער צייט געשען, און ווידער זיך נעמען צו די העפטן, צו די בּיכער, וואָס עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָבּ זיי שוין נישט געזען אַ גאַנץ יאָר...

און ווי שלעכט די מאַמע זעט אַצינד אויס! ווי בּלייך זי איז! און דער טאַטע, ווי שרעקלעך אָפּגעמאַטערט ער זעט אויס!

און די אַלע חברים מיינע, וואָס זיינען מיך געקומען בּאַגריסן, און באַכדעם אַוועקגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, קושנדיק מיך אין שטערן! עס איז מיר שרעקלעך אומעטיק, ווען איך גיב

אַ טראַכט, אַז איך וועל מיך מוזן מיט זיי שיידן. מיט דעראָסין און מיט נאָך עטלעכע וועלן מיר זיך אוודאי ווייטער איינעם לערנען, אָבער די אַלע איבעריקע?..

ווען מיר וועלן ענדיקן די פערטע — זיי געזונט — מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל מער נישט זען! איך וועל שוין נישט זען בײַ מײַן בעט, ווען איך וועל קראַנק זײַן, גאַראַנען, פּרעקאָשין, קאַרעטין, אַזעלכע טיכטיקע, גוטע יינגלעך, אַזעלכע ליבע, טײַערע קאָלעגן!.. שוין קיינמאָל!..

. . . .

פרײַנט צווישן אַרבעטער.

דזשאַנערעטיק, דעם 20־טן.

פּאַרוואָס, הענריק: „שוין קיינמאָל!?“ דאָס וועט דאָך זײַן געווענדט אָן דיר. אַז דו וועסט ענדיקן די פערטע קלאַס פֿון דײַן שולע, וועסטו אַרײַן אין גימנאַזיום, און זיי וועלן אָנהייבן אַרבעטן, אמת! איר וועט דאָך אָבער זײַן אין איין שטאָט, קענ זײַן נאָך גאַנץ לאַנגע יאָרן.

פּאַרוואָס־זשע זאָלט איר זיך נישט זען! — ווען דו וועסט אַרײַן אין אוניווערסיטעט, אָדער אין עפּעס אַ ליצעאום, וועסטו זיי באַזוכן אין זייערע געוועלבער, אין זייערע וואַרשטאַטן, און דו וועסט זען, ווי ליב עס וועט דיר זײַן צו האָבן פרײַנט און חברים פון דײַנע יוגנט־יאָרן צווישן מענטשן פון אַרבעט.

איך וואָלט געוואָלט זען, צי דו וואָלסט נישט געלאָפן צו קאַרעטין, צו פּרעקאָשין, ווו זיי וועלן זיך נישט געפינען. דו וועסט לויפן, וועסט לויפן נישט איינמאָל, וועסט פאַרברענגען נישט איין

שעה צוזאמען מיט זיי, און וועסט זען, דערקענענדיק נער די וועלט און דאָס לעבן, — וויפל גוטע זאַכן וועסט זיך קענען אויסלערנען פון די דאָזיקע אַלטע קלוגע דיינע, אַזעלכע זאַכן, וואָס קיין אַנדע־רער וואָלט זיי דיך בשום אופן נישט געקענט אויסלערנען. אי וועגן ייערע פאַכן, אי וועגן זייער אָרט אין דער געזעלשאַפט, אי וועגן דיין אייגענעם לאַנד.

און נעם דיר אין זינען אַריין אויך דאָס, אַז ווען דו וואָלסט די דאָזיקע פריינטשאַפט נישט אָפּגעהיטן, וואָלט דיר אין דער צו־קונפט אומגעהייער שווער געווען נאָך אַמאָל אַזאַ פריינטשאַפט זיך איינצושאַפן. איך מיין אַ פריינטשאַפט אויסער דעם חברישן קרייז, צו וועלכן דו געהערסט אַצינד. און אַזוי וואָלסטו געקענט לעבן נאָר אין דעם קרייז פון איין קלאַס פון דיין פאָלק, וואָרים אַ מענטש וואָס לעבט נאָר אין דעם קרייז פון זיין אייגענער קלאַס, איז געגליכנט צו אַזעלכן, וואָס קען נאָר לייענען אין איין בוך.

מאַך־זשע דיר אָפּ באַלד, מיין יינגל, צו בלייבן גוטע פריינט מיט די חברים פון דיין שולע אפילו דאַמאָלס, ווען איר וועט זיך צעשיידן, און הייב דיר שוין אָן צו נעמען אין זינען אַריין טאַקע די חברים, וועלכע זיינען קינדער פון אַרבעטער.

וואָרים דאָס איז, זעסטו, אַזוי: די מענטשן, וועלכע געהערן צו די העכערע קלאַסן, זיינען ווי די אָפיצירן, און די אַרבעטער — די סאָלדאַטן פון דער גרויסער פאָלקס־אַרמיי, אָבער פונקט אַזוי אין דער געזעלשאַפט, ווי אין מיליטער, האָט דער זעלנער נישט קיין קלענערן ווערט פאַרן אָפיציר; וואָרים דער ווערט ליגט אין דער אַרבעט, נישט אין געצאָלטס, אין דער מאָס נוצן, וואָס איינער ברענגט, נישט אין דעם ראַנג, וואָס ער טראָגט. אַדרבא, אין דעם זעלנער, ווי אין דעם אַרבעטער איז דאָ נאָך אַ סך שענערע און איידעלערע זייטן מיט דעם, וואָס זיי אַרבעטן שווער און באַקומען ווינציקער באַצאָלט. האָב־זשע ליב און מער פאַר אַלע אַנדערע דווקא

די קאָלעגן, גיב אָפּ כבוד די זין פון דער גרויסער אַרמיי אַרבע־טער, שעץ אין זיי די שווערע אַרבעט און דאָס ביטערע מזל פון זייערע עלטערן; מאַך נישט קיין אונטערשייד צווישן קלאַסן און שטאַנדן, לויט וועלכע נאָר שלעכטע מענטשן טיילן איין זייער העפ־לעכקייט און מיטגעפיל; געדענק, אַז דאָס געבענטשטע בלוט, וואָס האָט אויף דאָס ניי אויפגעלעבט דיין פאָטערלאַנד, איז אַרויסגעפלאָסן מערסטנטיילס נאָר פון די אָדערן פון אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן שווער אויף די פעלדער און אין די וואַרשטאַטן.

האָב ליב גאַראָנען, האָב ליב פּרעקאָשין, האָב ליב דעם קליי־נעם קאָרעטין, האָב ליב דיין „מויערערל“, וואָרים זיי טראָגן אין זייערע קליינע ברוסטן פון אַרבעטער פּרינצן־הערצער, שווער דיר צו, אַז קיין שום ענדערונג, וואָס דיין מזל זאָל נישט מאַכן אין דיין לעבן, וועט דיר נישט אַרויסרייסן פון דער נשמה די דאָזיקע היי־ליקע קינדערישע פריינטשאַפט.

שווער דיר צו, אַז ווען דו וועסט אַמאָל אין אַ פערציק יאָר אַרום פאַרבייגיין פאַר עפעס אַ סטאַציע פון דער אייזנבאַן און דערקענען אין דער בלוזע פון אַ מאַשיניסט דיין אַלטן גאַ־ראָנען, מיט אַ שוואַרצן פּנים פון רויך... אַך, ניין, איך פאַרלאַנג נישט דו זאָלסט שווערן! איך בין זיכער, אַז דו וועסט אַרויפשפּרינ־גען אויפן מאַשין און פאַרוואַרפן דייַנע הענט אַרום זיין האַלדז, ווען דו וועסט אפילו זיין סענאַטאָר אין דער מלוכה.

דיין פאָטער.

• • • • • • • • • • • • • •

גאַראָנס מוטער.

שבת, דעם 29-טן.

איך בין נאָר צוריקגעקומען אין שולע אַריין, האָב איך שוין געטראָפן אַ טרויעריקע ידיעה. גאַראָן איז שוין עטלעכע טעג נישט געווען אין שולע, ווארים זיין מאַמע איז זייער קראַנק געווען. שבת אין אָוונט איז זי געשטאָרבן. נעכטן אינדערפרי, אַריינקומענדיק אין קלאַס, האָט דער לערער געזאָגט:

— דעם אָרימען גאַראָן נעבעך האָט געטראָפן דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס עס קען נאָר טרעפן אַ קינד. ער האָט אָנגעוווירן זיין מוטער. מאָ־גן קומט ער צוריק אין שולע אַריין. איך בעט אייך, יינגלעך, האָט אַכטונג פאַר דער דאָזיקער שרעקלעכער פיין, וואָס האָט אים זיין האַרץ צעריסן.

ווען ער וועט אַריינקומען, באַגריסט אים האַרציק און ערנסט. קיין שום ווערטלעך, קיין שום געלעכטערלעך, איך בעט אייך דאָס זייער!

און אָט איז היינט אינדערפרי, אַ ביסל שפּעטער ווי אַלע אַנדערע, אַריינגעקומען דער אָרימער גאַראָן. ווען איך האָב אַ בליק געטון אויף אים, איז געווען, ווי עס וואָלט מיר ווער דאָס האַרץ דורכגעלעכערט.

דאָס פּנים אויסגעבלייכט, די אויגן רויט, און די פיס האָבן זיך ווי געבראָכן אונטער אים. מען האָט געקענט אָננעמען, אַז ער איז קראַנק געווען אפשר אַ חודש. ער האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז עס איז אים געווען שווער צו דערקענען און דערצו איז ער גע-

וועז נאָך געקליידט אין שוואַרצן. עס איז מיר געווען אַ רחמנות צו קוקן. קיינער פון אונדז האָט אַפילו קיין פּיפּס נישט געטון; מיר האָבן געקוקט אויף אים מיט טרויער. ווען ער איז אַריינגעקומען און דערזען די קלאַס, וווּהין די מוטער פלעגט כמעט אַלע טאָג קומען נאָך אים, די באַנק, איבער וועלכער זי האָט זיך אַזוי פיל מאָל אַריבערגעבויגן אין די טעג פון די עקזאַמענס, געבנדיק אים אירע לעצטע אָנווייזונגען, די באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן און אַזוי פיל מאָל געטראַכט וועגן זיין מוטער, אָפּוואַרטנדיק מיט אומגעדולד די מינוט, ווען ער וועט שוין אַרויסגיין, כדי זיך צו לאָזן לויפן צו איר. ווען ער האָט אַזוי אַ קוק געטון אויף דעם אַלעם, האָט ער אַרויסגעזעצט מיט אַ פאַרצווייפלטן געוויין.

דער לערער האָט אים צוגעצויגן צו זיך, צוגעטוליעט צו זיין ברוסט און געזאָגט:

— וויין, וויין, אָרים יינגל, און טרייסט דיך מיט דעם, וואָס כאָטש דיין מאַמע איז שוין נישטאָ, קוקט זי דאָך אויף דיר, האָט דיך ליב ווי אַמאָל, געפינט זיך נישט ווייט פון דיר, און עס וועט קומען אַ טאָג, אין וועלכן דו וועסט זי ווידער זען, וואָרים דו האָסט, ווי זי, אַן ערלעכע און ריינע נשמה. שטאַרק דיך, קינד!

זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַליין אים צוגעפירט צו דער באַנק און אַנידערגעזעצט לעבן מיר. איך בין נישט דרייסט געווען אַ קוק צו טון אויף אים. ער האָט אַרויסגענומען זיינע ביכלעך און העפטן, וועלכע ער האָט שוין נישט געהאַט אָנגערירט אַזוי פיל טעג, און אויפעפנדיק דאָס לייענען אויף דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך דאָס בילדל, וואָס שטעלט פאָר, ווי אַזוי אַ מוטער גייט מיט איר זון בײַ דער האַנט, איז ער ווידער אַרויס מיט אַ געוויין און דעם קאָפּ אויף דעם אָרעם אַוועקגעלייגט.

דער לערער האָט אונדז געמאַכט אַ צייכן, מיר זאָלן אים אַזוי לאָזן און אָנגעהויבן די לעקציע.

איך האָב שרעקלעך געוואָלט עפּעס זאָגן גאַראַנען, נאָר איך בין נישט דרייסט געווען. האָב איך אים בלויז אַרונטערגערוקט די האַנט אונטערן אָרעם און אַריינגעשעפּטשעט אין אויער אַריין:

— וויין נישט, גאַראַן!

— ער האָט נישט געענטפערט און נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איבער דער באַנק, נאָר מיר אַריינגעלייגט די האַנט אין מיין האַנט, און אַזוי זי געהאַלטן אַ ווײַלע.

באַם אַרויסגיין איז געווען שרעקלעך שטיל, וואָרים קיינער האָט גאָרנישט גערעדט. און אַלע האָבן זיך געהאַלטן פון גאַראַנען פונדערווייטנס, מיט אַכטונג און שטילשווייגנדיק.

איך האָ בדערזען, אַז די מאַמע וואַרט אויף מיר און בין צוגע־לאָפן זי אַרומנעמען; אָבער זי האָט מיך אָפּגערוקט פון זיך, קוקנדיק אויף גאַראַנען. אין אָנהייב האָב איך דאָס נישט פאַרשטאַנען, אָבער באַלד האָב איך דערזען, ווי גאַראַן שטייט אין דער זייט און קוקט אויף מיר מיט אַ שרעקלעך אומעטיקן בליק, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: דו קושסט דיין מאַמען, און איך מיינע וועל שוין קיינמאָל נישט קושן! דו האָסט נאָך דיין מאַמע, און מיינע לעבט שוין נישט! האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מיין מאַמע האָט מיך אָפּגערוקט פון זיך, און אַרויסגעגאַנגען, נישט אָננעמענדיק זי בײַ דער האַנט.

דאָס העלדישע ייִנגל.

פונקט צוועלף אַ זייגער זיינען מיר אָנגעקומען מיט אונדזער לערער צום ראָטהויז, וווּ מען האָט געדאַרפט געבן אַ מעדאַל דעם ייִנגל, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט זיין חבר פון דערטרינקען ווערן אין טייך פּאָ.

אויף דער פאָדערשטער טעראַסע האָט געפלאַטערט אַ גרויסע דרייקאָלירנדיקע פאָן. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען צו צוויייז אין

הויף. דאָרט האָבן זיך שוין געפּאַקט זייער אַ סך מענטשן.

אין דער טיף אַ טיש, באַדעקט מיט אַ רויטן דיוואַן, אויפן טיש פּאַפּירן, און פאַרן טיש אַ שורה געגילדטע פאָטעלן פאַרן הער סינדיק און די הערן ראַטמענער. די שווייצאַרן פון דער פּאַרוואַלטונג אין בלויע מונדירן און ווייסע הויזן, האָבן אַרומגערינגלט דאָס אָרט, היטנדיק די אָרדנונג. אין דער רעכטער זייט פון הויף זיינען געשטאַנען די אָרטיקע גוואַרדיסטן, יעדער מיט זיינע מעדאַלן אויף דער ברוסט, און לעבן זיי די אויסגעצייכנטע וואַך; פון דער צווייטער זייט די פייערלעשער אין זייערע פּאַראַדנע מונדירן, און אַ סך, אַ סך פריי-שטייענדיקע זעלנער, וועלכע זיינען געקומען קוקן: קאַוואַלעריסטן, בערסאַלערן, אַרטילעריסטן.

און אַרום: הערן, דאַמען, אַרבעטער, עטלעכע באַאַמטע, פּרויען, קינדער, און אַלע קוקן איינער דעם צווייטן איבער די אַקסל.

מיר האָבן זיך אַריינגעפּאַקט אין דעם ווינקל, וווּ עס זיינען געשטאַנען שוין אַ סך שילער פון אַנדערע שול-סעקציעס מיט זייערע לערער; לעבן אונדז איז געשטאַנען אַ היפּש קופּקעלע שוין דערוואַקסענע, אַזוי צווישן דעם 10-טן און 18-טן יאָר, וועלכע האָבן געלאַכט און גערעדט צווישן זיך זייער הויך, און עס איז געווען צו דערקענען, אַז זיי זיינען פון דער געגנט אַרום דעם טייך, באַקאַנטע און חברים פון דעם יינגל, וועלכער האָט געדאַרפט באַקומען דעם מעדאַל. און אַרום דעם הויף זיינען אַלע פענסטער געווען פאַרפּאַקט מיט קעפּ פון די באַאַמטע פון דער שטאָט-פּאַרוואַלטונג. אַפילו דער באַלקאָן פון דער שטאָט-ביבליאָטעק איז אויך געווען פול מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפּאַקט צו די שטאַכעטן; אויף דעם קעגנאיבערדיקן באַלקאָן ווידער, אויף דעם, וועלכער געפינט זיך איבער דעם טויער פון אַריינגאַנג, האָבן זיך געשטופּט שילערינס פון די פּאָלקס-שולן און טעכטער פון מיליטער-לייט אין זייערע שיינע בלויע שלייערן.

דער גאַנצער הויף האָט אויסגעזען ווי אַ טעאַטער. אַלע האָבן געשמועסט צווישן זיך פריילעך, און געוואָרפן אַלע מאָל אַ בליק צום רויטן טיש, צי עס האָט זיך נאָך קיינער נישט באַוויזן. אין דער טיף פון קאָרידאָר האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן שטיל צו שפּילן. די הויכע מויערן זיינען געשטאַנען באַגאָסן מיט אַ העלער זון. עס איז געווען זייער שיין.

פּלוצלינג האָבן אַלע אָנגעהויבן צו פּאַטשן. אויפן הויף, אויף די באַלקאָנען, אין די פענסטער. איך האָב מיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ בעגל, איך זאָל עפּעס זען. דער המון, וועלכער האָט זיך געפּאַקט פאַר דעם רויטן טיש, האָט זיך אַ ריר געטון, און פון אים האָבן אַרויסגעטרעטן פאָרויס עפּעס אַ מאַנספּערשוין מיט עפּעס אַ פרוי. דער מאַנספּערשוין האָט געהאַלטן בײַ דער האַנט אַ יינגל. דאָס איז געווען דאָס יינגל, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט זיין קאָלעגע. דער מאַנספּערשוין ווידער, דאָס איז געווען דער פאָטער פון דעם יינגל, אַ מויערער, יום טובדיק אָנגעטון. די מוטער פון דעם יינגל איז געווען די פרוי, אַ נידעריקע, אַ קליינע, מיט העלע האָר, אין אַ שוואַרצן קלייד. דאָס יינגל, אויך א בלאָנדינס און אַ קליינס, איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ מאַרענאַרקעלע. און זיי זיינען שטיין געבליבן אַזוי אַלע דריי, קוקנדיק אויף דעם גרויסן עולם מענטשן, פּאַרטויבטע פון דעם דאָזיקן שטורם אַפּלאָדיסמענטן, נישט וויסנדיק וואָס מיט זיך צו טון און ווי אַזוי זיך צו רירן. דער שווייצער האָט זיי לייכט צוגעפירט צום טיש, רעכטס.

אַלץ אַרום איז אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבן, נאָכדעם האָבן ווידער אַ דונער געטון אַפּלאָדיסמענטן. דאָס יינגל האָט געקוקט אַרום זיך אויף די פענסטער, נאָכדעם, פאַררייסנדיק דעם העלן קאָפּ אויף דער לאָזשע, אין וועלכער עס זיינען געשטאַנען טעכטער פון מיליטער-לייט. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאַפּעליוש אין דער האַנט.

און געהאַט אויפן פנים אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט אַליין נישט געקעגן פאַרשטיין פון וואַנען ער נעמט זיך דאָ אהער, און ווו ער געפינט זיך. ער איז געווען אַ ביסל ענלעך צו קאָרעטין, נאָר רויטער אויפן פנים. זיין פאָטער און מוטער האָבן געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט צום טיש.

דערווייל האָבן אַלע קליינע חברה-לייט פון דער געגנט אַרום דעם טייך פאָ, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אונדז, געקוקט אויף דעם יינגל, געוווּנקען צו אים, און מאַכנדיק אים צייכנס, ער זאָל זיי דערזען, האָבן זיי שטיל גערופן: פין... פין... פינאָ!.. — ביז ער האָט דערהערט...

האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיי, אַ בליק געטון, און באַהאַלטן זיין געלעכטער, פאַרשטעלנדיק זיך די ליפּן מיטן קאַפּעלושל.

און דערווייל זיינען די שווייצאַרן געבליבן שטיין, יעדער אויף זיין אָרט גלייך אויסגעצויגן. עס איז אָנגעקומען דער סינדיק איינגאַנצן גרוי, מיט אַ דרייקאָלירנדיקערברייטער באַנד, איז געבליבן שטיין באַם טיש, די הערן פון ביידע זייטן אַביסל הינטערן סינדיק דער אָרקעסטער האָט אויפגעהערט צו שפּילן. דער סינדיק האָט געמאַכט אַ צייכן. עס איז געוואָרן שטיל.

האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן.

די ערשטע ווערטער האָב איך נישט דערהערט גוט, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער דערציילט דעם טאַט פון דעם יינגל.

נאָכדעם האָט זיך זיין שטימע געשטאַרקט און ריין אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן הויף, אַזוי, אַז מען האָט געהערט דייטלעך יעדעס וואָרט:

...ווען ער האָט דערזען פון ברעג זיין קאָלעגע, וועלכער האָט געקעמפט מיט די כוואַליעס, אַרומגענומען שוין מיט דער אימה פון טויט, האָט ער אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס אָנטון, און נישט

צווייפלענדיק קיין איין רגע, געלאָפן אים ראַטעווען.

— וועסט אַליין דערטרינקען ווערן! — האָט מען נאָכגעשריגן פון ברעג. — ער האָט נישט געענטפערט. מען האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן — ער האָט זיך אויסגעריסן; מען האָט אים גערופן באַם נאָמען — ער איז שוין געווען אין וואַסער.

דער טייך האָט געהאַט צוגענומען, געטריבן זיינע וואַסערן מיט גערויש, זיינע אויפגעברויזטע כוואַליעס האָבן געשראָקן מיט דער שרעקלעכסטער געפאַר אַפילו יעדן דערוואַקסענעם מענטש. און ער, פונדעסטוועגן, האָט זיך געוואָרפן אַקעגן דעם טויט מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין קליינעם קערפערל און זיין גרויסן האַרץ, געכאַפט דעם טרינקענדיקן, וועלכער איז שוין געווען אונטערן וואַסער, און אַרויסגעשלעפט דעם אומגליקלעכן באַ די האָר, קעמפנדיק פאַרביסן מיט די כוואַליעס, וועלכע האָבן אַכזריותדיק פון אַלע זייטן געקלאַפט אָן אים, און מיט דעם געראַטעוועטן, וועלכער האָט זיך אָנגעכאַפט אָן אים און געהאַמעוועט זיינע באַוועגונגען. דאָ איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן אונטערן וואַסער, דאָ ווידער האָט ער זיך מיט אַ פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג אַרויסגעקריגן אויף דער אויבערפלאַך, אַריינגעטון מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין נשמה אין דער אויספירונג פון זיין זאַך, נישט ווי קיין יינגל, נאָר ווי אַ דערוואַקסענער מאַן, ווי אַ פאָטער, וועלכער קעמפט אויף טויט און לעבן, כדי צו ראַטעווען זיין קינד, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן און זיין איינציקע האָפנונג.

ענדלעך — גאָט האָט נישט דערלויבט, אַז די דאָזיקע איידעלע העלדישקייט זאָל זיין אומזיסט. דער קליינער שווימער האָט אַרויסגעריסן באַ דעם טייך זיין קליינעם קרבן און אים אָפגעגעבן דער ערד, ראַטעווענדיק שוין דאָרט, אויפן ברעג, צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן דעם קליינעם דערטרינקענעם. נאָכדעם האָט ער זיך

אומגעקערט אַהיים אַליין, רויק, און דערציילט מיט דער גרעסטער איינפאַכקייט די גאַנצע געשעעניש זיינע עלטערן.

מיינע הערן! שיין און הויך איז די העלדישקייט פון אַ דערוואַקסענעם מענטש! אָבער אין אַ קינד, וועלכעס ווייסט נאָך נישט פון קיין אַמביציעס, וועלכעס האָט נאָך נישט קיין שום פערזענלעכע אינטערעסן; אין אַ קינד, וועלכעס מוז האָבן אויף אַזוי פיל מער מוט, אויף וויפל עס זיינען שוואַכער זיינע כּוחות; אין אַ קינד, פון וועלכן מיר פאַרלאַנגען נאָך גאָרנישט, און וועלכעס איז נאָך צו גאָרנישט פאַרפליכטעט, וועלכעס מיר האַלטן שוין פאַר גענוג גוט און איידל, אויב עס פאַרשטייט נאָר און קען אָפּשאַצן די די אָפּפערווויליקייט פון אַנדערע, — אין אַזאַ קינד איז די העלדישקייט עפּעס געטלעכס.

מער וועל איך גאָרנישט זאָגן, מיינע הערן! איך וויל נישט דערנידעריקן מיט קיין ווערטער די דאָזיקע גרויסע, איידעלע און אַזוי איינפאַכע העלדישקייט, אָט האָט איר פאַר זיך דעם דאָזיקן העלדישן רעטער, דאָס דאָזיקע הייליקע קינד!

סאָלדאַטן! באַגריסט אים, ווי אַ ברודער!

מוטערס, בענטשט אים, ווי אייערס אַ זון!

קינדער! לערנט זיך זיין נאָמען, קריצט איין אין אייערע הערצער די ריסן פון זיין פּנים, אַז איר זאָלט זיי שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— קום אַהער, יינגל!

— אין נאָמען פון קעניג פון איטאַליע גיב איך דיר דעם מעדאַל פאַר ציווילער העלדישקייט!

אַ שרעקלעכער שטורם פון אויסגעשרייען האָט אַ טרייסל געטון די מויערן, אָפּשלאָגנדיק זיך אָן זיי מיט טויזנט עכאָס.

דער סינדיק האָט גענומען דעם מעדאַל פון טיש און אים צוגעשפיליעט דעם יינגל אויף דער ברוסט, נאָכדעם האָט ער אים ארומגענומען און הארציק געקושט.

די מוטער פון דעם יינגל האָט זיך פארשטעלט די אויגן מיט דער האַנט, דער פאָטער איז געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

דער סינדיק האָט זיי ביידע געדריקט די האַנט, און דעם קעניגלעכן דעקרעט וועגן דעם דאָזיקן מעדאַל, וועלכער איז געווען ארומגעבונדן מיט אַ שיין בענדעלע, האָט ער איבערגעגעבן דער מוטער. נאָכדעם האָט ער זיך נאָכאַמאָל געווענדט צום יינגל און געזאָגט:

— זאָל דער אָנדענק פון דעם היינטיקן טאָג, וועלכער באַדעקט דיך אין דער קעגנוואַרט פון די בירגער פון דיין לאַנד מיט ערע און לויב, און איז אַ טאָג פון גליק פאַר דיין פאָטער און פאַר דיין מוטער, זאָל דער אָנדענק פון דעם דאָזיקן טאָג דיך פירן דיין גאַנץ לעבן אויפן וועג פון ערלעכקייט און רום!

זיי געזונט, קליינער העלד!

דער סינדיק איז אַוועקגעגאַנגען, די מוזיק האָט אויפגעשפילט, און אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין שוין געענדיקט, ווען פון הינטער אַן אָפּטיילונג פאָמפּיערן האָט זיך באַוויזן אַ יינגעלע פון אַ יאָר אַכט, צי ניין אפשר, וועלכן אַ פרוי האָט אַ שטופּ געטון און באַלד אָפּגעטרעטן צוריק, און דאָס דאָזיקע יינגעלע האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דעם דעקאָרירטן און אַריינגעפאַלן אים אין זיינע אָרעמס.

אַ נייער דונער אַפּלאָדיסמענטן האָט אַ טרייסל געטון מיט די ווענט אַרום.

אַלע האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַנקט אַזוי דער געראַטעוועטער זיין רעטער. זיי האָבן זיך אָנגעקושט, אָנגעהאַלדזט, נאָכדעם האָט דער קלענערער אָנגענומען דאָס יינגל מיט דעם מעדאַל

באַ דער האַנט, און אַזוי האָבן זיי ביידע פאָרויס, און נאָך זיי דער פאָטער און די מוטער זיך, אויסגעדרייט צום אַרויסגאַנג, מאַכנדיק זיך אַ וועג צווישן דער וואַך, גוואַרדיסטן, קינדער, פרויען, סאָלדאַטן, הערן און דאַמען, וועלכע האָבן אָפּגעטרעטן פאַר זיי אין ביידע זייטן, שטופנדיק זיך און שפּאַרנדיק זיך איינער איבער דעם צווייטן, אַבי נאָר צו קענען זען דאָס ייִנגל מיטן מעדאַל. די, וואָס זיינען געווען צום נאָנטסטן האָבן אים געדריקט די הענט. ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר די שילער פון די שולען, האָבן אַלע היטלען געפאָכט אין דער לופט. נאָר די פון דער געגנט אַרום פאָ האָבן שוין אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טון. זיי האָבן אים געשלעפט באַ דער קורטקע, אָנגעכאַפּט באַ די אָרעמס, שרייענדיק ווי משוגעים:

— פין!.. בראַוואָ, פין! בראַוואָ, אונדזער פין!

איך האָב אים אויך געזען פון דער נאָנט, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען. דאָס פּנים איז באַ אים געווען פאַרפלאַמט, מען האָט דערקענט, אַז ער איז גליקלעך. באַם מעדאַל האָט זיך געזען אַ סטענגעלע: ווייס, שוואַרץ און גרין.

די מוטער האָט געלאַכט און געוויינט צוזאַמען. דער פאָטער האָט זיך געגלעט די וואָנסעס, און די האַנט האָט אים אַזוי געציטערט, ווי ער וואָלט געהאַט דאָס פיבער.

און פון דער הייך, פון די פענסטער, פון די באַלקאָנען, זיינען געפאַלן אויסגעשרייען און אַפּלאָדיסמענטן. ווען זיי האָבן שוין געדאַרפט אַרונטערגיין אונטערן טויער, איז פּלוצלינג פון דער לאָזשע ווו עס זיינען געזעסן די טעכטער פון מיליטער-לייט, אַראָפּגעפאַלן אַן אמתער רעגן פון בלומען, פיאָלקעס, מאַרגאַריטקעס אויפן קאָפּ פון ייִנגל, אויף די קעפּ פון פאָטער, פון דער מוטער, און זיי אויסגעשפּרייט ווי אַ דיוואַן אונטער די פיס.

אַ סך האָבן זיך געוואָרפן זיי אויפקלויבן, דערלאַנגט דער מטער. און דאָרטן אין דער טיף האָט די מוזיק געשפּילט זייער אַ הערלעך ליד, פּונקט ווי טויזנטער זילבערנע שטימען וואָלטן געזינגען, דערווייטערנדיק זיך פּאַמעלעך, ווי דאָס געראַוש פון אַ ברייטן טייך.

מאי

ראַכיטישע קינדער*)

פרייטיק, דעם 5-טן.

היינט האָב איך געהאַט אַ פרייען טאָג, וואָרים איך בין עפּעס אַ ביסל נישט געזונט געווען, האָט מיך די מאַמע מיטגענומען מיט זיך אין דער אַנשטאַלט פון ראַכיטישע קינדער, ווו זי האָט געוואָלט אַריינגעבן אונדזער דינסטס טעכטערל, נאָר זי האָט מיר נישט דערלויבט אַריינצוגיין דאָרט אין זייער שולע אַריין.

* *

*

... צי האָסטו נישט פאַרשטאַנען, העניק, פאַרוואָס איך האָב דיר נישט דערלויבט אַריינצוגיין? דערפאַר, זעסטו, איך זאָל זיי נישט אַקעגנשטעלן פאַר די אויגן, די דאָזיקע אומגליקלעכע קינדער, און דערצו נאָך אין שולע, עפּעס ווי כדי אונטערצושטרייכן זייער קראַנקהייט, קיין געזונט און שטאַרק יינגל, וואָרים זיי האָבן אַזוי אויך שוין צופיל מעגלעכקייטן פאַר אַזעלכע פאַרגלייכן. וואָס פאַר אַן אומעטיקע, אומעטיקע זאַך דאָס איז, אַזאַ גרויסע צאָל פון דער נאַטור באַליידיקטע קינדער!

וויינען ווילט זיך מיר, ווען איך גיי דאָרט אַריין. זעכציק זיינען זיי געווען, יינגלעך און מיידלעך. אָרימע אויסגעפּייניקטע ביינדעלעך! קראַנקע הענטעלעך, אויסגעדרייטע, שוואַכענקע, פאָרמלאָזע פיסעלעך נעבעך. אָרימע קערפּערלעך, פאַרקריפּלטע, געשטאַלט-

*) קינדער, וואָס זיינען קראַנק אויף דער ענגלישער קרענק.

לאָזע. איך האָב געזען פּנימער דאַנקבאַרע, בליקן, וואָס זיינען פול מיט אינטעליגענץ און געפיל, דאָ ווידער עפּעס אַ פּנימל פון אַ מיידעלע, מיט אַן אויסגעצויגענער נאָז און אַ שפּיציקער גאָמבע, וואָס איז גיכער ענלעך אויפן פּנים פון אַן אַלטער, און האָט דאָך אַ שמייכל פול הימלישער זיסקייט.

טייל פון די קינדער זיינען פּאַרנט גאַנץ שיין, און עס איז נישט צו דערקענען אויף זיי קיין שום פּאַרקריפּלטקייט, אָבער זאָל זיך נאָר אַזעלכעס אויסדרייען, דריקט זיך דאָס האַרץ צוזאַמען קוקנדיק. עס איז גראָד געווען טאַקע דער דאָקטאָר און האָט זיי באַטראַכט. ער האָט זיי אַרויפגעשטעלט אויף אַ באַנק, אויפגעהויבן זייערע קליידעלעך, כּדי צו קלאַפּן אויף זייערע אָנגעבלאָזענע בייכלעך, אויף זייערע גראָב-געוואָרענע גליד-שלעסער; און זיי, די אָרימע, האָבן זיך גאָרנישט געשעמט; זיי זיינען שוין געוווינט צו דעם, מען זאָל זיי אַזוי אויסטון, באַטראַכטן, דרייען אין אַלע זייטן. און ווען מען זאָל נאָר אַ טראַכט טון, אַז דאָס איז שוין דער פּעריאָד פון בעסערונג אין זייער קראַנקהייט, אַז דאָס ליידן זיי שוין אַזוי גאָרנישט.

אָבער ווער וועט באַרעכענען, וויפל זיי האָבן זיך אָנגעליטן פון דער צייט אָן, זינט עס האָט זיך באַ זיי אָנגעהויבן באַווייזן די קראַנקהייט, ווען זיי האָבן זיך פון טאָג צו טאָג, לויט דעם, ווי עס האָט זיך אַנטוויקלט זייער קראַנקהייט, געפילט אַלץ ווינציקער געליבט, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן פּאַרלאָזט צו ווערן אויף גאַנצע שעהן ערגעץ אין אַ ווינקל שטוב אָדער הויף, שלעכט דערנערט, נישט איינמאָל אויסגעלאַכט, אָדער אויף גאַנצע חדשים געפּייניקט מיט עפּעס אַזעלכע באַנדאַזשן אָדער אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטן, וועלכע האָבן זיי גאָרנישט געהאָלפן! און אַצינד, אַ דאַנק די אויסגעצייכנטע באַמיִונגען, גוטער דערנערונג, גימנאַסטיק, פילן זיך כאָטש אַ סך פון זיי פיל בעסער. די לערערין האָט גע-

מאַכט מיט זיי עטלעכע גימנאַסטישע איבונגען. עס איז געווען שווער צו קוקן, ווי די דאָזיקע אָרימענקע נעבעך האָבן אויסגעצויגן אונטער די בענק זייערע פיס, די איינגעבאַנדאַזשירטע אין בריטלעך, אויסגעקרומטע, געשטאַלטלאָזע, קאַליעקעוואַטע קליינע פיס, וועלכע עס וואָלט זיך געגלוסט מיט קושן פון רחמנות באַדעקן. טייל קינדער האָבן זיך נישט געקענט אויפהייבן פון דער באַנק, זיינען זיי געזעסן מיט די קעפּלעך פאַרלייגט אויפן אַקסל און געגלעט זייערע קוליעס. אַנדערע ווידער, ווען עס איז זיי אויסגעקומען אויסצוציִען גלייך די אָרעמס, האָט פאַרפעלט אָטעם, אַזוי, אַז זיי זיינען צוריק אַראָפּגעפאַלן אויף דער באַנק בלייכע, אָבער שמייכלענדיק, כדי אַזוי אַרום צו באַהאַלטן זייער שווערע אָנשטרענגונג.

אַך, העכריק, ווי ווייניק איר קענט אָפּשאַצן דאָס געזונט, און ווי קליין עס זעט אייך אויס דאָס זיין געזונט!

איז ווען איך האָב אַ טראַכט געטון וועגן די שטאַרקע און בליִענדיקע קינדער, וועלכע די מוטערס טראָגן אַרום מיט טריומף, שטאָלץ מיט זייער שיינקייט, האָט זיך מיר געגלוסט די דאָזיקע אַלע אָרימע קעפּלעך צודריקן צום האַרץ מיט פאַרצווייפלונג, פאַר זייער גורל, פאַר זייער ביטער מזל! און איך האָב מיר געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט געווען איינע אַליין אויף דער וועלט, וואָלט איך שוין נישט אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען און וואָלט אָפּגעגעבן מיין לעבן זיי צו דינען, זיי צו טרייסטן, צו זיין אַ מוטער צו זיי, אַזוי ביז דער לעצטער שעה פון מיין לעבן.

און זיי האָבן דערווייל געזונגען. און דאָס זיינען געווען שטימען שוואַכינקע, זיסע, אומעטיקע, וועלכע זיינען גלייך אין דער נשמה אַריין געגאַנגען. די לערערין האָט זיי געלויבט, זיינען זיי געווען גליקלעך, און ווען זי איז דורכגעגאַנגען צווישן די בענק, האָבן זיי איר געקושט די הענט, ווייל זיי זיינען שרעקלעך דאַנקבאַר פאַר יעדער

גוטסקייט, וואָס מען ווייזט זיי[illegible], און זיינען זייער עמפינדלעך, און ווייזן אַרויס אַ סך פעיִקייטן, און לערנען זיך גוט — האָט מיר די לערערין געזאָגט.

די ליבע יינגע לערערין, וועלכע האָט אויף איר פּנים עפּעס ווי אַן אויסדרוק פון זאָרג, ווי אַן אָפּשיין פון דעם אומגליק, וועלכעס זי היילט, פלעגט און דערפרייידט.

דאָס טייערע, האַרציקע מיידל! צווישן אַלע מענטשלעכע באַשעפענישן, וועלכע פאַרדינען זיך מיט אַרבעט אויף זייער לעבן, איז נישטאָ אפשר קיין איינע, וועלכע זאָל זיך עס פאַרדינען הייליקער און אָפּפערוויליקער!

• • • • • • • • • • • • • •

אַ קרבן.

דינס יק, דעם 9-טן

וואָס פאַר אַ גוטע מיין מאַמע איז! און סילוויע — דעסגלייכן! זי האָט אויך אַזאַ גרויס און איידל האַרץ!

איך האָב פונקט איבערגעשריבן נעכטן אין אָוונט מיין טייל פון דער חודשלעכער דערציילונג: „פון די [illegible] ביז די אַנדעס״, וועלכע דער לערער האָט צעטיילט צווישן אונדז צום איבערשרייבן, ווייל זי איז זייער גרויס, ווען סילוויע איז אַריינגעקומען אויף די שפּיץ פינגער איילנדיק און זייער שטיל.

— קום מיט מיר צו דער מאַמען! איך האָב געהערט, ווי דער טאַטע האָט היינט איבערדערפרי גערעדט מיט דער מאַמען. דעם טאַטן האָט זיך זייער שלעכט אויסגעפירט עפּעס אַ געשעפט, און ער איז געווען זייער פאַרטרויערט; די מאַמע האָט אים געטרייסט. מיר

געפינען זיך אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע, דו פאַרשטייסט? מיר האָבן שוין נישט קיין געלט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז מען וועט זיך מוזן אָפּזאָגן פון אַ סך זאַכן, כדי ווי עס איז דורכצוקומען. דעריבער דאַרפן אויך מיר זיך באַגרענעצן, ברענגען עפּעס אַ קרבן, נישט אמת? ביסטו גרייט דאָס צו טון? גוט! איך וועל רעדן מיט דער מאַמען, און דו האַלט נאָר מיט מיר און זאָג מיר צו אויף דיין ערן וואָרט, אַז אַלץ וואָס איך וועל זאָגן — וועסטו טון!

אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט זי מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט, און מיר זיינען געגאַנגען צו דער מאַמען, וועלכע האָט עפּעס גענייט, פאַרזינקען אין געדאַנקען. איך האָב מיך געזעצט אויף דער סאָפע לעבן דער מאַמען פון איין זייט, סילוויע פון דער צווייטער זייט, און זי האָט באַלד אָנגעהויבן:

— מאַמע! איך וויל עפּעס רעדן מיט דער מאַמען, ביידע ווילן עפּעס רעדן מיט דער מאַמען.

די מאַמע האָט אַ בליק געטון פאַרוווּנדערט, און סילוויע האָט געזאָגט:

— דער טאַטע האָט נישט קיין געלט, אמת?

— וואָס זאָגסטו? — האָט די מאַמע זיך לייכט פאַררויטלט. — דאָס איז נישט אמת! פון וואַנען ווייסטו דאָס! ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?

— איך ווייס שוין! — האָט סילוויע אַנטשלאָסן געענטפערט — זאָל-זשע די מאַמע הערן! מיר דאַרפן זיך אויך פון עפּעס אָפּזאָגן. מיר ווילן זייער! די מאַמע האָט מיר צוגעזאָגט צו קויפן אַ פעכער סוף מאַי, און הענריק האָט אויך געזאָלט באַקומען אַ קעס-טעלע מיט פאַרבן, אָבער אַצינד ווילן מיר גאָרנישט! מיר ווילן נישט, אַז די עלטערן זאָלן אויסגעבן געלט. און מיר וועלן אַזוי אויך זיין צופרידן. נאָך מער. די מאַמע ווייסט?

די מאַמע אונדזערע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר סילוויע האָט אַלץ בסדר גערעדט:

— ניין, מאַמע! אַזוי מוז זיין, אַזוי וועט זיין. און כּל זמן דער טאַטע וועט נישט האָבן קיין געלט, ווילן מיר נישט, נישט קיין פּרוכטן, נישט קיין שום גוטע זאַכן, גאָרנישט. עס וועט גענוג זיין פּאַר אונדז זופּ צו מיטאָג, און אויף אָנבייסן און נאַכטמאָל וועלן מיר עסן נאָר ברויט. אויף אַזאַ אופן וועט מען אויסגעבן ווייניקער אויפן לעבן; וואָרים אַצינד גיט מען צופיל אויס. און מיר זאָגן-צו דער מאַמען, אַז מיר וועלן זיין פּונקט אַזוי צופרידן, ווי פריער, און נאָכמער! נישט אמת, הענריק!

איך האָב מיט פעסטקייט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— מיר וועלן שטענדיק זיין אַלצאיינס צופרידן, — האָט סילוויע איבערגעחזרט, פאַרשטעלנדיק דער מאַמען די ליפּן מיט דער האַנט. — און אויב מען וועט קענען עפּעס אָפּשפּאָרן פון אַנטון, צי פון עפּעס אַנדערש, וועלן מיר עס אויך טון מיט דער גרעסטער צופרידנהייט! און מיר וועלן אויך אויספאַרקויפן אַלע אַנדערע מתּנות. איך וועל אַלץ אַוועקגעבן, וואָס איך האָב, און וועל צוהעלפן דער מאַמען אין אַלעם, און מיר וועלן נישט אַוועקגעבן קיין שום אַרבעט פון שטוב אַרויס, וואָרים איך מיט דער מאַמען וועלן מיר אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, איך וועל אַלץ טון, וואָס די מאַמע וועט נאָר וועלן, איך בין גרייט — אויף אַלץ! אויף אַלץ! — האָט זי אויסגעשריגן הויך, פאַרוואַרפנדיק די הענט דער מאַמען אויפן האַלדז. — דער טאַטע און די מאַמע זאָלן נאָר נישט דאַרפן זאָרגן און איך זאָל ווידער זען, אַז זיי זיינען רויק, פריילעך, ווי זיי זיינען געווען פריער, און צופרידן פון זייערע קינדער, וועלכע האָבן זיי זייער, זייער שטאַרק ליב! אַזוי ליב, אַז זיי וואָלטן אַוועקגעבן דאָס לעבן פאַר זיי!

קיינמאָל האָב איך נאָך, דאַכט זיך, נישט געזען די מאַמען אַזוי גליקלעך, ווי ווען זי האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער; קיינמאָל האָט זי נאָך נישט געקושט סילוויען מיט אַזאַ גערירטקייט,

װײנענדיק און לאַכנדיק צוזאַמען און נישט קענענדיק אַרױסרעדן אַפילו קײן אײן װאָרט.

זי האָט זיך ענדלעך באַרויִקט און פאַרזיכערט סילוויען, אַז אַזױ שלעכט איז נאָך נישט, אַז מיר געפינען זיך נאָך נישט חלילה אין אַזאַ גרױסער אָרימקײט, און איר געדאַנקט, און דעם גאַנצן טאָג שוין געװען פרײלעך, און װען דער טאַטע איז צוריקגעקומען, האָט זי אים דערצײלט. און דער אָרימער טאַטע האָט אַפילו די ליפּן נישט געעפנט.

נאָר צומאָרגנס באַ מיטאָג, װען מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש, האָב איך דערפילט אי פרײד, אי טרױער: אונטער מײן טיש-טוכל איז געלעגן אַ קעסטעלע מיט פאַרבן, און סילוויע האָט געפונען אונטער איר טישטוכל — אַ פעכער.

• • • • • • • • • • • • • •

אַ שׂ ר פ ה.

דאָנערשטיק, דעם 11-טן

איך האָב פאַרענדיקט הײנט אינדערפרי דאָס איבערשרײבן מײן טײל דערצײלונג: „פון די אַפּעניִנען ביז די אַנדן” און געטראַכט װעגן װאָס צו שרײבן די אױפגאַבע, װעלכע דער לערער האָט אונדז פאַרגעבן, אַז עס זאָל אַרױסקומען עפּעס גוט, װי איך האָב פּלוצלינג דערהערט אַן אױסערגעװײנטלעך גערױש אױף די שטיגן, און באַלד דערנאָך זײנען אַרײנגעקומען אין אונדזער װױנונג צװײ פּאָמפּע-מײסטערס פון די פײערלעשער און געזאָגט מײן טאַטן, אַז זײ מוזן אונטערזוכן די אױװנס און די קוימענס, װאָרים

די סאַדזשעס ברענען אין הויז, און מען ווייסט נישט פון וואַנען דאָס פייער גייט.

דער טאַטע האָט געענטפערט:

— אַדרבה, איך בעט זייער! — און כאָטש בײַ אונדז האָט מען אין ערגעץ נישט געברענט קיין פייער, האָבן זיי פונדעסטוועגן אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער די צימערן און צוצולייגן דאָס אויער צו די ווענט, אײַנהערנדיק זיך, צי אין די לופטן פון די קוימענס, וואָס גייען אַרויף צו די העכערע שטאָקן, הוטשעט נישט קיין פייער.

און ווען זיי זײַנען אַזוי אַרומגעגאַנגען, האָט דער טאַטע מיר געזאָגט:

— נו, און דו האָסט, יינגל, אַ טעמע פאַר דײַן אויפגאַבע: „די פייערלעשער". פרוו באַשרייבן דאָס, וואָס איך וועל דיר דערציילן:

איך האָב זיי געזען בײַ דער אַרבעט מיט צוויי יאָר צוריק, שוין שפּעט בײַ נאַכט, אַרויסגייענדיק פון טעאַטער. איך בין פונקט צוגעקומען צו דער גאַס „ראָמאַ", ווען איך האָב דערזען עפּעס אַן אומגעוויינטלעכע ליכטיקייט און אַ המון לויפנדיקע מענטשן. עס האָט געברענט אַ הויז. צונגען פייער און וואָלקנס רויך האָבן אַרויסגעזעצט פון די פענסטער און פון דאַך, מענער און פרויען האָבן זיך באַוויזן צווישן זיי און באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַרויסלאָזנדיק אויסגעשרייען פון פאַרצווייפלונג. פאַרן טויער האָט זיך געפּאַקט אַ המון מענטשן, וועלכע האָבן געשריגן:

— ראַטעוועט! זיי וועלן לעבעדיקערהייט פאַרברענט ווערן! ראַטעוועט! די פייערלעשער!

אין דער רגע איז שטיין געבליבן פאַרן טויער אַ וואָגן. פיר פייערלעשער, וועלכע האָבן זיך גראָד געפונען אין ראַטהויז, זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פון אים און זיך געוואָרפן צום פלאַמענדיקן הויז.

זיי זיינען קוים נאָר וואָס אַריין דאָרט, ווי אַ שרעקלעך בילד האָט אונדז פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. עפּעס אַ פרוי איז מיט אַן אוממענטשלעכן געשריי צוגעלאָפן צו אַ פענצטער פון דריטן שטאָק, זיך אָנגעכאַפּט אָן דער ריגע, און אַריבערוואַרפנדיק זיך איבערן פענסטער, איז זי געבליבן הענגען אין דער לופט, אַרומגענומען פון רויך און פייער, וועלכע האָבן נאָך איר פון פענסטער אַ זעץ געטון.

דער המון האָט אימהדיק געשריגן. די פייערלעשער, וועלכע זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן צווייטן שטאָק דורך די איבערגעשראָקענע איינוווינער, האָבן שוין אָנגעהויבן דאָרט די ווענט צו האַקן, ווען טויזנטער שטימען האָבן זיך אַ טראָג געטון פון דער גאַס:

— אויפן דריטן! אויפן דריטן שטאָק! אויפן דריטן!..

זיינען זיי אַרויף אויפן דריטן. אַ גאַנץ גהינום פייער. די ברענענדיקע בעלקעס האַקן אַדורך די סופיטן, די קאָרידאָרן זיינען אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען און פון אַ שטיקנדיקן רויך.

זיך אַרויפצוקריגן אין די פאַרמאַכטע צימערן אַריין, איז נישט געווען קיין אַנדערער וועג, ווי דורכן דאַך. האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון אויפן בוידעם אַרויף, און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר דערזען עפּעס ווי אַ שוואַרצן שד, וועלכער שפּרינגט צווישן רויך און די פלאַמענדיקע בעלקעס. דאָס איז געווען דער קאַפּראַל, וועלכער איז אָנגעלאָפן דער ערשטער.

אָבער כדי זיך צו קענען אַרײַנקריגן אין דער פאַרמאַכטער וווינונג דורכן דאַך, האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַן אומגעהייער שמאָל שטיקל דאַך, וואָס האָט זיך געפונען צווישן בוידעם-פענסטער און קוימען. קיין אַנדערער וועג איז נישט געווען, ווייל דאָס פייער האָט שוין געהאַט אַרומגעכאַפּט אַלץ און דאָס דאָזיקע שמאָלע שטיקל

אָבער, וואָס האָט געפּירט איבער דער משופּעדיקייט פון דאָך, איז צו יענער צייט געווען באַדעקט מיט שניי און אייז, און אָנכאַפּן זיך אָן עפּעס, איז נישט געווען אָן וואָס.

ער וועט נישט דורכגיין! עס איז אוממעגלעך — האָט דער המון געשריגן אויף דער גאַס.

דער קאַפּראַל האָט זיך צוגערוקט אַזש ביז דעם סאַמע עק פון דאַך, און דערגרייכנדיק אַ פּונקט, אויף וועלכן ער האָט זיך געקענט אָנשפּאַרן מיטן פוס, האָט ער גוואַלטיק שנעל אָנגעהויבן צו צעהאַקן די בעלקעס, די קראָקוועס, די ריגעס, כדי זיך צו מאַכן אַן עפענונג אינעווייניק אַריין. און די פרוי איז אַלץ נאָך געהאָנגען אונטערן פענסטער. און דאָס פייער האָט געהוטשעט איבער איר קאָפּ, און דער רויך האָט זי איינגעהילט אין אַ טויטן-הילע. נאָך אַ רגע און זי וועט אַראָפּפאַלן אויף די שטיינער פון גאַס. אָבער די עפענונג איז שוין געווען געמאַכט, דער קאַפּראַל האָט זיך אָנגעהאַלטן אָ אַ האָק און זיך אַראָפּגעלאָזט אינעווייניק אַריין. דערווייל זיינען אויך די אַנדערע אָנגעלאָפן און זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך אים.

אין דעם זעלבן מאָמענט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אומגעהייער גרויסע לייטער, וועלכע מען האָט געברענגט צופירן, אָנשפּאַרנדיק זי אונטער די פענסטער, פון וועלכע עס האָבן געזעצט די פלאַמען און עס האָבן זיך געהערט די אימהדיקע אויסגעשרייען. אַלע האָבן פונדעסטוועגן געמיינט, אַז עס איז שוין צו שפּעט.

— איר וועט קיינעם נישט ראַטעווען — האָט געשריגן דער המון אויף דער גאַס.

— זיי וועלן פאַרברענט ווערן, דערשטיקט ווערן, אויך די פייערלעשער!

— פאַרפאַלן!

— אומזיסט!

פלוצלינג האָט זיך אין פענסטערל איבער דער רינגע באַוויזן די שוואַרצע פיגור פון קאַפּראַל, וועלכע איז באַלייכט געווען פון א העלן פלאַם. ער האָט זיך אָנגעבויגן, די פרוי האָט אים ארומגעכאַפּט באַם האַלדז, ער האָט זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט אין דער העלפט און אריינגעצויגן אינעווייניק. אַן אויסגעשריי פון טויזנטער שטימען האָט פאַרטויבט אויף אַ ווײַלע דעם קנאַק פון פייער.

אָבער אַנדערע האָבן געשריגן:

— ווי אַזוי וועלן זיי אַראָפּגיין? די לייטער, וועלכע איז אָנגעשפּאַרט אָן דאַך פון דעם צווייטן פענסטער, איז צו ווייט פון זיי. ווי אַזוי וועלן זיי זי אָנכאַפּן?

נאָר דערווייל, ווי מען האָט זיך דאָ אַזוי געפרעגט מיט קלאַפּנדיקע הערצער, וואָס עס וועט זיין, איז שוין איינער פון די פייערלעשער געשטאַנען אויפן געזימס פון הויז מיט איין פוס, מיטן צווייטן אויף דעם לייטער, און אַזוי, אויסגעצויגן גלייך אין דער לופט, האָט ער גענומען אין זיינע אָרעמס אַריין איינעם נאָכן צווייטן די איינוואוינער פון ברענענדיקן הויז, וועלכע אַנדערע האָבן אים דערלאַנגט פון אינעווייניק, און זיי איבערגעגעבן זיין חבר, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער לייטער, און דער ווידער האָט זיי אַרומגעבונדן שטאַרק מיט אַ לינע און מיט דער הילף פון די, וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט דער לייטער, האָט ער זיי אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

די ערשטע איז אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט געוואָרן די פרוי, וועלכע האָט זיך געהאַט פריִער אָנגעהאָנגען אָן דער רינגע, נאָך איר עפּעס אַ קינד, דערנאָך ווידער אַ צווייטע פרוי, דערנאָך אַן אַלטיטשקער. אַלע זיינען געראַטעוועט געוואָרן! נאָך זיי ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן די פייערלעשער. דער לעצטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער קאַפּראַל, דער, וועלכער איז דער ערשטער געקומען צו לויפן ראַטעווען. דער המון, וועלכער האָט זיך געהאַט

צוזאַמענגעקליבן אויף דער גאַס, האָט זיי אויפגענומען מיט אַ דונער אַפּלאַדיסמענטן. אָבער ווען עס האָט זיך באַוויזן דער קאַפּראַל, דער פירער פון דעם דאָזיקן הייפעלע רעטער, דער, וועלכער איז פאַר אַלע אין די אויגן געהאַנגען איבערן אַפּגרונט, דער, וועלכער וואָלט זיכער געווען אומגעקומען, אויב איינער פון זיי וואָלט געמוזט אומקומען, האָט דער המון אים באַגריסט ווי אַ טריומפירער, שרייענדיק און אויסציענדיק צו אים די הענט מיט באַגייסטערטער דאַנקבאַרקייט און באַוואונדערונג, און זיין נאָמען, דער נאָמען, וועלכער איז קיינעם פריער נישט באַקאַנט געווען, האָט געקלונגען אויף אַלעמענס ליפּן.

דו האָסט פאַרשטאַנען?

דאָס איז אַ דרייסטקייט! אַ דרייסטקייט פון אַ האַרץ, וועלכעס טראַכט נישט, וועלכעס צווייפלט נישט, נאַר, ווי אַ בלינדער דונער, וואַרפט עס זיך דאָרט, ווו עס דערהערט אַן אויסגעשריי פון טויט-שרעק.

איך מוז דיך וועלכן טאָג פירן אויף די איבונגען פון די פייערלעשער, און כ'וועל דיר אויך ווייזן דעם קאַפּראַל ראָבינאָ! דו וועסט צופרידן זיין, וואָס דו וועסט אים דערקענען; אמת?

— יאָ, אמת! — האָב איך געענטפערט.

און דאָ זאָגט דער טאַטע:

— אָט איז ער טאַקע!

איך האָב מיך אומגעקוקט. צוויי פייערלעשער, וועלכע האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט זייער אונטערזוכונג, זיינען דורכגעגאַנגען דורך אונדזער צימער צום אַרויסגאַנג.

דער טאַטע האָט מיר אָנגעוויזן אויפן קלענערן, וועלכער האָט געהאַט אַ טרעלבעלע אויפן אָרעם, און געזאָגט:

— דריק די האַנט דעם קאַפּראַל ראָבינאָ!

דער קאַפּראַל האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר דערלאַנגט די

האַנט מיט אַ שמייכל. איך האָב זי געדריקט מיטן גאַנצן כּוח, און ער האָט זיך אַ נייג געטון און אַרויסגעגאַנגען.

— פאַרגעס-זשע אים נישט — האָט מיין טאַטע צוגעגעבן — וואָרים פון די אַלע טויזנטער הענט, וועלכע דיר וועט אויסקומען אין דיין לעבן צו דריקן, ווייס איך נישט, צי עס וועט זיין כאָטש צען, וואָס וואָלטן ווערט געווען זיין האַנט צו דריקן.

— — — — — — — — — — —

פון די אַפּענינען ביז די אַנדן.

חודשלעכע דערציילונג.

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט איין יינגל, אַ גענועזער, וועלכער איז אַלט געווען דרייצען יאָר, אַ זון פון אַן אַרבעטער, זיך אַוועקגעלאָזט פון גענואַ קיין אַמעריקע איינער אַליין, כּדי אויפצוזוכן דאָרט זיין מוטער.

זיין מוטער האָט מיט צוויי יאָר צוריק אַרויסגעוואַנדערט קיין בוענאָס-איירעס, די הויפּט-שטאָט פון אַרגענטינע, זיך דאָרט צו שטעלן דינען ערגעץ אין אַ רייכן הויז און פאַרדינען אין אַ קורצער צייט אַזוי פיל, אַז זי זאָל קענען אַרויסהעלפן איר פאַמיליע, וועלכע איז זייער פאַראָרימט געוואָרן און זיך שטאַרק איינגעשולדיקט צוליב אַ סך אומגליקן.

נישט ווייניק מוטיקע פרויען זיינען דאָ באַ אונדז אין לאַנד, וועלכע לאָזן זיך אין אַזאַ וויטן וועג אַריין מיטן זעלבן ציל, און אַ דאַנק דעם הויכן געצאָלטס, וואָס עס באַקומט דאָרטן אַזעלכע, וואָס איז פעיק צו דינען, קערן זיי זיך אים אַהיים נאָך אַ צוויי, דריי יאָר מיט עטלעכע טויזנט לירעס.

ווען דער אָרימער פרוי איז אויסגעקומען זיך צו שיידן מיט

אירע זין, פון וועלכע איינער איז אַלט געווען אַכצען יאָר און דער צווייטער האָט געענדיקט עלף, האָט זי זיך צעוויינט מיט בלוטיקע טרערן פאַר גרויס האַרץ-ווייטיק. דאָך, ווייסנדיק, אַז זי טוט דאָס פאַר זייער גוטס וועגן, האָט זי זיך געלאָזט אין וועג אַריין מוטיק און פול מיט בטחון. דער וועג איז געווען אַ גוטער. ווי נאָר זי איז אָנגעקומען קיין בוענאָס-איירעס, האָט די העלדישע פרוי מיט דער הילף פון איר מאַנס אַ קרוב, וועלכער איז שוין געווען דאָרט לאַנג באַזעסן, געפונען אַ גוטע שטעלע באַ אַ געוויסער אַרגענטינער פאַמיליע, ווו מען האָט איר געצאָלט זייער גוט און זיך באַגאַנגען מיט איר זייער האַרציק. איז זי דעריבער געווען זייער צופרידן, און אַ לאַנגע צייט געשריבן צו איר פאַמיליע רעגולער, דערפרייענדיק זיי מיט איר ערפאָלג. נאָך פאַר דעם איידער זי איז אַוועקגעפאָרן, האָט זי זיך געהאַט אָפּגעשמועסט מיט איר מאַן, אַז ער, דער מאַן, וועט שיקן זיינע בריוו טאַקע צו דעם דאָזיקן קרוב, וועלכער וועט זיי איבערגעבן איר. זי, ווידער וועט אירע ענטפערס איבערגעבן אויך אים, דעם דאָזיקן קרוב, און ער וועט זיי אָפּשיקן קיין גענוא, צושרייבנדיק אַמאָל עטלעכע ווערטער אויך פון זיך.

אויף אַזאַ אופן האָט זי פאַרדינט אַכציק לירעס יעדן חודש, און ווייל זי האָט אויף זיך גאָרנישט אויסגעגעבן, האָט די טיכטיקע פרוי געקענט אַהיימשיקן יעדעס קוואַרטאַל אַ גאַנץ שיינע סומע, פון וועלכער דער מאַן, זייער אַן אָרנטלעכער מענטש, האָט באַלד אָפּגעצאָלט די ביטערסטע חובות, באַקומענדיק צוריק זיין גוטן נאָמען, און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער רגע, ווען זיין פרוי וועט זיך שוין אומקערן, וואָרים אָן איר האָט אים די שטוב אויסגעזען פוסט, און דער יינגסטער פון די זין, וועלכער איז געווען זייער צוגעבונדן צו דער מוטער, האָט שרעקלעך געבענקט נאָך איר און זיך נישט געקענט באין אופן צו דער צעשיידונג צוגעוויינען.

אָבער נאָכדעם ווי עס איז אַריבער אַ יאָר און עס איז אָנגעקומען אַ קורץ בריוועלע, אין וועלכן זי האָט צו וויסן געטון אירע אייגענע, אַז זי פילט זיך עפּעס נישט געזונט, האָט מען אינגאַנצן אויפגעהערט פון איר צו הערן.

מען האָט געשריבן צוויי מאָל צו דעם דאָזיקן קרוב, און ער האָט נישט געענטפערט.

מען האָט געשריבן צו דער פאַמיליע אין אַרגענטינע, בא וועלכער די פרוי האָט געדינט, אָבער מען האָט נישט געוווסט, צי דער בריוו איז אָנגעקומען, צי ניין, ווארים דעם נאָמען האָבן זיי נישט גוט געדענקט, גענוג, אַז זיי האָבן פון דאָרט אויך קיין שום ידיעה נישט דערהאַלטן.

דאַמאָלס, מורא האָבנדיק, אַז עס זאָל נישט האָבן געשען עפּעס אַן אומגליק, האָט דער פאָטער אַוועקגעשריבן צום איטאַליענישן קאָנסול קיין בוענאָס-איירעס און געבעטן אים, ער זאָל פאַראָרדענען זי צו זוכן. דאָך האָט ער זיך אין דריי חדשים אַרום דערוווסט בלויז נאָר דאָס, אַז אויף די אַנאָנסן, וועלכע דער קאָנסולאַט האָט געגעבן אין די אָרטיקע צייטונגען, האָט זיך קיינער נישט אָנגערופן און אַז עס איז נישט געפונען געוואָרן קיין שום שפּור פון דער פאַרלוירענער.

און עס האָט אויך אַנדערש נישט געקענט זיין! ווארים דער גוטער פרוי איז געקומען אויפן געדאַנק, אַז כדי אָפּצוהיטן דעם כבוד פון איר פאַמיליע, וועלכער האָט איר אויסגעזען צו ווערן דערניִדעריקט פון דעם. וואָס זי האָט זיך געשטעלט דינען, — דאַרף זי איבערבייטן איר פאַמיליע-נאָמען און אָנגעבן באַלד אַן אַנדערן, דאָרט וווּ זי וועט זיין.

עס זיינען אַריבער עטלעכע חדשים אָן דער מינדסטער ידיעה. דער פאָטער און די זין זיינען געווען זייער פאַרטרויערט, דער

יינגערער האָט פון אומגעהייערער בענקשאַפט אַזש אָנגעהויבן קראַנק ווערן. וואָס טוט מען? צו וועמען ווענדט מען זיך? דער ערשטער געדאַנק פון פאָטער איז געווען צו פאָרן און זוכן זיין פרוי אין אַמעריקע. אָבער די אַרבעט? און ווער וועט איבער דער צייט אויפהאַלטן דאָס הויז און די קינדער? עס האָט אויך נישט געקענט פאָרן דער עלטערער זון, וועלכער האָט שוין גראָד צו ביסלעך אָנגעהויבן פאַרדינען און איז נייטיק געווען דער פאַמיליע.

און אַזוי האָבן זיי אין דער דאָזיקער שווערער זאָרג געלעבט טאָג-איין-טאָג-אויס און אַלץ איינעם איבערגעחזרט די זעלבע פיינלעכע פראַגע: וואָס טוט מען? — קוקנדיק איינער אויפן צווייטן שטילשווייגנדיק, ביז איינמאָל דער קליינער מאַרעק איז אַרויסגעשפּרונגען און אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איך וועל פאָרן קיין אַמעריקע און אָפּזוכן די מאַמע.

דער פאָטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ מיט טרויער און גאָרנישט געענטפערט. יאָ! דאָס איז געווען אַ האַרציקער איינפאַל, אָבער אַ זאַך — נישט צום אויספירן. בײַ דרייצען יאָר אַליין קיין אַמעריקע, ווען דער וועג געדויערט אַ קנאַפּן חודש!

אָבער דאָס יינגל האָט נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט זיך געהאַלטן בײַ דאָס זייניקע דעם גאַנצן טאָג, איז נישט אָפּגעטרעטן, דעם צווייטן, דעם דריטן, איז צוגעשטאַנען צום פאָטער אַלע טאָג, געבענדיק אים צו פאַרשטיין מיט גרויס שכל, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

— עס זיינען שוין געפאָרן דאָרט אַהין אַ סך יינגערע פאַר מיר! — האָט ער געזאָגט, — אַז איך וועל נאָר זיין אויף דער שיף, וועל איך דאָך שוין צושווימען, צי איך בין קליין, צי גרויס. האָט נישט קיין מורא, מען וועט מיך שוין דאָרט אַהינפירן!

און אַז איך וועל שוין זיין אויפן אָרט — איז וואָס-זשע? וועל איך נישט קענען אָפּזוכן דאָס געוועלב פון אונדזער קרוב?

דאָרט זיינען דאָך דאָ אַזוי פיל איטאַליענער, וועט מיר דער ערשטער בעסטער ווייזן די גאַס! און אַז איך וועל נאָר טרעפן צו אים, איז דאָך שוין אַזוי, ווי איך וואָלט געטראָפן צו דער מאַמען!

אויב איך וואָלט אים ווידער נישט געפונען, וועל איך גלייך גיין צום קאָנסול און זיך באַקלאָגן אויף די הערן, ווו די מאַמע איז געווען. איבעריקנס, וואָס עס האָט צו זיין, זאָל זיין, און קיין אַרבעט פעלט דאָרט קיינעם נישט. וועל איך אויך געפינען אַרבעט און איך וועל נאָך פאַרדינען על-כל-פנים אַזוי פיל, אַז איך זאָל קענען צוריקקומען אַהיים! און אַזוי ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט ער דעם פאַטער כמעט איינגאַנצן איבערגעצייגט.

דער פאַטער האָט אים געגלייבט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס יינגל איז קלוג און דרייסט, ער האָט אויך געוווּסט, אַז צו שווערן לעבן, צו אָרימקייט איז ער געוווינט פון קליינווייז אויף, און אַז אויסצופירן די דאָזיקע אונטערנעמונג, וועט ער געפינען כוחות אין זיין הארץ, פאַר וועלכן דאָס אָפזוכן די געליבטע מוטער איז געווען אַ הייליקער ציל. גראָד האָט זיך אויך געמאַכט, אַז אַ קאַפּיטאַן פון אַ דאַמף-שיף, וועלכע האָט געהאַלטן באַ אַוועקגיין אין ים אַריין, האָט זיך דערוווּסט פון זיינס אַ באַקאַנטן וועגן דער דאָזיקער גע-שיכטע און זיך אונטערגענומען צו געבן דעם יינגל אומזיסט אַ בילעט דריטע קלאַס אַזש ביז אַרגענטינע. און אַזוי, איז דער פאַטער, נאָך אַ קורצן שלאָגן זיך מיט דער דעה, באַשטאַנען, און דער וועג איז געווען באַשלאָסן. מען האָט אָנגעלייגט דעם קליינעם מאַרעקן אַ פולע טאָרבע מיט עסן, מען האָט אים געגעבן אין קעשענע אַריין עטלעכע סקודן,*) מען האָט אים באַזאָרגט מיטן אַדרעס צום קרוב, און אין אַ געוויסן שיינעם טאָג, אין אַפּריל, האָט מען אים אַוועק-געפירט אויף דער דעק פון שיף.

---

*) אַן איטאַליענישע מטבע.

— זון מיינער, מאַרעק טייערער! — האָט דער פּאָטער גע־זאָגט, צודריקנדיק אים צום האַרץ נאָך איינמאָל אויף די שטיגן פון דער שיף, מיט פולע אויגן טרערן. — פיר־זשע דיך אויף גוט! פאָר מיט גאָט! אַ זון, וועלכער זוכט זיין מאַמען, וועט גאָט נישט פאַרלאָזן!

* * *

אָרימער מאַרעק! זיין האַרץ איז געווען גענוג מוטיק און צוגעגרייט פאַר די שווערסטע נסיונות פון דעם דאָזיקן ווייטן וועג: אָבער ווען זיין שיינע גענוג איז אים פאַרשווונדן געוואָרן פון די אויגן, ווען ער האָט זיך דערזען אַליין אין מיטן ים, צווישן דעם גרויסן עולם עמיגראַנטן, וואָס האָבן פאַרנומען די גאַנצע שיף, איינ־גאַנצן אַליין, פרעמד, מיט דעם דאָזיקן קליינעם פּעקעלע זיינעם, וואָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך זיין גאַנץ פאַרמעגן, האָט אים אַ גרויסער טרויער אַרומגענומען און אַ גרויסער צווייפל. ווי אַ הונט, וואָס האָט אָנגעווירן זיין בעל־הבית, איז ער געלעגן די ערשטע צוויי טעג אויף דער פעדערשטער טייל פון דער דעק, נישט קענענדיק גאָרנישט נעמען אין מויל אַריין, און עס האָט זיך אים נאָר געגלוסט וויינען, וויינען. פאַרשיידענע געדאַנקען זיינען אים געקומען אין קאָפּ אַריין, איינער טרויעריקער פאַר דעם צווייטן; און דער שווערסטער פון זיי און טרויעריקסטער האָט אים קיין איין מינוט נישט אָפּגעלאָזט: דער געדאַנק, אַז זיין מוטער, ווער ווייסט — זי לעבט שוין אפשר נישט...

אין די אומרויִקע, זיך פלאָנטערנדיקע חלומות זיינע האָט ער בסדר געזען אַ פּנים פון אַן אומבאַקאַנטן, וועלכער האָט זיך אָנגע־געבויגן איבער אים, געקוקט מיט רחמנות, און אַריינגערעדט אים אין אויער אַריין: דיין מאַמע איז געשטאָרבן! — און ער האָט זיך

אויפגעכאַפּט און געשטיקט אין זיך די אויסגעשרייען פון פאַר-צווייפלונג.

ערשט דאַמאָלס, ווען די שיף האָט פאַרלאָזט דעם גיבראַל-טאַרער וואַסער-פּאַס און אַרויסגעשוואומען אויפן אַטלאַנטישן ים, האָט אַ ביסעלע האָפנונג, אַ ביסעלע טרייסט אַרומגענומען מאַרעקס גע-מיט, אָבער נאָר אויף אַ קורצער ווייל. דער זאַ־קער אומענדלע-כער, אַלץ איבייגעם אייבאַרטיקער ים, די היץ, וועלכע האָט גע-האַלטן אין איין וואַקסן, דאָס ענגשאַפט פון די אָרימע עמיגראַנטן, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, און איבער אַלעם דאָס געפיל פון פאַלשטענדיקער איינזאַמקייט און אָפגעריסנקייט פון דער היים, האָט אים באַלד ווידער צוריק אַרייגעוואָרפן אין דעם זעלבן געפיל, וואָס איז נאָנט געווען פון פאַרצווייפלונג. האָבן זיך די פוסטע, אייגאַר-טיקע טעג, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איינער נאָכן צווייטן אָן דער מינדסטער ענדערונג, צוגויפגעגאָסן אין זיין מוח, ווי דאָס געשעט אַמאָל בא קראַנקע. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאָרט אַזוי שוין מינדסטנס אַ יאָר אויף דעם דאָזיקן ים. און יעדן אינדערפרי, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך אויף דאָס ניי געוווּנ-דערט, וואָס ער איז אַליין, צווישן אַזוי פיל אומבאַקאַנטע מענטשן, און שווימט גאָר קיין אַמעריקע!

די דאָזיקע שיינע, פליענדיקע פיש, וועלכע פלעגן טיילמאָל אַראָפּפאַלן אויף דער דעק, די אומגעווייגטלעכע אונטערגענג און אויפגענג פון דער זון נישט ווייט פון עקוואַטאָר; די זילבערנע צוונט-נעפּלען, דער וווּנדערבאַרער פאָספאָר-גלאַנץ פון דעם ים באַ-נאַכט, דאָס אַלץ האָט אים אויסגעזען צו זיין נישט קיין נאַטירלע-כע דערשיינונג, נאָר עפּעס אַ וווּנדערלעכער חלום. אָבער דערנאָך איז געווען נאָך ערגער. דערנאָך זיינען אָנגעקומען רעגנדיקע טעג, אין דער צייט פון וועלכע ער האָט זיך כסדר געפונען ווי איינגע-שלאָסן אין דער צווישן-דעק, וווּ אַלץ האָט זיך געטרייסלט און

איבערגעקערט, און ווו מען האָט נישט געהערט גאָרנישט, אַ חוץ געשרייען און אומאויפהערלעכע זידלערייען. דאַמאָלס האָט שוין דאָס אָרימע יינגל געטראַכט, אַז זיין לעצטע שעה איז שוין אָנגעקומען.

און דערנאָך ווידער אַן ענדערונג. טעג שווערע, שטיקנדיקע, נישט צום אויסהאַלטן היסע, דער ים גלאַט, געלבלעך, אָן דער מינדסטער באַוועגונג, שווייגנדיק, נישט דעם אָטעם צו כאפן אין דער טויטער לופט, לאַנגווייליק ביז צום שטאַרבן; טעג פאַרשלאָפענע, ביז צום טויט מאַטערנדיקע, אומדערטרעגלעך שווערע, אין פאַרלויף פון וועלכע די אומבאַוועגלעך אויסגעצויגענע פּאַסאַזשירן אויף דער דעק, אויף די בענק האָבן אויסגעזען ווי טויטע. און דער וועג, ווי ער וואָלט גאָרנישט קלענער געוואָרן. הימל און ים, ים און הימל, הייַנט ווי נעכטן, מאָרגן ווי הייַנט, און ווידער דאָס אייגענע, און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע, און אייביק אַזוי.

און דאָס יינגל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם האַנטאָנלען פון דער שיף, מיט די אויגן אויפגעהויבן איבער דעם אָקעאַן, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף, פאַרטויבט און צעמישט פון די נעפּלהאַפטע, עקשנותדיקע געדאַנקען וועגן זיין מוטער, כל זמן די ברעמען זיינען אים נישט שווער געוואָרן ווי בלײ און דער קאָפּ איז אים אויף דער האַנט אַראָפּגעפאַלן. און דאַמאָלס — האָט ער ווידער דערזען דאָס אומבאַקאַנטע פּנים, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט גרויס רחמנות, און דערהערט דאָס שטילע שעפּטשען: דיין מאַמע איז געשטאָרבן. און ער האָט זיך אַליין ווי פון שלאָף געוועקט און מיט גוואַלט אויפגעריסן, כּדי ווידער צו קענען חלומען וואַכעדיקערהייט, מיט די אויגן פאַרבלאָנדזשעט דאָרט ווייט צום האָריזאָנט, וואָס איז אַזוי שטיל, אַזוי אומבאַוועגלעך.

*

* *

זיבן און צוואַנציק טאָג האָט געדויערט דער דאָזיקער וועג! די לעצטע טעג זיינען פונדעסטוועגן געווען אַ ביסעלע בעסער. די ליפּט איז פרישער געוואָרן, דאָס וועטער איז געווען שיין. מאַרעק האָט זיך באַקענט מיט איינעם אַן אַלטן לאָמבאַרדיער, וועלכער איז געפאָרן קיין אַמעריקע צו גאַסט צו זיין זון, וואָס האָט דאָרט גע־האַט אַ שטיקל ערד נישט ווייט פון דער שטאָט ראָסאַריאָ. ער האָט אים דערציילט אַלץ פון זיין פאַמיליע, און דער אַלטער האָט, אויסהערנדיק אים, געקלאַפּט אים אין דער פּלייצע אַריין און אַלע מאָל געזאָגט: „זיי מוטיק, יינגל! דו וועסט טרעפן דיין מאַמע געזונט און גליקלעך!

די דאָזיקע שמועסן, דער דאָזיקער שוין אַזוי אַלטער חבר האָבן אים אַ ביסל געשטאַרקט; די טרויעריקע פאָרגעפילן האָבן זיך געביטן אויף פריילעכע דערוואַרטונגען.

זיצנדיק אַזוי אויף דער אונטערשטער טייל דעק, לעבן דעם אַלטן דאָרפסמאַן, וועלכער האָט גערייכערט אַ לולקע, אונטער דעם שיינעם, אויסגעשטערנטן הימל, צווישן די גרופּקעלעך עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געזונגען, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט צום טויזנטסטן מאָל, ווי אַזוי ער וועט דאָס אָנקומען קיין בוענאָס־איירעס; ער האָט זיך געזען שוין אויף דער באַשטימטער גאַס, ער האָט שוין געהאַט אָפּגעזוכט דאָס געוועלב פון זיין קרוב, און געלאָפן דערצו מיט אַן אויסגעשריי: „די מאַמע איז געזונט?.. ווו איז די מאַמע?.. קומט מיט מיר גיכער! קומט מיט מיר גיכער צו איר! זיינען זיי אַרויסגעלאָפן אינאיינעם, אַרויף אויף שטיגן, אַ טיר האָט זיך גע־עפנט — און... און דאָ האָט זיך זיין פאַנטאַזיע איבערגעריסן. די שטימען, מיט וועלכע ער אַליין האָט גערעדט זיינען שטיל געבליבן.

און זיין הארץ איז אינגאנצן פארגאסן געווארן מיט א געפיל פון אומגעהייערער גליקזעליקייט.

* * *

אויפן זיבן און צוואנציקסטן טאג נאכן ארויספארן פון גענוע, זיינען זיי ענדלעך אנגעקומען. א ראזער מאי-פרימארגן האט ארומ-גענומען דעם הימל, ווען די שיף האט פארווארפן דעם אנקער אין אויסגוס פון דעם גרויסן טייך לא פלאטא, אויפן ברעג פון וועלכן עס האט זיך דערהויבן די שטאט בוענאס-איירעס, די הויפטשטאט פון דער ארגענטינער רעפובליק.

דער דאזיקער מאי-פרימארגן איז געווען ווי א גוטע פארזא-גונג פאר אונדזער יינגל. א גרויסע פרייד און אומגעדולד האבן אים שיער פון זינען נישט אראפגעפירט. זיין טייערע, ליבע מאמע איז שוין אזוי נאנט, אזוי נאנט פון אים; אין עטלעכע שעה ארום וועט ער זי זען, ארומנעמען! אין דאס איז ער שוין טאקע אין אמעריקע, אין דער דאזיקער בייער וועלט, און ער האט געהאט גענוג מוט אונטערצונעמען אזא וועג, אליין, און דערגרייכט צום ציל!

אלץ, וואס ער האט דורכגעמאכט, זיך אנגעליטן אין דעם וועג האט אים אויסגעזען אצינד אזוי קליין, ווי ער וואלט געפלויגן א שטייגער אין א חלום און זיך אצינד אויפגעכאפט. און ער איז געווען אזוי גליקלעך, אז עס האט אים גאר נישט געארט און ער איז אפילו נישט טרויעריק געווארן, ווען ער האט, ארייגשטעקנדיק די האנט אין קעשענע, נישט געפונען איינס פון די צוויי קניפלעך, אין וועלכע עס האט זיך געפונען זיין גאנץ פארמעגן, וואס ער האט געהאט איינגעטיילט אין צווייען, כדי זיכער צו זיין, אז עס וועט נישט אלץ מיטאמאל אנווערן.

און אזוי האט אים איינס פון די דאזיקע קניפלעך ארויסגע-

צויגן עפּעס אַ שלעכטער מענטש, אַזוי, אַז עס איז געבליבן נאָר שלעכטע לירעס. אָבער וואָס האָט דאָס אים געקענט אַרן אַצינד, ווען ער איז שוין געווען אַזוי נאָנט פון זיין מאַמען?

האָט ער זיך גענומען זיין פּעקעלע אונטערן אָרעם און אַראָפּגעגאַנגען אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע איטאַליענער אין דעם קליינעם דאַמפּ־שיפל אַריין, וועלכעס האָט זיי אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון פּאָרט, פון דעם דאַמפּ־שיפל האָבן זיי זיך איבערגעזעצט אין אַן אַנדערן שיפל, וואָס האָט געהייסן „אַנדרעי דאָריאַ", און דאָס שיפל האָט זיי צוגעפירט ביזן פּאָרט, ווו ער האָט זיך געזעגנט מיטן אַלטן לאָמבאַרדיער און מיט גרויסע טריט זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין.

*

* *

צוקומענדיק צום ווינקל פון דער ערשטער גאַס, האָט ער פאַרהאַלטן אַ דורכגייער און העפלעך אים געבעטן, ער זאָל אים ווייזן, אין וועלכער זייט אַריין ער דאַרף גיין, כדי צוצוקומען צו דער גאַס „לאָס אַרטעס." גראָד איז דער דאָזיקער דורכגייער געווען אַן איטאַליענישער אַרבעטער. האָט ער נייגעריק אַ קוק געטון אויף דעם יינגל און אים געפרעגט, צי ער קען לייענען. דאָס יינגל האָט באַשטעטיקט, אַז ער קען.

— ניי־זשע — האָט דער אַרבעטער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער גאַס, פון וועלכער ער איז אָנגעקומען, — כסדר גלייך, גלייך און לייען די נעמען פון די גאַסן בײַ יעדער נײַער גאַס, וועסטו אויך געפינען דיינע.

דאָס יינגל האָט געדאַנקט און זיך געלאָזט גיין גלייך.

דאָס איז געווען אַ גאַס אַ גלייכע, אַן אומגעהייער לאַנגע, כאָטש אַ שמאָלע. פון ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן ווייסע נידעריקע

הייזלעך, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי דאָרפישע הויפלעך. א גרויסע באַוועגונג פון מענטשן, קאַטשן און שווערע וועגן, וועלכע האָבן זיך געריקט מיט א פאַרטויבנדן גערויש; דאָ און דאָרט האָבן געווייעט גרויסע פענער, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע פאַרשיידנקאָלירטע אותיות, ווי און ווען די, אָדער יענע שיף גייט אָפּ. דאָס זיינען געווען נעמען פון שטעט, וואָס זיינען אים ביז אַצינד אומבאַקאַנט געווען.

גייענדיק אזוי, האָט ער אַלע מאָל געזען נייע גאַסן, וואָס האָבן זיך דורכגעשניטן רעכטס און לינקס, אויך אַזעלכע לאַנגע און גלייכע, וואָס זיינען באַשטאַנען אויך פון אַזעלכע קליינע, נידעריקע הייזלעך און זיינען פול געווען מיט גערויש פון מענטשן און קאַטשן. דאָרט ווייט זיינען די גאַסן אָפּגעשניטן געוואָרן דורך דער גלייכער ליניע פון דעם אומענדלעכן אַמעריקאַנער פלאַך-לאַנד, וואָס האָט אויסגעזען, ווי דער האָריזאָנט פון ים.

די שטאָט איז נישט מעגלעך געווען אַרומצונעמען מיטן בליק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אז ער וואָלט געקענט אזוי גאַנצע טעג, גאַנצע וואָכן גיין און גיין און נישט זען מער, ווי די דאָזיקע דורכשניידנדיקע גאַסן, וועלכע ער האָט באַגעגנט, און אַז גאַנץ אַמעריקע מוז זיין מיט זיי באַדעקט.

פונדעסטוועגן האָט ער זייער אויפמערקזאַם געלייענט אויף יעדער אָנהייב גאַס די נעמען פון די גאַסן. זיי זיינען אים געווען, די דאָזיקע גאַסן, איינגאַנצן פרעמד, און ער האָט זיי געלייענט מיט גרויס אָנשטרענגונג. באַ יעדער אָנהייב גאַס האָט אים דאָס הארץ אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן באַ דעם געדאַנק, אַז דאָס איז שוין אפשר זיין גאַס. ער האָט אויך זייער אויפמערקזאַם געקוקט אויף די פּרויען, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען, טראַכטנדיק, אַז ער קען אזוי זיין מוטער באַגעגענען. עס האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט דערזען פאַר זיך גאַנץ ווייט א גייענדיקע פרוי, וועלכע האָט

אים אויסגעזען לויט דער וווּקס צו זיין עלטער צו איר. דאַמאָלס האָט אים דאָס בלוט אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין. ער איז צוגעלאָפן צו איר און דערזען, אַז דאָס איז גאָר אַ נעגערין. איז ער ווייטער געגאַנגען און געגאַנגען, צוויילנדיק מער זיין טריט. ענדלעך האָט ער אויף איין עק גאַס אָנגעהויבן לייענען און שטיין געבליבן, ווי ער וואָל- איינגעוואַקסן אין דער ערד. דאָס איז געווען זיין גאַס. די גאַס „לאָס אַרטעס.‟

ער האָט זיך אויסגעדרייט, און דערזען דעם נומער 117. דאָס געוועלב פון זיין קרוב האָט געדאַרפט זיך געפינען בײַ 175. האָט ער אָנגעהויבן גיין אַצינד אַזוי גיך, אַז ער איז פּשוט געלאָפן. בײַם נומער 171 האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן, כאַפּן דעם אָטעם, און ער האָט צו זיך געזאָגט: אָ מאַמע מיינע! מאַמע מיינע! איז דאָס אמת, אַז איך וועל דיך באַלד זען?..

ער איז ווייטער געלאָפן. ער האָט דערזען אַ קליין שפּייז-געוועלבעלע. דאָס איז עס. ער איז אַריינגעגאַנגען. אין געוועלבעלע איז געזעסן אַ פרוי אין ברילן, מיט גרויע האָר.

— וואָס איז, יינגל? — האָט די פרוי געפרעגט אויף שפּאַניש.

— צי איז נישט דאָ, — האָט דאָס יינגל געזאָגט, באַמיִענדיק זיך אַרויסצוקריגן די שטימע פון זיין צוזאַמענגעדריקטן האַלדז — צי איז נישט דאָ דאָס געוועלב פון פראַנץ מערעלי?

— פראַנץ מערעלי איז געשטאָרבן! — האָט די פרוי געענטפערט אויף איטאַליעניש.

דאָס יינגל האָט זיך אַ וויג געטון, ווי ער וואָלט באַקומען אַ קלאַפּ אין דער ברוסט אַריין.

— ווען איז ער געשטאָרבן?

— ע, שוין אַ שטיקל צייט, מיין קינד! — האָט די פרוי געענטפערט. — עטלעכע חדשים שוין. עס איז אים נישט געגאַנגען

זוט. האָט ער פאַרקויפט. זיך אַרויסגעצויגן. איך האָב געהערט, אַז ווייט פון דאַנען, אַזש קיין באַהי, ווו ער איז באַלד טאַקע געשטאָרבן. דאָס געוועלבל איז אַצינד מיין.

דאָס יינגל איז בלייך געוואָרן.

ער האָט זיך פונדעסטוועגן באַהערשט און באַלד געזאָגט:

— מערעלי האָט געקענט מיין מאַמע. מיין מאַמע האָט דאָ געדינט באַ די הערשאַפט מעקווינעז. נאָר ער אַליין וואָלט עס געקענט זאָגן, ווו איך האָב זיי צו זוכן. וואָרים איך בין געקומען קיין אַמעריקע צוליב דעם, כדי אָפצוזוכן מיין מאַמע. מערעלי האָט איר אונדזערע בריוו איבערגעשיקט. איך מוז דאָך געפינען מיין מאַמע.

— אָרים יינגל! — האָט די פרוי אַ זיפץ געטון. — איך ווייס נישט. איך קען מיך פרעגן דעם סטרוזש. ער האָט געקענט דאָס יינגל, וועלכער האָט מערעלין אַלץ באַזאָרגט. אפשר ווייסט ער עפעס.

און זי איז באַלד אַריינגעגאַנגען טיפער אין געוועלבל, רופנדיק דעם סטרוזש.

— זאָג מיר נאָר — האָט די קרעמערין געזאָגט — צי געדענקסטו נישט, אַז דאָס דאָזיקע יינגל דאָ זאָל האָבן בעטראָגן בריוו פון מערעלין צו עפעס אַ פרוי, וועלכע האָט געדינט דאָ, ווייסטו באַ היגע...

— באַ די הערשאַפט מעקווינעז! — האָט דער סטרוזש געענטפערט. — יאָ, מאַדאַם, ער האָט געטראָגן טייל מאָל. דאָרט אַ ביסל ווייטער, אויף דער זעלבער גאַס.

— אַך, איך דאַנק דער מאַדאַם! — האָט מאַרעק אויסגעשריען. — איך בעט מיר נאָר צו זאָגן דעם נומער... איר ווייסט נישט? זאָל מיך די מאַדאַם הייסן צופירן! פירט מיך צו, סטרוזש! איך האָב נאָך געלט...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט אַזוי בעטנדיק, אַז דער סטודענט האָט שוין נישט געוואָרט, וואָס עס וועט זאָגן אויף דעם די קרעי-מערין, און זיך אָנגערופן.

— טאָ קומט! — און איז אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער מיט אַ ברייטן טריט.

לויפנדיק כמעט און נישט אַרויסרעדנדיק קיין איין וואָרט, זיינען זיי צוגעקומען צום סוף פון דער דאָזיקער אומגעוויינטלעך לאַנגער גאַס, דורכגעגאַנגען אַ קאָרידאָר, וועלכער האָט געפירט דורך אַ קליינעם הייזל און זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ שיינעם שטאַכעטן-פּלויט, דורך וועלכן עס האָט זיך געזען אַ הויף, אין וועלכן עס איז געשטאַנען מעבל און עס האָבן זיך געפונען אַ סך בלומען-בייטן. מאַרעק האָט אַ צי געטון באַם גלעקל. עס האָט זיך באַוויזן אַ יונגע פריילין.

— צי דאָ וווינען די הערשאַפט מעקווינעז? — האָט דאָס יינגל נישט דרייסט געפרעגט.

— זיי האָבן געוווינט — האָט דאָס פריילין געענטפערט אויף איטאַליעניש, נאָר מיט אַ שפּאַנישן אַקצענט. — אַצינד וווינען מיר דאָ, צעבאַלאָז.

— און וווהין האָבן זיך אַרויסגעצויגן די הערשאַפט מעקווי-נעז? — האָט מאַרעק נעפרעגט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

— זיי זיינען אַרויסגעפאָרן קיין קאָרדאָווא.

— קאָרדאָווא? — האָט מאַרעק אויסגעשריגן. — וווּ זשע איז דאָס קאָרדאָווא?.. און די דינסט, וועלכע איז בא זיי געווען? די פרוי? מיין מאַמע? זייער דינסט איז געווען מיין מאַמע... צי האָבן זיי אויך מיטגענומען מיין מאַמע מיט זיך?

דאָס פריילין האָט אַ קוק געטון אויף אים און געזאָגט:

— איך ווייס נישט. אפשר וועט מיין פאָטער וויסן, וואָרים

ער איז געווען באַקאַנט מיט זיי אײדער זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן. איך בעט צוּוואַרטן אַ ווײַלע.

זי איז אַוועקגעגאַנגען, און אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקומען מיטן פּאַטער, אַ הויכן הער מיט אַ גרויער באָרד. דער הער האָט געקוקט אַ ווײַלע אויף דעם סימפּאַטישן געזיכט פון קלײנעם גע-נוער מאַטראָס, מיט דעם אָדלער-נאָז און העלע האָר, נאָכדעם האָט ער געפרעגט אין אַ שלעכטן איטאַליעניש:

— דײַן מאַמע איז געווען פון גענואַ?

— פון גענואַ, הער!

— נו, איז די דינסט פון גענואַ אַרויסגעפאָרן אינאיינעם מיט די הערשאַפט מעקווינעז. איך ווייס דאָס זיכער.

— און וווהין זײַנען זיי אַרויסגעפאָרן?

— קיין קאָרדאָוואַ... אין אַזאַ שטאָט אַרײַן.

דאָס ייִנגל האָט אַ שווערן זיפץ געטון, דערנאָך מיט יאוש געזאָגט:

— אויב אַזוי, מוז איך מיך אַוועקלאָזן קיין קאָרדאָוואַ.

— אַך, אָרים ייִנגל! — האָט דער הער זיך אָנגערופן, קוקנ-דיק אויף אים מיט רחמנות. — דאָס איז דאָך אפשר הונדערט מײַל פון דאַנען!

מאַרעק איז בלײַך געוואָרן, ווי אַ טויטער, און זיך אָנגע-שפּאַרט מיט דער האַנט אָן דעם שטאַכעט.

— מיר וועלן זען, מיר וועלן זען — האָט דער הער גע-זאָגט, גערירט פון רחמנות, און, אויפעפענענדיק די טיר, האָט ער צוגעגעבן:

— קום אַרײַן אַ ווײַלע, מיר וועלן זען, אפשר קען מען דיר מיט עפּעס באַהילפיק זײַן.

ער האָט אים געהייסן אַנידערזעצן און זיך דערציילן די

גאַנצע זאַך, און אויסהערנדיק אים מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, האָט ער זיך אַ ווײַלע איבערגעלייגט, דערנאָך שנעל געזאָגט:

— קיין געלט האָסטו דאָך נישט, אמת?

— איך האָב נאָך... אַ ביסל — האָט מאַרעק געענטפערט.

דער הער האָט ווידער געטראַכט עטלעכע מינוט, נאָכדעם זיך אַוועקגעזעצט צום טישל, אָנגעשריבן אַ בריוו, און דערלאַנגענדיק אים דעם יינגל, האָט ער געזאָגט:

— הער, קליין איטאַליענערל! גיי מיט דעם בריוו קיין באַצאַ. דאָס איז אַ שטעטעלע, אַ האַלב געגנוער, צוויי שעה גאַנג פון דאַנען. יעדער וועט דיר ווייזן דעם וועג. גיי דאָרט אַהין און זוך אויף דעם הער, וועמענס נאָמען דו האָסט דאָ אויפן אַדרעס. אַלע קענען אים. גיב אים איבער דעם בריוו. דער הער וועט דיך באַזאָרגן מאָרגן קיין ראָסאַריאָ און דיך איבערגעבן עמעצן, וואָס וועט זיך באַמיִען דיר צו דאַרגרייכן דײַן ווייטערן וועג שוין ביז קאָרדאָוואַ, ווו דו וועסט געפינען די הערשאַפט מעקוויִנעז און דײַן מאַמע. דערווײַל האָסטו דאָ — ער האָט אים אַרײַנגעלייגט עטלעכע לירעס אין דער האַנט — גיי דרייסט, האָב נישט קיין מורא. דו וועסט אומעטום געפינען איטאַליענער, אומעטום זיך דורכשמועסן, און דו וועסט נישט זײַן אײַנזאַם! אַדיע!

דאָס יינגל האָט נאָר געזאָגט בלויז: איך דאַנק!... — ער האָט נישט געקענט געפינען קיין אַנדערע ווערטער. ער איז אַרויס־געגאַנגען מיט זײַן פּעקעלע, און געזעגנענדיק זיך מיט זײַן פירער, האָט ער אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך צו דעם דאָזיקן שטעטעלע „באַצאַ“, אײַנגענומען פון אַ טיפן טרויער און פאַרטראַכטקייט, איבער דער גרייסער, רוישנדיקער שטאָט, וואָס האָט געליאַרמט מיט דער שנעלקייט פון איר אומאויפהערלעכער באַוועגונג.

אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען פון דער מינוט אָן, ביז צו־מאָרגנס פאַרנאַכט, איז געבליבן אין זיין זכרון פאַרנעפּלט, ניט קלאָר, ענלעך צו די געדאַנקען פון אַ היץ־קראַנקן, אַזוי מיד, פול מיט זאָרג, און געפּאַלן בײַ זיך איז ער געווען.

צומאָרגנס פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי ער איז שוין געהאַט דורכ־געשלאָפן אַ נאַכט אין עפּעס אַ קעמערל, לעבן אַ פּאָרט־טרעגער אין באָצאַ, אָפּגעזעסן כמעט אַ גאַנצן טאָג אויף אַ שטויס בעלקעס, קוקנדיק מיט אַ האַלב־שלאָפנדיקן בליק אויף די טויזנטער מענטשן, דאַמף־שיפן און אָקרעגנטן, און ענדלעך זיך געפונען אין אַ גרויסער, מיט פרוכטן געלאָדענער זעגל־באַרקע, איז אים לייכטער געוואָרן אַ ביסל אויף דער נשמה.

מיט דער באַרקע האָבן אָנגעפירט דריי געזונטע, פון דער זון פאַרברענטע, געניטע שיפער, וועמענס שטימען, און דער דאָ־זיקער אים ליבער, פון קינדהייט אָן באַקאַנטער אַקצענט פון זייער אויסשפּראַך, האָבן אים צוגעגעבן אַ ביסל מוט און טרייסט. זיי האָבן גערירט.

דער וועג האָט געדויערט דריי טעג און דריי נעכט, און איז געווען ווי איין גרויסע איבעראַשונג פאַר אונדזער קליינעם וואַנדע־רער. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער פאַרבראַכט אויף דעם דאָזיקן אומגעהייער גרויסן, מיט וווּנדערלעכע אָנבליקן רייכן, טייך פּאַראַנאַ, קעגן וועלכן אונדזער פּאָ — וועלכער איז דאָך אויך אַ גרוי־סער טייך — וואָלט אויסגעזען, ווי אַ קליין טייכעלע קוים, און וועמענס לענג עס איז פיר מאָל גרעסער, ווי די לענג פון גאַנץ איטאַליען.

די באַרקע האָט זיך באַוועגט פּאַמעלעך, שווימענדיק שווער קעגן די כוואַליעס פון דעם דאָזיקן אומגעהייער גרויסן וואַסער. דאָ האָט זי אויסגעמיטן לענגלעכע אינדזלען, טיילמאָל וווין־ערטער פון טיגערן און שלאַנגען, דאָ באַארבעטע, מיט פּאָמעראַנצן־פּלאַנטאַציעס

באַדעקטע וועלדלעך; דאָ האָט זי זיך דורכגערוקט דורך קאַנאַלן, אַזעלכע שמאָלע, אַז עס האָט אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך, אַז זי זאָל זיך פֿון זיי אַרויסקריגן; דאָ איז זי אַרויסגעשווומען אויף ברייט־צעגאָסענע וואַסערן, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי גרויסע, שטילע טייכן. און דערנאָך ווידער אַנדערע אינדזלען, און ווידער געדרייטע קאַנאַלן אין מיטן פֿון אַרכיפּעלאַק, צווישן גרויסע געדיכטענישן פֿון ווילדע געוויקסן. די ברעגן, די וואַסערן, איינזאַמע, ברייט־צעגאָסענע, האָבן געמאַכט טיילמאָל אַן איינדרוק פֿון עפּעס נייע וועלטן, צו וועלכע די קליינע באַרקע האָט זיך דורכגעריסן די ערשטע, זינט די ערד איז באַשאַפֿן געוואָרן. און וואָס ווייטער זי האָט זיך גערוקט, אַלץ שרעקלעכער האָט דער דאָזיקער סודותפֿולער טייך דעם קליינעם מאַרעקן אויסגעזען.

ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז זיין מאַמע געפֿינט זיך דאָרט ערגעץ באַ די קוואַלן, פֿון וועלכע דער טייך פֿליסט אַרויס, און אַז ער וועט אַזוי שווימען צו איר יאָרן, יאָרן.

צוויי מאָל אין טאָג האָט ער זיך אונטערגעלעגט מיט אַ פּיצל ברויט און אַ שטיקל געזאַלצן פֿלייש, איניינעם מיט די שיפֿערס, וועלכע, זעענדיק אים שטענדיק אַ טרויעריקן, האָבן זיי אויפֿגעהערט צו רעדן צו אים. באַנאַכט איז ער געשלאָפֿן אויף דער דעק, אויפֿכאַפּנדיק זיך אַלע רגע, ווי פֿאַרכישופֿט פֿון דעם אומגעווייִנטלעכן גלאַנץ פֿון דער לבנה, וועלכער האָט באַזילבערט די אומענדלעכע וואַסערן און די ווייטע ברעגן. און דאַמאָלס האָט זיך אים דאָס האַרץ צוזאַמענגעדריקט.

— קאָרדאָוואַ! — אַזוי האָט ער זיך געחזרט.

דאָס וואָרט „קאָרדאָוואַ", ווי דאָס וואָלט געווען אַ נאָמען פֿון עפּעס אַ געהיימנישפֿולער שטאָט, וועגן וועלכער ער האָט געהערט ערגעץ אַמאָל אין אַ פֿאַרכישופֿטן מעשהלע.

און ער האָט זיך באַלד אינגאַנצן געלאָזט אַרומנעמען פון זיסע און דערפרייענדיקע געדאַנקען.

— די מאַמע איז אויך מיט דעם וועג געשווומען... די מאַמען האָט אויך געקוקט אויף די דאָזיקע אינדזלען, אויף די דאָזיקע ברעגן.

און דאַמאָלס האָבן די אַלע ערטער און בילדער אָנגעהויבן פאַר אים עפּעס פון זייער פרעמדקייט, און זיי האָבן אים שוין ניט אויסגעזען אַזוי איינזאַם, וואָרים עס איז דאָך על-כּל-פּנים געבליבן אויף זיי עפּעס פון זיין מוטערס בליקן.

באַנאַכט, כּדי ניט אַנטשלאָפן צו ווערן, האָט איינער פון די שיפערס געזונגען. און אַך, ווי דאָס געזאַנג האָט אים דערמאַנט אָן די זיסע לידער, מיט וועלכע זיין מאַמע פלעגט אים איינשלעפן.

די לעצטע נאַכט האָט ער, הערנדיק דאָס דאָזיקע געזאַנג, אָנגעהויבן הויך צו וויינען. דער שיפער האָט איבערגעריסן זיין לידל, אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם הויך אויסגערופן:

— און זיי-זשע ניט קיין באָבע, יינגל! וואָס איז, צום טייוול! אַ געגנוער — און בעטשעט, וואָס די הייס איז פון אים ווייט... און ווייסטו דען ניט, אַז געגנוער זיינען די גאַנצע וועלט דורכגעשוווּמען אַרום און אַרום, מיט טריומף און מיט רום.

האָט זיך דער אָהיבענקער געשטאַרקט אַ ביסל, דערפילט דאָס געגנוער בלוט אין זיינע אָדערן, און אויפגעהויבן שטאָלץ דעם שטערן, אַ קלאַפּ געגעבנדיק מיט דער פויסט אין רודער, כּדי זיך אָנצונעמען מיט מער מענלעכן מוט.

— אַלזאָ, גוט! — האָט ער געטראַכט. — איך וועל אויך אַזוי זיין: איך מוז אויך דורכשווימען די גאַנצע וועלט אַרום און אַרום. און איך וועל שווימען יאָרן, יאָרן גאַנצע, און נאָכדעם וועל איך גיין צופוס הינדערטער, הונדערטער מיילן, איך וועל גיין אַזוי כּסדר.

ביז איך וועל געפינען מיין מאַמע! ווען עס זאָל מיר אַפּילו אויסקומען אָנצוקומען שוין אַ שטאַרבנדיקער און אַוועקצופאַלן פאַר אירע פיס אַ טויטער! וואָס עס זאָל נישט זיין, אַבי איך זאָל זי נאָך איינמאָל כאָטש זען! איך וועל זיין מוטיק! איך וועל זיין מוטיק! איך וועל זיין דרייסט! איך וועל!...

און מיט אַזאַ געשטאַרקטן גייסט, איז ער אָנגעקומען אין דעם קאַלטן, גרויען פרימאָרגן פון פירטן טאָג צו דער שטאָט ראָסאַריאָ, וועלכע ליגט אויף דעם הויכן ברעג פון טייך פּאַראַנאַ, דאָרט, וווּ טויזנטער פּאָכנדיקע פענדעלעך פון מאַסט-ביימער באַגריסן זיך און די איינגעשטילטע וואַסערן.

*

*   *

באַלד נאָכן אַראָפּגיין פון דער באַרקע, האָט זיך מאַרעק אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין, מיט זיין פּעקעלע אין דער האַנט, כּדי אָפּצוזוכן דעם אַרגענטינער, צו וועלכן דער פּראָטעקטאָר פון באָצא האָט אים מיטגעגעבן אויף אַ וויזיט-קאַרטל עטלעכע רעקאָמענדיר-ווערטער.

ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער שטאָט ראָסאַריאָ, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גייט אַריין אין אַ שוין באַקאַנטער שטאָט. דאָס זיינען געווען די זעלבע אומענדלעך לאַנגע און גלייכע גאַסן, פּאַרבויטע מיט נידעריקע ווייסע הייזער. איבער די דעכער האָט זיך געצויגן אַן אומגעהייערע נעץ פון טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע דראָטן, וועלכע זיינען געהאָנגען, ווי ריזיקע שפּין-געוועבן. איבער די שטיינער פון דער גאַס האָט אָפּגעקלונגען דאָס קנאַקעריי פון די פערדס פּאָטקאָוועס, דאָס טראַסקען פון די וועגן, דאָס שרייען פון די מענטשן. דער קאָפּ האָט זיך אים געמישט. מינוטנווייז האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז באַר-וואָס אָנגעקומען

קיין בוענאָס-איירעס און דאַרף זיך ערשט אוועקלאָזן זוכן אויף דאָס ניי זיין קרוב.

ער איז געגאַנגען אַזוי אפשר אַ שעה, אַריינדרייענדיק זיך אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט, אין דעם פאַרטויבנדיקן, איינטעניקן גע־רויש, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געדרייט כּסדר אַלץ אויף דער אייגענער גאַס, ביז ער האָט ענדלעך, נאָך אַ לאַנגן נאָכפאָ־עגן זיך, געפונען דאָס הויז פון זיין נייעם פּראָטעקטאָר. ער האָט אָנגעקלונגען. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ גראָבער מענטש מיט העלע האָר, מיט אַן אומסימפּאַטישן פּנים, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין דער פאַרוואַלטער פון דעם הויז, און אים ביז און אויף אַ פרעמדער שפּראַך אַ פרעג געטון:

— וואָס ווילסטו?

דאָס יינגל האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם הויז-בעל-הבית.

— דער הער — האָט דער פאַרוואַלטער געענטפערט — איז אַרויסגעפאָרן נעכטן אין אָוונט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע קיין בוענאָס-איירעס.

דאָס יינגל איז שטיין געבליבן אָן לשון. דערנאָך מיט אַ האַלב צעמישטן קול געזאָגט:

— אָבער איך... איך האָב דאָ נישט קיינעם... בין אַליין. — און דערלאַנגט דאָס רעקאָמענדיר-קאַרטל.

דער פאַרוואַלטער האָט עס גענומען, איבערגעלייענט, און געזאָגט מיט אַ קאַלטן טאָן:

— איך ווייס דאָרט גאָרנישט. איך וועל עס איבערגעבן דעם הער אין אַ חודש אַרום, ווען ער וועט צוריקקומען.

— אָבער איך, איך בין דאָך דאָ אַליין... איך דאַרף בייטיק! — האָט זיך דאָס יינגל געבעטן.

— ע, גיי דיר! — האָט דער גראָבער געענטפערט — ווייניק

שלעפּער האָבן מיר דאָ פון אייערע קאַנטן! גיי דיר צו דיינע אי-
טאַליענער בעטלען, צו די איטאַליענער!

און ער האָט אים פאַרקלאַפּט די טיר פאַר דער נאָז. דאָס
יינגל איז שטיין געבליבן, ווי פאַרשטיינערט.

ענדלעך האָט ער גענומען זיין פּעקעלע און אַוועקגעגאַנגען
פּאַמעלעך, מיט אַ האַרץ, ווי דורכגעשטאָכן, און מיט אַ צעמישטן
קאָפּ.

וואָס טוט מען? ווו גייט מען?

פון ראָסאַריאָ קיין קאָרדאָוואַ איז געווען נאָר איין טאָג
רייזע מיט דער באַן. אָבער מאַרעק האָט שוין געהאַט בלויז עטלע-
כע לירעס. אַראָפּנעמענדיק דאָס, וואָס ער מוז נאָך היינט אויס-
געבן — וואָס וועט אים בלייבן? ווו נעמט מען געלט אויף צו
קויפן אַ בילעט קיין קאָרדאָוואַ? ער וואָלט געקענט פאַרדינען... אָבער
ווו, בא וועמען זאָל ער בעטן עפּעס באַשעפטיקונג, אַרבעט! בעט-
לען? אַך, ניין! די אָפּזאָגן, באַליידיקונגען, דערנידערונגען, ווי
ער האָט דאָס ערשט פאַרזוכט... קיינמאָל, קיינמאָל! שוין הונדערט
מאָל בעסער פריִער צו שטאַרבן...

ווען ער האָט אַזוי טראַכטנדיק אַ קוק געטון אין דער אומענד-
לעך-לאַנגער גאַס אַריין, וועלכע האָט זיך פאַרלוירן ערגעץ ווייט
דאָרט אין דעם, אומענדלעך-אויסגעשפּרייטן, נישט מיטן אויג צו
דערקוקן ווייטן שטח, האָט ער דערפילט, ווי ער ווערט אָן דעם
גאַנצן מוט... האָט ער אַנידערגעוואָרפן זיין פּעקעלע אויפן טראָ-
טואַר, זיך אַנידערגעזעצט דערויף, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער מויער
מיט די פּלייצעס, און באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין די הענט, איז
ער אָן איין טרער אַפילו געבליבן זיצן אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי אַ
סטאַטויע פון פאַרצווייפלונג.

די דורכגייער האָבן אים פאַרטשעפּעט מיט די פּיס; די גאַס

האָט געציטערט פון דעם געקנאַקעריי פון די געלאָדענע וועגן; עטלעכע יינגלעך האָבן זיך פאַרהאַלטן און געקוקט אויף אים.

ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, האָט ער אַליין נישט געפילט. פלוצלינג האָט אים אויפגעוועקט עפּעס אַ שטימע, וואָס האָט גערעדט האַלב אויף איטאַליעניש, האַלב אויף לאָמבאַרדיש:

— וואָס איז דיר, קינד?

ער האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים אויף די דאָזיקע ווערטער און באַם ערשטן בליק אויפגעשפּרונגען מיט אַן אויסגעשריי פון פאַרוווּנדערונג:

— איר זענט דאָ?..

פאַר אים איז געשטאַנען דער דאָרפסמאַן, דער לאָמבאַרדיער, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפריינדעט, שווימענדיק איבערן ים.

אָבער דער אַלטער דאָרפסמאַן איז אויך געווען נישט ווייניקער פאַרוווּנדערט פאַרן יינגל. מאַרעק האָט פונדעסטוועגן אין זיין פלוצלינגער אויפרעגונג נישט געגעבן אים קיין צייט אויף קיין פראַגן, נאָר אַליין אָנגעהויבן איילנדיק דערציילן אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען פון יענער צייט אָן.

— אַצינד — האָט ער געענדיקט — האָב איך שוין נישט קיין געלט, און איך דאַרף אומבאַדינגט פאַרדינען אויפן וועג. דערבאַרמט אייך, געפינט מיר עפּעס אַן אַרבעט, איך זאָל קענען אָפּשפּאָרן עטלעכע לירעס! איך וועל מיך גערן אונטערנעמען יעדע אַרבעט... איך קען טראָגן פּעקלעך, איך קען פאַרקערן גאַסן, איך קען לויפן אָפּטראָגן עפּעס, איך קען אויך אַרבעטן אויפן דאָרף. לאָמיך באַדייט שוואַרץ טרוקן ברויט לעבן, אַבי איך זאָל קענען וואָס גיכער פאָרן און שוין געפינען אַמאָל מיין מאַמע!

— דערבאַרמט-זשע זיך איבער מיר, און געפינט מיר עפּעס אַן אַרבעט! ווי גאָט איז אייך ליב, געפינט, וואָרים איך וועל שוין לענגער נישט אויסהאַלטן!..

— צום טייוול! צום טייוול! — האָט דער דאָרפסמאַן אַלץ איינגעם בעמורמלט, קוקנדיק אַרום זיך און קראַצנדיק זיך אין דער באָרד! — וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל!.. אַרבעט!.. עס איז גרינג צו זאָגן: אַרבעט! אָבער ווי נעמט מען זי? הער נאָר... עס וואָלט נישט אַמאָל געלונגען צונויפצומאַכן אַ פּאָר און דרייסיק לירעס, אַזוי צווישן אייגענע?.. דאָ זיינען דאָך דאָ אַזוי פיל אונדזעריקע!

דאָס יינגל האָט אַ בליק געטון אויף אים מיט אַן אָפשיין פון האָפנונג אין די אויגן.

— קום נאָר מיט מיר! — האָט דער דאָרפסמאַן געזאָגט נאָך אַ נייעם איבערלייגן זיך.

— וווּ? — האָט דאָס יינגל געזאָגט, אַראָפּבייגנדיק זיך נאָך זיין פּעקעל.

— אַז איך זאָג קום, קום-זשע!

און ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו גיין.

מארעק איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען אַזוי אָפּגעגאַנגען אַ גרויס שטיק גאַס און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ענדלעך האָט זיך דער דאָרפסמאַן פאַרהאַלטן פאַר אַ גאַסטהויז, אויף דער שילד פון וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ שטערן און אונטערן שטערן אַן אויפשריפט: „דער מאָרגנשטערן פון די איטאַליענער" ער האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער טיר, צוריקכאַפּנדיק אים באַלד זיך אויסגעדרייט צום יינגל און פריילעך אַ זאָג געטון:

— מיר זיינען געקומען אין אַ גוטער מינוט! קום!

און זיי זיינען אריינגעגאַנגען אין שטוב. אין שטוב איז געווען עטלעכע טישן, און אַרום די טישן זיינען געזעסן אַ סך מענטשן און האָבן געטרונקען און הויך גערעדט. דער אַלטער לאָמבאַרדיער איז צוגעגאַנגען צום ערשטן טיש אין דערציילט, און לויט דעם, ווי

אזוי ער האָט באגריסט די זעקס זיצנדיקע געסט, האָט מען באַלד געקענט דערקענען, אז ער האָט נאָר-וואָס, מיט אַ קורצער ווײַלע צוריק, געהערט צו זייער קאָמפּאַניע. די געסט האָבן געהאַט רויטע פּנימער און האָבן געקלונגען מיט די גלעזער, לאַכנדיק און שרײַענדיק איינעם.

— חברים! — האָט דער דאָרפסמאַן געזאָגט אַן איבעריקע פּאַרעדעס, שטייענדיק און האַלטנדיק מאַרעקן בײַ דער האַנט. — אָט איז דאָס אָרימע ייִנגל, אונדזער לאַנדסמאַן, וועלכער איז געקומען פון גענוע קיין בוענאָס-איירעס זוכן זיין מוטער. דאָרט האָט ער זי נישט געפונען, ווייל זי איז אַזש אין קאָרדאָווע. מען האָט אים מיטגענומען אויף אַ באַרקע קיין ראָסאַריאָ!.. אַלזאָ, חברים! צי וואָלט איר נישט אַ זוך געטון דאָרט יעדערער עפּעס בײַ זיך אין די קעשענעס, ער זאָל האָבן פאַר וואָס זיך צו קויפן אַ בילעט קיין קאָרדאָווע, און זיין מאַמען געפינען; וואָרים, וואָס דען-זשע? זאָלן מיר אים אַזוי פאַרלאָזן, ווי אַ הונט אויף דער גאַס?

— קיינמאָל אין דער וועלט, בײַ גאָט!.. קיינמאָל וועלן מיר אַזעלכעס נישט טון! — האָבן אַלע געשריגן איינעם, קלאַפּנדיק אין טיש אַריין מיט די פויסטן. — ער איז דאָך עפּעס אונדזערע אַ לאַנדסמאַן!.. קום נאָר אַהער דאָ, קליינער. מיר זיינען עמיגראַנטן! זעט נאָר, ווי שיין דער קליינער איז!

— אַלזאָ, חברים, די מטבעות אויפן טיש!

— און אַ בריה דאָס איז! אַליין איבער אַזאַ ים!..

— אַ טיכטיק ייִנגל! טרינק-זשע, לאַנדסמאַן!

— עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין, מיר וועלן דיך אָפּשיקן צו דיין מאַמען!

און איינער האָט אים שוין געקלאַפּט איבערן אַקסל, אַ צווייטער האָט אים געקניפּן אין די באַקן, אַ דריטער האָט אים געהאַלטן

דאָס פּעקעלע. אַנדערע עמיגראַנטן ווידער האָבן שוין אויך אָנגע-הויבן צוצוקומען, אויפשטעלנדיק זיך פון זייערע טישן.

די געשיכטע פון דעם יינגל איז אין איין רגע באַקענט גע-וואָרן אין דעם גאַנצן גאַסטהויז; פון דער שכנותדיקער שטוב זיי-נען אריינגעקומען עטלעכע אַרגענטינער. און נאָך ווינציקער ווי אין פאַרלויף פון צען מינוט, האָט דער אַלטער לאָמבאַרדיער, וועלכער האָט אונטערגעשטעלט זיין קאַפּעלוש, שוין געהאַט אין אים צוויי און פערציק לירעס.

— האָסט געזען? — האָט ער דאַמאָלס געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום יינגל, — ווי שנעל דאָס ווערט געמאַכט אין אַמעריקע?

— טרינק, ווילעקער! — האָט עמעצער פון די געסט אויס-געשריגן, דערלאַנגענדיק מאַרעקן אַ גלאָז וויין. — פאַרן געזונט פון דיין מאַמען!

אַלע האָבן אויפגעהויבן די גלעזער, האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלאַפּן, און מאַרעק האָט איבערגעחזרט:

— פאַרן געזונט... פון מיין... און פלוצלינג האָבן אים עפּעס פריידיקע שלאָכצן אַזוי זיין האַלדז צונויפגעדריקט, אַז ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפן טיש און זיך געוואָרפן אויפן האַלדז דעם אַלטן.

*

* *

צומאָרגנס אינדערפרי, ווי באַר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז שוין דער קליינער רייזנדער געווען אין וועג קיין קאָרדאָווא, פריי-לעך, פול מיט האָפענונג, מוט און די בעסטע, בעסטע פּאָרגעפילן. אָבער עס איז נישטאָ אַזאַ פריילעכקייט, וועלכע זאָל זיך קענען, האַלטן לאַנג, ארומגערינגלט פון מרה-שחורהדיקע, פינסטערע נאַטור-לאַנדשאַפטן. דער טאָג איז געווען אַ כמאַרנער, אַ גרויער, דער צוג

במעט ליידיק, איז געלאָפן איבער דעם גלייכן, ווייטן שטח, אויף וועלכן עס האָט זיך נישט געפונען אַפילו קיין איין שפור פון מענטש-לעכן ישוב. מארעק איז געזעסן איינער אַליין אין אַן אומגעהייער לאַנגן וואַגאָן, וואָס איז געווען ענלעך צו די וואַגאָנען, אין וועלכע מען פירט איבער קראַנקע. ער האָט געקוקט אין דער רעכטער זייט אַריין, געקוקט אין דער לינקער, אָבער אי רעכטס, אי לינקס, האָט זיך געצויגן נאָר די טויבע סטעפּ, איבער וועלכער עס האָבן גע-סטאַרטשעט אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט בלויז נאָר קליינע, אומגעלום-פּערטעביימער, משונהדיקע שטאַמען, צעקרומטע צווייגן, אין עפּעס אַזעלכע נאָך קיינמאָל נישט געזעענע געשטאַלטן, ווי זיי וואָלטן פאַר-צאָרן און שרעק געווען אָנגענומען די דאָזיקע ווונדערלעכע פאָר-מען. אַלץ וואָס דאָ איז געוואַקסן איז געווען אַזוי פינסטער, אָרים, טרויעריק, אַז עס האָט צוגעגעבן דעם דאָזיקן גרויסן, ווייטן שטיק פלאַך-לאַנד אַן אויסזען פון אַן אומענדלעכן בית-הקברות.

ער האָט געדרעמלט אַ האַלבע שעה, געדרעמלט אַ שעה, גע-עפנט די אויגן, אַ בליק געטון, אָבער אַרום אים איז געווען אַלץ דאָס זעלבע בילד: די סטאַנציעס, וועלכע זיי האָבן אויסגעמיטן, אָדער באַ וועלכע זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיינען געווען איינזאַמע, ווי די הייזלעך פון מדבר-איינוווינער, און ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען נישט געהערט קיינעמס קיין שטימע, — האָט זיך דעם יינגל געדאַכט, אַז ער פאָרט אַזוי אין עפּעס אַ פאַרפאַלן געוואָרענעם צוג, פון וועלכן קיינער ווייסט נישט און וועלכער איילט אַזוי אין אַ ציל אין דער מדבר. און עס האָט זיך אים אויך געדאַכט, אַז וועלכע עס איז סטאַנציע וועט דאָך אַמאָל זיין די לעצטע, און אַז גלייך פון איר וועט זיין אַן אַרויסגאַנג צו אַ בעהיימניש-פולן און שרעקלעכן ישוב פון ווילדע שבטים. אַ קאַלטער ווינט האָט אים געבלאָזן אין פּנים אַריין, ערוועקנדיק אים אויף דער דעק פון שיף אין גענוא, ענדע אַפּריל, האָט זיך דער פאָטער נישט

גערעכט, אַז עס זאָל נאָך אין אַמעריקע, נאָך זיין אָנקומען, זיין קאַלט. און אַוועקגעשיקט אים אַזוי אין לייכטע מלבושימלעך. האָט ער, נאָך עטלעכע שעה פון דער דאָזיקער שלעכטער רייזע, דערפילט אַ גרויסע קעלט, און איינייגעם מיט דער קעלט אַ גרויסע מידעקייט נאָך די אַלע פאַרגאַנגענע טעג, וועלכע זיינען געווען מיט אַזוי פיל רירנדע איבערלעבונגען, און אויך שלאָפלאָזע, אָדער נישט דערשלאָפענע נעכט.

עס איז אים באַפאַלן אַ שלאָף. ער איז געשלאָפן לאַנג, און זיך אויפגעכאַפט איינגאַנצן אַ געפרוירענער. ער האָט דערפילט, אַז עס איז אים עפּעס שלעכט. און עס האָט אים אַרומגענומען אַזאַ שרעקלעכע אומרו, אַז ער קען נאָך קראַנק ווערן און שטאַרבן אין דעם וועג, און אַוועקגעוואָרפן ווערן דאָ, אין דער דאָזיקער שרעקלעך אומעטיקער, איינזאַמער סטעפּ, וווּ זיין קערפּער וואָלט אויפגעפרעסן געוואָרן דורך די רויב-פייגל, אָדער צעריסן געוואָרן פון די הינט, ווי דאָס איז געשען פאַר זיינע אויגן מיט די קערפּערס פון די בהמות און פערד, וואָס זיינען אַוועקגעוואָרפן געוואָרן באַ דער זייט פון וועג, און פון וועלכע ער האָט די אויגן מיט עקל אָפּגעקערט. אַרומגענומען פון אַזאַ געפיל פון פאָלשטענדיקער אוממעכטיקייט, אַרומגערינגלט פון דער טיף-טרויעריקער, שווייגנדיקער נאַטור, זיינען זיינע געדאַנקען און געפילן געוואָרן אומעטיקע, שלעכטס פאַרזאָגנדיקע.

איז ער דען שוין אויך זיכער, אַז ער וועט זיין מוטער געפינען אין קאָרדאָוואַ? און אויב זי איז דאָרט איינגאַנצן גאָרנישט געווען? אויב דער העל פון דער גאַס „לאָס אַרטעס" האָט אַ טעות געהאַט וועגן איר? און אויב אויך... אויב זי לעבט שוין נישט?..

אַנטשלאָפנווערנדיק מיט די דאָזיקע געדאַנקען, האָט זיך אים געחלומט, אַז ער איז שוין אין קאָרדאָוואַ, אַז עס איז נאַכט, אַז ער גייט אויף אַ גאַס, און דאָ דערהערט ער פון אַלע טירן, פון

אַלע פּענסטער אַ געשריי: זי איז נישטאָ! נישטאָ! נישטאָ!

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט שרעקלעך געפּרווירן, און דערזען אין דער טיף פון וואַגאָן עפּעס דריי מענטשן מיט בערד, איינגעהילטע אין קאָלירטע פּאַטשיילעס, וועלכע האָבן, רעדנדיק שטיל צווישן זיך, געקוקט אויף אים.

אַ חשד האָט אים אַדורכגענומען. ווער ווייסט, צי דאָס זיינען נישט קיין מערדער, וועלכע ווילן אים דערהרגענען און צונעמען זיין פּעקעלע? איז אים באַפאַלן אַ שרעקלעכע אימה, פון וועלכער עס האָט אים נאָך מער געשווידערט, ווי פון דער קעלט, און זיין אויפגערייצטע פאַנטאַזיע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן און אים פאַרצושטעלן וואָס אַמאָל אַלץ שרעקלעכערע בילדער.

דערווייל האָבן די דריי רייזנדער אַלץ אַזוי כסדר געקוקט אויף אים, און איינער פון זיי האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אָנגעהויבן צוצורוקן צו אים. דאַמאָלס האָט דאָס יינגל שוין גאָר איינגאַנצן דעם קאָפּ אָנגעווירן, און צולויפנדיק צו דעם דאָזיקן מענטש מיט צעשפּרייטע אָרעמס, האָט ער אויסגעשריגן:

— איך האָב גאָרנישט! איך בין אַן אָרים יינגל! איך בין געקומען פון איטאַליען זוכן מיין מאַמע! איך בין אַליין, איך קען מיך נישט ווערן, טוט מיר נישט קיין שלעכטס!

האָבן די רייזנדער פאַרשטאַנען, אַז דאָס אָרימע יינגל שרעקט זיך, האָבן זיי רחמנות געקריגן אויף אים, אים געגלעט, באַרויקט, רעדנדיק צו אים מיט ווערטער, וועלכע ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען; און זעענדיק, אַז ער קלאַפּט מיט די ציין, האָבן זיי אים איינגעהילט אין איינער פון זייערע דריי פּאַטשיילעס און געזאָגט, ער זאָל זיך אין ווינקל איינטוליען, און זיי וועלן אים שוין אויפוועקן צו דער צייט.

ער איז קוים איינגעשלאָפן, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן. ווען זיי האָבן אים אויפגעוועקט, איז ער שוין געווען אין קאָרדאָווא.

*

*   *

אַך, ווי טיף ער האָט אָפּגעזיפצט, און ווי שנעל ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן! באַלד אויף דער סטאַציע האָט ער זיך געפרעגט איינעם פון די באַאַמטע, ווי עס געפינט זיך דאָס הויז פון אינזשינער מעקווינעז? דער באַאַמטער האָט אים אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ קלויסטער, לעבן וועלכן דאָס הויז האָט זיך געפונען. דאָס יינגל האָט קוים באַוויזן צו זאָגן: אַ דאַנק, און זיך גלייך אוועקגעלאָזט.

עס איז געווען נאַכט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטאָט אַריין. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז ווידער קיין ראָסאַריאָ צוריקגעקומען, וואָרים ווידער האָט ער געזען די זעלבע גלייכע אין פונקט אַזוי אומענדלעך לאַנגע גאַסן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אויך אַזעלכע נידעריקע, ווייסע הייזער, גאַסן, וואָס זיינען אַלע מאָל דורכגעשניטן געוואָרן דורך די זעלבע ווידער לאַנגע און גלייכע גאַסן. זיי זיינען פונדעסטוועגן געווען לער, און ווען ער האָט אַ קוק געטון אין דער שיין פון די איינצעלע זעלטן-ווי שטייענדיקע לאַמטערן אויף די פנימער פון עטלעכע דורכגייער, האָבן זיי אים אויסגעזען ווונדערלעך, אַזוי די שטריכן, ווי די קאָליר זייערע, וועלכע האָט זיך געוואָרפן צווישן שוואַרץ און אָליוו, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכס נישט געהאַט געזען.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אָנגעהויבן זוכן מיטן בליק די קלויסטערס. ער האָט דערזען עטלעכע, וועלכע האָבן זיך געצייכנט אויף דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט מיט זייערע שווערע, וווּנדערלעכע געשטאַלטן.

די שטאָט איז געווען פינסטער און שווייגנדיק, נאָר נאָך דער דורכגעמאַכטער רייזע איבער דעם טויט-אומעטיקן און אומענדלעך זיך ציִענדיקן פלאַך-שטח, האָט זי אים אויסגעזען כמעט גאַנץ פריילעך.

ער האָט באַגעגנט אַ גלח, געפרעגט אים אויף דעם קלויסטער, אָן איבעריקער מי אים געפונען, און דערלעבן אויף דאָס הויז. אַצינד האָט ער מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַ צי געטון באַם גלעקל, און די צווייטע צוגעדריקט צו דער ברוסט, כדי אַ ביסל איינצוהאַלטן דאָס שרעקלעכע קלאַפּן פון זיין האַרץ, וואָס האָט אים אַזש אין האַלדז געשטיקט.

אויף דעם קלינג פון גלעקל איז אַרויסגעקומען עפּעס אַן אַלטע פרוי מיט ליכט אין דער האַנט. אָבער דאָס יינגל האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

— צו וועמען דאָס? — האָט די אַלטע געפרעגט אויף שפּאַניש.

— צום אינזשיניער מעקווינעז — האָט מאַרעק געענטפערט.

די אַלטע האָט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט די הענט אויף דער ברוסט צוזאַמענלייגן, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געזאָגט:

— אויך דו?... אַלץ נאָך צום אינזשינער מעקווינעז? דאַכט זיך, עס וואָלט שוין צייט געווען, אַ סוף צו מאַכן צו דעם! דריי חדשים, ווי ער איז שוין נישטאָ, און זיי האַלטן אים אַלץ אין איין זוכן!... איז נאָך ווייניק דאָס, וואָס מיר האָבן אין די צייטונגען אַנאָנסירט? אפשר זאָלן מיר גאָר אויף די „ראָגעס" פון די גאַסן לאָזן דרוקן, אַז דער הער אינזשינער מעקווינעז האָט זיך אַרויס-געצויגן קיין טוקומאַן!

מאַרעקן זיינען די הענט אַראָפּגעפאַלן, עס האָט אים אָבער באַלד אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער צאָרן פון פאַרצווייפלונג.

— וואָס איז דאָס?! — האָט ער אויסגעשריגן — אַ קללה עפּעס, אָדער וואָס? מוז איך טאַקע שוין אַזוי שטאַרבן אויף דער גאַס, אויפן וועג, נישט געפינענדיק מיין מאַמע? איך וועל משוגע ווערן!.. איך וועל מיך דערהרגענען! גאָט! גאָט!.. ווי הייסט דאָס אָרט?.. וווּ איז דאָס? וויית פון דאַנען?

— צי עס איז וויית? — מיין אָרים יינגל! אַ קלייניקייט... איינגאַנצן אַ פירהונדערט, אָדער פינפהונדערט מייל. רעכנענדיק אַזוי נישט קיין סך...

מאַרעק האָט זיך פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט. זיין צאָרן איז איבערגעגאַנגען אין קינדערישע טרערן פון אוממעכטיקייט. ער האָט געוויינט און שטילערהייט זיך געחזרט:

— וואָס וועל איך טון?.. וואָס וועל איך טון? וואָס וועל איך אצינד טון?

— און פון וואַנען קען איך וויסן, מיין אָרימענקער! — האָט די פרוי געענטפערט: — איך ווייס אויך נישט!

אָבער אין דער רגע איז איר ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ, און זי האָט שנעל געזאָגט:

— הער נאָר יינגל! גיי רעכטס מיט דער גאַס, נאָכן דריטן טויער וועסטו געפינען אַ גרויסן הויף. דאָרטן וווינט קאַפּאַטאַז, אַזאַ סוחר, פאַרשטייסטו?.. ער פאָרט מאָרגן קיין טוקומאַן מיט זיינע וועגן און אָקסן. פרווו, בעט אים... אפשר וועט ער דיך מיטנעמען פאַר דעם, וואָס דו וועסט אים באַדינען אויפן וועג. אפשר וועט ער דיך לאָזן אויפכאַפּן אויף וועלכן וואָגן... נאָר אייל דיך צו... לויף!..

דאָס יינגל האָט געכאַפּט זיין פּעקעלע, געדאַנקט און געלאָזט זיך לויפן. אין צוויי מינוט אַרום איז ער שוין געווען אין אַ גרויסן הויף, וועלכער איז געווען באַלויכטן מיט לאַמטערן, ווו עטלעכע

מענטשן האָבן געלאָדן זעך ווייך אויף גרויסע וועגן ארויף, וועלכע זיינען ענלעך געווען צו די באַוועגלעכע הייזער, אין וועלכע עס וווינען און פאָרן אַרום פון איין אָרט אויפן צווייטן קינצנמאַכערס; די וועגן האָבן געהאַט האַלבקיילעכדיקע דעכער און אומגעוויינטלעך גרויסע רעדער. מיט דער אַרבעט האָט אָנגעפירט אַ הויכער, ברייט-פּלייציקער מאַנספּערשוין, וועלכער איז געווען איינגעהילט אין אַ ברייטן פּלאַשטש פון ווייסע און שוואַרצע קראַטן און אין אַ שטיוול מיט הויכע כאָלעוועס. דאָס יינגל איז צוגעגאַנגען, און מיט אַן אומ-דרייסטער שטימע אים פאָרגעלייגט זיין ביטע, צוגעבנדיק, אַז ער איז געקומען פון איטאַליען און זוכט זיין מוטער. קאַפּאַטאַז, וועלכער האָט געהאַט פאַר דער דאָזיקער ווייטער רייזע מיט דער טריקעניש די זעלבע באַדייטונג, וואָס אַ קאַפּיטאַן פאַר אַ רייזע מיטן ים, האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ שאַרפן בליק פון קאָפּ ביז די פיס און קורץ געענטפערט:

— נישטאָ קיין אָרט.

— הער — האָט דאָס יינגל געזאָגט מיט אַ בעטנדיקער שטימע — איך האָב פופצען לירעס... איך וועל דעם הער אָוועק-געבן די פופצען לירעס... פאָרן וועג וועל איך אָפּאַרבעטן, אָפּדינען... איך וועל טראָגן וואַסער, פאַשע פאַר די בהמות... איך וועל טון אַלץ, וואָס דער הער וועט מיך נאָר הייסן. זאָל מיר דער הער דער-לויבן זיך אויפצוכאַפּן אויף וועלכן וואָגן... איך בין נישט שווער...

— קאַפּאַטאַז האָט אים ווידער אַ באַטראַכט געטון, דאָס מאָל שוין אַ ביסל פריינטלעכער.

— עס איז נישטאָ קיין אָרט! און אַחוץ דעם פאָרן מיר דאָך גאָרנישט קיין טוקומאַן, מיר פאָרן אין אַנדערער שטאָט אַריין, קיין סאַנטיאַגאָ דעל׳ עסטעראָ. מיר וואָלטן דיך געמוזט דאָרט אָפּלאָזן אַליין, און פון דאָרט איז נאָך אַ היפּש שטיקל וועג. וואָלסט געמוזט גיין צופוס.

— איך וועל גיין, הער. נאָך צוויי מאָל אזוי פיל וועל איך גיין! איך גיי גוט. אזוי צו אזוי. איך וועל מיך שוין ווי עס איז דאָרט אהינ־קריגן... זאָל מיך נאָר דער הער אויפנעמען אויפן וואָגן! אַ קליין פּיצעלע אָרט נאָר, בעט איך דעם הער! איך וועל מיך איינקאָרטשען... זאָל זיך דער הער דערבאַרמען איבער מיר! זאָל מיך דער הער נישט פאַרלאָזן דאָ אליין!

— אָבער יינגל! דאָס איז דאָך צוואַנציק טעג רייזע פון דאַנען.

— זאָל זיין! עס שאַדט נישט!

— און דאָס איז אַ שווערע רייזע!

— איך וועל שוין ווי עס איז אויסהאַלטן, איך בעט דעם הער! איך בין אַ שטאַרקער!

— געדענק־זשע, אַז דו וועסט מוזן נאָכדעם גיין איינער אַליין.

— איך וועל גיין, הער! איך האָב פאַר גאָרנישט קיין מורא. איך זאָל נאָר מיין מאַמע געפינען! זאָל זיך דער הער דערבאַרמען איבער מיר!

קאַפּאַטאַז האָט אים צוגעטראָגן צום פּנים די לאַמטער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, געקוקט אַ ווײַלע, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— גוט.

דאָס יינגל האָט אים אַ קוש געטון אין דער האַנט.

— דו וועסט זיך איבערשלאָפן אויפן וואָגן. מאָרגן פיר אַ זייגער אינדערפרי וועל איך דיך אויפוועקן. בואָנאָס נאָכעס... — האָט ער צוגעגעבן אויף שפּאַניש, וואָס דאָס באַטייט: אַ גוטע נאַכט.

*

* *

פיר אַ זייגער אינדערפרי, נאָך באַם שיין פון די שטערן, האָט שוין די לאַנגע רייע געלאָדענע וועגן געריִרט מיט אַ גרויס געגריילצעריי און קלינגעריי פון די קייטן. יעדער וואָגן האָבן גע־שלעפּט צוויי איינגעשפּאַנטע אָקסן, און באַ יעדן וואָגן זיינען גע־ווען אָנגעבונדן נאָך צוויי פּאָר אויף צו טוישן.

דאָס ייִנגל, וועלכער איז אויפגעוועקט געוואָרן און אַוועקגע־זעצט געוואָרן אויף איינעם פון די וועגן אויף אַ שטויס זעק, איז באַלד ווידער צוריק איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט אויפגעוואַכט, האָט דער גאַנצער רייזע-צוג גע־רוט אין דער זייט אויף אַ זוניקן אָרט, און די מענטשן, וועלכע האָבן געהערט צו דער דאָזיקער רייזע און געהייסן „לאָס פּעאָנעז", זיינען געזעסן אויף דער ערד אַרום אַ פּערטל קעלבערנס, וואָס האָט זיך געבראָטן אויף אַ שטאַנג, אָנגעהאָנגען אויף צוויי האָלץ-שטאָלצן איבער אַ גרויסן פייער, וועלכעס דער ווינט האָט געהאַלטן אין איין אויפבלאָזן.

ווען דאָס געבראָטנס איז שוין געווען פאַרטיק, האָבן עס אַלע איניינעם אויפגעגעסן, זיך אַ ביסל איבערגעשלאָפן און ווייטער גע־רירט אין וועג אַריין. און אַזוי האָט זיך די רייזע געצויגן מיט איינעם און דעם זעלבן סדר, רעגולער, ווי דער מאַרש פון זעל־נער. יעדן אינדערפרי האָבן זיי גערירט פינף אַ זייגער, זיך אָפּ־געשטעלט ביין 8 זייגער, ווידער גערירט פינף נאָך מיטאָג, און ביין 8 זייגער זיך געשטעלט אויף נאַכטלעגער:

די פּעאָנעזער זיינען געריטן אויף פערד און אונטערגעטריבן די אָקסן מיט לאַנגע ריטער. דאָס ייִנגל האָט געמאַכט פייער, גע־געבן עסן די בהמות, געריייניקט די לאַמטערן, געברענגט וואַסער צום טרינקען.

די געגנט, וועלכע זיי זיינען דורכגעפאָרן, האָט אים אויסגע־זען, ווי עפּעס אַ ווייזיע: עס זיינען געווען דאָ גרויסע שטיקער פאַר־

וואַקסענע געדיכטעניש פון קליינעביימלעך. פמעט אינגאנצן ברוי-נע, ישובים פון עטלעכע צעוואָרפענע הייזער, די פראַנטן פון וועלכע עס זיינען געווען באַשיינט מיט אַזעלכע געשניצטע שפיצן און אָפגעפאַרבט אויף רויט, אַן אומגעווייער גרויסער שטח, אפשר דאָס גרעסטע אין אַמעריקע, אוראַלטע גרויסע זאַלץ-טייכן, וואָס האָט גע-פּאַנקט מיט דער ווייסקייט פון זיין זאַלץ באַלד באַם ערשטן בליק פון אויג, און אומעטום און שטענדיק אַלץ די אייגענע פוסטע, שטיל-שווייגנדיקע, גלייך-אויסגעשפרייטע ווייטקייט.

זייער, זייער זעלטן פלעגן זיי באַגעגענען צוויי אָדער דריי רייטנדיקע רייזנדער, מיט צוגעבונדענע זאַפּאַס-פערד פון הינטן, וועל-כע האָבן זיך דורכגעטראָגן ווי אַ ווינט, גאַלאָפּ, און ווידער די זעלבע פוסטקייט און די ווייט-אויסגעשפרייטע שטילקייט. די טעג זיינען געווען אַזעלכע איינאַרטיקע, ווי אויפן מיטן ים, הייסע, לאַנג-ווייליקע, אומענדלעך לאַנגע.

באָר דאָס וועטער איז געווען פרעכטיק שיין.

אָבער די פּעאָנעזער זיינען געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ מער פאַדערנדיקער, פונקט אזוי, ווי דאָס יינגל וואָלט געווען זייערס אַ געצאָלטער באַדינער. טייל האָבן זיך באַצויגן צו אים ברוטאַל, און אַלע האָבן פאַרלאַנגט, ער זאָל זיי כסדר באַדינען, זיך נישט רע-כענענדיק מיט גאָרנישט. זיי האָבן אים געהייסן טראָגן גרויסע פעק פאַשע, זיי האָבן אים געשיקט נאָך וואַסער אין זייער ווייטע ערטער, און ער, צעבראָכן פון דער דאָזיקער שווערער טעגלעכער אַרבעט, האָט זיך נישט געקענט אפילו גוט אויסשלאָפן, ווערנדיק געוועקט באַנאַכט פון דעם ברומען פון די אָקסן, פון דעם הירזשען פון די פערד, פון דעם פאַרביסענעם געבילערײ פון די גרויסע הינט, וועלכע זיי האָבן גיטגעפירט מיט זיך, און אינדערפרי פון דעם אומאויפהערלעכען טרייסלען פון די אונטערשפרונגעדיקע וועגן, פון דעם גרילצן פון די רעדער און קלינגעריי פון דעם

אייזנוואַרג. און צו דעם צו, זאָל נאָר דער ווינט געווען אַ בלאָז געבן, און ער האָט גאַנץ אָפּט געבלאָזן, ווי אַ רויטלעכער, דיקער שטויב האָט שוין צוגעדעקט אַלץ, זיך אַרייגעקריגן אין וואָגן, אַרונטערגעדרונגען אונטערן אָנטון, זיך אַריינגעריסן אין מויל און אין די אויגן, פאַרכאַפּנדיק דעם אָטעם, שטערנדיק צו קוקן, עקשנותדיק, פייניקנדיק, אומדערטרעגלעך.

אויסגעמאַטערט פון דער שווערער אַרבעט און נישט שלאָפן, אָפּגעריסן און ברודיק, אַרומשלעפנדיק זיך אַזוי פון אינדערפרי ביז באַנאַכט, האָט דאָס אָרימע ייִנגל פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער אויסגעזען און וואָלט זיכער געווען איינגאַנצן זיך אָנגעווירן, ווען קאַפּאַטאַז וואָלט נישט געווען גערעדט צו אים פון צייט צו צייט עטלעכע גוטע ווערטער. גאַנץ אָפּט פלעגט ער אויך, איינגעטוליעט אין אַ ווינקעלע פון וואָגן, נישט געזען פון קיינעם, ביטער וויינען, אָנשפּאַרנדיק דאָס פּנים אויף זיין פּעקעלע, אין וועלכן עס איז שוין גאָרנישט געווען, אַ חוץ עטלעכע שמאַטעס. וואָס אַ טאָג איז ער אויפגעשטאַנען אַלץ שוואַכער, אַלץ אָפּגעלאָזטער, און קוקנדיק אַזוי אויף דער דאָזיקער אומ.נדלעכער ווייטקייט, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן אַזוי אומרחמנותדיק, אומדורכדרינגלעך, פּונקט ווי אַן אָקעאַן פון פּוסטע, שווייגנדיקע, מדבריותדיקע ערד-שטחים, האָט ער זיך געטראַכט:

— אַך, דעם היינטיקן אָוונט וועל איך שוין נישט דערלעבן. היינט וועל איך שוין זיכער שטאַרבן!

און אַרבעט איז אַלץ צוגעקומען, און דאָס שלעכטע באַגיין זיך מיט אים איז אַלץ ערגער געוואָרן.

איינמאָל אינדערפרי, ווען ער האָט פאַרשפּעטיקט אַ ביסל מיטן וואַסער ברענגען, און קאַפּאַטאַז איז גראָד נישט געווען, האָט אים איינער פון די פּעאָנעזער אַ קלאַפּ געטון, און פון דאַמאָלט אָן איז עס פּשוט געוואָרן אַ געוווינהייט, אַז יעדער האָט אים, צוזאַמען מיט עפּעס אַ באַפעל, אַ שטויס געטון, זאָגנדיק:

— נעם דאָס אין דער טאָרבע אַריין! נעם עס פֿאַר דיין מאַמעס וועגן!

און אים האָט דאָס האַרץ געפּלאַצט. ער האָט אַלץ פֿאַרטראָגן, אָבער האָט דאָך נישט געקענט אויסהאַלטן, און איז קראַנק געוואָרן.

דריי טעג איז ער געלעגן אין וואָגן, צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, קלאַפּנדיק מיט די ציין אין אַ שרעקלעכן פֿיבער און נישט זעענדיק קיינעם אַרום זיך, אַ חוץ קאַפּאַטאַזן, וועלכער האָט אים געברענגט צו טרינקען און געציילט זיין דופּק. האָט ער גערעכנט, אַז ער איז שוין פֿאַרלוירן און גערופֿן די מוטער מיט אַ שטערבלעכער פֿאַרצווייפֿלונג, האַלטנדיק איר זיסן נאָמען כסדר אויף זיינע ליפּן

— אָ מאַמע! טייערע מאַמע! ראַטעווע מיך! קום, איך וועל שטאַרבן, איך זאָל מיך געזעגענען מיט דיר! אָ מאַמע, צי וועל איך דיך שוין קיינמאָל נישט זען? צי וועסטו מיך שוין געפֿינען אַ טויטן אויף דעם וועג?

און ער האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט און זיי צוגעטוליעט צו דער ברוסט, און געבעטן אַזוי הייס, מיט דער גאַנצער נשמה.

ביז עס איז אים, אַ דאַנק די באַמיונגען פֿון דעם גוטן קאַפּאַטאַז, אַביסעלע לייכטער געוואָרן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿילן בעסער, אָבער גראָד דאַמאָלס איז אָנגעקומען דער שרעקלעכסטער טאָג פֿאַר אים, דער טאָג, אין וועלכן עס איז אים אויסגעקומען צו בלייבן אַליין.

צוויי וואָכן זיינען זיי שוין געווען אין וועג.

ווען זיי זיינען אַלזאָ אָנגעקומען צו דעם שייד-וועג ווו עס צווייגט זיך אָפּ פֿון דעם וועג, וואָס פֿירט קיין טוקולמאַ, אַ וועג וועלכער גייט אַוועק קיין סאַנטיאַגאָ דעלל׳ עסטעראָ, האָט קאַפּאַטאַז צו וויסן געגעבן דעם יינגל, אַז דאָ שיידן זיי זיך ער האָט אים געגעבן עטלעכע אָנווייזונגען וואָס אָנבאַלאַנגט זיין ווייטערדיקער

רייזע, אים אַנגעהאָנגען דאָס פעקעלע אויף די פּלייצעס אַזוי, אַז עס זאָל אים זיין לייכטער צו גיין. און ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל אַליין נישט צופיל גערירט ווערן, האָט ער זיך געזעגנט מיט אים קורץ, אזוי, אַז דאָס ייִנגל האָט קוים צייט געהאַט צו קושן זיין האַנט. אָבער אויך די פּעאָנעזער, וועלכע זיינען זיך באַגאַנגען מיט אים אַזוי שלעכט, האָבן אויסגעזען צו זיין גערירט פון רחמנות, זעענדיק אים אַזוי איינעם אַליין שטיין אויפן וועג הילפלאָז, ווייל זיי האָבן זיך בעזעגנט מיט אים, דערווייטערנדיק זיך, מיט אַ פריינטלעכן פאָכן פון די הענט. און ער, אָפּענטפערנדיק זיי מיטן גאַנצן האַרץ אויף זייער בעזעגענען זיך, איז געשטאַנען אַזוי און געקוקט, ביז דער גאַנצער רייזע-צוג איז נישט פאַרשווונדן געוואָרן אין דעם רויטלעכן וואָלקן שטויב, נאָכדעם האָט ער אַ זיפץ געטון און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

*

*　　　*

איין זאַך האָט אים פונדעסטוועגן צוגעגעבן מוט באַלד אין אָנהייב. נאָך דער דאָזיקער לאַנגער רייזע איבער דעם אומענדלעכן איינאַרטיקן, טויטן פלאַך-לאַנד, האָט ער דערזען פאַר זיך אויפשטייגן דאָרט ווייט אויפן האָריזאָנט אומגעהייער הויכע לאַזור-בערג מיט ווייסע שפּיצן, וועלכע האָבן אים דערמאַנט אָן די אַלפּן און אַרומגענו-מען מיט עפּעס היימישס, מיט עפּעס אַזעלכס, וואָס האָט אים דערנענטערט צו זיין היים-לאַנד. דאָס זיינען געווען די אַנדן, די פעלזיקע הייך פון אַמעריקאַנישן ברעג, די אומגעהייער לאַנגע קייט, וועלכע ציט זיך פון דער פייער-ערד ביזן ים פון די פּאָליוס-ברעגן, אויף אַ שטח פון הונדערט און צוואָנציק גראַדוסן פון געאָגראַפי-שער ברייטקייט.

אויך האָט אים זייער אויפגעהייטערט דאָס, וואָס דאָס בלאָזן פון ווינט איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ וואַרעמער, פונקט אַזוי, ווי

די אָנגעוואָרעמטע לופט וואָלט אים אַנטקעגן געלאָפן. און עס איז נישט קיין חידוש, וואָרים זיין וועג, וועלכער האָט זיך אָנגעדרייט אַצינד מער קיין אָפּן, האָט אים דערנענטערט פּאַמעלעך צו די ספּערן פון עקוואַטאָר.

ער איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ היפּש שטיקל וועג, ווען ער האָט ענדלעך באַגעגנט אַ גרופּע קליינע הייזלעך, מיט אַ גאַנץ אָרים געווּעלבל, אין וועלכן ער איז אַריינגעגאַנגען קויפן זיך עפּעס עסן. ער איז עפּעס געווען זייער הונגעריק. דערלאָבנדיק זיך אַ ביסל, איז ער געגאַנגען ווייטער. דער וועג איז נישט געווען אינגאַנצן לער.

ער האָט באַגעגנט מענער רייטנדיקע אויף פערד, ער האָט געזען פרויען און קינדער, וועלכע זיינען געזעסן אויפן גראָז, אומבאַוועגלעך, ערנסט, מיט פנימער אַזעלכע מאָדנע, וואָס האָבן געהאַט די קאָליר פון ערד, מיט שטאַרק אַרויסשטאַרטשענדיקע באַקןביינער און לענגלעכע אויגן, וועלכע האָבן אים אָנגעקוקט עקשנותדיק און באַגלייט מיט זייער בליק, נאָכדרייענדיק פּאַמעלעך די קעפּ, פונקט, ווי אויטאָמאַטן. דאָס זיינען געווען אינדיאַנער.

דעם ערשטן טאָג איז מאַרעק געגאַנגען אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער האָט נאָר געהאַט כוח, די נאַכט איז ער איבערגעשלאָפן אונטער אַ בוים. דעם צווייטן איז ער אָפּגעגאַנגען וויבציקער אַ ביסל, און האָט זיך מער אָנגעשטרענגט. די שטיוול זיינען אים געווען געלעבערט, די פיס אָפּגעריבן, און אין זיך האָט ער זיך נישט געפילט עפּעס גוט, צוליב דעם שלעכטן נערן זיך. דערנאָך איז אים באַפאַלן אַ שרעק. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי מען פלעגט אין איטאַליען זאָגן, אַז אין די געגנטן זיינען דאָ גיפטיקע שלאַנגען, און עס האָט זיך אים באַלד אויך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז ער הערט אין גראָז עפּעס פאַרדעכטיקט פייפן. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט, דערווידער געגאַנגען, און דורך די ביינער איז אים אַ דורך אַ שוידער פון פחד. אָנגעקומען אַ גרויס רחמנות

אויף זיך אַליין, אַז ער האָט זיך צעוויינט, גייענדיק אַזוי און שווייגנ־דיק, בעת ער האָט פונדעסטוועגן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אַלץ:

— אַך — האָט ער זיך געטראַכט — וויפל עגמת נפש וואָלט די מאַמע געהאַט פון מיר, ווען זי וואָלט געוווּסט, אַז איך האָב אַזוי מורא!

און דאָס האָט אים צוריקגעגעבן מוט. האָט ער זיך אָנגע־כאַפּט אָן דעם געדאַנק וועגן דער מוטער, ווי אין אַ רעטונגס־ברעט. ער האָט זיך דערמאָנט פאַרשיידענע זאכן פון איר. איר טייער פּנים, איר שטימע, אירע רייד, מיט וועלכע זי האָט זיך געזעגנט מיט אים, פאַרלאָזנדיק געגנוּא... דאָ האָט ער זיך ווידער דער־מאָנט, ווי זי פלעגט אים גלייך מאַכן די קאָלדרע און דאָס קישן אין בעטעלע, ווען ער איז נאָך געווען קליין, ווי זי פלעגט אים נעמען אויף דער שויס, זאָגנדיק:

— זיץ אַ ביסל אויף מיר! — און אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף אים, פלעגט זי טיילמאָל אַזוי לאַנג זיצן פאַרטראַכט, פאַר־קלערט... האָבן די ערינערונגען אים דערפרישט און צוגעגעבן נייעם מוט:

— איך וועל דאָך דיך, טייערע מאַמע, ווידער זען! איך וועל דאָך אַמאָל דערגרייכן דעם סוף פון דעם דאָזיקן וועג, אמת, מאַמע?..

און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, צווישן אומבאַקאַנטעביימער, צווישן גרויסע פלאַנטאַציעס צוקער־שטעקעלעך, צווישן אומגעהייערע גראָז־סטעפּעס, אַלץ צו יענע לאַזור־בערג, וועלכע האָבן זיך מיט זייערע שניי־שפּיצן אַריינגעשטאָכן אין הימל. אַזוי זיינען אַריבער פיר טעג, פינף טעג, איז אַריבער אַ גאַנצע וואָך.

דעם יינגלס כּוחות זיינען אַלץ ווייניקער געוואָרן, אָפּגעפאַלן, די פיס זיינען אים געווען צעקאַליעטשעט. ביז ער האָט אין אַ גע־

זייסן טאָג, באַם זון-אונטערגאַנג, געפרעגט אַ דורכגייער, און יענער האָט אים געענטפערט:

— טוקומאַן? פינף מייל פון דאַנען וועט נאָך זיין קיין טוקומאַן.

מאַרעק האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון פרייד און אָנגעהויבן צואיילן זיין טריט, ווי ער וואָלט דורך אַ נס צוריקגעקריגן זיינע אָנגעווווירענע כוחות. אָבער דאָס איז נאָר געווען בלויז אַן איינגערעדט שטאַרקן זיך. אין אַ ווײַלע אַרום איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן, די כוחות האָבן אים פאַרלאָזט, און ער איז געפאַלן באַם ברעג פון ראָוו, וואָס האָט זיך געפונען אין דער זייט פון וועג.

דאָס האַרץ אין דער ברוסט האָט אים פונדעסטוועגן געקלאַפּט אַלץ פריידיקער און פריידיקער! דער הימל, וואָס האָט געפינקלט מיט די פלאַמענדע שטערן האָט אים נאָך קיינמאָל נישט אויסגעזען אַזוי שיין. ער האָט געקוקט אויף אים, אויסגעצויגן אויפן גראָז און האַלטנדיק באַ איינשלאָפן, און פונדעסטוועגן געטראַכט, אַז עס קען זיין, אַז די מוטער קוקט אויך אַצינד אויף די דאָזיקע שטערן, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— וווּ ביסטו, מאַמע טייערע! וואָס טוסטו אַצינד? צי טראַכסטו פון דיין מאַרעקן, וועלכער איז שוין אַזוי נאָנט פון דיר?

*

* *

אָרימער מאַרעק! ווען ער וואָלט געווען געוווּסט אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיין מאַמע געפינט זיך אַצינד, וואָלט ער געווען געמאַכט די איבערמענטשלעכסטע אָנשטרענגונג, אַבי צו זיין באַ איר מיט אַ פּאָר שעה פריִער. זי איז געווען קראַנק. זי איז געלעגן אין בעט, אין אַ פאַרטער-שטיבעלע פון אַ שיינער ווילע, וועלכע איז באַוווינט געווען דורך דער פאַמיליע פון אינזשינער מעקווינעז, וואָס האָט די

גוטע פרוי זייער ליב געקריגן און זיך פֿאַרנומען מיט איר אויפֿן פֿאַרציקסטן אופֿן.

ווען דעם אינזשינער מעקווינעז איז אויסגעקומען פֿלוצלינג צו פֿאַרלאָזן בוענאָס-איירעס, איז שוין די אָרימע פֿרוי קראַנק געווען, נאָר דער אויסגעצייכנטער קלימאַט פֿון קאָרדאָוואַ האָט איר געגעבן אַ ביסל באַשטאַנד אויפֿצושטיין, נאָר מען האָט געמוזט שנעל אומגעקערט אירע כּוחות.

אָבער ווען זי האָט אויף די בריוו, וועלכע זי האָט געשריבן צו איר מאַן, אי צו דעם קרובֿ, נישט דערהאַלטן קיין שום ענטפֿער, האָט דאָס פֿאַרגעפּיל פֿון עפּעס אַן אומגליק, די שטענדיקע אימה, אין וועלכער זי האָט געלעבט פֿון טאָג-צו-טאָג אַן דער מינדסטער ידיעה פֿון אירע קינדער, פֿון איר היים; דאָס שלאָגן זיך מיט דער דעה, צו פֿאָרן, צי בלייבן; די שרעקלעכע אומרויִקייט, וועלכע האָט איר צוגענומען דעם שלאָף באַנאַכט און די מעגלעכקייט באַטאָג זיך צו שטאַרקן אַ ביסל — דאָס אַלץ האָט פֿאַרערגערט איר צושטאַנד אויף אַן אומגעווייינטלעכן אופֿן. ענדלעך האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע קראַנקהייט, עפּעס אַ שאַרפֿע, אינערלעכע אָנצינדונג, וועלכע האָט זי געהאַלטן שוין אַזוי פֿופֿצן טעג צווישן טויט און לעבן. כּדי צו ראַטעווען איר לעבן האָט מען זיך געדאַרפֿט אַנטשליסן צו מאַכן אַן אָפּעראַציע.

און טאַקע אין דער רגע, ווען מאַרעק האָט זי גערופֿן, זייַנען געשטאַנען די הערשאַפֿט מעקווינעז לעבן איר בעט און זי צוגערעדט מיט גוטע ווערטער, און איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די אָפּעראַציע איז אומבאַדינגט נייטיק, אין זי האָט זיך איינגעשפּאַרט און געוויינט, אַז זי וויל נישט.

דער פֿעניקער דאָקטאָר פֿון טוקומאַן איז שוין דאָ געהאַט געווען די פֿאַרגאַנגענע וואָך, אָבער אומזיסט.

— ניין, מיינע טייערע הערשאַפֿט! — האָט די קראַנקע גע-

זאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע. — שטעלט שוין נישט אויס אויף דעם! איך בין שוין צו שוואַך צו דעם... איך וואָלט געשטאָרבן אונטערן מעסער פון דאָקטאָר... וויל איך שוין בעסער שטאַרבן אַזוי, וואָס טויג מיר שוין דאָס לעבן. פאַר מיר איז שוין אַלץ גע-ענדיקט. עס איז מיר שוין גלייכער צו שטאַרבן פריִער, איידער איך וועל געוווירע ווערן, וואָס עס איז דאָרט מיט מיינע אָרימע געשען!...

און די הערשאַפט מעג, ווינעז האָבן איר אויסגערעדט. מען מוז דאָך האָבן אַ ביסעלע מוט! אַ ביסעלע גלויבן! ווען זי וואָלט געווען געשריבן קיין געזונט גלייך, און נישט דורכן קרוב, וואָלט זי שוין לאַנג געווען געהאַט אַ ידיעה פון דער פאַמיליע. אַז זי טאָר נישט גרינגשעצן איר געזונט, אַז זי מוז באַשטיין אויף דער אָפּעראַציע, אויב נישט צוליב זיך, איז צוליב אירע קינדער. נאָר דאָס וואָרט „קינדער" האָט נאָך גרעסער געמאַכט איר טיפן ווי און בענקשאַפט ביז פאַרצווייפלונג, וועלכע האָבן זי שוין אַזאַ לאַנגע צייט געמאַטערט.

אַך, מיינע קינדער! מיינע קינדער! — האָט זי אויסגערופן, צוזאַמענלייגנדיק די אויסגעדאַרטע הענט. — איר זענט שוין אפשר גאָר אויף דער וועלט נישטאָ! גלייכער איך זאָל שוין אויך נישט זיין אויף איר! איך דאַנק אייך, גוטע מענטשן! פון טיפן האַרץ דאַנק איך אייך, אָבער איך וויל בעסער שוין שטאַרבן, איינמאָל, איידער אַלע טאָג ביסלעכווייז צו שטאַרבן. איך וועל שוין, אפילו מיט דער אָפּעראַציע, אויך נישט געזונט ווערן. איך ווייס דאָס! איך דאַנק אייך פאַר אַלע אויסגאַבן און די אַלע באַמיִונגען. זאָל שוין דער דאָקטאָר נישט קומען אַהערצופאָרן דאָ מער איבערמאָרגן, ווי ער האָט צוגעזאָגט! איך וויל שוין אַזוי שטאַרבן. עס איז שוין אַזוי באַשערט, אַז איך זאָל דאָ דעם טויט געפינען. זאָל-זשע שוין זיין, וואָס עס האָט צו זיין!

אָבער די הערשאַפֿט מעקווינעז זיינען נישט אָפּגעטרעטן:

— אום גאָטעס ווילן! רעדט נישט אַזוי! מען טאָר נישט! —

און זיי האָבן גענומען איר האַנט אין זייערע הענט אַריין און געבעטן זי און געטרייסט, ווי זיי האָבן נאָר געקענט. די קראַנקע האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרשטיינערטקייט, וועלכע האָט אויסגעזען, ווי שוין דער טויט.

און דער הער און זיין פרוי האָבן, אין ליכט פון דעם קליינעם לעמפעלע, געקוקט מיט גרויס רחמנות אויף דער דאָזיקער העלדישער מוטער, וועלכע איז, כדי צו ראַטעווען איר פאַמיליע, געשטאָרבן דאָ זעקס טויזנט מייל ווייט פון איר פאָטערלאַנד, נאָך אַזוי פיל מי, נאָך אַזוי פיל ליידן, אַזאַ באַשיידענע, אַזאַ גוטע און אַזאַ אומגליקלעכע.

*

* *

אויפן צווייטן טאָג, באַלד אינדערפרי, איז מאַרעק, מיט זיין פעקעלע אויף די פלייצעס, איינגעבויגן און אונטערלאָמענדיק, אָבער פול מיט האָפנונג אין זיין האַרץ, אַריינגעגאַנגען אין דער שטאָט טוקומאַן, איינע פון די יינגסטע און בליענדיקסטע שטעט פון דער אַרגענטינישער רעפובליק.

און באַלד האָבן זיך דעם יינגל דערמאָנט ווי לעבעדיק: בוענאָס-איירעס, ראָסאַריאָ, קאָרדאָוואַ, ווייל אויך דאָ זיינען די גאַסן געווען אַזעלכע גלייכע, אומענדלעך לאַנגע און פון ביידע זייטן פאַרבויטע מיט די זעלבע ווייסע, נידעריקע הייזער. נישט מער, דאָ האָט ער נאָך אומעטום, וווּ ער האָט נאָר אַ בליק געוואָרפן, געזען זייער שיינע און פרישע געוויקסן. דער הימל טיף, זויבער, אַזוי שאַפיר-בלוי, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל אין ערגעץ, אַפילו אין איטאַליען אַזעלכן נישט געזען; די לופט ווידער, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם וווּנדער-

לעכן ריח פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע בלומען. גייענדיק אַזוי איילנדיק איבער דער גאַס, האָט ער געפילט די זעלבע הייסע צערטלעכקייט, וואָס ער האָט געפילט אין בוענאָס איירעס. ער האָט געציטערט אינגאַנצן, אַרומגענומען פון עפּעס אַ װוּנדערלעכן אינערלעכן שוידער, קוקנדיק אויף די פענסטער און טירן פון די הייזער און אַרומכאַפּנדיק מיט אַ פאָרשנדיקן בליק די דורכגייענדיקע פּרויען, אין דער האָפנונג, אַז ער וועט דערזען זיין מאַמע. ער האָט געוואָלט יעדן פרעגן אויף איר, איז אָבער נישט דרייסט געווען עמעצן צו פאַרהאַלטן. די, פּונדעסטוועגן, וועלכע האָבן אים באַגעגנט, האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף די שוועלן פון די הייזער, קוקנדיק אויף דעם אָרימען, אָפּגעריסענעם, מיט שטויב באַדעקטן ייִנגל, אָן וועלכן עס איז געווען צו דערקענען, אַז ער גייט פון עפּעס זייער, זייער ווייט...

און ער האָט דערווייל געפּאָרשט די פנימער און געזוכט אַזעלכעס, וואָס זאָל אים נישט אָפּשטויסן און דערלויבן זיך צו שטעלן פראַגן, ווען עס האָט זיך אים פלוצלינק אַ וואָרף געטון אין די אויגן אַ שילד פון עפּעס אַ געוועלב, מיט אַן איטאַליענישן נאָמען פון בעל-הבית. אין געוועלב האָט ער דערזען אַ הער אין ברילן און צוויי פּרויען. איז ער פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער טיר, און צונויפנעמענדיק זיין גאַנצן מוט, האָט ער געפרעגט:

— צי וואָלט מיר דער הער נישט געקענט זאָגן, ווו עס וווינט דאָ דער הער מעקווינעז?

— דער הער אינזשיניער מעקווינעז? — האָט דער בעל-הבית פון געוועלב געפרעגט.

— דער הער אינזשיניער מעקווינעז — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט מיט אַ ציטערדיקער שטימע.

— די הערשאַפט מעקווינעז — האָט דער בעל-הבית פון געוועלב געזאָגט — געפינען זיך נישט אין טוקומאַן.

אַ פּאַרצווייפלטער אויסגעשריי, וואָס האָט זיך א ריס געטון. חי פון אַ ברוסט, וואָס איז דורכגעהאַקט געוואָרן פון אַ מעסער. איז געווען דער עכאָ אויף זיינע רייד. איז דער סוחר צוגעלאָפן, זיינען צו די פרויען, עטלעכע דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן טראָטואַר, עטלעכע שכנים זיינען געקומען אָנצולויפן.

— וואָס איז? וואָס איז דאָס דיר, יינגל? — האָט דער איבער־געשראָקענער סוחר געפרעגט, אַריינפירנדיק מאַרעקן אין געוועלב און אַוועקזעצנדיק אים אויף אַ בענקל. — אום גאָטעס ווילן, דו דאַרפסט דיר נישט נעמען אַזוי צום האַרץ! די הערשאַפט מעקווי־נעז געפינען זיך נישט דאָ, אָבער זיי זיינען ווייט אינגאַנצן עטלע־כע שעה רייזע פון טוקומאַן...

— ווו? ווו? — האָט מאַרעק אויסגעשריגן און אַראָפּגעשפרונ־גען פון בענקל, ווי ער וואָלט אין זיך אַ ניי לעבן דערפילט.

— עס וועט זיין אַ פופצען מייל פון דאַנען — האָט דער סוחר געזאָגט. — אויפן ברעג סאַלאַדילי, דאָרט, ווו מען בויט אַ צוקער־פאַבריק און אַ קליין דערפל דערלעבן. דאָרט וווינט אצינד דער הער אינזשיניער, אַלע ווייסן דאָס, און ווען דו זאָלסט אַזוי שנעל אַ גיי טון, וועסטו דאָרט זיין אין עטלעכע שעה אַרום.

— איך בין דאָרט געווען מיט אַ חודש צוריק — האָט גע־זאָגט עפּעס אַ יינגערמאַן, וועלכער איז אויך אויף דעם געשריי געקומען צוצולויפן.

מאַרעק האָט אַ קוק געטון מיט אַ דערשראָקענעם בליק, און בלייך ווערנדיק, שנעל געפרעגט:

— צי האָט דער הער נישט געזען דאָרט די דינסט פון די הערשאַפט מעקווינעז, אַן איטאַליענערין?

— פון גענוע? איך האָב געזען.

מאַרעק האָט אָנגעהויבן קאָנווולסיוו צו שלאָכצן, וויינענדיק

און לאַכנדיק צוזאַמען, און ער האָט באַלד אָנגעהויבן שנעל צו לויפן, פרעגנדיק זיך איינס איבערן צווייטן:

— ווי אַזוי גייט מען? שנעל! מיט וועלכן וועג? אום גאָטעס ווילן! שנעל! איך מוז שוין לויפן... ווייזט מיר דעם וועג...

— אָבער עס מוז דאָך געדויערן אַ גאַנצן טאָג דאָרט אַהינצוגיין! — האָבן אַלע איינעם געזאָגט. — דו ביסט אויסגעמאַטערט... דו מוזט דיך אָפּרוען ביז מאָרגן. מאָרגן אינדערפרי וועסטו גיין.

— איך קען נישט! איך קען נישט! — האָט דאָס יינגל געזאָגט. זאָגט מיר באַר ווו. ווייזט מיר! איך קען קיין איין רגע נישט וואַרטן. איך גיי שוין, כאָטש עס זאָל מיר אַפילו אויסקומען צו פאַלן... דעם וועג ווייזט מיר!

זעענדיק אים אַזאַ אַנטשלאָסענעם, האָט אים שוין קיינער נישט אָפּגעווענדט.

— זאָל-זשע דיך גאָט פירן! — האָבן זיי געזאָגט. — און זיי אויפמערקזאַם אין וועג דורכן וואַלד. אַ גליקלעכע רייזע, קליינער איטאַליענער!

דער יינגערמאַן האָט אים אַרויסגעפירט פון שטאָט, אָנגעוויזן דעם שליאַך, געגעבן עטלעכע דערקלערונגען, און געבליבן שטיין און נאָכגעקוקט, ווען דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן גיין. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אים דער קליינער לאָמענדיקער רייזנדער, מיט דעם פעקעלע אויף די פּלייצעס, פאַרשוווּנדן פון די אויגן הינטער די ביימער וואָס זיינען געוואַקסן אויסגעזעצט פון ביידע זייטן וועג.

*

* *

די נאַכט, וועלכע איז נאָך דעם דאָזיקן טאָג צוגעפאַלן, איז געווען אַ ביטערע פאַר דער קראַנקער. די אָרימע פרוי האָט געליטן שרעקלעכע יסורים, וועלכע האָבן ארויסגעריסן בײַ איר אומ-

באַוואוסטזיניקע קרעכצן און אַרייִנגעוואָרפן זי טיילמאָל, ווי אין אַ משוגעת. די מענטשן, וועלכע האָבן געוואַכט בײַ איר, האָבן זיך אײַנגעגרינגערט אירע פּיין. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז ווען די קראַנקע זאָל זיך שוין אפילו יאָ אַנטשליסן אויף דער אָפּעראַציע, זאָל דאָס קומען פון דאָקטאָר, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו קומען צומאָרגנס, שוין נישט זיין אַמאָל צו שפּעט.

פונדעסטוועגן אין די מינוטן, ווען די פרוי איז געקומען צו זיך, האָט מען געקענט דערקענען, אַז די ערגסטע פון אירע ליידן זיינען נישט די ווייטיקן פון איר קערפּער, נאָר די פּיין פון איר נשמה, דער פאַרצווייפלטער געדאַנק וועגן איר ווייטער, ווייטער פאַמיליע. אַ בלייכע, אַן אויסגעמאַטערטע, מיט אַ געענדערטן פּנים, האָט זי זיך אַלע מאָל אָנגעכאַפּט בײַ די האָר מיט אַ באַוועגונג פון פאַרצווייפלונג, וואָס האָט דאָס האַרץ דורכגענומען:

— גאָט מיינער! שטאַרבן אַזוי ווייט! שטאַרבן, און נישט זען קיינעם, קיינעם! אָ קינדער מיינע, אָ מיינע יתומים! אָ אומגליקלעכע יתומים איר מיינע! אָ מאַרעק מיינער! אַזאַ קליין, אַזאַ גוט, אַזאַ ליבנדיק קינד! איר ווייסט נישט מענטשן, קיינער ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ ליב קינד דאָס איז געווען! אָ, ווען די מאַדאַם זאָל וויסן! פון האַלדז האָב איך אים מיר נישט געקענט אָפּרייסן, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן... און ער האָט געוויינט!... אַזוי געוויינט, אַז דאָס האַרץ האָט אים שיִער נישט געפּלאַצט. אוי, האָסטו גע-ווּסט, געוווּסט יתום, אַז דו וועסט די מאַמע דיינע שוין מער נישט זען! פאַרוואָס בין איך דאַמאָלס באַלד נישט געשטאָרבן! פאַרוואָס האָט זיך דאַמאָלס נישט גאָט באַלד דערבאַרעמט און מיר דעם טויט געגעבן! אוי, הלואי וואָלט איך געווען געפאַלן דאָרט בײַ דעם געזעגענען זיך! הלואי וואָלט מיך אַ דונער געווען דערהרגעט!

— אָן אַ מאַמען... אַזאַ קינד... אַזאַ האַרציקס... זונ־
ליבנדיקס... און דאָס האָט דאָך געקעבט אָן מיר דעם גאַנצן
טאָג... פאַריתומט... דאָס וועט דאָך אין אָרימקייט אונטערגיין,
בעטלען וועט דאָס גיין... אוי, קינד מיינס הונגעריקס... וואָס ציט
די האַנט אויס נאָך אַ שטיקעלע ברויט... אָך! באַשאַפער דער באַרמ־
היקער! ביין! ביין! איך וויל נישט שטאַרבן! דעם דאָקטאָר! רופט
מיר שנעל דעם דאָקטאָר. לאָז ער קומען, לאָז ער זיך צואיילן.
לאָז ער מיך שניידן, לאָמיך משוגע ווערן, אַבי לעבן בלייבן! איך
וויל לעבן, איך וויל געזונט זיין, איך וויל איבערן ים פאָרן, שוין
וויל איך אַהיימפאָרן... צו מיינע קינדער... ראַטעוועט מיך!..
ראַטעוועט...

און זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכער פאַרצווייפלונג.
די פרויען, וועלכע האָבן געוואַכט לעבן איר, האָבן זי אָנגעכאַפּט
בײַ די הענט, זי געטרייסט, באַרויִקט, דערמאַנט אָן גאָט, אַז מען
דאַרף האָבן בטחון, ביז זי איז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געקומען
צו זיך, אַריינפאַלנדיק אין אַ שטומער דערדריקטקייט, אָדער ווייִ־
נענדיק, ווי אַ קינד. און פון איר ברוסט האָבן זיך אַרויסגעריסן
איינייִנעם מיט דעם געוויין שטילע קרעכצן און זיפצן:

— אָ געגנוואַ! אָ שטאָט מיינע... אָ היים מיינע... אָ דו ים
מיינער! אָ מאַרעק מיינער! ווו ביסטו, טייער, טייער קינד!

*

*   *

עס איז געווען האַלבע נאַכט. אויסרוענדיק זיך עטלעכע שעה
אויפן ברעג ראָוו, האָט מאַרעק אָנגעהויבן גיין דורך אַן אומגעהייִ־
ער גרויסן וואַלד, איבער ווילדע ערטער, וואָס זיינען געווען פאַר־
וואַקסן מיט ריזיקע ביימער, ווילדע געוויקסן, שטאַמען, ענלעכע צו
זיילן פון עפּעס אַ פאַרכישופטן טעמפּל, וועלכע האָבן אין דער אומ־
געהייערער הייך צונויפגעפלאָכטן זייערע קרוינען, באַזילבערטע מיטן

ליכט פון דער לבנה. אין דעם האַלב-טונקל פון דער דאָזיקער געדיכטעניש און לבנהדיקער נאַכט, האָט ער געזען פאַר זיך, ווי זיי וואָלטן אים פאַרשטעלט דעם וועג, מיליאָנען ביימער פון פאַרשיידנסטע געשטאַלטן: גלייכע, איינגעבויגענע, אויסגעקרומטע, איבערגעקרייצטע, איינער אין צווייטן איינגעפלאָנטערטע מיט די אומגעוויינטלעכסטע באַוועגונגען, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך אַ קאַמף געפירט, געצייעט זיך איינער צום צווייטן, באַדראָט איינער דעם צווייטן.

טייל שטאַמען, וועלכע זיינען געלעגן אויף דער ערד, ווי איינגעוואָרפענע טויערן, זיינען געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטעניש פון געוויקסן, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי אַ מחנה, וואָס געווינט פאַר זיך יעדן שפאַן ערד מיט אַ פאַרביטערטן קאַמף. אַנדערע ווידער, צונויפגעדריקטע און גלייכע, שטייענדיק באַזאַמען אין גרויסע גרופן, האָבן אויסגעזען, ווי טרייע מחנות ריזיקע שפיזן, וועלכע האָבן די וואָלקנס מיט זייערע שפיצן דורכגעלעכערט. עפעס אַזאַ גאווה פון גרויסקייט, עפעס אַ ווונדערלעכער כאַאָס פון ריזיקע געשטאַלטן, עפעס אַ שרעקלעכער און מאַיעסטעטישער אָנבליק, צו וועלכן די נאַטור אַפילו קען זעלטן-ווען אין איר גרויסן און רייכן קעניגרייך פון געוויקסן דערגרייכן. מאַרעק איז אַלע מאָל שטיין געבליבן פאַרוווּנדערט און פאַרשטיינערט, נאָר באַלד האָט זיך זיין נשמה ווידער צו זיין מוטער אַ ריס געטון. און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, כאָטש דאָס האַרץ האָט אים שוין געחלשט פון מידעקייט און די פיס זיינען אים צעבלוטיקט געווען. ער איז געגאַנגען אַליין איבער דער דאָזיקער וויסטעניש, ווו ער האָט נאָר זעלטן באַגעגנט, ענלעכע צו מאַרעווקע-בערגלעך, אָרימע מענטשלעכע ישובים, צוגעטוליעטע צו די דאָזיקע אומגעהייערע שטאַמען, און סטאַדעס איינגעשלאָפענע בופל-אָקסן אויפן וועג. ער האָט שיער נישט געחלשט, און דאָך נישט געפילט קיין

מידעקייט; ער איז געווען אַליין, און דאָך נישט קיין מורא געהאַט. די דאָזיקע געטלעכע שיינקייט פון דער נאַטור האָט אים דאָס האַרץ געשטאַרקט. די נאָענטקייט פון דער מוטער האָט אים צוגעגעבן כּוח און מענטלעכע אויסגעהאַלטנקייט, די ערינערונג אָן ים, אָן די אַלע שרעקן, אומגליקן, ווייטיקן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט און באַקעמפט, די אַלע אונטערנעמונגען און שווערע אַרבעטן, וועלכע ער האָט אויסגעפירט, דאָס געפיל פון זיין אייזערנעם, פעסטען ווילן האָט אים דעם שטערן אויפגעהויבן הויך, הויך!

דאָס גאַנצע איידעלע געניטער בלוט זיינס, האָט אים דאָס האַרץ מיט אַ הייסער כוואַליע פון גרויסמוטיקער העלדישקייט פאַרגאָסן.

און עס איז געשען מיט אים נאָך איין אומגערעכטע זאַך. דאָס בילד פון זיין מוטער, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַרץ און געדאַנק אַזש ביז אַצינד, דאָס בילד, וואָס איז שוין, ווי פאַרנעפּלט און בלייך געוואָרן איבער די דאָזיקע צוויי יאָר פון איר נישט זיין, האָט אים אויפגעלויכטן מיט עפּעס אַזאַ גרויס ליכט צווישן די דאָזיקע מאַיעסטעטישע אָנבליקן פון דער נאַטור. ער האָט דערזען דאָס דאָזיקע טייערע פּנים אַזוי דייטלעך, אַזוי קלאָר, ווי ער וואָלט געקוקט דערויף מיט זיינע אויגן, ער האָט זי דערזען נאָענט לעבן זיך, ווי זי רעדט, ווי זי באַדויערט אים, ער האָט אויפגעכאַפּט יעדע באַוועגונג פון אירע אויגן, פון איר מויל, יעדן מאַך פון איר האַנט, יעדן שאָטן פון איר פאַרטראַכטקייט. און באַוועגט דורך די דאָזיקע ערינערונגען, וועלכע האָבן אים אויסגעזען ווי אַן איצטיקעווירקלעכקייט, האָט ער אַלץ צוגעאיילט זיין טריט. און דאָס האַרץ איז אים צעגעאַנגען פון עפּעס אַזאַ נייער, טויזנט מאָל נאָך שטאַרקערער ליבשאַפט, פון עפּעס אַזאַ גרויס רחמנות-געפיל, וואָס איז געוואַקסן און געוואַקסן, ביז ער האָט דערפילט פליסנדיקע טרערן איבערן פּנים, זיסע און שטילע. האָט ער גייענדיק אַזוי אַלץ

זייטער, געריעדט צו איר ווערטער רירנדע, הייסע, וועלכע ער האָט געדאַרפט איבערחזרן אין אַ קורצע ווײַלע אַרום, אַרומהאַלדזנדיק זי.

— אָט בין איך, ליבע מאַמע! אָט בין איך לעבן דיר! קיינמאָל וועל איך דיך שוין נישט פאַרלאָזן, נישט לאָזן אַליין. אינאיינעם וועלן מיר זיך אומקערן אַהיים! אויף דער שיף וועל איך כסדר שטיין לעבן דיר נאָנט, די גאַנצע צייט פון אונדזער רייזע איבערן ים. קיינער וועט מיך נישט אָפּרייסן פון דיר. קיינער, קיינמאָל, ביזן סוף פון מיין לעבן.

און ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי דאָס זילבערנע ליכט פון דער לבנה האָט זיך פאַמעלעך אויסגעלאָשן איבער די שפּיצן פון די דאָזיקע ריזן-ביימער, איבער וועלכע עס האָט זיך שוין אויפגעהויבן דאָס בלייכן פון נייעם מאָרגן.

*

* *

אַכט אַ זייגער אינדערפרי, איז דער דאָקטאָר פון טוקומאַן, דער יינגער אַרגענטינער, צוזאַמען מיט זיין אַסיסטענט, געשטאַנען באַם געלעגער פון דער קראַנקער און איר דערקלערט צום לעצטן מאָל די נויטווענדיקייט פון דער אָפּעראַציע. דער הער מעקווינעז און זיין פרוי האָבן מיט הייסע ווערטער אונטערגעהאַלטן די עצה פון דאָקטאָר. אַלץ איז אָבער געווען אומזיסט.

די פרוי, פילנדיק זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט פון די כוחות, האָט נישט געגלייבט אין דער אָפּעראַציע. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט שטאַרבן אינמיטן, אָדער עטלעכע שעה שפּעטער, נאָך יסורים, וועלכע וועלן זיין טויזנט מאָל שווערער, ווי די, וועלכע איר וועט אויסקומען צו ליידן, שטאַרבנדיק אַזוי, מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

— אָבער די אָפּעראַציע וועט דאָך זיכער געלינגען. אייער

געזונט ווערן איז אָן שום ספק געזיכערט! איז נאָר אַ ביסעלע מוט, אַ ביסעלע מוט! וואָרים אַזוי וועט איר דאָך זיכער שטאַרבן.

אָבער די ווערטער, מיט וועלכע דער דאָקטאָר האָט זיך באַמיט זי איבערצוצייגן, זיינען געווען, ווי אַרויסגעוואָרפענע אויפן „ווינט.

— ניין! — האָט זי געזאָגט — מיט אַ שוואַכער שטימע. — איך שרעק מיך נישט פאַרן טויט, נאָר איך האָב נישט קיין מוט צו ליידן אומזיסט. איך דאַנק דעם הער זייער, הער דאָקטאָר. דער הער איז אַזוי גוט צו מיר, אָבער דאָס איז שוין אַזוי אָנגעצייכנט. לאָזט־זשע מיך שוין שטאַרבן רויִק!

דער דאָקטאָר איז מיד געוואָרן און זי געמאַכט געלאָזט. קיינער האָט שוין נישט מער גערעדט וועגן דעם. דאַמאָלס האָט די קראַנקע אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דער פּרוי מעקווינעז און איר איבערגעגעבן איר לעצטע ביטע מיט אַן אָפּשטאַרבנדיקן קול:

— טייערע, גוטע מאַדאַם מיינע! — האָט זי גערעדט מיט גרויס שוועריקייט. — איך בעט אייך איבערצושיקן דאָס דאָזיקע ביסל געלט און די דאָזיקע עטלעכע אָרימע מלבושים מיינע מיין פאַמיליע דורכן הער קאָנסול. איך האָף, אַז זיי לעבן נאָך. מיין האַרץ זאָגט מיר דאָס אין די דאָזיקע לעצטע מינוטן. און זאָל־זשע מיר די גוטע מאַדאַם מיינע טון די דאָזיקע טובה און אָנשרייבן זיי, אַז איך האָב שטענדיק וועגן זיי געטראַכט, אַז איך האָב שטענדיק פאַר זיי געאַרבעט, פאַר מיינע קינדער, און אַז מער פאַר אַלעם האָט מיר וויי געטון דאָס, וואָס איך וועל זיי שוין קיינמאָל מער נישט קענען זען. און דאָס, אַז איך בין געשטאָרבן רויִק, מיט בטחון צו גאָט, און בענטשנדיק מיינע קינדער... און דאָס, אַז איך לאָז איבער אויף די הענט פון מיין מאַן און מיין עלטערן זון מיין יינגסטן, מיין אָרימען מאַרעק, וועלכן איך האָב געהאַט אין מיין האַרץ ביז מיין לעצטן אָטעם.

און פלוצלינג מיט אַ שטאַרקער באַגייסטערונג און צוזאַמענ-לייגנדיק די הענט:

— מאַרעק מיינער! קינד מיינס! לעבן מיינס!

אָבער וואַרפנדיק אַרום זיך אַ בליק מיט פולע אויגן פון טרערן, האָט זי דערזען, אַז די מאַדאַם איז שוין נישטאָ. עס איז ווער גע-קומען און זי שנעל אַוועקגערופן. האָט זי געזוכט דעם הער, אָבער אויך ער איז שוין נישט געווען. באַ איר בעט זיינען נאָר געשטאַנען דער אַסיסטענט און צוויי דינסטן. אין צווייטן צימער אָבער האָבן זיך געהערט איילנדיקע טריט, אַ געררויש פון לעבעדיקע שטימען, וועלכע האָבן זיך געמישט און איבערגעריסן געוואָרן פון אויסגע-שרייען. די קראַנקע האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַלטן באַ צומאַכן, אויף דער טיר — און געוואַרט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַריינגעקומען דער דאָקטאָר מיט גאָר אַן אַנדערן פנים, נאָכן דאָקטאָר — דער הער און די מאַ-דאַם, מיט אויך זייער געררירטע פנימער. אַלע דריי האָבן געקוקט אויף דער קראַנקער מיט אַ וווּנדערלעכן בליק און זיך דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע שטילע ווערטער. דער קראַנקער האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָקטאָר זאָגט צו דער מאַדאַם:

— עס איז בעסער באַלד!

זי האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען.

— יוזעפע! — האָט די מאַדאַם אָנגעהויבן מיט אַ ציטער-דיקער שטימע — איך האָב אַ גוטע ידיעה פאַר דיר. שטאַרק דיין האַרץ און גרייט דיך צו הערן אַ גוטע נייעס!

די פרוי האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער רעדנדיקער.

— אַזאַ נייעס — האָט די מאַדאַם אַלץ מער געררירטער גע-רעדט — וואָס וועט דיר פאַרשאַפן גרויס, גרויס פרייד!..

דער קראַנקערס אויגן האָבן זיך פלוצלינג ברייט אויפגעעפנט.

— גרייט דיך צו צו זען אייגעם... אַ געוויסע פּערזאָן...
וועלכע דו האָסט זייער ליב.

די פרוי האָט מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן צו קוקן מיט פלאַמענדיקע אויגן דאָ אויף דער מאַדאַם, דאָ אויף דער טיר...

— אַ פּערזאָן — האָט די מאדאַם געזאָגט בלייך ווערנדיק, ווי זי וואָלט אַליין געהאַלטן באַ פאַלן אין חלשות — וועלכע איז באַר-וואָס... געקומען... אומגערעכט.

— ווער איז געקומען?! — האָט די פרוי אויסגערופן מיט אַ פאַרשטיקטער, ווי פרעמדער שטימע, מיט אַ שטימע פון אַ טויט-איבערגעשראָקענעם מענטש. און געבנדיק זיך פלוצלינג אַ ריס פון געלעגער מיט אַ דורכדרינגענדיקן געשריי, איז זי געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, מיט ברייט-צעעפנטע אויגן, מיט אויפגעהויבענע הענט צו די שלעפן, ווי פאַר אַן איבערמענטשלעכער זעונג. מאַרעק איז, אַן אָפגעריסענער און פאַרשטויבטער, געשטאַנען אויף דער שוועל, אָנ-געלענט אויפן אָרעם פון דאָקטאָר.

די קראַנקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעך דורכדרינגענדיקן, ווי משוגענעם אויסגעשריי:

— גאָט! גאָט! גאָט מיינער!..

האָט זיך מאַרעק אַ וואָרף געטון. די קראַנקע האָט אויסגע-שטרעקט אירע אויסגעדאַרטע אָרעמס, און דריקנדיק זיין קאָפּ צו איר ברוסט מיט אַ קאָנוווּלסיווער קראַפט, האָט זי אַרויסגעזעצט מיט אַ גוואַלטיקן געלעכטער, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פון עפּעס אַזאַ טרוקענעם און טרערנדיקן שלאָכצן און אומגעפאַלן ווי אַ טויטע אויפן געלעגער. זי האָט זיך אָבער באַלד ווידער אויפגעכאַפּט און משוגע פון גליק, באַדעקט דעם קאָפּ פון איר זון מיט קושן — אויך משוגענע.

— ביסט דאָ ?.. פון וואַנען ?.. ווי אַזוי ?.. פאַרוואָס ביסטו ?.. צי ביסט דאָס דו ?.. ווי אויפגעוואַקסן דו ביסט! גאָט! ווי אַזוי האָסטו דיך דאָ אַהערגעקריגן ? ווער האָט דיך געבראַנגט צו פירן ? אַליין ביסטו ? צי ביסטו נישט קראַנק ? צי ביסט דאָס דו, מאַרעק ? צי חלומט זיך מיר נאָר אַזוי, גאָט... גאָט מיינער! רעד אַ וואָרט! רעד צו מיר!

און פלוצלינג בייטנדיק דעם טאָן פון איר שטימע.

— ניין! רעד גאָרנישט! גאָרנישט!.. וואַרט! — זי האָט זיך איילנדיק אַ דריי אויס געגעבן צום דאָקטאָר! — שנעל! שנעל, דאָקטאָר! וואָרים איך וויל זיין געזונט! איך מוז זיין געזונט! איך בין גרייט. זאָל דער הער קיין איין רגע נישט אָנווערן. נעמט צו מאַרעקן... זאָל מאַרעק נישט הערן...

און זיס צום זון:

— גאָרנישט, מאַרעק! גאָרנישט קינד! מען דאַרף מיר עפּעס זאָגן. גיב אַ קוש דער מאַמען. גיי! גוט, שוין... שוין...

מען האָט דאָס יינגל אַרויסגעפירט.

די הערשאַפט מעקווינעז — וועלכע האָבן באַדינט די פרוי, זיינען אַלע איילנדיק אַרויסגעגאַנגען. עס זיינען געבליבן נאָר דער כירורג און דער אַסיסטענט, וועלכער האָט נאָך זיי די טיר צוגעמאַכט.

דער הער מעקווינעז האָט געפרוווט מיטנעמען מיט זיך מאַרעקן אין אַ ווייטערן צימער אַריין. אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך, דאָס יינגל איז געווען ווי צוגענעגלט צו דער פאַדלאָגע. זיינע אויגן זיינען געוואָרן ווי משוגע, זיינע ליפּן האָבן געציטערט, ער האָט זיך געבויגן און קוים געקענט אַרויסרעדן:

— וואָס איז דאָס ?.. וואָס איז דער מאַמען ? וואָס טון זיי דאָרט מיט דער מאַמען ?..

האָט ווידער מעקוויטשע, באַמיענדיק זיך אים אויסקוראַ־פּירן אַ ביסעלע ווייטער, אַזוי שטילערהייט גערעדט:

— הער! באַלד וועל איך דיר זאָגן. דיין מאַמע איז קראַנק. מען דאַרף איר מאַכן אַ קליינע אָפּעראַציע. קום וועל איך דיר דערציילן דאָס אַלץ!

און ער האָט אים נאָכגעצויגן נאָך זיך.

— ניין! — האָט דאָס יינגל געענטפערט, איינשפּאַרנדיק זיך — איך וויל זיין דאָ. זאָל מיר דער הער דאָ דערציילן.

דאַמאָלס האָט דער אינזשיניער, דערציילנדיק אים מיט פּלאָנטערנדיקע ווערטער פאַרשיידענע נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע זאַכן, אים פּשוט אָנגעהויבן נאָכצוציען נאָך זיך.

דאָס יינגל האָט זיך געשראָקן און אינגאַנצן געציטערט.

פּלוצלינג האָט אַ דורכדרינגנדיק געשריי, ווי דאָס געשריי פון אַ טויט־פאַרוואונדעטן טענטש, אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן הויז.

עס האָט אים געענטפערט דאָס געשריי פון יינגל, ווי אַן עכאָ פון ווייטיק.

— געשטאָרבן מיין מאַמע!

דער דאָקטאָר האָט זיך באַוויזן אין דער טיר:

— דיין מאַמע איז געראַטעוועט, יינגל!

מאַרעק האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים, נאָכדעם האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צו זיינע פיס מיט אַ הויך שלאָכצן:

— איך דאַנק, הער דאָקטאָר, איך דאַנק!..

נאָר דער דאָקטאָר האָט אים אויפגעהויבן און געזאָגט:

— שטיי אויף קינד! דאָס האָסט דו קליינער העלד אָפּגעראַטעוועט דיין מאַמע!

די טויב־שטומע

זונטיק, דעם 28־טן

דער מאַי האָט זיך מיר גאָרנישט געקענט שענער ענדיקן, ווי מיטן היינטיקן פרימאָרגן! מיר הערן — עס קלינגט עמעצער לויפן מיר אַלע. מיר עפענען, און דאָ הערן מיר, ווי מיין טאַטע זאָגט מיט אַ טאָן פון העכסטער פאַרוואונדערונג.

— איר זענט דאָ, גושעגאַזש?

וואָרים דאָס איז טאַקע געווען גזשעגאָזש, אונדזער אַמאָליקער גערטנער פון שיערי, וועמענס פאַמיליע עס וווינט אין קאָרדאָווע, און וועלכער איז נאָר-וואָס געקומען פון גענוע, וווהין ער איז מיט א טאָג צוריק געקומען צו שווימען אויף אַ שיף פון גריכנלאַנד, נאָך דריי יאָר אַרבעט באַ דער אייזנבאַן. ער האָט געטראָגן אַ גרויסן פּאַק, האָט אויסגעזען עלטער, אָבער אַלץ נאָך אַזוי רויט אויפן פּנים און פריילעך.

מיין טאַטע האָט געוואָלט ער זאָל אַריינגיין אין צימער, נאָר גזשעגאָזש האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווערנדיק ערנסט, און שנעל געפרעגט:

— וואָס מאַכן דאָרט מיינע? וואָס מאַכט עפּעס לודווישע?

— זי האָט זיך גאַנץ גוט געפילט מיט צוויי טעג צוריק, ווען איך האָב זי געזען — האָט מיין מאַמע געענטפערט.

גזשעגאָזש האָט אַ טיפן זיפץ געטון:

— אַך, גאָט צו דאַנקען!.. וואָרים איך בין נישט דרייסט געווען דאָרט צו די טויב-שטומע אַריינצוגיין, כּל-זמן איך וועל נישט דאָ באַ די הערשאַפט עפּעס געוווּיר ווערן. איך דאַנק אייך, מאַדאַם! וועל איך דאָ אַצינד איבערלאָזן מיין פּאַק און אַ לויף טון נאָך איר. דריי יאָר שוין, ווי איך האָב נישט געזען דאָס אָרימע קינד! דריי יאָר שוין, ווי איך האָב קיינעם פון די מייניקע נישט געזען!

דער טאַטע האָט מיר אַ ווונק געטון.

— גיי מיט.

— נאָך איין וואָרט, אויב די הערשאַפט וועלן מיר דערלויבן — האָט דער גערטנער געזאָגט, ווען מיר זיינען שוין געווען אין פעדער-הויז.

מיין טאַטע האָט אים איבערגעריסן:

— און ווי גייען דאָרט עפּעס די געשעפטן?

— גוט! — האָט ער געענטפערט — גאָט צו דאַנקען! איך האָב געבראַנגט אַ ביסל געלט! אָבער איך האָב געוואָלט עפּעס פרעגן. האָבן זיי זי עפּעס אויסגעלערנט דאָרט, די אָרימענקע מייַ־נע? וואָרים איך האָב זי דאָך איבערגעלאָזט, ווי מען זאָגט, ווי אַ שטומען פיש... קיין סך גלייב איך אַפילו נישט אין זייער לע־רע... אָבער די צייכנס זייערע דאָרט קען זי כאָטש? מיינע האָט מיר אַפילו געשריבן, אַז זי לערנט זיך רעדן, אַז עפּעס קענען זיי דאָרט יאָ אויסלערנען. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז זיי וועלן זי אַפילו יאָ אויסלערנען — אַזוי, צי אַזוי, אַז איך קען די דאָזיקע צייכנס נישט, און זי וועט מיך סיי ווי נישט פאַרשטיין...

איז ווי זשע וועל איך מיך מיט איר פאַרשטענדיקן?

אָרים קינד מיינס! די צייכנס זייַנען נאָר צווישן זיי, די אָרימענקע, גוט, וואָס איינס באַ איינס זייַנען זיי ווי די פיש שטום!.. ווייס איך נישט, און איך האָב געוואָלט טאַקע בעטן דעם הער, ווי אַזוי גייט דאָס צו דאָרט?

מיין טאַטע האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— איך וועל גאָרנישט זאָגן, איר וועט אַליין זען. גייט! גייט! זאָל ער וואָס גיכער דערפרייט ווערן!

מיר זייַנען אַרויסגעגאַנגען. דער אינסטיטוט פון די טויב־שטו־מע איז געווען נישט ווייט פון אונדז. איבערן וועג, שטעלנדיק ברייַ־טע טריט, האָט גזשעגזאָש געקנייטשט דעם שטערן און אַזוי גערעדט:

— אַך, מיין אָרימע לודווישע! זי איז שוין געבוירן געוואָרן אַזוי מיט דעם פעלער!.. און ווען מען זאָל אַ טראַכט טון, אַז איך האָב נאָך קיין איין מאָל נישט געהערט זי זאָל זאָגן צו מיר: „מיין טאַטע!" און זי? זי האָט נאָך קיין איין מאָל נישט געהערט, אַז איך זאָל זאָגן צו איר: „מיין טאָכטער". קיינמאָל אין לעבן האָט זי נאָך נישט פאַרשטאַנען קיין איין מענטשלעך וואָרט! גאָט צו דאַנקען, וואָס מען

האָט זי כאָטש אין אינסטיטוט אַריינגענומען אומזיסט... אָבער מיר האָבן זיך אָנגעוואַרט, אָנגעוואַרט! אַז זי האָט געמוזט פריער אַכט יאָר אַלט ווערן, ערשט דאַמאָלס האָט מען זי אַריינגענומען... אַצינד בין איך שוין דריי יאָר נישט געווען אינדערהיים, איז אַכט און דריי... וועט זי שוין אַצינד אַלט זיין אַ יאָר עלף. צי איז זי עפּעס אויסגעוואַקסן? דאָס בחורל האָט זי געזען? אונטערגעוואַקסן?

— גזשעגאָזש וועט באַלד זען אַליין! וועט באַלד זען! — האָב איך געענטפערט, נאָכאיילנדיק זיינע ברייטע טריט.

— אין ווו איז דאָס דער אינסטיטוט? ווייט? וואָרים איך בין דאָ נישט געווען פון דער צייט אָן, זינט די מוטער האָט זי דאָ אהערגעפירט... דאָס הייסט, מיין ווייב. עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז ערגעץ אין דער זייט...

מיר זיינען טאָקע שטיין געבליבן פונקט פאַר איס. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין וואַרט-צימער, און דער שווייצער איז אונדז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן.

— איך בין לודווישעס פאָטער... לודווישע פּאָגיס — האָט דער גערטנער געגעבן צו פאַרשטיין. — זאָל זי דאָ אַרויסקומען, מיין טאָכטער, שנעל, שנעל!

— זיי זיינען אויף פויזע — האָט דער שווייצער געענטפערט — איך וועל גיין זאָגן דער לערערין. — און ער איז פאַרשוווּנדן.

דער גערטנער איז שטיל געבליבן, אָבער ער האָט זיך נישט געפינען קיין אָרט. ער האָט באַטראַכט די בילדער אויף די ווענט, אָבער מען האָט געקענט באַמערקן, אַז ער זעט זיי גאָרנישט.

דערווייל האָט זיך די טיר געעפנט, און עס איז אַריינגעקומען די לערערין שוואַרץ אָנגעטון, פירנדיק בײַ דער האַנט אַ מיידעלע.

דער פאָטער און די טאָכטער האָבן זיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע

נאָכדעם האָבן ווי זיך מיט אַן אויסגעשריי פון פרייד געוואָרפן אין די אָרעמס אַריין. דאָס מיידעלע איז געווען אָנגעטון און אַ קליידעלע מיט רויטע און ווייסע פּאַסן און אין אַ ווייס פאַרטעכל. זי איז העכער פאַר מיר. זי האָט זיך צעוויינט און אַרומגעהאַלטן דעם פאָטער בּאַם האַלדז מיט בּיידע הענט.

ענדלעך האָט זי דער פאָטער אָפּגעריסן פון זיך און זי אָנ-געהויבן באַטראַכטן מיט אַ צעפלאַמטן בליק פון קאָפּ ביז די פיס, אָטעמענדיק אַזוי, ווי ער וואָלט געקומען צו לויפן פון ערגעץ ווייט, ביז ער האָט ענדלעך אַרויסגערעדט:

— אַך, ווי דו ביסט אויפגעוואַקסן! ווי שיין דו ביסט געוואָרן! אַך מיין ליבּענקע! מיין אָרימענקע לודווישע! מיין טייערענקע שטום מיידעלע! — דאָ האָט ער זיך געווענדט צו דער לערערין. — איך בעט זייער, אויב עס איז מעגלעך, מיר צו ווייזן וועלכע עס איז צייכנס, דורך וועלכע זי זאָל מיך כאָטש אַ ביסעלע פאַרשטיין! איך וועל זיי מיך בּאַלד אויסלערנען... זי זאָל מיך כאָטש אַ האַ-רעלע פאַרשטיין!

די לערערין האָט אַ שמייכל געטון, און געפרעגט דאָס מיי-דעלע שטיל:

— ווער איז דער מענטש, וואָס איז דיך געקומען באַזוכן?

און דאָס מיידעלע האָט געענטפערטרט מיט אַ גראָבן, עפּעס אַזאַ ווונדערלעכן קול, פונקט ווי אַ ווילדער וואָלט דאָס ערשטע מאָל גערעדט אויף איטאַליעניש:

— דאָס... איז... מ-יי-ן... פּאָ-טער...

דער גערטנער האָט געמאַכט אַ טריט צוריק און אַרויסגעשריגן ווי אַ משוגענער!

— זי רעדט! ווי גאָט איז מיר ליב, זי רעדט!... אַ נס, זי רעדט! זי רעדט! קינד מיין טייערס! דו רעדסט! דו רעדסט? זאָג-זשע מיר: דו רעדסט?

און ער האָט זי ווידער אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו קושן.

— ווי אַזוי-זשע איז דאָס, איך בעט דאָס פריילין אַזוי גוט צו זיין! נישט אויפן וונק? נישט מיט צייכנס אַזעלכע! נישט אויף די פינגער? נאָר אַזוי גלייך! ווי אַזוי-זשע קען דאָס זיין?...

— ניין, הער פאָגי — האָט די לערערין געענטפערט. — נישט אויפן וונק. דאָס איז שוין אן אלטע מעטאָדע. דאָ לערנען זיך די קינדער מיט דער נייער מעטאָדע פון זכרון. דער הער האָט נישט געוווּסט פון דעם?

— אָבער דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן הער איך דאָס! — האָט דער פאַרוווּנדערטער גערטנער געזאָגט.

— איך האָב גאָרנישט געוווּסט! לחלוטין! דריי יאָר בין איך שוין נישט געווען אינדערהיים. און אפשר האָט מען מיר געשריבן, נאָר איך האָב נישט פאַרשטאַנען! אַזאַ פאַרהאַקטן קאָפּ האָב איך שוין! — און ער האָט זיך באַלד געווענדט צום מיידעלע. — קינד מיינס! איז פארשטייסטו מיך יאָ? הערסטו מיין שטימע? ענטפער-זשע דעם טאַטן! דו הערסט? דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר?

— אָבער ניין, ליבער הער! — האָט די לערערין געזאָגט. — קיין שטימע הערט זי נישט, ווייל זי איז טויב. אָבער זי פאַרשטייט לויט דעם באַוועגן זיך פון די ליפּן, וואָס פאַר אַ ווערטער דער הער רעדט צו איר. דער הער פאַרשטייט? נישט זי הערט די ווערטער, וואָס דער הער רעדט צו איר, נישט אַפילו די ווערטער, וועלכע זי אַליין רעדט צום הער, נאָר זי רעדט אַרויס די ווערטער, ווייל מיר האָבן זי אויסגעלערנט די בוכשטאַבן, לויט יעדן בוכשטאַב צוזאַמענלייגן די ליפּן, באַוועגן מיטן האַלדז און צוגעבן דער ברוסט אַזאַ באַוועגונג, אַז זי זאָל קענען ארויסגעבן אַ שטימע און יעדע פון די בוכשטאַבן אַרויסרעדן.

דער גערטנער האָט געקוקט אַ פאַרשטיינערטער, שטייענדיק מיט אַן אָפענעם מויל. עס איז געווען צו דערקענען, אַז ער פאַר־שטייט נישט קיין איין וואָרט אַפילו פון דעם דאָזי ן גאַנצן פאַר־טראַג און אַז איבעריקנס גלייבט ער גאָרנישט, וואָס מען זאָגט אים — האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו פּרוּוון:

— זאָג־זשע מיר, לודווישע, — האָט ער געזאָגט, צובייגנדיק זיך צו איר אויער — צי ביסטו צופרידן, וואָס דער טאַטע איז צוריקגעקומען?

און אויפהייבנדיק דאָס פּנים, האָט ער געוואַרט, וואָס זי וועט זאָגן. דאָס מיידל האָט געקוקט אויף אים פאַרטראַכט און גאָרנישט געענטפערט.

איז ער צעמישט געוואָרן, און די לערערין האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— גוטער מענטש! זי ענטפערט אייך נישט, ווייל זי האָט נישט געזען די באַוועגונג פון אייערע ליפן, וואָרים איר האָט איר אַריינגערעדט אין אויער! חזרט איבער אַצינד אייער פראַגע, האַלטנ־דיק דאָס פּנים גלייך קעגן איר פּנים:

האָט זיך גזשעגאָזש אָנגעשטעלט און איבערגעחזרט:

— ביסט צופרידן, וואָס דער טאַטע איז צוריקגעקומען? וואָס ער וועט שוין נישט אַוועקפאָרן?

דאָס מיידל, וועלכע האָט אים אויפמערקזאַם געקוקט אויף די ליפן, ווען ער האָט גערעדט, באַמיענדיק זיך אויפצוכאַפּן די קלענסטע באַוועגונג פון זיין צונג — האָט פריי געענטפערט:

— אי־ך בי־ן זיי־ער צו־פרי־דן, וואָס דער טאַ־טע אי־ז צו־ריק־געקו־מען און וועט שוי־ן קיי־ן־מאָל מע־ר ני־שט אַ־וועק־פאָרן!

דער פאָטער האָט זי אָנגעהויבן גוואַלטיק צוצודריקן צו זיך

און צו קושן, און, כדי זיך נאָך בעסער איבערצוצייגן, האָט ער זי באַלד באַוואָרפן מיט פראַגן:

— ווי הייסט די מאַמע?

— אַנ-טאָ-ניע.

— ווי הייסט דאָס קליינע שוועסטערל!

— אַ-דע-ליאַ-?-דאַ.

ווי הייסט דער אינסטיטוט?

— פאַר טויב-שטו־מע.

— וויפל איז צוויי מאָל צען?

— צוואָנ־ציק.

נו, און ווען מיר האָבן געמיינט, אַז ער וועט אָנהייבן לאַכן פאַר פרייד — האָט ער גאָר אָנגעהויבן צו וויינען.

— אָבער הער! — האָט אים די לערערין געוומען איבערלייגן די זאַך — אָנשטאָט זיך צו פרייען, וויינט גאָר דער הער. דער הער דאַרף זיך דאָך גיכער פרייען, איידער טרויעריק זיין! זאָל דער הער זען! די טאָכטער וויינט אוין. נו, זאָל שוין דער הער אויפהערן און מיר זאָגן, צי דער הער איז צופרידן.

דער גערטנער האָט אָנגעכאַפּט דער לערערינס האַנט, און קושנדיק זי אַ כך מאָל, האָט ער נאָכדעם געזאָגט:

— איך דאַנק! איך דאַנק הונדערט מאָל! טויזנט מאָל דאַנק איך, דער גוטער, דער טייערער פריילין! און זאָל מיר אויך דאָס פריילין מוחל זיין, וואָס איך קען מיך נישט נאָך אַנדערש, בעסער אויסדריקן.

— אָבער דעם הערס טאָכטער קען דאָך אויך שרייבן — האָט די לערערין צוגעגעבן — און רעכענען זי ווייסט, ווי אַלע שטום-זאַכן הייסן, זי קען אויך אַ ביסל געשיכטע, אַ ביסל געאָגראַפיע. זי איז אַצינד אין דער נאָרמאַלער קלאַס. אָבער ווען זי

וועט נאָך ענדיקן די צוויי העכערע קלאַסן, וועט זי שוין קענען אַ סך מער. ווען זי וועט אַרויסגיין פון דאַנען, וועט זי זיך קענען באַשעפטיקן מיט עפּעס, אויסקלויבן זיך אַ פּראָפעסיע. טייל פון אונדזערע אַמאָליקע טויב-שטומע שילערינס זיינען היינט אין גע-העלבער, און זיי קענען אַזוי גוט באַהאַנדלען די קונים, ווי אַלע אַנדערע.

דער גערטנער האָט ווידער די ליפּן ברייט אויפגעעפנט און געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער. אין קאָפּ האָט זיך אים אַלץ אויס-געמישט. ער האָט געקוקט אויף דער טאָכטער, קראַצנדיק זיך אונטערן אויער. זיין בליק האָט געבעטן נאָך נייע דערקלערונגען.

דאַמאָלס האָט די לערערין זיך אויסגעדרייט צום שווייצער און געזאָגט:

— רופט מיר אַריין דאָ וועלכע ס'איז קליינע פון דער צוגריי-טונגס-קלאַס.

דער שווייצער איז צוריקגעקומען אין אַ ווייל אַרום מיט אַ קליינער טויב-שטומער פון אַכט אָדער ניין יאָר, וועלכע איז נישט לאַנג געהאַט אָנגעקומען אין אינסטיטוט.

— אָט די קליינע — האָט די לערערין געזאָגט — הייבן מיר ערשט אָן צו לערנען. זעט-זשע, ווי אַזוי דאָס ווערט געטון! איך וויל זי זאָל אַרויסרעדן אַן „ע". זאָל-זשע דער הער זיך גוט צוקוקן.

דאָ האָט די לערערין אויפגעעפנט אירע ליפּן אַזוי, ווי מען דאַרף זיי עפענען, כדי אַרויסצורעדן אַן „ע", און דער קליינערס ליפּן אויך אַזוי אָנגעשטעלט. די קליינע האָט זיי אויפמערקזאַם גע-האַלטן אַזוי, ווי מען האָט זיי איר אָנגעשטעלט. דאַמאָלס האָט איר די לערערין געמאַכט אַ צייכן, זי זאָל אַרויסגעבן אַ שטימע פון זיך. זי האָט געטון, ווי מען האָט זי געהייסן, אָבער אָנשטאָט אַן „ע" איז פון דעם אַרויסגעקומען אַן „אָ".

— ניין — האָט די לערערין געזאָגט — דאָס איז נישט דאָס! — און נעמענדיק דער קליינערס ביידע הענטלעך, האָט זי זיי זיך אַרויפגעלייגט, איינס אויפן האַלדז און דאָס צווייטע אויף דער ברוסט און איבערגעחזרט: „ע", „ע".

די קליינע, פילנדיק אונטער דער האַנט די באַוועגונגען פון דער לערערינס האַלדז און ברוסט, האָט אויפגעעפנט אירע ליפן אַזוי ווי פריער און דייטלעך אַרויסגערעדט: „ע".

אויף דעם זעלבן אופן האָט זי די לערערין געהייסן אַרויס־רעדן: „ע" און „ד", האַלטנדיק כסדר אירע ביידע הענטלעך אויף איר האַלדז און ברוסט. נאָכדעם האָט זי זיך אויסגעדרייט צום גערטנער:

— האָט איר שוין פאַרשטאַנען אַצינד?

ער האָט ענדלעך פאַרשטאַנען! אָבער אַצינד איז ער געווען נאָך מער פאַרוואונדערט ווי פריער, ווען ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

— און אַזוי לערנען זיי זיך רעדן? — האָט ער געפרעגט נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, קוקנדיק אויף דער לערערין. — און מען האָט דאָ אַזוי געדולד אַזוי ביסלעכווייז צו לערנען רעדן די אַלע קאַלע־קעס? איינס נאָכן צווייטן? גאַנצע יאָרן? וואָס פאַר אַ הייליקעמענטשן דאָס זיינען! — האָט ער פּלוצלינג אויסגערופן, צונויפלייגנדיק די הענט ווי צו אַ תּפילה. — מלאכים פון גן־עדן! די גאַנצע וועלט וואָלט דאַך ווייניק געווען אַלס אַ מתּנה פאַר זיי! וואָס האָב איך דאָ געוואָלט זאָגן? האַ? אַ! איך האָב געוואָלט בעטן דאָס פרייליין, איך זאָל אַזוי קענען בלייבן אַ רגע מיט דעם קינד אַליין... זיך אָנפרייען... פינף מינוט נאָר... אַליין...

און צוציִענדיק דאָס מיידעלע צו זיך, האָט ער זי אָנגעהויבן פרעגן, און זי האָט אים אָנגעהויבן אָפּצוענטפערן. ער האָט געלאַכט, זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן איבער די קני, די אויגן האָבן אים געפינקלט, ער האָט אַלע מאָל אָנגעכאַפּט די טאָכטער בײַ דער

האַנט, זיך צוגעקוקט צו איר און שיער נישט משוגע געוואָרן פאַר פרייד און אנטציקונג, ווען זי האָט גערעדט מיט אַ שטימע, וועלכע האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געקומען פון הימל.

פלוצלינג האָט ער די לערערין אַ פרעג געטון:

— צי וואָלט איך נישט געקענט, איך בעט זייער דאָס פריי-לין, אָפּדאַנקען דעם הער דירעקטאָר?

— דער דירעקטאָר איז נישטאָ — האָט זי געענטפערט — נאָר עס איז דאָ עמעצער אַנדערש, וועמען איר וואָלט געדאַרפט אָפּדאַנקען. דאָ באַ אונדז ווערט יעדע קליינע שילערן איבערגעגעבן אונטער דער אויפזיכט פון אַ העכערער חברטע, וועלכע איז פאַר איר אַ שוועסטער, אַ מוטער. אייערע האָבן מיר איבערגעגעבן אַ זיבצעניעריקער טויב-שטומער, דער טאָכטער פון אַ טעפּער, וועלכע איז צו איר זייער גוט און האָט זי זייער ליב. שוין צוויי יאָר העלפט זי איר צו אַלע טאָג זיך אָנטון, קעמט זי, לערנט זי נייען, פאַרעכט איר די קליידלעך, זאָרגט פאַר איר אויף שריט און טריט. לודווישע! ווי הייסט דיין מאַמעשי פון אינסטיטוט?

דאָס מיידעלע האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

— קאַ-טאַ-זשי-נאַ דזשיאַר-דאַנאַ. — און ווענדנדיק זיך צום פאָטער, האָט זי צוגעגעבן — זי איז זיי-ער, זיי-ער אַ גו-טע:

דער שווייצער, וועלכער איז אויך אַ ווונק פון דער לערע-רין געהאַט אָוועקגעגאַנגען, איז אַצינד צוריקגעקומען, לאָזנדיק גיין פאַר זיך אַ פריילין מיט העלע האָר, אַ געזונטע, אַ פריילעכע, אין אויך אַזאַ קלייד מיט ווייסע און רויטע פּאַסן און אין אַ גרויען פאַרטעכל. דאָס מיידל איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, איז רויט געוואָרן, נאָכדעם אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָנגעהויבן שמייכ-לען. זי האָט שוין אויסגעזען ווי אַ דערוואַקסענע פערזאָן און דאָך געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ קינד.

גושעגאָזשס טעכטערל איז איר אַקעגן געלאָפן, זי אָנגענו־
מען באַ דער האַנט און צוגעפירט צום פאָטער, זאָגנדיק מיט איר
גראָבער שטימע:

— קאַ-טאַ-זשי-נאַ דזשיאָר-דאַנאַ.

— אַך גוטע פריילין! — האָט דער גערטנער אויסגערופן
און אויסגעצויגן די האַנט, ווי ער וואָלט איר געוואָלט אַ גלעט טון,
נאָר זי באַלד צוריקגענומען, צעמישט אַ ביסל. — אַך, גוטע פריי־
לין! זאָל־זשע דיך גאָט בענטשן! זאָל ער דיר געבן גליק אויף
דער ערד און אין הימל! און דיין גאַנצער פאַמיליע! שוין אַזאַ
פריילין, גאָט מיינער, און אַזאַ גוטע! צו מיין קינד, צו מיין לוד־
וועשין! זאָלן־זשע דיך מלאכים פון הימל היטן. אַן אָרימער אַרבע־
טער בין איך, דער פאָטער פון דער אָרימענקער נעבעך. איך דאַנק
דיר, פריילין, פון טיפן האַרץ!

די פריילין האָט אַ קוש געטון דער קליינער, האַלטנדיק כסדר
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און שמייכלענדיק. דער גערטנער האָט צו־
געלייגט זיינע הענט צו די ליפּן און געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ
וווּנדערלעכן בילד.

— אויב איר ווילט, קענט איר אַצינד מיטנעמען מיט זיך אייער
טאָכטער.

— צי איך וויל! — האָט ער פריילעך געענטפערט. — איך
וועל זי מיטנעמען היינט קיין קאָנדאָווע, און מאָרגן וועל איך זי
דאָ ווידער אַהערפירן.

דאָס מיידל איז געלאָפן זיך אָנטון.

— איך האָב דאָך זי דריי יאָר נישט געזען. און אַצינד — זעט
נאָר! — וועל איך זאָגן. שוין, נעם איך זי מיט קיין קאָנדאָווע,
זאָלן זיך אַלע פרייען! און פריער וועל איך מיך נאָך אַ ביסל
מיט איר איבער טורין דורכגיין, מיט דער דאָזיקער שטומער צונג.

מיינער! זאָלן זיי אַלע זען! און איך וועל זי אַריינפירן צו מיינע באַקאַנטע. זיי זאָלן אויך הערן! אָ גאָט, גאָט! איך דאַנק דיר, וואָס איך האָב די פרייד דערלעבט! גיב-זשע מיר די האַנט, לודווישע! בעם דעם טאַטן אינטער דער האַנט.

דאָס מיידעלע, וועלכע איז צוריקגעקומען אין אַ היטעלע און אין אַ פּעלערינע, האָט אַרונטערגעשטעקט די האַנט אונטער זיין אָרעם.

— און איך גריס דאָ אַלע זייער הארציק — האָט גזשעגאָזש געזאָגט שוין אויף דער שוועל. — און איך דאַנק אַלע פון טיפן הארץ! און איך וועל נאָך דאָ צוריקקומען, כדי יעדערן באַזונדער אָפּצודאַנקען!

פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן, ווי געטראָפן פון עפּעס אַ געדאַנק. ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס מיידעלע, זיך צוריקגעקערט מיט דער האַנט אין וועסטל-קעשענע און אַ געשריי געטון ווי אַ משוגענער.

— זאָל עס גיין דאָרט! אָרים בין איך, אָבער צוואַנציק לירעס קען איך דאָך נאָך געבן אויף דעם אינסטיטוט! אַ נייע וועל איך געבן, אַ שיינע מטבע!

און אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער גאָרשטש אָן טיש, האָט ער איבערגעלאָזט אויף אים זיין נדבה.

— ניין, ניין, גוטער מענטש! — האָט די לערערין געזאָגט — נעמט צו אייער געלט. איך קען עס נישט אָננעמען. נעמט עס צו. דאָס געהערט נישט צו מיר. איר וועט געבן, ווען דער דירעקטאָר וועט צוריקקומען. אָבער אויך ער וועט נישט נעמען, איר קענט זיין זיכער. איר האָט שווער געהאָרעוועט אויף דעם געלט! מיר וועלן אויך אָן דעם פון אייך שטענדיק צופרידן זיין!

— ניין, איך וועל איבערלאָזן! איך מוז איבערלאָזן! — האָט

גזשעגאָזש איינגעשפּאַרט געענטפערט. — איבעריקנס, מיר וועלן זען.

אָבער די לערערין האָט אים צוריק אַריינגעלייגט אין וועסטל־קעשענע דאָס גאָלד־שטיקל, נישט געבנדיק אים קיין צייט אָפּ־צוזאָגן. האָט ער זיך ענדלעך אונטערגעגעבן און געהאַלטן אין איין נייגן זיך מיטן קאָפּ, נאָכדעם, צוואַרפנדיק אַ קוש פון די ליפּן דער פריילין און דער לערערין, האָט ער ווידער גענומען די טאָכטער אונטער דער האַנט און אַרויסגעגאַנגען, זאָגנדיק:

— קום, קום, טעכטערל! אָרים, שטום טעכטערל מיינס! אוצר מיינער!

און זי, באָקאָשטייענדיק אין דער געעפנטער טיר, האָט זי־שוין מיט איר שרעקלעך גראָבן קול אויסגערופן:

— אָך, וואָס פאַר אַ שיינע זון היינט עס איז!

עדמאָנדא דע אמיטשיס

דאס הארץ

יידיש: שלמה שיינבערג

(באַארבעט פאר דער שול, דורך ש. מענדלסאָן)

VI

די עקזאַמענס

פאַרלאַג ח. בזשאַזאַ

וואַרשע, 1927

Printed in Poland

Edmundo de Amiczys
SERCE
Wydawnictwo CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno 27.
Druk. „Record“ Warszawa, Dzika 18.

גאַריבאַלדי

דעם 3-טן ...

הײַנט איז אַ טאָג פון נאַציאָנאַלן טרויער. נעכטן איז אומעט איז געשטאָרבן גאַריבאַלדי. צי ווייסטו, ווער דאָס איז געווען? דאָס איז דער, וואָס האָט באַפרייט צען מיליאָן איטאַליענער פון אונטער דער יאָך פון די בורבאָנען. ער איז געשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען פינף און זיבעציק יאָר.

ער איז געבוירן געוואָרן אין ניצאַ. איז געווען אַ זון פון אַ שיפס-קאַפּיטאַן. ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָר, האָט ער געראַטעוועט דאָס לעבן פון אַ געוויסער פרוי. אויפן דרײַצנטן יאָר האָט ער אָפּגעראַטעוועט אַ טרינקענדיקע באַרקע מיט זײַנע חברים. אויפן זיבן און צוואַנציקסטן האָט ער אַרויסגעצויגן פון וואַסער אַ טרינקענדיק ייִנגל אין מאַרסיליע. אויפן איין און פערציקסטן האָט ער אַרויסגעריסן פון די פלאַמען אַ שיף אויפן אָקעאַן. ... צען יאָר האָט ער זיך געשלאָגן אין אַמעריקע פאַר דער באַפרייאונג פון אַ פרעמדן פאָלק; קעגן עסטרײַך האָט ער געקעמפט אין דרײַ מלחמות.

עס האָט געפלאַקערט אין אים אַ פלאַם פון העראָישקייט ער איז געווען באַשענקט פון דער נאַטור מיט געניאַליטעט. ער

האט זיך געשלאגן אין פערציק שלאכטן, און אין זעקס און דרייסיק האט ער געזיגט.

צווישן איין מלחמה און דער צווייטער האט ער געארבעט איף זיין שטיקל ברויט, אדער זיך אפגעוואנדערט איף אן אייבזאמען אינדזל און באארבעט די ערד. ער איז געווען א לערער, א מאטראס, אן ארבעטער, א סוחר, א זעלנער, א גענעראל, א דיקטאטאר. ער איז געווען גרויס, פשוט בא זיך און גוט.

ער האט פיינט געהאט אונטערדריקונג, ליב געהאט אלע פעלקער, פארטיידיקט די שוואכע. ער האט נישט געהאט קיין אנדערע פארלאנגען, ווי גוטס פאר דער גאנצער מענשהייט. ער האט זיך אפגעזאגט פון כבודים, פאראכטעט דעם טויט, פארגעטערט איטאליען. ווען ער האט ארויסגעלאזט א רוף צו מלחמה, זיינען גאנצע לעגיאנען העלדן געלאפן פון אלע זייטן זיך שטעלן אונטער זיינע פאנער. גרויסע לייט האבן פארלאזט זייערע פאלאצן, ארבעטער זייערע ווארשטאטן, די יוגנט אירע שולן, אבי צו קעמפן אין רייען פון זיין רום.

אין מלחמה-צייט האט ער געטראגן א רויט העמד. דאס איז געווען א שלאנק-געוואקסענער, שיינער מאנספערשוין מיט העלע האר.

אויפן שלאכט-פעלד איז ער געווען — א דונער, אין די געפילן זיינע — א קינד, אין די ליידן — הייליק.

טויזנטער איטאליענער זיינען געשטארבן מיט א שמייכל אויף די ליפן, ווען זיי האבן שטארבנדיק אים כאטש געזען פון דערווייטנס, ווי ער קעמפט און זיגט; טויזנטער וואלטן זיך געלאזט צעהאקן איף שטיקער פאר אים. מיליאנען האבן אים געבענטשט און וועלן אים אייביק בענטשן.

ער איז געשטארבן. די גאנצע וועלט באוויינט אים. דו קענסט נאך היינט דאס נישט פארשטיין. אבער שפעטער וועסטו לייענען

הײבן זײנע טאַטן און כסדר הערן אין לעבן — זײן נאָמען.

וואָס גרעסער דו וועסט וואַקסן, אַלץ העכער וועט זײן בילד מיטוואַקסן פאַר דײנע אויגן; און ווען דו וועסט שוין זײן אַ פאָלשטענדיקער מענטש, ערשט דאַמאָלס וועסטו איבערזען פאַר זיך ווי אַ ריז; און ווען דו וועסט שוין נישט זײן אויף דער וועלט, ווען דו וועסט שוין נישט לעבן, וועלן נאָך דײנע זינס זין און זײערע קינדער, גאַנצע דורות נאָך, זען הויך פאַר זיך דעם שטראַ-לענדיקן קאָפּ פון דעם באַפרײער פון פעלקער, באַקרײנט מיט דעם שטערנדיקן דיאַדעם פון זיגרײכע קאַמפן, און יעדער איטאַליענער וועט אַרויסרעדנדיק זײן נאָמען, אויפהײבן הויך דעם שטערן און עס וועט אים ליכטיק ווערן אויף דער נשמה!

דײן פאָטער.

32 גראַד.

פרײטיק, דעם 16-טן.

אין פאַרלויף פון די דרײ טעג פון נאַציאָנאַלן יום-טוב איז צוגעקומען דרײ גראַד וואַרעמקײט. עס איז שוין אינגאַנצן זומער. אַלע זײנען עפּעס אַזוי מיד, האָבן אָנגעווווירן די שײנע, ראָזע פרי-לינגס-פאַרבן, די פיס און די העלדזער זײנען בײ אַלע אויסגעצויגן געוואָרן, די קעפּ זינקען אַראָפּ און די אויגן לענען זיך אַלײן צו.

דער אָרימער נעלי איז פון די דאָזיקע היצן שטאַרק אָפּגע-

שוואכט געוואָרן, זיין פּנים איז געוואָרן, ווי פון וואקס, און ער ווער אַלע מאָל שווער אַנטשלאָפן, אָנשפּאַרנדיק דעם שטערן אָן העפ עס איז נאָך גוט, וואָס נאָראָן היט אים אָפּ און שטעלט אויף פּ אים אַ געעפנט ביכל, דער לערער זאָל אים נישט זען. קראָסי לייג אוועק זיין בעלן קאָפּ אויף דער באַנק עפּעס אויף אַזאַ אופן, אַ עס זעט אויס, ווי ער וואָלט אָפּגעריסן געווען פון קאַרג, און ליג זיך גלאַט אַזוי אַוועקגעלייגט באַזונדער. נאָפּיס קלאָגט זיך, אַז מיר זיינען דאָ צו פיל, און נעמען אים צו די לופט.

אָך, ווי מען מוז זיך אַצינד אָנשטרענגען איבערצוקומען די לעקציע! און אינדערהיים קוק איך דורך די פענסטער אויף זי שיינע, שאָטנדיקע ביימער, ווי עס זעט אויס צו זיין אַזוי קיל, און ווי איך וואָלט אַזוי גערן אַ ביסל אַהינגעלאָפן, און איך בין ביי וואָס איך מוז גיין און זיצן ווי איינגעשלאָסן אויף דער באַנק! נאָר אַזוי ווי די מאַמע קומט אַצינד נאָך מיר אַלע טאָג, און קוקט אַזוי אויף מיר, צי איך בין בלייך, און נאָך יעדן באַטראַכטן מיך, פרעג זי מיך: „נו, ווי פילסטו דיך עפּעס?“, גיב איך מיר צו, ווי איך קען נאָר, מוט, און די מאַמע זאָגט מיר, וועקנדיק מיך אַלע אינ דערפרי זעקס אַ זייגער: — שטאַרק דיך! שטאַרק דיך! עס ווער שוין נישט לאַנג געדויערן! דערנאָך וועסטו שוין זיין פריי און דו וועסט דיך אָפּרוען, און וועסט דיר פאָרן אויף אַזאַ שאָטנדיקן אָרט, אויף אַזאַ קילן, אַזוי ווייט... ווייט...

אמת! די מאַמע איז גערעכט, ווען זי דערמאָנט מיך, אַז אַזוי פיל יינגלעך אַרבעטן דאָך אין פעלד, אויף דער ברענענדיקער זון, אָדער אויף די זאַמדן בײַ די טייכן, וואָס זייער אָנגעבערנטע ווייס קייט ברייט און בלענד, אָדער גאָר די, וועלכע אַרבעטן אין די גלאָז-הוטעס, און מוזן שטיין אַ גאַנצן טאָג אָנגעבויגן מיטן פּנים איבער די פלאַמענדיקע גאַזן... און די אַלע יינגלעך שטייען דאָך נאָך פריער אויף, און האָבן נישט קיין וואַקאַציע!

איז דעריבער — מיט מוט פאָרויס!

און דעראָסי איז בא דעם אויך דער ערשטער פון אלע. גישט עס איז אים צו הייס, נישט עס גלוסט זיך אים שלאָפן, שטענדיק איז ער מונטער, פריילעך, מען האָט אים אַפילו נישט געדאַרפט די העלע, לאַנגע לאָקן זיינע אָפּצושניידן, און ער טראָגט זיי אַזוי ווי ווינטער, און לערנט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט, און דערפרישט נאָך אלע אַרום זיך, פונקט ווי די לופט וואָלט פון זיין שטימע און געלעכטער פרישער געוואָרן.

און אַ חוץ אים זיינען דאָ נאָך צוויי, וועלכע דרימלען נישט און זיינען שטענדיק אויפמערקזאַם: דער עקשן סטאַרדי, וועלכער קנייפט זיך בא דער גאָמבע, אַבי ער זאָל נישט איינשלאָפן, און וואָס גרעסער די היץ איז, אַלץ מער דריקט ער צוזאַמען די ציין און זעצט אַרויס די אויגן, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט דעם לערער איינשלינגען צוזאַמען מיט זיין גאַנצער לעקציע; און דער הענדלער גאַראָפי, וועלכער איז שטענדיק פאַרהאָרעוועט באַם מאַכן פעכערלעך פון שוואַרצן פאַפיר, וועלכע ער באַשיינט מיט בילדלעך פון אַלטע פידלקעלעך פון זאַפּאַלקעס. די דאָזיקע פעכערלעך פאַרקויפט ער אין קלאַס צו צוויי צענטימען אַ שטיק.

דער טיכטיקסטער פון אַלע איז פונדעסטוועגן קאָרעטי, דער צוימער קאָרעטי, וועלכער שטייט אויף פינף אַ זייגער אינדערפרי און העלפט צו זיין טאַטן טראָגן דאָס האָלץ! פאַר דעם, אין שולע, מאַכן זיך אים עלף אַ זייגער די אויגן שוין אַליין צו און דער קאָפּ פאַלט אים אַראָפּ אויף דער ברוסט. און ער שטאַרקט זיך פונדעסטוועגן ווי ער קען נאָר. דאָ גיט ער זיך מיט דער פויסט איבערן קאָרק אַ קנאַק, דאָ בעט ער דערלויבניש אַרויסצוגיין און שטעקט דעם קאָפּ אין וואַסער אַריין, דאָ בעט ער די, וועלכע זיצן לעבן אים, זיי זאָלן אים שאָקלען, קנייפן, און דאָך האָט ער היינט אינדערפרי נישט אויסגעהאַלטן און איינגעשלאָפן, ווי אַ מייזעלע.

דער לערער רופט הויך:

— קאַרעטי!

און ער הערט נישט.

דער לערער ווערט בייז און חזרט איבער:

— קאַרעטי!

איך האָב שוין געמיינט, אַז עס וועט מיט אים נישט גוט זיין; און דאָ שטעלט זיך אויף דעם קוילנהענדלערס זון, וועלכער זיצט בײַ זיין זייט, און זאָגט:

— קאַרעטי האָט פון פינף ביז זיבן אַ זייגער געטראָגן ביכט-לעך האָלץ...

האָט אים שוין דער לערער געלאָזט אַזוי שלאָפן און געפירט די לעקציע ווייטער נאָך אַ האַלבע שעה. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו קאַרעטיס באַנק און פּאַמעלעך אים אין פּנים אַריין אַ בלאָז געטון — ער האָט אויפגעוואַכט. דאָס יינגל האָט אַזש אַ שפּרונג געטון פון פאַר שרעק, דערזעענדיק דעם לערער אַזוי נאָענט לעבן זיך. אָבער דער לערער האָט גענומען זיין קאָפּ אין די הענט אַריין, און קושנדיק אים אין די האָר, האָט ער געזאָגט:

— איך בין נישט בייז, קינד! דיין שלאָף איז נישט קיין שלאָף פון פוילקייט: דאָס איז אַ שלאָף — פון אַרבעט.

. . . .

מיין פאָטער.

שבת, דעם 17-טן.

נישט דיין קאָלעגע קאָרעטי, נישט גאַראָן וואָלטן זיכער נישט אָפּגעענטפערט זייער פאָטער אַזוי, ווי דו האָסט היינט דיינעם אָפּגע-

ענטפערט. הענריק! צי איז דאָס שיין אַזוי?..

דו מוזט מיר פייערליך צוזאָגן, אַז דאָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט איבערחזרן, כּל זמן איך וועל לעבן! יעדעס מאָל, ווען דער טאַטע וועט דיך שטראָפן, און עס וועט דיר עפּעס אַן אומגעדולדיק, שלעכט וואָרט אויף די ליפּן קומען, דערמאָן דיך אָן דעם טאָג און אָן דער מינוט, וועלכע וועט דאָך זיכער אַמאָל קומען, ווען דיין טאַטע וועט דיך צורופן צו זיין בעט, כּדי דיר צו זאָגן: הענריק, איך פאַרלאָז דיך!

אַ זון מיינער, ווען דו וועסט דערהערן זיין שטימע צום לעצטן מאָל, און לאַנג, לאַנג נאָך נאָכדעם, ווען דו וועסט וויינען אין זיין לערן צימער, צווישן די ביכער, וועלכע זיין האַנט וועט שוין קיינמאָל נישט עפענען, — דעמאָלט, ווען דו וועסט דיך דערמאָנען, אַז דו האָסט אים אַמאָל באַליידיקט, וועסטו דיך אַליין פרעגן: צי איז דאָס שיין געווען? — און דו וועסט דעמאָלט פאַרשטיין, אַז ער איז געווען דיין בעסטער פריינט, אַז ווען ער איז גענייט געווען דיך צו באַשטראָפן, האָט ער נאָך מער ווי דו געליטן פון דעם; און אַז ער האָט דיך קיינמאָל נישט געברענגט צו קיין טרערן, ווי נאָר צוליב דיין טובה וועגן.

און דו וועסט דעמאָלט באַדויערן און קושן דעם טיש, בײַ וועלכן ער האָט, אַרבעטנדיק פאַר זיינע קינדער, זיך דאָס לעבן דערקירצט.

אַצינד פאַרשטייסטו דאָס נאָך נישט; אַצינד באַהאַלט ער פון דיר אַלץ, אַחוץ זיין גוטסקייט און ליבע צו דיר. דו ווייסט נאָך נישט, ווי ער קלאָגט זיך טיילמאָל, אויסגעמאַטערט פון דער אַרבעט ביז די לעצטע כּוחות, אַז עס זיינען אים שוין פאַרבליבן נישט קיין סך טעג צו לעבן, און אַז אין אַזעלכע מינוטן רעדט ער נאָר וועגן דיר, זאָרגט נאָר פאַר דיר, און פייניקט זיך, וואָס ער וועט דיך איבערלאָזן אַזוי אָן אַ שוץ אויף דער וועלט.

און וויפל מאָל, טראַכטנדיק אַזוי, גייט ער אַריין אין דיין צי־מער'ל, ווען דו שלאָפסט שוין לאַנג און קוקט אויף דיר, שטייענדיק מיט אַ ליכט אין דער האַנט לעבן דיין בעטעלע, און נעמט צונויף זיינע לעצטע כּוחות, און קערט זיך ווידער צוריק צו זיין אַרבעט. און דאָס ווייסטו אויך נישט, אַז אָפט זוכט ער דיך און זיצט לעבן דיר דערפאַר, ווייל עס איז אים ביטער אויפן האַרץ, ווייל ער האָט אַ סך זאָרגן, וועלכע שוינען קיינעם נישט אויף דער וועלט, זוכט ער דיך דעריבער ווי אַ פריינט, כּדי צו שטאַרקן זיין גייסט לעבן דיר, כּדי זיך צו פאַרגעסן אַ ביסל... די דאָזיקע באַרויקונג לעבן דיר, לעבן דיין האַרץ, איז אים נייטיק, כּדי ער זאָל ווידער צוריקקריגן זיין פריערדיקן מוט, זיין געמיט זאָל זיך ווידער אויסלייטערן.

גיב־זשע נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ ווייטיק דאָס מוז זיין פאַר אים, ווען אַנשטאָט צוגעבינדנקייט, אַנשטאָט טרייקייט, געפינט ער בא דיר גלייכגילטיקייט און דאָס פעלן פון דער געהעריקער אַכטונג, וואָס אַ טרייער זון דאַרף פילן צו זיין פאָטער!

קיינמאָל זאָלסטו דיך דעריבער, קינד מיינס, קיינמאָל שוין נישט פאַרפלעקן מיט אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט! ווייס, אַז ווען די וואָלסט אַפילו געווען אַזוי גוט, ווי אַ מלאך, אויך דאַמאָלס וואָלסטו נישט אומשטאַנד געווען אָפּצוצאָלן דיין פאָטער פאַר דעם גאַנצן גוטס, וואָס ער האָט געטון פאַר דיר און טוט כּסדר. און האָב אויך אין זינען דאָס, אַז אין לעבן קען מען מיט גאָרנישט זיכער זיין. אַן אומגעריכט אומגליק קען דיר צונעמען דיין פאָטער נאָך אין דער דאָזיקער יינגל־צייט דיינער, אין צוויי יאָר אַרום, אין עטלעכע חדשים אַרום, אין עטלעכע טעג אַרום, מאָרגן...

אָ אָרים קינד! ווי שרעקלעך איבערגעביטן עס וואָלט זיך דאַמאָלס אַלץ אַרום דיר! ווי שרעקלעך וויסט און פוסט דיין היים וואָלט געוואָרן, מיט דיין מאַמען, אָנגעטון אין אירע טרויער־קליידער.

גיי־זשע, זון! גיי צום טאַטן דייגעם, ער איז אין זיין צימער

און שרייבט; גיי שטילטשקע אריין, ער זאָל נישט הערן דיינע טריט, גיי, שפּאַר אָן דעם שטערן אָן זיינע קני, און בעט אים ער זאָל דיר מוחל זיין, ער זאָל דיך בענטשן!

דיין מוטער.

. . . .

אויפן דאָרף.

מאָנטיק, דעם 19-טן.

אַלץ איז שוין גוט! דער טאַטע האָט מיר אויך דאָס מאָל מוחל געווען, און מיר דערלויבט צו גיין אויף דעם מאַי-שפּאַציר, וועלכן מיר האָבן אָפּגעשטעלט מיטוואָך נאָך מיט קאָרעטיס פאָטער, דעם האָלצהענדלער.

עס איז אונדז שוין אַלע שרעקלעך נייטיק געווען אָפּצוועטעמען אַ ביסל מיט דער לופט פון די בערג, פעלדער, לאָנקעס... עס איז געווען אַן אמתער יום-טוב! אַן אמתער מאַי-שפּאַציר!

מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע אויף דעם פּלאַץ פון דער קאָנסטיטוציע: דעראָסי, גאַראָן, גאַראָפי, פּרעקאָשי, קאָרעטי מיטן פאָטער און איך, יעדער מיט זיין פּראָוויאַנט. עס זיינען געווען פּוטשן, געדריקערט פלייש, געקאָכטע אייער. מיר האָבן אויך גע-האַט צינערנע טעפּעלעך.

גאַראָן האָט געבראַכט אַן אויסגעהוילטע באַניע מיט ווייסן ווין; קאָרעטי — זיין פאָטערס זעלנערישע פעלד-פלאַש מיט רויטן ווין, און דער קליינער פּרעקאָשי, אין זיין קאָוואַל-בלוזע, האָט געהאַט אונטערן אָרעם אַ פיר פונטיקן לאַבן ברויט.

געפאָרן איז מען מיט דעם אָמניבוס, אַזש ביז דער היילי-קער גוטער מוטער, און פון דאָרט צופוס איבער די בערג!

אך, וואָס פאַר אַ גרינס! וואָס פאַר אַ שאָטן! וואָס פאַר אַ פרישקייט! מיר האָבן זיך געקאָלערט איבערן גראָז, זיך געוואַשן די פנימער אין די קעפ בײַ די קוואַלן, געשפרונגען איבער פלעטער.

דער גרויסער קאַרעטי איז אונדז פון דערווייטנס נאָכגעגאַנגען. ער האָט אַראָפגענומען זיין מאַרענאַרקע און זי זיך בלויז נאָר אַזוי אויף די אַקסל אָנגעהאָנגען, ער האָט געדרייכערט זיין לייטען לולקעלע און פון צייט-צו-צייט אונדז געדראָט מיט דער האַנט, מיר זאָלן די הויזן נישט צערייסן.

פרעקאָשי האָט געפייפט קיינמאָל האָב איך אים נאָך נישט געהאַט געהערט פייפן. דער קליינער קאָרעטי האָט דעם גאַנצן וועג בסדר עפּעס געשניצט. ער קען אַלץ אויסשניצן, דער מייסטער, מיט זיין קרום מעסערל, וואָס איז אַזוי לאַנג ווי אַ פינגער: רעדעלעך, צועלכע, וויאַטרעקלעך, גאָפּעלעך, שפּריצערס. און ער האָט זיך נאָך דווקא איינגעעקשנט, אַז ער וויל אַלע אונדזערע מאַרענאַרקעס טראָגן, און איז געווען אַזוי באַלאָדנט, אַז דער שווייס האָט פון אים געקאַפּיעט, און דאָך מונטער, ווי אַ יינג קאָזשיאָלעקל.

דעראָסי האָט זיך אַלע רגע אָפּגעשטעלט און אונדז געזאָגט, ווי עס הייסט יעדעס געוויקס, יעדעס ווערמעלע. איך ווייס נישט פון וואַנען ער ווייסט אַזוי פיל זאַכן?

און גאַראָן האָט זיך כסדר געפּאַקט ברויט אין מויל אַריין און געשוויגן; אָבער איך האָב באַמערקט, אַז אַצינד קייעט ער שוין נישט און עסט שוין נישט אַזוי פריילעך, ווי פריִער, איידער ער האָט זיין מוטער אָנגעווירן. איבעריקנס, ער איז שטענדיק דער זעלבער גוטער! ווען עמעצער פון אונדז איז זיך צעלאָפן, כדי אַריבערצושפּרינגען איבער אַ ראָוו, איז ער באַלד אַריבערגעלאָפן אויף דער צווייטער זייט און אים די האַנט דערלאַנגט; און ווייל פרעקאָשי האָט מורא געהאַט פאַר קי, וואָרים איינע האָט אים, ווען ער איז נאָך קליין געווען, אויף די הערנער געכאַפּט, איז ווען מיר

האָבן נאָר געטראָפן אַזעלכע, איז ער שטענדיק געגאַנגען אין איי־
זיים און פאַרטײַטעלט מיט זיך פּרעקאָשין.

מיר זײַנען צוגעגאַנגען צופוס אַזש ביז סאַנטאַ מאַרגעריטאַ
און דערנאָך אַראָפּ, שפּרינגענדיק, מאַכנדיק קאָזשעלעקעס און שיער
נישט צעברעכנדיק זיך רוק־און־לענד! — פּלוצלינג האָט פּרעקאָשי,
פאַרפּלאָנטערנדיק זיך אין אַ קזשאַק, זיך צעריסן די קאַפּאָטע, און געווען
שטאַרק פאַרשעמט צוליב די נאָכהענגענדיקע שטיקער ריסן; אָבער
גאַראָפּי, וועלכער האָט שטענדיק פול שפּילקעס אָנגעשטאָכן אין זײַן
מאַרענאַרקע, האָט אים, ווי ס'איז, די קאַפּאָטע צונויפגעשפּילעט, בשעת
פּרעקאָשי איז געשטאַנען אַ רויט געוואָרענער און כסדר איבערגע־
חזרט: „איך בעט דיך איבער... איך בעט דיך איבער..." — נאָכ־
דעם האָט ער זיך ווידער געלאָזט לויפן.

גאַראָפּי האָט אויך נישט אָנגעווירן אומזיסט קיין צייט אין
וועג; ער האָט געקליבן אויף די לאָנקעס שאַלאָטן, שטשאַוו אויף
אַ זופּ, של מאַקעס, אויפן וועג האָט ער אויפגעהויבן שטיינדעליך,
וועלכע האָבן נאָר געבלישטשעט אַ ביסל, און — אַריין אין קעשענע!
מיינענדיק אַוודאי, אַז אפשר איז דאָס זילבער, אָדער גאָר גאָלד.

און אַזוי לויפנדיק, איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן,
שפּאַסנדיק, אין שאָטן און אויף דער זון, איבער בערג און טאָלן,
איבער גלייכע און קרומע וועגן, זײַנען מיר ענדלעך דערהיצטע
און דערשוויצטע אַרויפגעקומען אויפן שפּיץ פון די געבערג, און
זעצנדיק זיך אויפן גראָז, האָבן מיר צעלייגט אונדזער אָנבײַסן־מאָל.
פון די דאָזיקע בערג האָבן זיך געזען אַ ווייטער, ווייטער גלייכער
שטח און די שאַפּיר־בלויע אַלפּן, מיט זייערע שניי־באַדעקטע שפּיצן.

מיר זײַנען געווען הונגעריק ווי די וועלף. און דאָס ברויט
איז פאַרשווונדן געוואָרן פון אונטער די אויגן, ווי עס וואָלט צעגאַנגען.
קאָרעטיס פאָטער האָט אונדז אויסגעטיילט דאָס געריכערטע פלייש,
דערלאַנגענדיק יעדערן זײַן פּאָרציע אויף אַ בלאַט. און דאַמאָלס האָבן

מיר אָנגעהויבן צו רעדן אַלע אײנײנעם: װעגן די לערערס װעגן די קאָלעגן, װעלכע האָבן נישט געקענט מיט אונדז מיטקומען און װעגן די עגזאַמענעס.

פּרעקאָשי האָט זיך עפּעס געשעמט צו עסן, און גאַראָן האָט אים מיט גװאַלט געפּאַקט אין מויל אַרײַן זײַנע בעסטע שטיקלעך; קאָרעטי איז געזעסן לעבן פאָטער, פאַרלײגט אײן פוס אויפן צװײטן. זײ האָבן אויסגעזען גיכער װי ברידער, אײדער אַ פאָטער מיט אַ זון, בײדע רויטע, מיט אַלצאײנע אַרויסשמײכלענדיקע װײסע צײן. דער פאָטער האָט געטרונקען מיט הנאה, און אויסלײדיקנדיק אַלע גלעזלעך און טעפּעלעך, פון װעלכע מיר האָבן נאָר בלויז אַ זופּ געטרונקען, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— פאַר אײַך, װאָס איר לערנט אײַך נאָך, איז װײַן אָן איבעריקע זאַך, אָבער פאַר האַלץ-הענדלערס, איז דאָס אַ הײלונג!

נאָכדעם האָט ער אָנגעכאַפּט דעם זון בײַ דער נאָז, זי אַ צי געגעבן און געזאָגט:

— יינגען, האָט ליב דעם דאָזיקן שפּיל-פויגל, װאָרים דאָס איז די שענסטע בלום פון העלדנטום! דאָס זאָג איך אײַך!

און אַלע האָבן געלאַכט, אַ חוץ גאַראָנען.

און ער האָט װידער געמאַכט אַ כּוסה און געזאָגט:

— אַ שאָד. אַ שאָד! ע!.. אַצינד זענט איר אײַך אַלע גוטע, גוטע חברים; אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום, װער װײסט, הענריק און דעראָסי װעלן זײַן אַדװאָקאַטן, פּראָפעסאָרן, גאָט אַלײן װײסט װאָס, און איר װעט זײַן אין געװעלבער, בעל-מלאכות, דער גוטער יאָר װײסט װו... און דאַמאָלס — אַ גוטע נאַכט דיר, גאַנצע קאָמפּאַניע...

— אָבער װאָס — האָט זיך דעראָסי הײס אָפּגעגעשטעלט — פאַר מיר װעט גאַראָן זײַן שטענדיק גאַראָן און פּרעקאָשי — פּרעקאָ-

און די איבעריקע אויך דאָס אייגענע, ווען זיי זאָלן אפילו בינעזישע קיסרים ווערן. ווו זיי זאָלן נישט זיין, אומעטום וועל איך טרעפן צו זיי!

— א ווילער! — האָט קאָרעטיס פּאַטער אויסגערופן, איבער־דרייענדיק דאָס פלעשל — עס רעדט זיך גאָר אַזוי! צו הונדערט טויזנט בּאָמבעס! נישט אַנדערש! ווייטער! לאָמיר אָנקלאַפּן! זאָלן לעבן די גוטע קאָלעגן! זאָל לעבן די שולע, וועלכע פּאַרייניקט אונדז די יינגלעך אין איין משפחה צו דער פרייד פון לאַנד! וועלכע גיט ברידער די, וועלכע האָבן נישט קיין ברידער!

מיר האָבן אַלע אָנגעקלאַפּט אָן זיין פלעשל מיט די טעפּעלעך, טרינקענדיק צו שלונג, און ער:

— האָך! פּאַר די קעמפער פון דער 49-טער קאָמפּאַניע! — און ער איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, און שטייענדיק אַזוי, איבער־געדרייט די פלאַש ביזן לעצטן טראָפּן. נאָכדעם, געבנדיק אַ קוק אויף אונדז:

— און אויב עס וואָלט אייך אַמאָל אויסגעקומען, יינגלעך, צונויפצושטעלן אַ שיסער־באַטאַליאָן, גדענקט־זשע, שטייט פעסט, ווי מיר זיינען געשטאַנען!

דערווייל האָט שוין אָנגעהויבן שפּעט צו ווערן, זיינען מיר אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג, זינגענדיק און האַלטנדיק זיך אונטער די הענט, און מיר זיינען צוגעקומען צום פּאָ, וועלכער האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרציען מיט אַ טונקלקייט און טויזנטער פייערלעך זיינען אַרומגעפלויגן אויפן ברעג, און מיר האָבן זיך נישט צעשייד שוין אַזוי ביז אויפן פלאַץ פון דער קאָנסטיטוציע, אָפּשמועסנדיק זיך אויפן וועג זיך ווידער צונויפצוטרעפן זונטיק און צו גיין איבניינעם אין טעאַטער אַריין פון וויקטאָר עמאַנועל, וווּ מען האָט געדאַרפט צעטיילן די אויסצייכנונגען די שילער פון די אָוונט־שולן.

אַ שיינער טאָג איז דאָס געווען! ווי פריילעך וואָלט איך מיך געווען אומגעקערט אַהיים, ווען איך וואָלט נישט געווען באַגעגנט מיין אָרימע לערערין. איך האָב זי געטראָפן אויף די שטיגן פון אונדזער הויז. זי איז אַרויסגעגאַנגען פון אונדז. עס איז שוין געווען טונקל, אָבער ווי נאָר זי האָט מיך דערקענט, האָט זי אָנגענומען מיינע ביידע הענט און געזאָגט מיר שטיל אין אויער אַריין:

— זיי געזונט הענריק! געדענק מיך. — עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי וויינט. אַריינקומענדיק אין שטוב, האָב איך דערציילט דער מאַמען:

— איך האָב געטראָפן מיין לערערין.

— זי איז געגאַנגען זיך לייגן אין בעט אַריין — האָט מיר די מאַמע געענטפערט. און איך האָב באַלד באַמערקט, אַז זי האָט רויטע אויגן. און נאָכדעם האָט זי אַ קוק געטון אויף מיר און טרויעריק געזאָגט:

— דיין לערערין נעבעך איז זייער, זייער קראַנק.

. . . .

שילער — אַרבעטער.

זונטיק, דעם 25-טן.

אַזוי ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, אַזוי זיינען מיר טאַקע געגאַנגען אַלע איינינעם אין טעאַטער אַריין פון וויקטאָר עמאַנועל אויף דער פייערלעכקייט פון צעטיילן די אויסצייכנונגען די אַרבעטער.

דאָס טעאַטער איז געווען פּרעכטיק דעקאָרירט, פּונקט אַזוי ווי אין 14-טן מערץ, און איבערפולט, אָבער כמעט מיט בלויז פּאַבליעס פון אַרבעטער. די סצענע איז געווען פאַרנומען דורך די

שילער און שילערינס פון דער כאָר-געזאַנג-שולע, וועלכע האָבן
געזינגען דעם הימן, וואָס איז געווידמעט דעם אָנדענק פון די גע-
פאַלענע לאַנדסלייט אין קרים. דער הימן איז געווען אזוי שיין,
אז ווען זיי האָבן געענדיקט, איז דאָס גאַנצע פובליקום אויפ-
געשטאַנען פאַטשנדיק און שרייענדיק, אַז זיי האָבן נאָכאַמאָל גע-
מוזט דעם הימן איבערזינגען.

באַלד נאָכדעם האָבן די, וועלכע זיינען צוגעשטעלט געווען
צו באַקומען די אויסצייכנונגען, זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום
סינדיק, פרעפעקט און די אַנדערע הערן, און באַקומען ביכער, ביכ-
לעך פון דער שפּאָר-קאַסע, דיפּלאָמען און מעדאַלן. אין אַ ווינקל
פון דער סצענע האָב איך דערזען דאָס מויערל זיצנדיק לעבן
זיין מוטער, און פון דער צווייטער זייט אונדזער דירעקטאָר, און
הינטער זיי דעם געלן קאָפּ פון מיין לערער פון דער צווייטער.
פריער זיינען געגאַנגען די שילער פון דער אָוונט-שולע פאַר ציי-
כענען: גאָלדשמידן, שניצער, ליטאָגראַפן און אויך סטאָלערס און
מויערער. נאָכדעם זיינען געגאַנגען די שילער פון דער האַנדלס-שו-
לע. נאָך זיי האָט זיך פּרעזענטירט די מוזיק-שולע. אַ טייל פון איר
זיינען מיידלעך, אַרבעטערינס, זיינען זיי געווען אויסגעפּוצט יום-
טובדיק, און מען האָט זיי שטאַרק צופּלאָדירט, און זיי האָבן געלאַכט.

צום סוף זיינען אַרויסגעטרעטן די שילער פון די עלעמענ-
טאַרע אָוונט-שולן, און דאָס איז געווען דאָס שענסטע.

דאָס זיינען געווען מענטשן פון פאַרשיידענער עלטער, אַרבע-
טער פון די פאַרשיידנסטע פאַכן, מענער מיט גרויע האָר, יינגלעך
פון ווארשטאַטן, אַרבעטער מיט גרויסע שוואַרצע בערד.

די קליינע האָבן געהאַט אַ שטאָלצע מינע, אָבער די גרויסע
זיינען געווען אַ ביסל פאַרזאָגט. דאָס פובליקום האָט אַפּלאָדירט
מערסטנטיילס די יינגסטע און די עלטסטע. אָבער קיינער פון די

פֿאַרזאַמלטע האָט נישט געלאַכט, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען באַם צע־טײלן אונדז די אויסצייכנונגען. פֿאַרקערט, אַלע פּנימער זײַנען געווען ערנסט און פֿול מיט קאָנצענטרירטער אויפֿמערקזאַמקייט. אַ סך, וואָס האָבן באַקומען אויסצייכנונגען, האָבן געהאַט זייערע ווײַבער און קינדער דאָ אין זאַל, איז דעריבער, ווען איינס אַזוינס פֿון דעם קליינוואַרג האָט דערזען זיין פֿאָטער, ווי ער גייט פֿאַרביי, האָט עס אָנגעהויבן צו רופֿן אים הויך, אָדער צו ווייזן אויף אים מיטן הענ־טעלע, לאַכנדיק פֿאַר פֿרייד. עס זײַנען דורכגעגאַנגען אויך דאָרפֿס־לייד און שיק־לייט, די זײַנען געווען פֿון דער שולע „באָנקאָמפּאַניע". פֿון דער שולע „וואַ־אָוניאַ" איז געווען איין שטיוול־פּוצער, וועלכן מיין פֿאָטער קען: דער פּרעפֿעקט האָט אים דערלאַנגט אַ דיפּלאָם. אָבער באַלד נאָך אים האָב איך דערזען, ווי עס דערנענטערט זיך אַ זייער הויכער מענטש, אַ גאַנצער ריז עפּעס, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אים שוין אַמאָל געזען, און פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים געזען, וואָרים דאָס איז דאָך געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דעם מויערערלס פֿאָטער! אַ טיכטיקער! ער האָט גענומען די צווייטע אויסצייכנונג! און אַזוי דייטלעך האָט זיך מיר באַלד דערמאַנט די צייט, ווען איך האָב אים געזען אין זיין בוידעם־שטיבל, לעבן בעטעלע פֿון זיין קראַנקן זון, אַז איך האָב וואָס שנעלער אָנגעהויבן צו זוכן דאָס מויערערל אין זאַל. אָרים מויערערל! ער האָט געקוקט אויף זיין פֿאָטער מיט אַ פֿינקלענדיקן בליק, און כדי נישט אַרויסצווייזן זיין גערירטקייט, האָט ער גע־מאַכט אַן אויסגעצייכנט האָזן־פּיסקעלע!

אין דער רגע האָט מען אָנגעהויבן צו פּאַטשן. איך האָב אַ קוק געגעבן אויף דער סצענע, דאָס איז געווען דאָס קליינע קוימענ־קערערל, מיט אַ אָפּגעוואַשן פּנים, אָבער אין זיין געוויינטלעכן אָנטון, ווי באַ דער אַרבעט. דער סינדיק האָט גערעדט מיט אים, האַלטנדיק אים באַ דער האַנט. גאָכן קוימענקערערל איז אַרויסגעטרעטן אַ

קעכער, און נאָכן קעכער דער שטאָטישער גאַס-קערער, וועלכער האָט געקריגן אַ מעדאַל. דער איז געווען פון דער שולע „רענעראַ".

און איך האָב עפּעס אין האַרץ געפילט אַזוי, ווי איך וואָלט די אַלע מענטשן זייער ליב געהאט און זיי זייער געשעצט. וואָרים מען דאַרף נאָר אַ טראַכט טון, וויפל די דאָזיקע אויסצייכנונגען האָבן אָפּגעקאָסט די דאָזיקע אַרבעטער, פאָטערס פון פאַמיליעס, שטענדיק פאַרזאָרגטע, אויסגעמאַטערטע, וויפל אַרבעט עס איז נאָך צוגעקומען צו זייער טעגלעכער אַרבעט אויף ברויט, וויפל שעהן עס איז אָפּגענומען געוואָרן פון זייער שלאָף, וועלכער איז זיי אַזוי נייטיק, און וויפל אָנשטרענגונגען פון געדאַנק, וואָס איז נישט געוווינט זיך צו לערנען, און די הענט, וואָס זיינען פאַרגרעבט, פאַרהאַרטעוועט און מיט מאָזאָליעס פול פון דער שווערער אַרבעט.

און אָט גייט פאַרביי אַ יינגל פון עפּעס אַ וואַרשטאַט, וועלכן דער פאָטער האָט, ווייזט אויס, געבאָרגט זיין שפּענצער צו דער דאָזיקער פייערונג, וואָרים די אַרבל הענגען אים נאָך אַזוי, אַז כדי צו באַקומען די אויסצייכנונג, האָט ער זיי געמוזט פריער פאַרשאַרצן, און אַפילו שוין אַזוי, האָט ער אויך קוים פון זיי די הענט אַרויסגעקריגן. עטלעכע, וואָס האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן האָבן אַפילו אַ לאַך אַרויס געגעבן, נאָר זיי זיינען באַלד פאַרטויבט געוואָרן פון די הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. נאָך דעם יינגל — אַן אַלטער אינגאַנצן מיט אַ גלאַטן קאָפּ און אַ גרויסער ווייסער באָרד. ער האָט אויסגעזען, ווי פון אַ בילד אַראָפּ, און דער קאָפּ האָט זיך אים אַ ביסל געשאָקלט פון אויפרעגונג. איך האָבן אויך געזען עטלעכע זעלנער פון דער אַרטילעריע, פון די, וועלכע קומען אין אונדזער סעקציע זיך לערנען אויף די נאַכט-קורסן. נאָך זיי איז געגאַנגען די גרענעץ-וואַך, און אויך פון דער שטאָט-וואַך דער, וועלכער היט אונדזער שולע. דער האָט פאַרענדיקט דעם צוג.

צום סוף האָבן די שילער פון די אָוונט-שולן אָפּגעזונגען דעם

זעלבן הימן צו די געפאלענע אין קרים, אָבער מיט אזא באגייס־טערונג, מיט אזא טיפן געפיל, וואָס איז געגאַנגען גלייך פון די הערצער, אַז דער עולם האָט גאָרנישט אַפּלאָדירט, נאָר אויסגעהערט דאָס געזאַנג, שטייענדיק ווי צו אַ תּפילה, און פאַמעלעך און שטילשווייגנדיק פאַרלאָזט דעם זאַל. אויף דער גאַס ערשט האָט זיך דאָס אַלץ אַ רויע געטון, ווי אין אַ בינשטאָק! פאַרן אַריינגאַנג אין טעאַטער איז געשטאַנען דאָס קוימענקערערל מיט זיין ווייט־אויסגעבויגענעם בוך, און אַרום אים עטלעכע הערן, וועלכע האָבן גערעדט מיט אים. אַ סך מענטשן האָבן זיך באַגריסט הויך איבער דער ברייט פון דער גאַס, לערער, יינגלעך, אַרבעטער. מיין לערער פון דער צווייטער איז אַרויסגעגאַנגען אינאיינעם מיט צוויי אַרטילעריסטן. אָבער צום שענסטן פון אַלעם איז געווען צו קוקן אויף די קליינע קינדערלעך, אויף די הענט פון זייערע מוטערס, וועלכע האָבן געהאַלטן אין זייערע קליינע הענטלעך די דיפּלאָמען פון זייערע פּאָטערס און זיי געוויזן אַרום זיך די מענטשן מיט גרויס שטאָלץ אין די אייגעלעך!

. . . .

דער טויט פון מיין לערערין.

דינסטיק, דעם 27־טן.

אין דער זעלבער צייט, ווען מיר זיינען געווען אין טעאַטער פון וויקטאָר עמאַנועל, איז מיין אָרימע לערערין געשטאָרבן. זי איז געשטאָרבן צוויי אַ זייגער. זיבן טעג נאָכדעם ווי זי איז געווען בא אונדז. דער דירעקטאָר איז געווען נעכטן אינדערפרי בא אונדז, אונדז צו וויסן טון וועגן דעם. און ער האָט אַזוי געזאָגט:

די פון איין, וועלכע זיינען געווען אירע שילער, ווייסן גאַנץ גוט, ווי גוט זי איז געווען, ווי ליב זי האָט געהאַט די קינדער און אַז זי איז געווען צו זיי, ווי אַ מוטער. זי איז שוין מער גישטאָ צווישן אונדז. אַ שרעקלעכע קראַנקהייט האָט זי געמאַטערט שוין אַ לענגערע צייט. ווען זי וואָלט נישט געדאַרפט זיך פאַרדינען אויף ברויט, וואָלט זי זיך געווען געהיילט, און עס קען זיין, אַז זי וואָלט נאָך געווען געזונט געוואָרן, אָדער אַלנפאַלס זיך פאַרלענגערט דאָס לעבן נאָך אויף עטלעכע חדשים, ווען זי וואָלט געווען געוואָרפן איר אַרבעט. אָבער זי האָט אומבאַדינקט געוואָלט פאַרבלייבן מיט אירע שילער אַזש ביז דעם לעצטן טאָג כמעט.

שבת אין אָוונט, דעם 17-טן, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט זיי מיט דעם געדאַנק, אַז זי וועט זיי שוין קיינמאָל מער נישט זען, האָט זי זיי נאָך געגעבן עצות יעדן באַזונדער, נאָך אָנגעקושט אַלע און אַוועקגעגאַנגען שלאָכצנדיק. און אַצינד וועט זי שוין קיינער פון אונדז קיינמאָל נישט זען. געדעקט-זשע זי, קינדער!

דער קליינער פרעקאָשי, וועלכער איז געווען איר שילער אין דער ערשטער העכערער, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער באַנק און זיך צעוויינט.

נעכטן אין אָוונט זיינען מיר אַלע איינעם געגאַנגען אַהיים צו דער פאַרשטאָרבענער, זי איבערפירן אין קלויסטער אַריין. עס איז שוין געשטאַנען דאָרט דער טרויער-וואָגן איינגעשפּאַנט אין אַ פּאָר פערד, און אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט שטיל צווישן זיך, האָבן שוין געוואַרט פאַרן הויז. עס איז געווען דער דירעקטאָר, עס זיינען געווען אַלע לערער און לערערינס פון אונדזער שולע און אויך פון אַנדערע שולן, וווּ זי האָט מיט יאָרן צוריק געלערנט. עס זיינען געווען כמעט אַלע קינדער פון איר קלאַס, וועלכע האָבן זיך מיט איין האַנט אָנגעהאַלטן אָן דער מוטער און אין דער צווייטער געטראָגן ליכט, עס זיינען אויך געווען זייער אַ סך שילער פון אַנדערע

קלאַסן און אפשר פופציק שילערינס פון באַרעטינס אַפּטיילונג, מיט קרענץ בלומען, מיט בוקעטלעך רויזן אין די הענט. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין בלומען און בוקעטן אויפן טרויער־וואָגן, צו וועלכן עס איז געווען צוגעפעסטיקט אַ גרויסער קראַנץ פון אַקאַציע־בלומען, אויף וועלכן עס איז געווען אַזאַ אויפשריפט:

„דער טייערער לערערין, פון אירע געוועזענע שילערינס פון דער פירטער קלאַס".

און אונטער דעם גרויסן, אַ קרענצעלע, וועלכן עס האָבן גע־ברענגט די קליינטשיקע.

צווישן די פאַרזאַמלטע האָבן זיך געזען אַ סך דינסטן מיט ליכט אין די הענט, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן דורך זייערע מאַדאַמען, עס זיינען אויך געווען צוויי לאַקאַיען אין ליוורעען מיט ברענענדיקע פאַקעלן, און עפּעס אַ רייכער הער, דער פאָטער פון איינעם פון די שילערס פון דער פאַרשטאָרבענער, האָט געשיקט זיין קאָטש, וועלכע איז געווען אויסגעקלאַפּט מיט בלויען אַטלאַס.

אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט פאַרן הויז. אַ סך יינגלעך האָבן זיך כסדר געווישט די טרערן פון די אויגן. און אַזוי האָבן מיר אַ צייט געוואַרט אין טיפן שטילשווייגן. ענדלעך האָט מען אַרויסגע־טראָגן די טרומנע.

ווען מען האָט דערזען, ווי מען שטעלט שוין אַריין די טרומנע אינעווייניק אין וואָגן, האָבן אַ סך קליינע שילער אָנגעהויבן הויך צו וויינען און איין קליינטשיקער האָט זיך צעשריגן אַזוי הויך, אַז מען האָט אים געמוזט אַוועקפירן אַהיים. דער צוג האָט פּאַמעלעך גערירט.

פאָרויס זיינען געגאַנגען די מיידלעך פון דער קינדער־היים „קאָנקעזיאָן", אין גרינע קליידלעך, נאָכדעם זיינען געגאַנגען, „מאַריעס קינדער" אינגאַנצן ווייס מיט בלויע סטענגעלעך, נאָכ־

דעם די גייסטלעכע. און נאָך דעם טרויער-וואָגן די לערער און לערערינס, די שילער פון דער ערשטער העכסטער אָפּטיילונג און אַנדערע, און נאָכדעם, די רעשט עולם.

אויף דער גאַס זיינען געשטאַנען מענטשן אין די פענסטער, פאַר די טירן, און זעענדיק די אַלע קינדער און קרענץ, האָבן זיי בעזאָגט: — דאָס איז אַוודאי אַ לערערין. עס איז אַלע זייער אַ שאָד געווען, אַז אַ סך פון די פרויען, וועלכע האָבן געבראַנגט זייערע קינדער, האָבן אויך געוויינט. ווען דער צוג איז אָנגעקומען פאַרן קלויסטער, האָט מען אַראָפּגענומען די טרומנע פון וואָגן און זי אוועקגעשטעלט אין מיטן קלויסטער פאַרן גרויסן אַלטאַר. די לע-רערינס האָבן דעם ערשטן קראַנץ אַרויפגעלייגט אויף דער טרומנע, די קינדער האָבן זי באַדעקט מיט בלומען, און די, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום מיט אָנגעצונדענע ליכט, האָבן אָנגעהויבן צו זינגען תפילות אין דעם טונקעלן און גרויסן קלויסטער. נאָכדעם האָבן זיך פלוצלינג, ווען דער גלח האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט: „אמן", פאַרלאָשן אַלע ליכט, די מענטשן זיינען איילנדיק אַרויס-געגאַנגען פון קלויסטער, און די לערערין איז געבליבן אַליין.

אָרימע, אָרימע לערערין! זי איז אַזוי גוט געווען צו מיר, אַזוי פיל געדולד געהאַט צו מיר, אַזוי פיל זיך אָנגעמאַטערט איבער די אַלע יאָרן! דאָס ביסל ביכער, וואָס זי האָט געהאַט, האָט זי איבערגעלאָזט אירע שילער; איינעם האָט זי געגעבן דאָס טינטאָרן, אַ צווייטן אַ בילדל, אַלץ האָט זי אַוועקגעגעבן, וואָס זי האָט נאָר געהאַט. און צוויי טאָג פאַרן טויט האָט זי געבעטן דעם דירעקטאָר, ער זאָל נישט דערלויבן די קלענסטע פון אירע שילער נאָכצוגיין נאָך איר טרומנע, ווייל זי האָט נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן וויינען.

זי איז געווען אַ גוטע, האָט געליטן, איז געשטאָרבן. אָרימע לערערין, איינע אַליין אין דעם דאָזיקן פינסטערן קלויסטער! זיי

געזעגנט, זיי געזעגנט, די זיסע און טרויעריקע ערינערונג פון מיין קינדהייט!

. . . .

איך דאַנק.

מיטוואָך, דעם 25-טן.

זי האָט געוואָלט אומבאַדינגט צוענדיקן דאָס שול-יאָר, מיין אָרימע לערערין, נאָר דריי טעג האָבן צוגעפעלט צו דער לעצטער לעקציע, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען פון אונדז.

איבערמאָרגן גייען מיר נאָך איין מאָל אין שולע אַריין, וואָרים דער לערער דאַרף נאָך איבערלייענען די חודשלעכע דערציילונג: „דאָס אונטערגיין פון אַ שיף", און נאָכדעם — גענוג!

שבת, דעם ערשטן יולי, זיינען די עגזאַמענעס, אַלזאָ, איז שוין ווידער אַ יאָר, דאָס פירטע שוין — אַריבער. און ווען נישט דער טויט פון מיין לערערין, וואָלט איך געקענט זאָגן, אַז עס איז אַריבער גוט.

איך טראַכט מיר אַזוי איבער, וואָס איך האָב געקענט אין אָקטאָבער פון פאַרגאַנגענעם יאָר, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך קען היינט אַ סך מער. אַזוי פיל נייע זאַכן האָב איך אין קאָפּ! און איך קען אַצינד אַ סך בעסער אויפשרייבן, וואָס איך טראַכט. איך וואָלט אַצינד אויך געקענט מאַכן רעכענונגען אַפילו פאַר גרויסע, וועלכע קענען נישט, און זיי צוהעלפן אין זייערע געשעפטן, און איך פאַרשטיי אַצינד אַ סך בעסער, איך פאַרשטיי כמעט אַלץ, וואָס איך לייען.

איך בין צופרידן!

אָבער וויפל זאַכן און מענטשן האָבן זיך פאַרייניקט, אַז איך זאָל אַצינד דאָס אַלץ קענען, מיר אונטערגעגעבן מוט און מיך פשוט געלערנט, ווער אינדערהיים און ווער אין שולע, ווער אויף דער גאַס, און ווו איך בין נאָר געווען און עפעס געזען. דאַנק איך אייך דעריבער אַצינד אַלע!

פריער פאַר אַלע דאַנק איך דיר, טייערער לערער מיינער, דו, וועלכער ביסט געווען אַזוי גוט צו מיר און אַזוי האַרציק צו מיר און פאַר וועלכן יעדע קענטעניש, וואָס פרייד מיך אַצינד אַזוי, איז געווען אַ נייע אַרבעט.

און דיר דאַנק איך, דעראָסי, מיין ליבער קאָלעגע, וועלכער האָסט אַזוי פיל מיר שווערע זאַכן, מיר אויסגעטייטשט אַזוי קלאָר, אַזוי גערן, און אין דער צייט פון די עקזאַמענעס געהאָלפן אַזוי פיל שטערונגען בייקומען! און דיר דאַנק איך, אָרנטלעכער און שטאַרקער סטאַרדי, וועלכער האָסט מיר געוויזן, ווי מען קען אַלץ מיט אַ שטאַרקן ווילן דורכברעכן. און דיר, איידעלער, גוטער גאַראָן, וועלכער האָסט אויסגעאיידלט און בעסער געמאַכט די, וועלכע זיינען נאָר געווען לעבן דיר. און אייך, פרעקאָשי און קאָרעטי, וועלכע האָבן מיר שטענדיק געגעבן אַ ביישפּיל פון מוטיקייט אין די שווערסטע ליידן און פריילעכקייט בא דער אַרבעט. איך דאַנק אייך. איך דאַנק אויך אַלע איבעריקע!

אָבער מער פאַר אַלע דאַנק איך דיר, פאָטער מיינער ליבער, דו ערשטער לערער מיינער, וועלכער האָסט אַזוי פיל גוטע עצות מיר געגעבן און אַזוי פיל זאַכן מיך אויסגעלערט, אַרבעטנדיק פאַר מיינעטוועגן, באַהאַלטנדיק פון מיר אַלע זאָרגן און באַמיענדיק זיך צו מאַכן מיין לערנען אַלץ גרינגער און מיין לעבן אַלץ שענער.

און דיר טייערסטע מאַמע מיינע, מלאך-היטער מיין געליב-סטער, און געשעצסטער, וועלכע האָסט דיך מיטגעפריידט מיט מיין יעדע פרייד און מיטגעטרויערט מיט מיין יעדן טרויער, וועלכע

האָסט דיך געלערנט מיט מיר, געאַרבעט מיט מיר, געוויינט מיט מיר, גלעטענדיק מיט איין האַנט מיין שטערן און אָנווייזנדיק מיר מיט דער צווייטער אויפן הימל!

איך קני פאַר אייך, ווי ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען און דאַנק אייך, איך דאַנק אייך מיט דער גאַנצער האַרציקייט, וועלכע איר האָט אויפגעוועקט אין מיין נשמה, אין פאַרלויף פון די צוועלף יאָר פון אייער אָפּפערן זיך פאַר מיר און ליבן מיך.

. . . .

דאָס אונטערגיין פון אַ שיף.

לעצטע הודשלעכע דערציילונג.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אין אַ געוויסן דעצעמבער-פרימאָרגן אָפּגעשווומען פון ליווערפּאָל אַ גרויסע דאַמף-שיף. אויף איר דעק האָבן זיך געפונען מער ווי צוויי הונדערט פּערזאָן, צווישן וועלכע זיבעציק פּערזאָן זיינען געווען פון דער שיף-באַזעצונג. אַזוי דער קאַפּיטאַן, ווי כמעט אַלע מאַטראָסן זיינען געווען ענגלענדער. צווישן די פּאַסאַזשירן אָבער האָבן זיך געפונען אויך אַ ביסל איטאַליענער: דריי פרויען, אַ גייסטלעכער און עטלעכע מוזיקאַנטן. די שיף איז געגאַנגען צום אינדזל מאַלטע. דאָס וועטער איז געווען רעגנדיק.

צווישן די רייזנדע, וועלכע זיינען געווען פאַרזאַמלט אויף דער פעדערשטער טייל דעק, האָט זיך אויך געפונען אַ צוועלף-יעריק יינגל, אַ געבוירענער פון איטאַליען, אַ צו קליינער לויט זיינע יאָרן, אָבער אַ געזונטער און שיינער סיציליער טיפּ, מיט אַ שטרענגן און דרייסטן פּנים.

דאָס יינגל איז געזעסן איינער אַליין, נישט ווייט פון פע־דערשטן מאַסט, אויף אַ קופּע שיף־שטריק, לעבן אַ קליינער גרויער וואַליזקע, אין וועלכער ער האָט געהאַט זיינע זאַכן, און אויף וועלכער ער האָט געהאַלטן זיין האַנט. ער איז געווען אַ טונקעלער, האָר האָט ער געהאַט שוואַרצע, זיך קרייזלענדיקע, און אַזעלכע לאַנגע, אַז זיי זיינען אים כּמעט איבער די אַקסל צעפאַלן. אָנגעטון איז ער געווען אָרים, אין עפּעס אָן אָפּגעריסן מאַרענאַרקעלע, און אויפן האַלדז האָט ער געהאַט אָנגעהאָנגען אַ לעדערנע טאָרבע. זיצנדיק אַזוי, האָט ער געקוקט פאַרקלערט אויף די פּאַסאַזשירן, אויף דער שיף, אויף די מאַטראָסן, וועלכע זיינען פאַרבייגעלאָפן פאַרביי אים איילנדיק, און אויפן ים, וועלכער איז וואָס אַמאָל אַלץ אומרויִקער געוואָרן. און אויסגעזען האָט דאָס יינגל אַזוי, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט איבערגעלעבט עפּעס אַ גרויס פאַמיליען־אומגליק; אַ פּנים האָט ער געהאַט פון אַ קינד, אָבער דער אויסדרוק דערפון איז געווען, ווי פון אַ דערוואַקסענעם מענטש.

נישט לאַנג נאָכן אַרויסשווימען פון פּאָרט, האָט איינער פון די מאַטראָסן פון דער שיף, אַן איטאַליענער, אַ מענטש שוין מיט אַ גרויען קאָפּ, זיך באַוויזן אויף דער פעדערשטער טייל פון שיף, פירנדיק אַ קליין מיידעלע בײַ דער האַנט און פאַרהאַלטנדיק זיך פאַר דעם סיציליער. ער האָט געזאָגט:

— אָט דאָ האָסטו דיין וועג־חבר, מאַניאָ! — נאָכדעם איז ער אַוועקגעגאַנגען.

דאָס מיידעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קופּע שטריק, לעבן יינגל, און ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. דער קליינער סיציליער האָט געפרעגט:

— ווו פאָרסטו?

און דאָס מיידעלע האָט געענטפערט:

— קיין מאַלטע, און פון דאָרט קיין נעאַפּאָל. — און האָט

צוגעגעבן: — צו מיין טאטן פאר איך און צו מיין מאמען, וואָרים זיי זייבען דאָרט און וואַרטן אויף מיר. און איך אַליין בין דזשו־ליעטא פאגעני.

דאָס ייִנגל האָט גאָרנישט געענטפערט.

און אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך אַרויסגענומען פון זיין טאָרבע ברויט און געטריקנטע פרוכטן, דאָס מיידעלע האָט געהאַט זיס געבעקס מיט זיך, און זיי האָבן ביידע געגעסן.

— פאָרזיכטיק! — האָט דער איטאַליענישער מאַטראָס אַ גע־שריי געטון, פארבייגייענדיק מיט שנעלע טריט. — עס וועט זיך באַלד דאָ אָנהייבן אַ טאַנץ!

דער ווינט האָט זיך טאַקע געהאַט געשטאַרקט און די שיף האָט זיך שרעקלעך געוויגט. נאָר די קינדער, וואָס זיינען געזעסן אויף די שטריק, האָבן נישט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף דעם. אדרבה, דאָס מיידעלע האָט גאָר געשמייכלט, זי איז געווען אַ טונ־קעלע, אַ ברונעטין, אַן איידעלע, אַ שהאַכע, און נאָך ווינציקער ווי פאַשיידן אָנגעטון. האָר האָט זי געהאַט געלאָקטע, קורץ געשווירענע, אַרומגענומענע מיט אַ רויטן סטענגעלע אַרום דעם קאָפּ, און גרויסע זילבערנע רינגען אין די אויערן.

זיי האָבן, עסנדיק, זיך דערציילט איינער דעם צווייטן זייער גאַנצע פאַרלעגנהייט.

דאָס ייִנגל האָט שוין נישט געהאַט נישט קיין פאָטער, נישט קיין מוטער. זיין פאָטער, אַן ארבעטער, איז געשטאָרבן נישט לאַנג צוריק אין נעאַפּאָל, איבערלאָזנדיק אים אַליין אויף דער וועלט, און דער איטאַליענישער קאָנסול האָט אים דאָס טאַקע אַצינד אָפּגעשיקט קיין פּאַלערמאָ, ווו דער יתום האָט געהאַט ווייטע קרובים.

דאָס מיידעלע האָט געהאַט מיטגענומען מיט זיך מיט אַ יאָר צוריק קיין לאָנדאָן אַ מומע אַן אַלמנה, וועלכע האָט זי זייער ליב גע־האַט און וועלכער די עלטערן האָבן זי אָוועקגעגעבן אויף אַ געוויסע

צייט, זיך רעכטנדיק אויף אַ רייכער צוגעזאָגטער ירושה, אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום נאָכדעם איז די מומע איבערגעפאָרן געוואָרן דורך אַן אָמניבוס און געשטאָרבן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך אפילו קיין שילינג. דעם מיידעלע האָט מען אויך אַן עצה געגעבן זיך צו ווענדן צום קאָנסול. דער קאָנסול האָט זיך מיט איר פאַרנומען, און דאָס שיקט ער זי טאַקע אַצינד אָפּ צו אירע עלטערן.

ביידע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם דאָזיקן איטאַליענער, וועלכער האָט געהערט צו דער שיף-באַזעצונג.

— מיינען דאָרט דער טאַטע און די מאַמע — האָט דאָס מיידעלע פאַרענדיקט — אַז איך וועל מיך אומקערן צו זיי מיט אַ גרויס פאַרמעגן, און איך האָב גאָרנישט. אָבער זיי וועלן מיך אַזוי אויך ליב האָבן. און מיינע ברידער! פיר ברידער האָב איך אַזעלכע קליינע, קליינטשיקע... איך בין די עלטסטע אינדערהיים. איך טו זיי אָן, וואַש זיי. זיי וועלן זיך שרעקלעך דערפרייען! און איך וועל צו זיי שטיליטשקע אויף די שפּיץ פינגער אַריינגיין... ווי מיאוס דער ים זעט אויס!.. — און נאָכדעם באַלד צום יינגל: — און דו וועסט דאָרט זיין בא דיינע קרובים?

— איך וועל זיין... אויב זיי וועלן מיך וועלן האַלטן — האָט ער געענטפערט.

— און זיי האָבן דיך נישט ליב?

— איך ווייס?

— איך וועל צו ניי-יאָר שוין אַלט ווערן דרייצען יאָר — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט.

און זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן צו רעדן וועגן ים, וועגן די רייזנדע, וועלכע האָבן זיי אַרומגערינגלט. אַזוי זיינען זיי אָפּגעזעסן באַזאַמען אַ גאַנצן טאָג, שמועסנדיק צווישן זיך פון צייט צו צייט. די פּאַסאַזשירן האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. דאָס מיידעלע האָט געאַרבעט אַ זאָק, דאָס יינגל האָט געטראַכט,

און דער ים איז דערווייל געוואָרן אַלץ שטורמדיקער. אין אָוונט, ווען זיי זיינען זיך צעגאַנגען, האָט דאָס מיידעלע געזאָגט:

— שלאָף רויק!

— קיינער וועט דאָ, מיינע ליבע קינדער, נישט שלאָפן היינט רויק! — האָט געזאָגט פאַרביילויפנדיק דער איטאַליענישער מאַטראָס, וועלכן דער קאַפּיטאַן האָט גערופן.

דאָס יינגל האָט פּונקט געוואָלט ענטפערן זיין חברטע: אַ גוטע נאַכט! — ווען אַ געוואַלטיקער שטראָם וואַסער האָט פּלוצלינג אַ גאָס געטון איבער אים, און אים צוגעוואָרפן צו אַ באַנק.

— ליבער גאָט! בלוט גייט! — האָט דאָס מיידעלע אַ געשריי געטון, וואַרפנדיק זיך צום יינגל.

די פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען איילנדיק אַראָפּ פון דער דעק, האָבן דאָס אַפילו נישט באַמערקט.

דאָס מיידעלע האָט אַנידערגעקניט לעבן יינגל, וועלכער איז געווען פאַרטויבט פון דעם פּלוצלינקן פאַל, אים אָפּגעווישט דעם פאַרבלוטיקטן שטערן, און אַראָפּנעמענדיק שנעל איר שוואַרץ טיכל, האָט זי זיך באַמיט וואָס שטאַרקער אים אַרומצובינדן דעם קאָפּ. ווען זי האָט אים צוגעדריקט צו איר האַרץ, כדי צו קענען בעסער אויסציִען די ביידע עקן פון דער פאַטשיילע, איז אויף איר געלן קליידל, איבערן פּאַסעק געבליבן אַ בלוט-פלעק. מאַניאַ איז געקומען צו זיך און זיך אויפגעשטעלט.

— עס טוט דיר וויי? — האָט דזשוליעטאַ געפרעגט.

— עס טוט מיר גאָרנישט וויי.

— אַ גוטע נאַכט דיר!

— אַ גוטע נאַכט! — האָט מאַניאַ געענטפערט.

און זיי זיינען אַראָפּגעגאַנגען מיט די זייטיקע שטיגן, יעדער אין זיין שלאָף-קאַיוטע אַריין.

דער אַלטער מאַטראָס האָט גוט געהאַט פאָרגעזאָגט. די קינדער זייַנען נאָך נישט געהאַט איינגעשלאָפן, ווי עס האָט זיך צעשפּילט אַ שרעקלעכער שטורם. אומגעהייערע כוואַליעס האָבן אַזוי גוואַלטיק געקלאַפּט אָן דער שיף, אַז אין עטלעכע מינוט איז איינער פון די גרויסע מאַסט־ביימער אומגעוואָרפן געוואָרן, דריי רעטונגס־שיפלעך פון די, וועלכע זייַנען געווען אָנגעבונדן אָן דער אונטערשטער טייל שיף, האָבן די כוואַליעס אוועקגעטראָגן ווי בלעטער, און דער שטורמדיקער ים האָט דערהרגעט פיר אָקסן אויף דער פעדערשטער טייל דעק.

צווישן די פּאַסאַזשירן איז געוואָרן אַ שרעקלעכע צעמישונג. אימהדיקע געשרייען, פאַרצווייפלונג, געוויינערייען, געבעטן, האָבן אַ זעץ געטון ווי אַ צווייטער שטורם. די האָר האָבן זיך אויפן קאָפּ אויפגעשטעלט, הערנדיק דאָס אַלץ. דער ים האָט געקאָכט. די צעשטורמטע נאַכט איז אינגאַנצן ווי משוגע געוואָרן, ווערנדיק וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עס האָט שוין געטאָגט, און דער שטורם איז נאָך אַלץ געוואַקסן. ריזיקע כוואַליעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן דער שיף קרומאויס, האָבן פאַרגאָסן די דעק, צעהאַקנדיק, צעברעכנדיק און אַראָפּשאַרנדיק אין אָפּגרונד אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען אויף איר.

די פּלאַטפאָרמע, וועלכע האָט באַדעקט די מאַשינעריע איז געווען צעריבן, און דאָס וואַסער האָט זיך אַרייַנגעגאָסן אינעווייניק מיט אַ שרעקלעכן גערויש; דאָס פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן, די מאַשיניסטן זייַנען אַנטלאָפן אין צווישן־דעק אַרייַן פאַר דעם זיכערן טויט; גרויסע שטראָמען וואַסער האָבן זיך אַרייַנגעריסן פון אַלע זייטן.

פלוצלינג האָט אַ דונערנדיקע שטימע אַ געשריי געטון:

— צו די פּלומפּן!

דאָס איז געווען די שטימע פון קאַפּיטאַן, די מאַטראָסן האָבן זיך געוואָרפן צו די פּלומפּן. אָבער אין דער רגע האָט אַ פּלוצלינ־קער קנאַק פון די כוואַליעס, איבערבייגנדיק די שיף אַרונטער, צע־ריבן די האַנט־אַנגלענען און טירלעך פון די קאַיוטעס, און דאָס וואַ־סער האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצוגיסן אין זיי שטראָמענווייז. די פּאַ־סאַזשירן האָבן זיך אין טויט־שרעק צונויפגעזאַמלט אין גרויסן זאַל. פּלוצלינג האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן דער קאַפּיטאַן.

— קאַפּיטאַן! הער קאַפּיטאַן! — האָבן אַלע איינעם גע־שריגן. — וואָס טוט זיך?.. וואָס וועט ווערן מיט אונדז?.. צי איז דאָ אַ האָפענונג?.. וועלן מיר זיך קענען ראַטעווען?..

דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעוואַרט ביז דאָס געשריי איז שטיל געבליבן, און נאָכדעם האָט ער מיט אַ קאַלטער שטימע געזאָגט:

— מען מוז זיך אונטערגעבן דעם גורל.

עפּעס אַ פרוי האָט אַ געשריי געטון: — רחמנות! — דאָס איז געווען דאָס איינציקע געשריי.

מער האָט קיינער נישט געקענט קיין שטימע אַרויסקריגן. די שרעקלעכע אימה האָט צוזאַמענגעדריקט אַלע הערצער. עטלעכע מינוטן זיינען אַדורך, אין גרויסן זאַל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

די מענטשן האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט צעווייטיקטע, פון שרעק צעקרימטע פּנימער. און דער ים האָט דערווייל געבושעוועט. די שיף האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן.

ענדלעך האָט דער קאַפּיטאַן געפּרווט אַראָפּלאָזן אַ ראַטונגס־שיפל. פינף מאַטראָסן זיינען אַריין דערינען, דאָס שיפל איז אָפּ־געלאָזט געוואָרן. באַלד אָבער האָט אַ שרעקלעכע כוואַליע עס איבערגעדרייט און צוויי מאַטראָסן זיינען אַראָפּ צום גרונט. איי־נער פון זיי איז געווען דער אַלטער איטאַליענער, וועמען עס זיי־נען איבערגעגעבן געוואָרן די קינדער. די איבעריקע איז געלונגען

מיט גרויס מי צו פאַרוואַרפן אַ שטריק אויף דער שיף און זיך צוריק אַרויפצוכאַפּן אויף איר. נאָך דעם דאָזיקן אומגליקלעכן פרווו האָט די שיף־באַזעצונג אָנגעוווירן יעדע האָפנונג.

אין צוויי שעה אַרום איז שוין די שיף געווען פאַרגאָסן מיט װאַסער ביז דעם געשטעל פון הויפּט־מאַסטבוים. אין צווישן־דעק האָבן זיך דערווייל אָפּגעשפּילט די שרעקלעכסטע סצענעס.

די מוטערס האָבן מיט פאַרצווייפלונג געטוליעט זייערע קינדער צו דער ברוסט, פריינט זיינען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און זיך געזעגנט, אַ סך זיינען אַראָפּ אין די קאַיוטעס אַריין, כדי צו שטאַרבן, נישט קוקנדיק אויף דעם צעשטורמטן און רוישנדיקן ים. איינער פון די רייזנדע האָט זיך דורכגעשאָסן דעם שאַרבן מיט א פּיסטאָליעט, און האָט געגוססעט אויף די שטיגעלעך פון זיין קאַיוטע. אַ סך האָבן זיך אָנגעכאַפּט קאָנוולסיוו איינער אָן צווייטן, פרויען האָבן געחלשט און אַריינגעפאַלן אין אַן אומבאַשרייבלעכן משוגעת.

אַ סך האָבן געקניט אַרום דעם גייסטלעכן, אויפהייבנדיק צו אים זייערע צונויפגעלייגטע הענט אין א תפילה. געשרייען, קרעכצן, געוויינערייען פון קינדער, שלאָכצן, ווילדע שטימען האָבן זיך צונויפגעגאָסן איניינעם און געשאַפן אַזאַ גיהנום־כאָר, אזא סימפאָניע פון פאַרצווייפלונג! און דאָ און דאָרט זיינען געשטאַנען מענטשן אומבאַוועגלעך, ווי סטאַטועס, מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן, וועלכע האָבן גאָרנישט געזען, מיט פּנימער פון משוגעים און מתים.

אָבער די צוויי קינדער, מאַניאָ און דזשולעטאַ, וועלכע האָבן זיך צוגעהאַלטן מיטן גאַנצן כּוח בײַ איינעם פון די שיף־מאַסטן, האָבן געקוקט אויפן ים מיט אַן אומבאַוועגלעכן בליק, ווי משוגע געוואָרענע.

דער ים האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן צו באַרויקן, אַבער די־

שיף איז געזונקען וואָס אַמאָל טיפער. נאָך עטלעכע מינוט בלויז און זי האָט געמוזט פאַרשווינדן אונטערן וואַסער.

אַראָפּלאָזן די באַרקע! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ געשריי געטון!

מען האָט אַראָפּגעלאָזט די איבערגעבליבענע לעצטע באַרקע. צוועלף מאַטראָסן און דריי פּאַסאַזשירן זיינען אַריין אין איר.

דער קאַפּיטאַן האָט געקוקט אויף זיי פון דער דעק.

— קאַפּיטאַן! קום אַראָפּ צו אונדז! — האָט מען געשריגן צו אים פון דער באַרקע.

— איך וויל שטאַרבן אויף מיין אָרט!.. דאָס איז מיין חוב! — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט.

— מיר וועלן טרעפן אַ שיף! מיר וועלן געראַטעוועט בלייבן! קום אַראָפּ! ראַטעווע דיך! — האָבן די מאַטראָסן געררופן.

— איך בלייב דאָ!

— עס איז נאָך דאָ אַן אָרט! — האָבן די מאַטראָסן דאַמאָלס געשריגן, ווענדנדיק זיך צו די פּאַסאַזשירן. זאָל אַראָפּגיין אַ פרוי!

עס האָט זיך דערנענטערט אַ פרוי, אונטערגעהאַלטן דורכן קאַפּיטאַן, נאָר דערזעענדיק די ווייטקייט, וואָס האָט זי אָפּגעשיידט פון דער באַרקע, האָט זי נישט געהאַט קיין מוט דעם שפּרונג צו טון און אַנידערגעפאַלן פאַרחלשט אויף דער דעק פון שיף.

אַנדערע פרויען זיינען געלעגן אַן באַוווּסטזיין שוין האַלב־טויטע.

— גיט אַהער אַ קינד! — האָבן שוין אַצינד געשריגן די מאַטראָסן.

פון דעם דאָזיקן געשריי איז דער קליינער סיציליער און זיין חברטע, וועלכע זיינען געשטאַנען ביז אַצינד פאַרשטיינערט פון

דער איבערמענטשלעכער אימה, אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם גוואַלטיקן לעבענס-אינסטינקט. זיי האָבן אָפּגעלאָזט דעם מאַסט-בוים אין דער זעלבער רגע, ווען דאָס קול האָט זיך דערהערט, און זיך אַ וואָרף געטון צום ברעג פון דער שיף-דעק, אַוועקשטופנדיק זיך איינער דעם צווייטן, ווי די ווילדע חיות און שרייענדיק מיט איין שטימע: איך!.. איך!..

— דעם קלענערן! — האָט מען געשריגן פון דער באַרקע. — די באַרקע איז איבערגעלאָדן! דעם קלענערן!

אויף דעם געשריי האָט דאָס מיידעלע אַראָפּגעלאָזט די הענט, זי געטראָפן פון אַ דונער, און געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, קוקנדיק אויף מאַניאָן מיט טויטע אויגן.

מאַניאָ האָט אַ בליק געטון אויף איר און דערזען דעם בלוטיקן פלעק אויף איר געלן קליידעלע. ער האָט זיך דערמאַנט, און עפּעס אַ הימלישע ליכט האָט אַ שיין געטון אויף זיין פּנים.

— דעם קלענערן! שנעלער! — האָבן די מאַטראָסן געשריגן מיט דעם גרעסטן אומגעדולד. — מיר שווימען אַוועק!

דאַמאָלס האָט מאַניאָ אַ געשריי געטון מיט עפּעס אַ וווּנדערלעכן קול:

— זי איז גרינגער! גיי אַראָפּ דזשוליעטאָ! דו האָסט אַ טאַטן און אַ מאַמען. איך בין איינער אַליין. איך גיב דיר אַוועק דאָס אָרט. גיי אַראָפּ!

— וואַרפט זי אַריין אין וואַסער!.. מיר וועלן זי כאַפּן!

מאַניאָ האָט זי אַ כאַפּ געטון אין דער העלפט, און אַראָפּגעוואָרפן אין ים אַריין. דאָס מיידעלע האָט אַ געשריי געטון און זיך אונטערגעטיקט מיטן קאָפּ, אָבער אין דער רגע האָט זי אַ מאַטראָס געכאַפּט און אַריינגעצויגן אין דער באַרקע אַריין.

דאָס יינגל איז געשטאַנען גלייך אויסגעצויגן אויפן ברעג פון

דער דעק, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, די האָר צעווייעט פון ווינט; ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, רויק, שטאָלץ.

דער רודער האָט אַ שפּריץ געטון. די באַרקע האָט קוים צייט געהאַט זיך צו דערווייטערן פון דעם געפערלעכן קעסל־גרוב, וואָס עס האָט אָנגעמאַכט אַרום זיך די זינקענדיקע שיף, וועלכע האָט זיי זייער לייכט ג קענט אויך אין אָפּגרונט אַריין מיטציִען.

דאַמאָלס האָט דאָס מיידעלע, וועלכע איז ביז אַצינד געווען ווי אַן באַוווסטזיין, אויפגעהויבן אירע אויגן צום יינגל און אַרויס־געלאָזט אַ געוויין.

— זיי געזעגנט מאַניאַ! — האָט זי געשריגן, שלאָכצענדיק און אויסציִענדיק די הענט צו אים. — זיי געזעגנט! זיי געזעגנט!

— זיי געזונט! — האָט דאָס יינגל געענטפערט, אויפהייבנ־דיק די האַנט.

די באַרקע האָט זיך אָנגעהויבן איילנדיק דערווייטערן איבער דעם צעשטורמטן ים, אונטער דעם וואָלקנדיקן הימל.

אויף דער שיף איז אַלץ שטיל געבליבן.

דאָס וואַסער האָט שוין פאַרטרונקען דאָס לעצטע שטיקל דעק.

פלוצלינג איז דאָס יינגל אַ פאַל געטון אויף די קני, מיט צונויפגעלייגטע הענט און מיט די אויגן אויפגעהויבן צום הימל.

דאָס געראַטעוועטע מיידעלע האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט. ווען זי האָט עס אויפגעהויבן, און געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך איבערן ים, איז די שיף שוין נישט געווען.

יולי.

דאָס לעצטע בריוועלע פון מיין מאַמען.

שבת, דעם 1-טן.

האָט זיך שוין אַלזאָ געענדיקט, העניריק, דאָס שול-יאָר, און עס איז זייער גוט דאָס, וואָס אַלס אָנדענק פון דעם לעצטן טאָג פון שול-יאָר וועט דיר בלייבן אין זכרון דאָס בילד פון דעם איידעלן יינגל, וועלכער האָט זיין לעבן אָפגעטרעטן זיין קליינער חברטע.

עס קומט דיר אַצינד אויס זיך צו שיידן מיט דיינע לערער, מיט דיינע חברים, און איך מוז דיר זאָגן אַ טרויעריקע זאַך, אַז נישט אויף דריי חדשים צעשיידסטו דיך אַצינד מיט זיי, נאָר שוין אויף שטענדיק. אַזאַ לאַגע האָבן געשאַפן די אָנגעלעגנהייטן פון דיין טאַטנס באַשעפטיקונג, אַז ער מוז פאַרלאָזן טורין, און מיט אים צוזאַמען — מיר אַלע.

אין הערבסט וועלן מיר זיך אַרויסציען פון דאַנען, און דו וועסט אַריינטרעטן אין עפּעס אַן אַנדערער שולע. עס איז דיר נישט צום האַרץ, אמת? וואָרים איך בין זיכער, אַז דו האָסט ליב דיין אַלטע שולע, וווּ דו האָסט פיר יאָר צייט, צוויי מאָל אין טאָג כסדר, געגאָסן די פרייד פון אַזוי פיל ניצלעכע אַרבעט, וווּ דו האָסט אַזאַ לאַנגע צייט געזען אַלץ די אייגענע יינגלעך, די אייגענע לערער, די אייגענע עלטערן און דיין פאָטער און דיין מוטער, וועלכע האָבן דיך שטענדיק מיט אַ שמייכל אָפּגעוואַרט. די דאָזיקע גוטע, אַלטע שולע, וווּ דיין געדאַנק איז אָפן בעוואָרן פאַר אַזוי פיל ליכט, וווּ דו האָסט געפונען אַזוי פיל גוטע חברים, וווּ יעדעס וואָרט, וואָס דו האָסט בעהערט האָט בעהאַט דעם ציל נאָר דיר גוטס צו פאַר-

שאַפֿן און ווו דו האָסט נישט געהאַט קיין שום אומאַנגענעמלעכקייטן, אַ חוץ די, וועלכע זיינען פֿאַר דיר ניצלעך געווען. באַהאַלט-זשע דעריבער אין דיין האַרץ די דאָזיקע צוגעבינדנקייט, העגריק, און געזעגן דיך האַרציק מיט דיינע חברים!

טייל פֿון זיי וועט אפשר טרעפֿן אַן אומגליק, אפשר וועלן זיי פּריצייטיק אָנווערן זייער פֿאָטער, מוטער, אַנדערע וועלן אפשר אַליין ייִנגערהייט אַוועקגיין פֿון דער וועלט. עס וועלן אויך זיין אַזעלכע, וועלכע וועלן אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון פֿאָטערלאַנד זייער בלוט העלדיש פֿאַרגיסן, און אַ סך וועלן ווערן טיכטיקע, ערלעכע אַרבעטער, פֿאָטערס פֿון אַזעלכע אַרבעטזאַמע און אָרנטלעכע פֿאַמי-ליעס, ווי זיי אַליין זיינען, און ווער ווייסט, עס וועט זיך אפשר געפֿינען צווישן זיי אויך אַזעלכער, וועלכער וועט זיין לאַנד גרויסע נוצן ברענגען און זיין נאָמען באַרימט מאַכן!

געזעגן-זשע דיך מיט זיי מיט ליבשאַפֿט! לאָז איבער אַ טיילעכל פֿון דיין האַרץ דער דאָזיקער גרויסער פֿאַמיליע, אין וועלכער דו ביסט אַריין אַלס קינד, און פֿון וועלכער דו טרעטסט אַצינד אַרויס שוין אַלס דערוואַקסן ייִנגל, און וועלכע דיין פֿאָטער און דיין מוטער האָבן אַזוי ליב געהאַט, ווייל דו ביסט אין איר געליבט געווען.

די שולע איז אויך אַ מאַמע, הענריק! זי האָט דיך צוגענומען פֿון מיינע אָרעמס, ווען דו ביסט נאָך געווען קליין און קוים געקענט רעדן, אַצינד גיט זי דיך מיר אָפּ אַ גרויסן, אַ שטאַרקן, אַ גוטן און אַדורכגעדרונגענעם מיט אַ שטאַרקן ווילן צו דער לערע. זאָל זי דעריבער זיין געבענטשט, און דו, מיין זון, וועסט זי קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. ניין, עס איז נישט מעגלעך, דו זאָלסט זי פֿאַרגעסן!

וועסט אויפֿוואַקסן, וועסט גיין אין דער וועלט אַריין, וועסט זען גרויסע שטעט, וווּנדערלעכע דענקמעלער און פּאַלאַצן, און אַ סך זאַכן וועלן אויסגעמעקט ווערן פֿון דיין זכרון, אָבער דאָס דאָזיקע באַ-

שיידענע ווייסע הויז, מיט די דאָזיקע אַראָפּגעלאָזטע פאָרהענגלעך, דעם דאָזיקן קליינעם גאָרטן, אין וועלכן דו האָסט אָפּגעריסן די ערשטע בלום פון דיין וויסן, דאָס אַלץ וועט דיר בלייבן פאַר די אויגן ביזן לעצטן אָטעם-צוג פון דיין לעבן, און ווו דיין גורל זאָל דיך נישט פאַרוואַרפן, וועסטו דאָס אַלץ זען אַזוי, ווי איך זע אַצינד דאָס הויז, אין וועלכן איך האָב דאָס ערשטע מאָל דיין שטימע דערהערט.

די עקזאַמענעס.

דינסטיק, דעם 4-טן.

און אָט זיינען שוין ענדלעך אויך די עקזאַמענעס!

אויף די גאַסן אַרום דער שולע רעדט קיינער נישט וועגן עפּעס אַנדערש: די עלטערן, די קינדער אַזש ביז צו די קעכינס.

— עקזאַמענעס, באַלן, טעמען, דורכגעפאַלן, אויסגעהאַלטן, — אַלע האָבן דאָס אויף די ליפּן.

נעכטן אינדערפרי זיינען געווען די שריפטלעכע עקזאַמענעס, היינט אינדערפרי אַריטמעטיק עס איז געווען רירנד צו קוקן אויף די אַלע עלטערן, וועלכע האָבן, באַגלייטנדיק זייערע קינדער אין שולע אַריין, זיי געגעבן זייערע לעצטע עצות איבערן וועג. די מוטערס האָבן אַזש ביז די בענק באַגלייט זייערע זין, צו זען צי עס איז דאָ טינט אין טינטאַרן, צי די פעדער איז אַ גוטע, און זיי האָבן זיך נאָך אויף דער שוועל אויסגעדרייט זאָגנדיק:

— און זיי אויפמערקזאַם! אום גאָטס ווילן, זיי אויפמערקזאַם! און שרעק דיך נישט! געדענק!

אין אונדזער קלאַס איז געווען לערער-אַסיסטענט קאָאַטי,

דער מיט דער גרויסער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט דאָס ליב צו ברומען ווי אַ לייב, און איז אַזוי גוט ווי אַ שעפּסעלע.

טייל ייִנגלעך זײַנען געווען אַזוי ווייס אויף די פּנימער, ווי קרייד, פאַר מורא. ווען דער לערער האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט, וואָס איז געברענגט געוואָרן פון ראַטהויז, און אַרויסגענומען פון אים די אויפגאַבע, האָט מען קיין אָטעם נישט געהערט אין דער גאַנצער קלאַס.

האָט ער דיקטירט די דאָזיקע אויפגאַבע מיט אַ גראָבער שטימע, קוקנדיק דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם מיט שטרענגע אויגן, נאָר עס איז געווען צו דערקענען, אַז ווען ער וואָלט געקענט אונדז דיקטירן אויך באַלד דעם ענטפער, אז אַלע זאָלן אויסהאַלטן, וואָלט דאָס אים דאָס גרעסטע פאַרגעניגן פאַרשאַפט.

אין אַ שעה אַרום זײַנען שוין אַ סך זייער אויסגעמאַטערט געווען, ווארים די אויפגאבע איז טאַקע געווען זייער אַ שווערע. איינער האָט געוויינט, קראָסי האָט זיך געהאַקט מיט דער פויסט אין קאָפּ אַריין. און די אָרימע ייִנגלעך זײַנען דאָך נישט שולדיק געווען, וואָס עטלעכע האָבן יאָ געוווסט, ווארים זיי האָבן געהאַט ווייניק צייט צו דער לערע און די עלטערן האָבן זיי אַ סך מאָל אָפּגעריסן פון איר.

אָבער די מיטהילף האָט געוואַקסט!

מען האָט געדאַרפט זען, וואָס דעראָסי האָט אויסגעאַרבעט, ער זאָל זיי קענען העלפן. וואָס פאַר אַן איינפאַלן ער האָט געהאַט, ווי אַזוי זיי צוצושיקן אַ ציפער צווישן די בענק, אָדער אונטערזאָגן וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע זיי זאָלן באַניצן, און אַלץ אַזוי געהיים, זיי זאָלן נישט אַרייַנפאַלן. ער האָט אַזוי געזאָרגט פאַר אַלע, ווי דאָס וואָלט ער געווען אונדזער לערער.

נאָר גאַראָן, וועלכער איז אין אַרעטמעטיק שטאַרק, האָט אויך

צוגעהאָלטן ווען עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אַפילו נאָביסל, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די רעכענונגען און צוליב דעם געוואָרן אַזוי הייך, אַזוי העפלעך.

סטארדי איז מער ווי אַ שעה געזעסן אומבאַוועגלעך, מיטן בליק צוגעקלעבט צו דער אויפגאַבע, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די פויסטן, נאָכדעם האָט ער גענומען די פעדער און אין פינף מינוט געענדיקט.

דער לערער האָט זיך געזעצט צווישן די בענק און אַלץ איבער-נעם גערעדט:

— רויק! רויק טראַכטן, יינגלעך! איך ראָט אייך רויק צו טראַכטן!

און ווען ער האָט באַמערקט, אַז עמעצער ווייסט אַליין נישט וואָס ער טוט פאַר שרעק, האָט ער געעפנט ברייט דאָס מויל, אים לאַכנדיק צו מאַכן, און זיך געמאַכט פאַר אַ לייב, אַז ער וויל אים איינשלינגען.

אַרום עלף אַ זייגער האָב איך, פאַרשאַרצנדיק אַביסל דאָס פאַר-העגעלע, געזען ווי טייל עלטערן זיינען געגאַנגען אומגעדולדיק הין און צוריק איבער דער גאַס. דאָרט איז געווען פּרעקאָשיס פאָטער, אין זיין בלויען וועסט, אָן וועלכן מען האָט דערקענט, אַז ער איז נאָר וואָס אַרויסגעלאָפן פון קוזשניע, וואָרים זיין פּנים איז געווען שוואַרץ. עס איז געווען קראָשיס מוטער, די גרינס-הענדלערין, נעליס מוטער, אין שוואַרצן אָנגעטון, וועלכע האָט קיין איין רגע נישט געקענט רוען. שוין מיטאָג-צייט איז געקומען מיין פאָטער און אויפ-געהויבן די אויגן צו מיין פענסטער: דער טייערער, ליבער פאָטער מיינער! צוועלף אַ זייגער האָבן מיר אַלע געענדיקט די אַרבעט.

אַך, וואָס עס האָט זיך דאַמאָלס געטון באַם אַרויסגיין! ווי נאָר איינער איז אַריבער די שוועל, איז מען גלייך צו צו אים!

און אָנגעהויבן אים אויספרעגן, און אין די העפטן אַרייַנקוקן, און מיט די העפטן פון זיינע קאָלעגן פאַרגלייכן!

— וויפל אָפּעראַציעס? וואָס פאַר אַ סך-הכל? און דער חיסר? און דער עגטפּער? און ווו דער קאָמאַ פון די צענער-ברוך-צאָל שטייט?

די לערער האָבן נישט געוווסט, ווו אַרום זיי זאָלן אַרויס-גיין, אַזוי האָט מען זיך אַ וואָרף געטון צו זיי פון אַלע זייטן. מיין טאַטע האָט גענומען בײַ מיר דעם ברוליאָן, אַ קוק געטון און גע-זאָגט:

— גוט.

לעבן אונדז איז געשטאַנען דער קאָוואַל פּרעקאָשי, וועלכער האָט אויך באַקוקט זיין זונס אַרבעט, אַ ביסל אומרויק, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט עפּעס כאַפּן. האָט ער זיך געווענדט צו מיין פאָטער.

— צי וואָלט דער הער נישט געווען אַזוי גוט מיר צו זאָגן דעם סך-הכל

מיין פאָטער האָט אים געזאָגט די ציפערן. דער קאָוואַל האָט אַרייַנגעקוקט אין העפט און פאַרגלייכט.

— בראַוואָ! אַך בראַוואָ, קליינער! — האָט ער גליקלעך אויסגערופן.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע שמייכלענדיק, ער און מיין פאָטער, ווי צוויי פריינט. מיין פאָטער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, ער האָט זי אַ דריק געטון. זיי זיינען זיך צעגאַנגען זאָגנדיק:

— צום ווידערזען אויפן „מינדלעכן עגזאַמען!“

— אויפן „מינדלעכן!“.

אָפּגייענדיק עטלעכע טריט האָבן מיר דערהערט אַן אומגע-ווייַנטלעכן פאַלצעט, אַזוי, אַז דער קאָפּ האָט זיך אַליין אויסגעדריי-

איך האָב אַ בליק געטון: דאָס האָט געזונגען דער קאָוואַל, אַרויס־לאָזנדיק אויסגעצויגענע אומגעווײנטלעכע טרעלן!

• • • • • • • • • • • • • •

דער לעצטער עגזאַמען.

פרײטיק, דעם 7־ט.

הײנט אינדערפרי זײנען פאָרגעקומען די מינדלעכע עגזאַ־מענען

אַכט אַ זײגער זײנען מיר שוין געווען אַלע אין קלאַס, און אַ פערטל אויף נײַן האָט מען אונדז אָנגעהויבן אויסרופן צו פיר אין זאַל אַרײַן, וווּ עס איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, באַדעקט מיט גרינעם געוואַנד, און בײַ דעם טיש איז געזעסן דער דירעקטאָר און פיר לערער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אונדזערער.

מיך האָט מען אַרויסגערופן כמעט אין סאַמע אָנהײב.

אָרימער לערער! ערשט הײנט אינ־ע־פרי האָב איך מיך איבער־צײַגט, ווי ליב איך האָב אים. ווען יענע האָבן געפרעגט, האָט ער געקוקט אויף אונדז אַזוי, ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט זײַן גאַנצע נשמה אַרײַנזעצן. זײַן פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט, ווען וועלכער פון אונדז האָט זיך עפּעס פאַרפּלאָנטערט, און זיך אויסגעלײַטערט, ווען עס איז געגאַנגען גוט. ער האָט זיך צוגעהערט צו יעדן מינדסטן וואָרט, און מיטן קאָפּ און מיט די הענט אונדז געגעבן סימנים, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— גוט... שלעכט! הער דיך צו... פּאַמעלעכער. שרעק דיך נישט!

ער וואָלט אונדז געווען זיכער אונטערגעזאָגט, ווען עס

וואָלט אים נאָר דערלויבט געווען צו רעדן. ווען עס וואָלטן זיך אויף זיין אָרט געפונען, איינער נאָכן צווייטן, די פּאָטערס פון אַלע שילער, וואָלטן זיי גאָרנישט מער געווען געקענט אויפטון. און וואָלטן נאָך צען מאָל געווען געשריגן הויך: „איך דאַנק!" אַפילו אין קעגנוואַרט פון דירעקטאָר. איז ווען מען האָט מיר דאָרט בײַ דעם טיש גע-זאָגט:

— גוט. קענסט גיין — האָבן אים אַזש די אויגן אויפגעלויכטן פון פרייד.

איך האָב מיך אומגעקערט באַלד אין קלאַס אַריין און געוואַרט אויפן פּאָטער. אַלע זיינען נאָך כמעט געזעסן אויף די בענק. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט לעבן גאַראָנען, אָבער עס איז מיר באַלד געוואָרן נישט פריילעך אויפן האַרץ, וואָרים איך האָב מיך דערמאַנט, אַז מיר זיצן שוין אַזוי נאָענט איינער לעבן אַנדערן דאָס לעצטע מאָל. גאַראָן ווייסט נאָך גאָרנישט: איך האָב אים נאָך נישט געזאָגט, אַז די פירטע קלאַס וועלן מיר שוין נישט דורכגיין אינאיינעם און אַז מיר פאַרלאָזן טורין צוזאַמען מיט מיין פּאָטער.

ער איז געזעסן איינגעאַרבעט, כמעט צונויפגעלייגט אין צווייען, און אָנבייגנדיק זיין גרויסן קאָפּ איבער דער באַנק, האָט ער געצייכנט עפּעס אָרנאַמענטן אַרום אַ פאָטאָגראַפיע פון זיין פּאָ-טער, אין אַ מאַשיניסטן-מונדיר. אַ פעסטער מענטש זיין פּאָטער! אַ הויכער, אַ ברייט-פּלייציקער, דער האַלדז ווי בײַ אַן אָקס, און דאָס פּנים אַזוי ערנסט און העפלעך. פּונקט ווי בײַם זון. איז ווען ער איז אַזוי געזעסן איינגעבויגן, מיט אַ ביסל אַ צעעפנטן העמד, האָב איך געזען אויף זיין נאַקעטער ברוסט דאָס דאָזיקע גאָלדענע קרייצל, וואָס נעליס מוטער האָט אים געשענקט, דערווייסנדיק זיך, ווי גוט ער איז צו איר זון. איך האָב באַשלאָסן אים אַלץ צו זאָגן.

— גאַראָן — האָב איך געזאָגט — מיין פּאָטער פאָרט אַרויס פון טורין דעם היינטיקן הערבסט שוין אויף שטענדיק.

— נו, און דו?

— איך אויך.

— ווּעסטו נישט זיין מיט אונדז צוזאַמען אין דער פירטער?

— ניין.

ער האָט געצייכנט אַ ווײַלע שטילשווייגנדיק. נאָכדעם האָט ער, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, געפרעגט:

— און דו וועסט געדענקען דיינע קאָלעגעס פון דער דריטער?

— איך וועל געדענקען. אַלע. אָבער דיך... מער פאַר אַלע.

װער װאָלט דיך געקענט פאַרגעסן?

און ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעשטעלט אויף מיר זיין בליק, וועלכער האָט גערעדט פאַרשיידנס, פאַרשיידענע זאַכן, אַליין האָט ער פונדעסטוועגן גאָרנישט געזאָגט, נאָר מיר דער־לאַנגט זיין לינקע האַנט, מאַכנדיק זיך, ווי מיט דער רעכטער צייכנט ער ווייטער, און איך האָב אָנגעכאַפּט און געדריקט אין מיינע ביידע הענט די דאָזיקע שטאַרקע און טייערע האַנט.

אין דער רגע איז גראָד אַריינגעקומען דער לערער מיט אַ פאַררייטלטן פּנים און מיט אַ שטילער, פריילעכער שטימע שנעל געזאָגט:

— עס גייט גוט! ביז אַצינד אַלץ גוט! זאָלן נאָר די, וועל־כע זיינען געבליבן, אויך אַזוי גוט דורכגיין! טיכטיקע יינגלעך! שרעקט אייך גאָרנישט, גאָרנישט! איך בין זייער צופרידן פון אייך!

און כּדי אונדז פריילעך צו מאַכן, און אויך זיין פריילעכקייט אַרויסצווייזן, האָט ער זיך געמאַכט, אַרויסגייענדיק, ווי ער וואָלט זיך פאַרטשעפּעט און אַ פאַל געטון, אָנכאַפּנדיק זיך אָן דער וואַנט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל נישט פאַלן. ער, וועלכן מיר האָבן קיינמאָל נישט געזען ער זאָל אַ שמייכל טון. האָט דאָס אונדז אויסגעזען אַזוי מאָדנע, אַז מיר זיינען אַלע געבליבן ווי פאַרשטיי־נערט, דערנאָך אָנגעהויבן צו שמייכלען, אָבער אויפריכטיק און הויך

האָט זיך קיינער נישט צעלאַכט. איך וועל זאָגן נאָך פאַרקערט, אַז איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר מיך האָט דער דאָזיקער קינדערישער וויץ גאָר גערירט און טרויעריק געמאַכט: איז די דאָזיקע קליינע ווילע פון פריילעכן שפּאַס געווען די גאַנצע באַלוינונג פאַר ביין חדשים געדולד, גוטסקייט, און פאַרשיידענע זאָרגן פון אונדז? — האָט ער פאַר דער דאָזיקער קליינער ווילע געאַרבעט אַזוי פיל צייט, געקומען אין קלאַס אַריין און קראַנקערהייט געמאַכט אַזוי פיל לעקציעס! אָרימער לערער! האָט ער בלויז נאָר דעם דאָזיקן, דעם דאָזיקן פריילעכן שמייכל פאַרלאַנגט פון אונדז, פאַר אַזוי פיל צוגעבינדנקייט, פאַר אַזוי פיל מי!

און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל אים שוין אַזוי אייביק אין דער דאָזיקער באַוועגונג באַהאַלטן אין מיין זכרון, אַז איך וועל אים שוין אַזוי אייביק זען, ווען איך וועל נאָר אַ טראַכט טון פון אים. און ווען איך וועל שוין זיין אַ מאַן, און ער וועט נאָך לעבן, און מיר וועלן זיך טרעפן, וועל איך מיך דערמאַנען אָן דעם דאָזיקן שפּאַס, וועלכער האָט אַזוי גערירט מיין האַרץ און אים אַ קוש טון אין זיין גרויען קאָפּ אַריין.

. . . .

דאָס געזעגענען.

מאָנטיק, דעם 10-טן

פונקט צוועלף אַ זייגער זיינען מיר זיך צונויפגעקומען שוין דאָס לעצטע מאָל אין שולע אַריין, ווו מען האָט געדאַרפט באַקאַנט מאַכן דעם רעזולטאַט פון די עגזאַמענעס און צעטיילן די צייגנישן.

פאַר דער שולע זיינען געשטאַנען זייער אַ סך עלטערן, אַ

מיר זײַנען אויך געווען אין גרויסן פּאַרטער־זאַל, און אַפילו אין די קלאַסן, וווּ זיי האָבן זיך געפּאַקט צום לערער־טישל. אין אונדזער קלאַס האָבן זיי פאַרנומען דאָס גאַנצע פרייע אָרט צווישן די בענק און דער וואַנט. עס איז געווען גאַראַנס פּאָטער, דעראַסיס מוטער, עס איז געווען דער קאַוואַל פּרעקאָשי. עס איז געווען קאָרעטי, עס איז געווען די פרוי געלי, עס איז געווען די גרינס־הענדלערין, עס איז געווען דעם מויערערלס פּאָטער, סטאַרדיס פּאָטער, עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל ביז אַצינד נישט געהאַט געזען: און עס איז געווען אַזאַ גערויש, אַזאַ ליאַרם, ווי אויף אַ יריד. ערשט דאַמאָלס ווען דער לערער איז אַרײַנגעקומען איז געוואָרן שטיל. — דער לערער האָט געהאַלטן אין דער האַנט דאָס צעטל און באַלד אָנגעהויבן צו לייענען:

— אַבאַטוצי, איבערגעגאַנגען, זעכציק זעכציקסטלען. אַרכיני, איבערגעגאַנגען, פינף און פופציק זעכציקסטלען...

און דאָס מויערערל איז איבערגעגאַנגען, און קראָסי איז איבערגעגאַנגען. נאָכדעם האָט ער געלייענט הויך:

— ערנסט דעראָסי, איבערגעגאַנגען, זיבעציק זיבעציקסטלען — און די ערשטע אויסצייכנונג!

און ווייל אַלע דאָרט האָבן אים געקענט, האָט זיך געמאַכט אַ גרויס גערויש, וואָרים יעדער האָט אים געוואָלט זאָגן עפּעס אַ גוט וואָרט. אַלע האָבן געשריגן:

— בראַוואָ, בראַוואָ דעראָסי!

און ער האָט נאָר בלויז אַ טרייסל געטון אַרונטער די דאָזיקע העלע לאָקן זײַנע, מיט אַ פרייען שמייכלען אויפן פּנים און אַ בליק געטון אויף דער מוטער, וועלכע האָט אים איבערגעשיקט אַ קוש פון אירע ליפּן.

דער לערער האָט געלייענט ווייטער:

— גאַראַן, גאַראַפּי, דער קאַלאַבריער, אַלע זיינען איבערגעגאַנגען.

נאָכדעם דריי צי פיר — דורכגעפאַלענע. האָט איינער פון זיי באַלד אָנגעהויבן צו וויינען, וואָרים דער פאָטער זיינער איז געשטאַנען אויף דער שוועל און אים אַ דראָע געטון מיט דער האַנט. דער לערער האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט:

— ניין, ליבער הער! איך בעט איבער דעם הער! דאָס איז נישט שטענדיק די שולד פון שילער. דאָס איז גאַנץ אָפט אָבהענגיק פון אַ שלעכטן צופאַל. און דאָס מאָל איז גראָד אַזאַ צופאַל געווען. איך קען דאָס דעם הער געוויסנהאַפט פאַרזיכערן!

נאָכדעם האָט ער געלייענט:

— נעלי, איבערגעגאַנגען, צוויי און זעכציק זיבעציקסטלעך, בעליס מוטער האָט אַ מאַך געטון מיטן פאָכער אַ שיינע באַוועגונג צו איר זון, און אַ שמייכל געטון צו אים.

— סטאַרדי, איבערגעגאַנגען, זיבן און זעכציק זיבעציקסטלעך.

מיר האָבן געמיינט, אַז ער וועט זיך שרעקלעך דערפרייען. אַזוי נאָנט פון דראַסין! אַזוי הויך זיך אַוועקגעשטעלט! און ער האָט אַפילו נישט קיין שמייכל געטון, און אַפילו די פויסט פון שטערן נישט צוגענומען, נאָר אַזוי געזעסן ווי געווייניטלעך, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט! דער לעצטער איז געווען וואַטיני, וועלכער איז געקומען אויסגעפּוצט, אויפגעהייטערט. ער איז איבערגעגאַנגען.

אַצינד האָט זיך דער לערער אויפגעהויבן און געזאָגט:

— יינגלעך! אַט האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן דאָ היינט דאָס לעצטע מאָל אַלע אינאיינעם. מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען דאָס גאַנצע שול־יאָר, און אַצינד צעשיידן מיר זיך, ווי פריינט. נישט אמת? עס איז מיר זייער אַ שאָד זיך צו שיידן מיט אייך טייערע קינדער!

דאָ האָט ער געשוויגן אַ ווײַלע, און נאָכדעם אַזוי געזאָגט:

— אויב עס האָט מיר אַמאָל געפעלט געדולד, אויב איך בין אַמאָל אומווילנדיק געווען אומגערעכט קעגן אײַך, אָדער צו שטרענג — זײַט מיר מוחל.

אין קלאַס האָט זיך אויפגעהויבן אַ כאָר שטימען:

— ניין, ניין! — האָבן געזאָגט די עלטערע און די שילער. — ניין הער לערער! קיינמאָל נישט!

— זײַט מיר מוחל — האָט דער לערער איבערגעחזרט — און זײַט מיר געזונט און פריילעך! דאָס קומענדיקע יאָר וועט איר שוין נישט זײַן מיט מיר, נאָר איך וועל אײַך ווידער זען, און אין מײַן האַרץ — וועט איר בלײַבן אויף אייביק. צום ווידערזען ייִנגלעך!

זאָגנדיק דאָס, איז ער אַרײַנגעגאַנגען צווישן אונדז, און אַלע האָבן אים אָנגעהויבן דריקן די הענט, אַרויפשטעלנדיק זיך אויף די בענק, ציִען בײַ די אַרבל, בײַ די פּאָלעס פון סורדוט; די דרייסטערע האָבן אים געגלעט, געקושט, און פּופּציק שטימען האָבן געשריגן אײַנײַנעם:

— צום ווידערזען, הער לערער!

— מיר דאַנקען דעם הער לערער!

— מיר געזעגענען זיך מיט דעם הער!

— זאָל דער הער לערער געזונט זײַן!

— זאָל אונדז דער הער לערער נישט פאַרגעסן!

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער אויסגעזען שטאַרק גערירט.

און מיר האָבן אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, פּאַקנדיק זיך אין דער טיר אײנער אויפן צווייטן. אַנדערע קלאַסן זײַנען אויך אַרויסגעגאַנגען. — עס האָט זיך געמאַכט אַ צעמישונג, אַ גערויש, אַ גע-

שריי, וואָרים אויך די עלטערן און די קינדער האָבן זיך געזעגנט מיט די לערער, מיט די לערערינס, און אַליין אויך, איינער מיט דעם צווייטן.

די קליינע לערערין מיט דער רויטער פעדער האָט געהאַט אפשר פיר צו פינף פון אירע קליינע שילערלעך אויפן קאַרק, און געשלעפט זי באַם קלייד האָבן אפשר צוואַנציק, אזוי, אַז זי האָט בישט געקענט אָטעמען אפילו.

דער „מאַנאַכין" ווידער האָבן זיי כמעט אויף דער העלפט צעריסן איר קאַפעלוש, און אַנגעלייגט איר אין דעם דאָזיקן שוואַרצן קלייד אַריין, אין דער בלוזע, אין די קעשענעס, ווו זיי האָבן נאָר געקענט, בוקעטלעך בלומען, אַ סך האָבן אויך געוווּנטשן ראַבעטין, וועלכער איז גראָד דעם טאָג געקומען אַן די קוליעס. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט געשרייען, אויסרופן:

— ביז צום קומענדיקן שול-יאָר!

— ביז דעם צוואַנציקסטן אָקטאָבער!

— צום ווידערזען אין יום-טוב פון „אַלע הייליקע!"

מיר האָבן זיך אויך געזעגנט. — אָך, ווי עס פאַרגעסן זיך אין אַזעלכע מינוטן אַלע אַמאָליקע ברוגזן! וואָטיני, וועלכער האָט שטענדיק דעראָסין אַזוי שטאַרק מקנא געווען, האָט אים אַצינד דער ערשטער אויסגעשטרעקט די האַנט און אים געפּאַלן אויפן האַלדז.

איך ווידער האָב מיך געזעגנט מיטן מויערערל, און איך האָב אים פונקט געהאַלטן אין מיטן קושן, ווען ער האָט מיר געמאַכט דאָס לעצטע „האָזן-פּיסקעלע" אויף אַן אָנדענק; דאָס ליבע יינגל!

איך האָב מיך געזעגנט מיט פּרעקאָשין, איך האָב מיך געזעגנט מיט גאַראָפין, וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז מיין בילעט האָט אויף זיין לעצטער לאָטעריע געוווּנען, און האָט מיר איבער-

געגעבן אַ קליין מאַליקאָווע *) קלעקערל, אַ ביסל אָפּגעהאַקט אין זיין זייט.

איך האָב מיך געזעגנט מיט אַלע.

נאָר ווען נעלי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט גאַראַנען, האָט מען אים גאָרנישט געקענט אָפּרייסן פון אים. איבעריקנס, אַלע האָבן זיך געפּאַקט צו גאַראַנען, און אַ געוויסע צייט האָט מען גאָרנישט מער געהערט, ווי נאָר:

— זיי געזונט, גאַראַן!

— צום ווידערזען, גאַראַן!

— איך דאַנק דיר, גאַראַן!

— זיי געזעגנט, גאַראַן!

— זיי געזונט, זיי געזונט, זיי געזונט!

און ווידער האָבן זיי אים אָנגעהויבן אַרומכאַפּן, קושן, שלעפּן יעדער אין זיין זייט אַריין, דאָס דאָזיקע טייערע, ליבע, הייליקע יינגל! אַז דער פּאָטער זיינער איז אַזש דערשטוינט געבליבן, און ער איז געשטאַנען מיט אַ שמייכל, און די ליפּן האָבן אים געציטערט.

גאַראַן איז געווען דער לעצטער, וועלכן איך האָב אַרומגענומען שוין אויף דער גאַס, צוטוליענדיק מיין קאָפּ צו זיין ברוסט, כדי איינצוהאַלטן די שלאָכצן. ער האָט מיר אַ קוש געטון אין שטערן.

בין איך באַלד צוגעלאָפן צום טאַטן און צו דער מאַמען, וועלכע האָבן געוואַרט אויף מיר. דער טאַטע האָט מיך געפרעגט:

— האָסט דיך געזעגנט מיט אַלע דיינע קאָלעגן!

— איך האָב מיך געזעגנט.

— וואָרים אויב דו האָסט עמעצן שלעכטס געטון, אויב דו

*) אַן אַרט אויסאַרבעטונג אַן איטאַליש

האָסט דיך עפּעס פאַרשולדיקט קעגן עמעצן, גיי, בעט אים איבער, זאָל ער דיר דאָס נישט געדענקען. וואָס־זשע? עס איז דאָ אַזעלכער?

— ניין, עס איז נישטאָ!

— נו, טאָ זיי־זשע מיר געזונט! — האָט דער טאַטע געזאָגט מיט אַ געריידטער שטימע, אַרומנעמענדיק מיט אַ לעצטן בליק די מויערן פון אונדזער שולע.

און די מאַמע האָט אויך אַ בליק געטון אויף דער שולע און איבערגעחזרט:

— זיי געזעגנט!

בלויז איך נאָר האָב נישט געקענט אַרויסריידן קיין איין וואָרט.